STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06006

LETSTE SHRIFTN

Israel Aszendorf

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל אַשענדאָרף

לעצטע שריפטן

אַלייד קולטור-קאָנגרעס

דאָס דאָזיקע בוך ווערט סובסידירט פון
מאַקסימאָ און חנה קופּערשמידט
אין אָנדענק פון זייערע עלטערן
משה און שרה קופּערשמידט ע״ה
און דוד אַוסער ע״ה

ישראל אַשענדאָרף

ישראל אשענדאָרף

לעצטע שריפטן

ביכער־קלוב

I

אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס

בוענאָס־איירעס

ה'תשי"ח — 1958

Copyright 1958, by
Confederación Pro Cultura Judía
Buenos Aires

Hecho el depósito que previene la ley 11.723
IMPRESO EN LA REPUBLICA AGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 3 DE ENERO DE 1958, EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HNOS.", SAN LUIS 3149, BS. AIRES.

ISRAEL ASZENDORF

OBRAS POSTUMAS

CONFEDERACION PRO CULTURA JUDIA
Calle Ayacucho Nº 483 **Buenos Aires**

אינהאַלט:

דערציילונגען:

מיין ערשטע נסיעה — 11
דער עונש — 23
חרטה — 29
מעשה פון גביר און זיין טאָכטער — 36
דער מענטש מיטן אינטערעסאַנטן פנים — 48
כּ:ענע, די סירענע — 52
דאָס פּעלצל — 59
דער פּראָפעסאָר וויל קויפן אַ שליאַפּע — 70
דער נסיון — 77
נישט אויסגעמיטן דעם גורל — 87
דער דעזערטיר — 117
די זינגערן און איר טאָכטער — 125
די פאַנפאַרן־שפּילערס פון מאָן־דאָר — 133
דריי הינט — 137
ס'איז אומזיסט דיין וואַרטן — 144
אויף דער שיף — 169
די טובה — 181
די מורא — 189

צווײ פרײַנד — 198
די באַגעגעניש — 206
אויף דער לוויה — 215
מײַן פּעטערס „ונתנה תוקף" — 220
מענדל קצב לייענט די מגילה — 224
דער וועקזייגער — 230
פּאַרמעט — 234

אײנאַקטערס:

דאָס געוויין פון קינד — 241
בלויז אַש — 249
נאָכן מבול — 260
אין בונקער — 273
דער זעלבער גורל — 279
מיניאַטורן — 291
לידער — 323

אין דאָזיקן בוך „לעצטע שריפטן", אין זיין ערשטן אָפּטייל, קומען אַריין דערציילונגען, וואָס דער דיכטער און דראַמאַטורג ישראל אַשענדאָרף ז"ל האָט קורץ פאַר זיין טויט אַליין סעגרעגירט און צוגעגרייט פאַר אַ בוך פּראָזע. אָבער דאָס זענען נאָך נישט אַלע דערציילונגען, וואָס ישראל אַשענדאָרף האָט איבערגעלאָזט סיי אין מאַנוסקריפּט, סיי געדרוקט אין פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן.

די רעדאַקציע־קאָמיסיע האָט די ראַמען פון דאָזיקן בוך אויסגעברייטערט און איינגעשלאָסן אין אים אויך שאַפונגען פון אַשענדאָרפס אַנדערע זשאַנערס. אַ חוץ דעם אָפּטייל פון דערציילונגען זענען אַריינגענומען אין בוך נאָך דריי אָפּטיילן: איינאַקטערס, מיניאַטורן, לידער.

אַפילו מיט דעם דאָזיקן מאַטעריאַל פון אַשענדאָרפס ליטעראַרישן עזבון איז נאָך נישט אַלץ אויסגעשעפּט. געבליבן נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס זענען שייך צו די זעלביקע זשאַנערס און אויך צו אַנדערע: געבליבן נאָך לידער, דערציילונגען, אַרטיקלען און עסייען — טייל גאָר וואָגיקע, ליטעראַריש־ווערטפולע. דערצו אויך אַ זאַמלונג מיניאַטורן אין העברעאיש א. נ. „רסיסי יום וחלום". און עס דאַרף זיין די אויפגאַבע פון פאַרשטאַרבענעמס חברים און פריינד צו נעמען אויף זיך די זאָרג פאַר אַשענדאָרפס ליטעראַרישן עזבון, אַז ער זאָל נישט בלייבן ליגן טויט אין די אַרכיוון פון אַרגענטינער ייוואָ: זאָל זיי אָנרעגן דער ביישפּיל פון קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע, וועלכער האָט דער ערשטער אונטערגענומען די איניציאַטיוו און ברענגט איצט פאַר דער עפנטלעכקייט דאָס דאָזיקע בוך.

דאָס בוך פון ישראל אַשענדאָרף ז"ל איז אַגב די ערשטע אויסגאַבע פון דער נייער סעריע „ביכער־קלוב" ביים קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע.

רעדאַקציע־קאָמיסיע

דערציילונגען

מײן ערשטע נסיעה

א. פון זאַלץ װערט צוקער

ס׳איז געװען פאַר יום־טוב און צו דער זעלבער צײט אױך פאַר אַ גױישער חגא. די קראָם פון מײן טאַטן איז געװען כסדר פול מיט קונים. ס׳זענען געקומען ייִדישע און גױישע קרעמערס פון די אַרומיקע דערפער. ס׳זענען אױך געקומען סתם פױערים צוגײן, װאָס האָבן זיך דערמאָנט, אַז זײ פעלט נאָך די צי יענע זאַך. אײנער אַ פױער האָט געװאָלט קױפן נאָדלען. דער טאַטע האָט פאַר אים געעפנט אַ קעסטעלע און אים געהײסן זיך קלײבן. דאָרט זענען געװען נאָדלען מכל־המינים: פון דינע נאָדעלעך צו זײד, ביז צו גראָבע זאַק־נאָדלען, מיט קײלעכדיקע קעפּלעך און מיט לענגלעכע, מיט װײסע קעפּלעך און מיט געלע. דער פױער האָט געקליבן און געקליבן און אַלץ זיך נישט געקענט צוקלײבן. דער טאַטע האָט צו אים אַרױסגעװיזן אַ סך סבלנות, נאָר די מאַמע, װעלכע פלעגט אין יענע טעג אױך שטײן אין דער קראָם און צוגעהאָלפן דעם טאַטן, האָט זיך נישט געקענט אײנהאַלטן און צו אים געשריגן:

— פּענדער, װאָס טוסטו? דו שפּילסט זיך מיט אַ גױ פאַר אַ גראָשן און דערװײל באַגנבעט מען דיך אױף אַ הונדערטער!

דער פױער האָט טאַקע זיך גאָרנישט אױסגעקליבן. ער האָט באַטראַכט די קראָם און צום סוף געזאָגט מיט ביטול:

— פּאַני סקלעפּ, אַ שאָ טרעבאַ — טאָ נימא!*).

דעמאָלט האָט זיך אױך באַװיזן גאָדל אײזיקס. דאָס איז געװען אַ דאָרפישער ייִד. ער האָט אױך נישט ליב געהאַט צו זײן אײנער אין קראָם, נאָר דװקא בעת אַ יריד אָדער פאַר אַ יום־טוב, װען מען האָט נישט קײן צופיל צײט צו קוקן אױף די פינגער. ער האָט זיך אױסגעקליבן עטלעכע טוץ פאַרשײדענע קנעפּ. װען ס׳איז געקומען צום פאַרפּאַקן, איז אײנגעפאַלן דעם משרת איבערצו־

---

*) אַ פולע קראָם, נאָר װאָס מען דאַרף, איז נישטאָ.

ציילן און אין יעדן טוץ געטראָפן מיט עטלעכע מער. נאָר גאָדל האָט זיך נישט פאַרלוירן:

— וואָס איז —האָט ער געזאָגט— ס'איז מסיני, אַז אַ טוץ מוז האָבן נאָר צוועלף?

אין יענע טעג, ווען דער טאַטע איז געווען אַזוי פאַרהאָוועט, האָט זיך גע־מאַכט, אַז ער האָט זיך טועה געווען און האָט געגעבן אַ פויער אַנשטאָט אַ זעקל זאַלץ — אַ זעקל צוקער. דער פויער וווינט אין אַ שכנותדיקן דאָרף און מאָרגן פרי מוז מען תיכף צו אים פאָרן און איבערבייטן דאָס זעקל. אויב מען וועט דאָס גלייך נישט טון — קען ער דערנאָך האָבן פאַרשיידענע תירוצים. אַזוי ווי דאָס זענען הייסע טעג און הן דער טאַטע, הן די מאַמע זענען זייער פאַרנומען, איז נישטאָ קיין אַנדער ברירה און מ'וועט שיקן אין דאָרף אַריין מיך מיט מיין על־טערן ברודער, מוניע.

אין דער דאָזיקער נאַכט נדדה שנת — האָב איך נישט געקענט איינשלאָפן פאַר פרייד אין דערוואַרטונג פון דער מאָרגנדיקער נסיעה. איך פלעג זיך אַ מאָל נאָכהענגען בגניבה נאָך אַ וואָגן, וואָס איז דורכגעפאָרן אונדזער גאַס, אָפּפאָרן אַ שטיקל וועג ביז דער יידישער בעל־עגלה, צי דער פויער, האָבן מיך באַמערקט און מיך מכבד געווען מיט דער בייטש, אָבער זיך אויפזעצן פאַר יעדנס אויגן אויף אַ וואָגן און מאַכן אַזאַ לאַנגע נסיעה — דאָס איז עפּעס אויסערגעוויינלעכס. און דאָס איז דאָך נישט עפּעס סתם אַזוי געפאָרן, נאָר דער טאַטע פירט מיט מיר אויס אַ שליחות ממש ווי מיט אַ גרויסן.

איך בין געלעגן אין בעט צוזאַמען מיט מיין עלטערן ברודער מוניע און געפּרוווט מיט אים אָנהייבן רעדן וועגן דער מאָרגנדיקער רייזע, נאָר ער האָט מיר כמעט ווי נישט געענטפערט. ער איז נישט געווען צופרידן, וואָס דער טאַטע האָט מיך געהייסן פאָרן מיט אים צוזאַמען. ער האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ קינד און זיך — שוין פאַר אַ גרויסן, אַ דערוואַקסענעם. בכלל האָט מיין ברודער מוניע תמיד געשטרעבט שוין צו זיין אַ גרויסער. ווען ער איז נאָך אַלט געווען זיבן יאָר, איז ער אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם און דאָרט אָנגעטאָן אויפן קאָפּ און אויף דער האַנט דעם טאַטנס תפילין. שפּעטער פלעגט ער טריקענען האָר פון קוקורו־זע און זי רויכערן ווי טוטין. ער האָט זיך אויך שוין געפּרוווט בגנבה ראַזירן מיט אַ בריטווע, כאָטש מ'זעט ערשט קוים־קוים אַ סימן פון האָר אויף זיינע באַקן.

נאָך דעם, ווי איך פּרוּוו שוין עטלעכע מאָל מיט אים רעדן וועגן דער מאָר־גנדיקער רייזע, גיט ער מיך פּלוצים אַ פרעג:

— און דו וועסט נישט מורא האָבן צו פאָרן, האַ? דו וועסט נישט וויינען אויפן וועג?

מיך פאַרדריסט עס ביז גאָר אויף אים. וואָס מיינט ער עס? — איך בין שוין נישט קיין קינד, איך בין שוין אַלט 11 יאָר. איך האָב שוין אַ סך מער ביכער

געלייענט פון אים. איך וועל מורא האָבן צו פאָרן אין דאָרף אַריין? איך האָב שוין געלייענט פון ראָבינזאָן קרוזאָ, פון דער דזשונגל, פון די פּריעריס, וואָס געפינען זיך ערגעץ ווייט־ווייט פון דאַנען איבער ימים און מדבריות. און פּאָסט־מאַרקן האָב איך אויך פון אויסטראַליע, אַרגענטינע, פּערסיע... איך וועל אים איצט אַפילו נישט ענטפערן. זאָל נאָר ווערן טאָג. זאָלן מיר זיך נאָר אויפזעצן אויפן שליטן און אַרויספאָרן פון שטעטל — וועל איך אים ווייזן...

ב. מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין

אינדערפרי איז צוגעפאָרן צו אונדזער שטוב חיים־אליה מיט זיין שליטן.

חיים־אליה איז נישט קיין בעל־עגלה פון פאַך. ער האָט עטלעכע מאָרג פעלד אין אַ שכנותדיק דאָרף און אַ גאָרטן ביי דער שטוב. פאַרשטייט זיך, אַז צו דעם דאַרף מען האָבן אין דער באַלעבאַטישקייט אַ פערד. במשך פון זומער נייטיקט ער זיך כמעט יעדן טאָג אין פערד: צו פירן אויף די פעלדער דאָס מיסט, צו אַקערן, און לסוף — די תבואה און די צמחים צו פירן אַהיים אין שפּייכלער אַריין. במשך פון ווינטער האָט ער אָבער נישט קיין אַרבעט פאַרן פערדל און חיים־אליה באַמיט זיך דערמיט צוצופאַרדינען אויף אַזויפיל, אַז דאָס זאָל כאָטש נישט עסן בחינם.

די באַן־סטאַנציע געפינט זיך אַ דריי־פיר קילאָמעטער פון שטעטל און עס זענען פאַראַן עטלעכע בעל־עגלהס, וואָס פירן אַהין און נעמען אָפּ פאַרשוינען, נאָר חיים־אליהן וועלן די אמתע בעל־עגלהס נישט צולאָזן צו דער באַן, ווייל ער איז נישט פון פאַך. אַפילו ווען זיי לאָזן אים יאָ צו — וואָלט קיין שום בר־דעת נישט איינגעפאַלן צו פרוון פאָרן מיט חיים־אליהס פערד און וואָגן.

חיים־אליה פלעגט קויפן בלויז אַזעלכע פערדלעך, וואָס מ׳האָט זיי שוין לאַנג געדאַרפט אַריינגעבן אין אַ מושב־זקנים. אַזאַ פערדל האָט שוין נישט געהאַט קיין צאָן אין מויל, עס האָט געהונקען אויף אַ פוס אָדער ס׳האָט אים געקאַפּעט פון די אויגן. דער גוף איז אים געווען צעווונדיקט און פליגן פלעגן זיך דאָרט ראַיען. חיים־אליה האָט נישט געדאַרפט פאַרמאַכן די שטאַל זיינע, קיינער וואָלט סיי־ווי ביי אים דאָס פערדל נישט אַרויסגעגנבעט.

פונדעסטוועגן, ווען ער איז צוגעפאָרן מיט דעם פערדל צו אונדזער שטוב, האָב איך מיך זייער דערפרייט. חיים־אליה האָט אַרויפגעטראָגן דאָס זעקל זאַלץ אויפן שליטן, שפּעטער האָבן זיך אויפגעזעצט איך און דער ברודער. די מאַמע האָט געזאָגט צו חיים־אליהן:

— זאָמט אייך נישט, זעט, אַז די קינדער זאָלן נאָך זיין צוריק צום מיטאָג.

חיים־אליה האָט עפּעס אַ ברום־געטון, וואָס ס׳האָט געדאַרפט הייסן: „ס׳וועט שוין זיין גוט״ און מיט דער בייטש אַ פּאַכע־געטון איבערן פערדלס רוקן:

— וויאָ!

דער שליטן האָט גערירט פון אָרט. איך וואָלט געוואָלט, אַז דאָס גאַנצע שטעטל מיט יינגלעך זאָל איצט שטיין אויף דער גאַס און צוקוקן מיט באַוווּנדע־רונג און מיט קנאה ווי איך זיץ מיר אויפן שליטן און לאָז זיך אין וועג אַריין.

ווי נאָר מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פון שטעטל, האָט מיין ברודער מוניע אַרויסגענומען אמתן טוטין און אַ פּאַפּירל און אָנגעהויבן צו פאַרדרייען אַ ציגאַרל. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום חיים־אליהן, וואָס האָט געהאַט אַ שטיקל ציגאַרל קלעפּן אויף דער אונטערשטער ליפּ:

— רב חיים־אליה, זייט מוחל און גיט מיר צו פאַררויכערן.

חיים־אליה האָט אים דערלאַנגט צו פאַררויכערן און האָט בשעת־מעשה געזאָגט:

— אַוואָ, דו רייכערסט שוין!

איך האָב מקנא געווען דעם ברודער און אים געזאָגט:

— גיב מיר אַ ציִ...

דער ברודער האָט אַ לאָז־געטון דעם רויך, מעשה גרויסער, דורך דער נאָז און געענטפערט:

— אַז תמיד האָסטו ליב נאָכצוטון גרויסע...

מיר זענען צוגעקומען צום צווינטער. פון דאַנען האָבן זיך אָנגעהויבן פּעל־דער באַדעקטע מיט שניי. די זון האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצושיילן פון קויטיקע כמאַרעס. אַ מחנה באַטשאַנעס זענען געפלויגן אויפן הימל און אויף זיך געטראָגן דעם פרילינג.

מיין ברודער מוניע האָט זיך מיטאַמאָל צוגעזעצט לעבן חיים־אליהן און אים געזאָגט:

— רב חיים־אליה, גיט מיר די לייצעס אין דער האַנט אַריין.

חיים־אליה האָט אים געענטפערט, ווי אַ ייִד, ווען מ׳פרעגט אים עפּעס בעת ער שטייט און זאָגט די שמונה־עשרה:

— אי־נו...

נאָר מוניע איז נישט געווען פון די, וואָס גיבן זיך אַזוי גיך אונטער:

— נאָר אויף אַ רגע — האָט ער געבעטן — אויב איך וועל נישט קענען, וועט איר זיי מעגן באַלד צוריקנעמען.

חיים־אליה האָט אים איבערגעגעבן די לייצעס. דאָס פערדל, אַזוי ווי ס׳איז געגאַנגען ביז אַהער, איז עס ווייטער געגאַנגען. ס׳האָט זיך מיט גאָרנישט אי־בערגענומען און זיך לחלוטין נישט געפילט באַליידיקט וואָס אַ ייִנגל טרייבט עס אָן.

באַלד הער איך, ווי מוניע זאָגט צו חיים־אליהון:

— אפשר ווּעט איר, רב חיים־אליה, זיך אַהיימגיין? נאָכוואָס דאַרפט איר זיך שלעפּן ביז אין דאָרף אַריין? — איר זעט דאָך שוין, אַז איך פיר דאָס פערדל ווי ס׳דאַרף צו זיין.

חיים־אליה האָט זיך אַ קראַץ־געטון אין הינטערשטן טייל פונעם קאָפּ. ער וואָלט אַוודאי געווען צופרידן צו קענען זיך איצט אומקערן אַהיים. אַ גאַנצן זומער אַרבעט ער שווער און ביטער, איז ער איצט פויל און וויל, ווי אַ חיה, איבער־שלאָפן די קאַלטע צייט ביז ס׳וועט וואַרעם ווערן.

— און דו וועסט נישט שלאָגן דאָס פערדל, האַ? — פרעגט ער דעם ברודער.

— פאַרוואָס זאָל איך עס עפּעס שלאָגן? וואָס בין איך, אַ גזלן?

און אַז חיים־אליה האָט זיך נאָך געקווענקלט, האָט דער ברודער מוסיף געווען:

— איר קענט זיין רויק, — איך וועל דעם טאַטן דערפון נישט דערציילן.

חיים־אליה האָט סוף־כל־סוף מסכים געווען איבערצוגעבן דעם ברודער דאָס פערדל מיטן שליטן, נאָר די בייטש האָט ער אים נישט געוואָלט איבערלאָזן. ער האָט מורא געהאַט, אַז דער ברודער וועט מיט איר וועלן שלאָגן דאָס פערדל, אָדער ער האָט נישט געוואָלט אַהיימגיין אָן גאָרנישט.

מיר זענען געפאָרן אַלץ ווייטער און ווייטער און ער איז געגאַנגען צוריק אין שטעטל. ער איז געגאַנגען און געפאָכעט מיט דער בייטש אין דער לופט, ווי ער וואָלט זיך אַליין דערמיט אונטערגעטריבן. איך האָב אים אַזוי נאָכגעקוקט ביז ער איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן.

ג. די מעשים פון מיין ברודער מוניע

ווי דער ברודער האָט באַמערקט, אַז מען זעט שוין מער נישט חיים־אליהון, האָט ער געגעבן דעם טאָן און געזאָגט:

— ער מיינט, אַז איך בין חסר־דעה און וועל זיך שלעפּן מיטן פערדל אַזוי פּאַוואָליע, ווי ביז איצט. מיר וועלן דאָך היינט נישט אָנקומען אין דאָרף אַריין!

ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערדל, אַראָפּגעגאַנגען פונעם שליטן, אָפּגע־בראָכן אַ גראָבן צווייג פון אַ בוים און געזאָגט:

— זאָל ער זיך דאָרטן האַלטן מיט דער בייטש, חיים־אליה. איך האָב שוין אַ גוטן שטעקן. מיר וועלן זיך באַלד אַ לאָז־טון אין גאַלאָפּ, ווי די פּריצים!

און ער האָט אַ שלאָג־געטון דאָס פערדל מיט כוח. דאָס פערדל האָט מיט־אַמאָל אָנגעהויבן וואַרפן זיך, העצקען און שפּרינגען, אַז מיר זענען שיער נישט אַרויסגעפאַלן פונעם שליטן. נאָך עטלעכע מינוטן איז עס אין גאַנצן געבליבן שטיין.

דער ברודער איז געוואָרן צעמישט. ער האָט זיך אויף עפּעס אַזוינס בשום אופן נישט געריכט. ווען דאָס פערדל האָט זיך צעהעצקעט, האָט ער אַרויסגעלאָזט די לייצעס פון דער האַנט און איז אומגעפאַלן אויפן שליטן. ער האָט זיך, ווייזט אויס, געשעמט פאַר מיר אויף זיין גרויסער מפּלה און זיך באַמיט צוריקצוגעווינען די פאַרלוירענע מערכה:

— דאָס איז עפּעס אַ משונהדיק באַשעפעניש — אָדער ס'קריכט ווי אַ שנעק, אָדער ס'שפּרינגט ווי אַ רוח! נאָר ס'שאַט ניט. איך וועל דאָס שוין לערנען גיין, ווי עס דאַרף צו זיין!

ער האָט גענומען די לייצעס אין די הענט אַריין. אַ צי־געטון — דאָס פערדל האָט גענומען ציילן די טריט פּאַמעלעך, ווי אין דרימל.

דערווייל האָט די זון געוואַרעמט. דער שניי האָט זיך אָנגעהויבן צו צעלאָזן. דער וועג איז געוואָרן אַ צעווייקטער, אַ בלאָטיקער. איצט האָט מען געדאַרפט פאָרן מיט אַ וואָגן אויף הויכע רעדער און נישט אויף אַ שליטן. דער שליטן האָט זיך פּשוט צוגעקלעפּט צו דער בלאָטע פונעם וועג. עס איז אָנגעפאָרן אַ פּויער אויף אַ וואָגן, געזען ווי מיר מאַטערן זיך מיט דעם פערדל און ער האָט חוזק געמאַכט:

— טאַטעלע־מאַמעלע, ס'איז דאָך אַ פּגר, נישט קיין פערד!

דער ברודער האָט נישט געקענט מער פאַרטראָגן די בושה. ער האָט מיטן גאַנצן כּוח אַ זעץ־געטון מיטן שטעקן איבער דעם פערדלס רוקן. דאָס פערדל האָט ווידער אַ העצקע־געטון און זיך אָפּגעשטעלט אין דער ברייט פונעם וועג. פון דאַנען האָט זיך עס שוין בשום־אופן נישט געוואָלט אַ ריר־טון.

ס'זענען אָנגעפאָרן צוויי פּויערישע פורן פון וואַלד, אָנגעלאָדן מיט צווייגן צום הייצן. איין פּויער האָט אָנגעהויבן צו שרייען צו אונדז:

— לאָזט אַדורך! מאַכט פריי דעם וועג, זשידקי!

דער ברודער האָט געצויגן די לייצעס, געוואָלט אויסדרייען דאָס פערדל אין דער לענג פונעם וועג, נאָר דאָס פערדל האָט נישט געוואָלט פאָלגן.

די פּויערים האָבן געוואָרט — געוואַרט, ביז זיי זענען אַריין אין דער רציחה, אַראָפּ פון זייערע פורן, איינער האָט אָנגענומען דאָס פערדלביים צוים, אַ צווייטער — דעם שליטן פאַר דעם עק און אַזוי האָבן זיי פערד און שליטן אַ שלעפּ־געטון רעכטס צו דעם ריוו ביים וועג. דער שליטן איז געבליבן ליגן האַלב־איבערגעקערט פאַרזונקען אין דער בלאָטע. די פּויערים האָבן זיך ווידער אויפגעזעצט אויף זייערע פורן און אַוועקגעפאָרן, איבערלאָזנדיק אונדז נאָך עטלעכע זידל־ווערטער און קללות.

דער מוט ביים ברודער איז אין גאַנצן געפאַלן. ער איז געשטאַנען און גע־שוויגן. ווייזט אויס, געקלערט, געזוכט אַן עצה, ווי אַזוי אַרויס פון דער מצודה. ענדלעך האָט ער זיך צו מיר אָנגערופן:

— פאַרן ווייטער איז שוין טאַקע נישט מעגלעך. ס׳איז אָבער שוין נישט ווייט פון דאָרף. איך וועל אַהין צופוס צוגיין, רופן אַהער דעם פויער מיט אַ וואָגן, זאָל ער ברענגען דאָס זעקל צוקער און מיר וועלן אים געבן דאָס זעקל זאַלץ. ער וועט אונדז אויך צוהעלפן אַרויסשלעפּן דעם שליטן. דו וועסט דאָ בלייבן וואַרטן ביז איך וועל צוריקקומען.

ס׳איז טאַקע אַ גוטע עצה. מוניע האָט פאַרט אַ קאָפּ אויף זיך.

ד. קראָען, וועלף און שדים

מוניע איז אַוועק אין דאָרף און איך בין געבליבן זיצן אויפן שליטן און וואַרטן ביז ער וועט צוריקקומען מיטן פויער און אונדז אויסלייזן. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אַז איך געפין זיך אַזוי איינער אַליין אינמיטן פעלדער. איך האָב געהאַט אַ גרויס חשק צו פאָרן, אָבער דער חשק איז מיר צו גיך פאַרגאַנגען. ווער האָט זיך געקענט ריכטן אויף אַזאַ משונהדיקן פערדל, אויף אַזעלכע שטערונגען און באַטערנישן?

אַרום און אַרום איז פוסט, אומהיימלעך. פון נאָענטן וואַלד גיבן זיך מיטאַמאָל אַ לאָז־אַרויס אַ מחנה קראָען און פליען מיט אַ קראַקערײַ איבער מיין קאָפּ. זיי קענען זיך נאָך פלוצים אויף מיר אַ וואָרף־טון און מיך צעבייסן און צערייסן אויף פיצלעך מיט זייערע שנאָבלען. ווער וועט הערן מיין געשריי? ווער וועט מיר קומען צוהילף? מ׳זעט איצט נישט מער קיין מענטשן אויף אַ מייל די ווייט.

מיטאַמאָל זע איך דאָרט ביים וואַלד עפּעס לויפן. וואָס איז דאָס פאַר אַ חיה? איז עס נישט קיין וואָלף? ווען אַ וואָלף ווערט גאָר הונגעריק, איז ער דעמאָלט זייער ווילד און געפערלעך. ער קומט אַזש ביז צו אַ מענטשלעכן ישוב, כדי צו פאַרצוקן און זיך שטילן דעם הונגער. די חיה לויפט אַלץ נענטער צו מיר. ס׳איז טאַקע אויף אַן אמת אַ וואָלף, ווייל ער זעט אויס ווי אַ הונט. אַ וואָלף האָט שאַרפע ציינער. ער וועט זיך אויף מיר אַ וואָרף־טון. איינבייסן אין מיין האַלדז. ס׳וועט זיך אַ לאָז־טון בלוט. איך וועל דערפילן אַ שטאַרקן ווייטיק. ער וועט מיך אַוועקשלעפּן אין וואַלד אַריין און מיך אויפעסן. דער ברודער וועט קומען — נישטאָ ישראליק. בלויז בלוטיקע צייכנס זענען געבליבן. מוניע וועט קומען צו דער מאַמען און זי וועט אים פרעגן: פאַרוואָס ביסטו געקומען אַליין? ווו איז ישראל? וועט ער אַרויסזעצן מיט אַ ביטער געוויין: אַ חיה האָט אים פאַרצוקט... טרף טרף, יוסף...

באַלד הער איך אַ ביל. איך כאַפּ זיך אויף פון דער שרעק. דאָס איז דאָך נישט קיין וואָלף, נאָר אַ הונט. איך האָב זיך נאָך קיין מאָל נישט אַזוי געפרייט מיט אַ הונט און מיט זיין בילן ווי אין יענער רגע...

דערווייל גייט די צייט. דער ברודער זאַמט זיך. ער האָט שוין געדאַרפט זיין צוריק. איך קריך אַראָפּ פון שליטן, גיי אַרויף אויפן וועג און קוק אין דער זייט פון דאָרף. מ׳זעט נישט קיינעם. דאָס פערדל שטייט פאַרגליווערט אויפן אָרט. איז עס איינגעשלאָפן? דאָס איז עפּעס אַ משונהדיק פערדל. רשעים ווערן נאָכן טויט מגולגל אין פאַרשיידענע חיות און עופות ביז זיי באַקומען אַ תיקון. אפשר שטעקט אין דעם פערדל אַ גלגול? דאָס האָט געדאַרפט מסתמא זיין אַ גאָר גרויסער רשע, אויב ער איז מגולגל געוואָרן אין אַזאַ פערדל מיט אַן אויסגעקראַכענער פעל, מיט מכות און מיט אויגן פון וועלכע עס קאַפּעט כסדר. און אפשר איז עס גאָר אַ מענטש, וואָס איז פאַרכישופט געוואָרן? איך האָב שוין אַ סך מעשיות געלייענט וועגן שלעכטע כישופמאַכערס, וואָס זאָגן אַזאַ שפּרוך און פאַרוואַנדלען מענטשן אין פאַרשיידענע חיות און אַפילו אין שטיינער און אין דערנער. און ס׳קען אויך זיין אַזאַ שד, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ מענטש. אָט באַלד וועט ער פון זיך אַראָפּוואַרפן די פעל און איך וועל דערזען אַ נפש אַ האַריקס מיט הערנער, מיט אַ לאַנגן עק און מיט ציגענע פיס. ער וועט אַרויסשטעקן די צונג מיר גלייך אין פנים אַריין און אַ לאַך־טון: כי־כי־כי...

אַ גליק, וואָס איך האָב דערזען אָנקומען אַ פור. דאָס איז טאַקע געווען דער ברודער מיט דעם פויער. דער פויער האָט גענומען דאָס זעקל זאַלץ, נאָר דאָס זעקל צוקער האָט ער נישט געבראַכט. אויב ס׳געפינט זיך שוין ביי אים, האָט ער געזאָגט, זאָל עס שוין בלייבן. ער וועט קומען אין עטלעכע טעג אַרום צום טאַטן און אים דערפאַר באַצאָלן.

ער האָט אונדז געהאָלפן אַרויסשלעפּן דעם שליטן פון דעם ריוו. געשאָלטן חיים־אליהן פאַר דער פגירה, וואָס שוין לאַנג האָט מען זי געדאַרפט וואַרפן פאַר די הינט. געהייסן גריסן דעם טאַטן און זיך געלאָזט צוריק אין דאָרף אַריין.

מוניע האָט אַ צי־געטון די לייצעס — דאָס פערדל האָט אָנגעהויבן גיין. ס׳איז געגאַנגען אַ שטיקל וועג. מיר זענען געווען ממש גליקלעך. ענדלעך וועט זיך ענדיקן אונדזער פּיין און מיר וועלן קומען צוריק אַהיים. מיר וועלן זיי דאָרט נישט דערציילן פון די אַלע מאַטערנישן. צוואָס דאַרפן זיי דאָס וויסן? מ׳וועט אונדז אויפנעמען מיט כבוד: דערליידיקט אַן ענין. איך האָב געפּרוווט דערווייל אויסטייטשן מוניען פאַרוואָס דאָס פערדל איז געוואָרן גוט און פרום און גענומען גיין:

— ס׳איז אים לייכטער געוואָרן צו שלעפּן, דער פויער האָט אַוועקגענומען דאָס זעקל זאַלץ.

נאָר מוניע האָט געפונען אַ טיפערע סיבה:

— ס׳פילט, אַז מ׳פאָרט אַהיים.

דאָס פערדל האָט אָנגעהויבן צו גיין זייער פּאַמעלעך. קוים ס׳רירט זיך. און אָט איז עס שוין געבליבן אין גאַנצן שטיין. דאָס איז גאָרנישט געווען אַזוי ווייט

פון שטעטל. מ׳האָט עס שוין געקענט זען אין טאָל. מוניע האָט געפּרוווט מיט גוטן און מיט בייזן — דאָס פערד האָט זיך נישט גערירט. ס׳איז אַוועק אַ פערטל שעה, אַ האַלבע, אַ שעה. נאָך דעם, ווי מוניע האָט אויסגעפּרוווט אָן דערפאָלג אַלע מיטלען, האָט ער ענדלעך מיר געזאָגט:

— דו ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן? — לאָמיר איבערלאָזן דאָס פערדל מיטן שליטן און גיין אַהיים.

איך האָב גלייך מסכים געווען.

דאָס פערדל האָט אונדז געזען אַוועקגיין, נאָר ס׳האָט מיט גאָרנישט אַרויס־געוויזן קיין חידוש און נישט קיין חרטה. אַפּנים, אַז פּונקט אַזוי פאַמעלעך ווי ס׳איז געגאַנגען, אַזוי פאַמעלעך האָט עס אויך געקלערט.

ה. נישטאָ קיין מאַן, נישטאָ קיין פערד

ווי נאָר מיר האָבן געעפנט די טיר פון אונדזער שטוב און די מאַמע האָט אונדז דערזען, האָט זי זיך דערשראָקן פאַר אונדזער אויסזען און אויסגעשריגן:

— ווײ איז מיר, וואָס איז געשען?

מיר האָבן געהאַט משונהדיק־צעפלאַמטע פּנימער און געווען אין גאַנצן דורכ־גענעצט און פאַרבלאָטיקט. די פּנימער האָבן זיך אונדז פאַרקרימט. אָט־אָט און מיר צעוויינען זיך, נאָר מיט אַלע כוחות האָבן מיר זיך איינגעהאַלטן. מוניע האָט דערציילט וואָס ס׳איז געשען.

— געוואַלד־געשריגן, וואָס איז דאָס פאַר אַ ייִד דער חיים־אליה? ער האָט זיך פאַרדינט אַ וויסטן פּסק! איך האָב שוין נישט געוווּסט וואָס איבערצוקלערן!

זי האָט אונדז געהייסן אַראָפּוואַרפן די דורכגענעצטע, פאַרבלאָטיקטע מל־בושים. מיר האָבן זיך איבערגעטאָן און באַלד זענען מיר שוין געזעסן ביים טיש און זיך געקוויקט דאָס פאַרחלשטע האַרץ מיט אַ שיסל הייסע קרויט מיט קאַר־טאָפל.

מיר האָבן נאָך נישט פאַרענדיקט דאָס עסן, ווי ס׳איז אַריינגעפאַלן צפּורה, חיים־אליהס ווייב, מיט אַ געשריי:

— איר זענט שוין געקומען? איר זיצט שוין און עסט? און ווו איז חיים־אליה?!

חידושט זיך דער ברודער און ער ענטפערט:

— חיים־אליה איז דאָך גאָרנישט געפאָרן מיט אונדז. תיכף ביים צווינטער האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים.

— אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! — שרייט די חיים־אליהכע — וווּזשע איז ער?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן, — מאַכט דער ברודער.
— און ווו איז דאָס פערד? — וויל וויסן די חיים־אליהכע.
— דאָס פערד האָט נישט געוואָלט גיין, האָבן מיר עס איבערגעלאָזט אינ־מיטן וועג — ענטפערט מוניע.

מיטאַמאָל הייבט אָן די חיים־אליהכע זיך צו ברעכן די הענט און צו קלאָגן:
— ווי איז מיר און אָך איז מיר! נישטאָ חיים־אליה, נישטאָ דאָס פערד! איך בין געבליבן איינע אַליין מיט דריי דערוואַקסענע טעכטער!...

ו. דער מאַן איז דאָ, דאָס פערד איז דאָ

חיים־אליה איז געגאַנגען אַהיים, געפּאַכעט מיט דער בייטש, ווי זיך אַליין אונטערגעטריבן. מיטאַמאָל איז ער געוואָרן אין כעס אויף זיין ווייב צפּורה, וואָס האָט אים געבוירן רק טעכטער. אַזאַ יינגל, ווי דעם סענדערס, און קען שוין פירן אַ פערד. ווען ער וואָלט געהאַט אָנשטאָט די דריי מיידן — בחורים, וואָלט ער שוין איצט אויף דער עלטער געקאָנט זיך אויסרוען די מידע ביינער.

אין שטוב האָט ער קיינעם נישט געטראָפן. די מיידן זענען מסתמא פאַרטון מיט די עופות און די גענדז אויפן בוידעם און דאָס ווייב זיצט ערגעץ אוודאי ביי אַ שכנטע און טרייבט רכילות. ער האָט זיך עטלעכע מינוט אַרומגעדרייט איבער דער שטוב און מיטאַמאָל האָט אים אָנגעהויבן צו ציִען הינטערן אויוון. ס׳איז איצט דאָרט וואַרעם — אַ מחיה! ער האָט טאַקע נישט לאַנג געטראַכט, אַרויפגעקראָכן אַהין און באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן.

ווי לאַנג איז ער אַזוי געשלאָפן — ווייסט ער נישט. נאָר עפּעס דאַכט זיך אים, אַז ער הערט אַ יאָמערן און קלאָגן, ווי מ׳וואָלט באַוויינט אַ טויטן. עפּעס באַקאַנטע קולות. מ׳דאַרף אַראָפּגיין, טון אַ קוק, וואָס ס׳איז געשען.

די חיים־אליהכע איז אַרומגעלאָפן איבער דער שטוב, געקלאָגט און גע־שריִען:

— מיין מאַן! מיין חיים־אליה! מיין אויג אין קאָפּ! מיין פּרנסה־געבער!
און די דריי מיידן האָבן געטריי צוגעהאָלפן דער מאַמען.

נאָר באַלד האָבן זיי דערזען חיים־אליהן ווי ער קריכט אַראָפּ פון הינטערן אויוון אַ פאַרשלאָפענער, אַ צעקנייטשטער, מיט שטרוי און מיט פעדערן אין דער באָרד און זענען געבליבן שטיין פאַרחידושטע און צעטומלטע.

די חיים־אליהכע האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. זי האָט גלייך אויסגעקע־רעוועט זיך און געביטן דעם טאָן:

— פּויליאַק! לא־יצלח! שלימזל! —האָט זי געשריגן צו חיים־אליהן— דו

ביסט דאָ געלעגן הינטערן איווון און געלאָזט דאָס פערד אויף הפקר. הלוואי וואָלסטו אַהינגעקומען אַנשטאָט דאָס פערדל. פון דיר האָב איך במילא נאָר צרות!

פלוצים האָט די עלטסטע מויד וואָס איז געשטאַנען ביים פענצטער, אויפֿגעהויבן אַ געשריי:

— ס'איז דאָ! ס'איז געקומען! זעט נאָר, זעט: ס'שטייט דאָרט ביי דער שטאַל!

דאָס איז געווען דער ריינער אמת. דאָס פערדל, וואָס איז געבליבן שטיין אין מיטן וועג, איז נאָך ווייטער געשטאַנען אַ שטיק צייט. אין מוח האָט זיך אים גאָרנישט גערירט. ס'האָט זיך אים אָבער אַנגעהויבן צו רירן אין בויך (נישט סתם רירן, נאָר טאַקע צו דרייען און צו גרימען) און כידוע, ערשט ווען אַ פערד ווערט הונגעריק נעמט עס קלערן, האָט עס אָנגעהויבן צו טראַכטן און זיך דערטראַכט, אַז ביי חיים־אליהן לעקט עס אויך נישט קיין האָניק, אָבער פאָרט באַקומט עס פון צייט צו צייט עפּעס צו קייען. איז טאַקע נישטאָ קיין אַנדער ברירה, ווי צוריקצוקערן פּאַמעלעך אַהיים. און —

די טויב געפינט דעם וועג צום טויבנשלאַק.
דער רויך — צום קוימען און דער הירש — צום קוואַל.
דאָס גאָלדן רענדל — צו דעם עושרס זאַק
און חיים־אליהס פערד — צוריק אין שטאַל.

ז. דער שמועס פון טאַטע־מאַמע

ווי ס'איז נאַכט געוואָרן, האָב איך מיך געלייגט אין בעט אַריין מיטן ברודער. ער איז אַוועקגעפאַלן ווי אַ שטיין און באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן, נאָר איך האָב נישט געקענט איינדרימלען און בין געלעגן וואַך מיט פאַרמאַכטע אויגן. איך האָב געטראַכט וועגן דער נסיעה, וועגן די אַלע שטרויכלונגען און מאַטערנישן, וואָס איז אויסגעקומען מיר און מיין ברודער דורכצוגיין במשך פון היינטיקן טאָג. וויפל סכנות האָבן אויף אונדז געלויערט און מיר זענען פאָרט אַרויס געזונט און גאַנץ. די גוים האָבן אונדז נישט געהרגעט, די וועלף — נישט פאַרצוקט, די קראָען — נישט צעריסן, די שדים האָבן אונדז נישט אויפגעכאַפּט און דאָס פערדל איז נישט פאַרפאַלן געוואָרן!

דער טאַטע איז געקומען פון דער קראָם און איך האָב געהערט, ווי די מאַמע דערציילט אים פון אונדזער נסיעה און אונדזער מאַטער.

— נישט געווען געדאַרפט זיי לאָזן פאָרן מיט חיים־אליהן — באַדויערט דער

טאַטע — נאָר באַלד גיט ער צו נישט אָן שטאָלץ, — פונדעסטוועגן האָבן זיי פּאָרט דורכגעפירט דעם ענין!

— אַוודאי — זאָגט די מאַמע מיט אַ קרעכץ — דו ווייסט: נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר און זיי וואַקסן אויס, ווערן גרויסע. און איך וואָלט געוואָלט, אַז זיי זאָלן תמיד בלייבן קינדער און זיצן אַרום אונדזער טיש...

דער טאַטע ענטפערט איר:

— אַז די פייגעלעך דערפילן די פליגל, ווערסטו זיי שוין מיט קיין כוח נישט איינהאַלטן אין דער נעסט... דו האָסט געזען, ווי זיי האָבן זיך געריסן מיט אַזאַ חשק צו דער נסיעה? איצט איז זי געווען אַ נאָענטע, נאָר מאָרגן? נישט תמיד ווערן זיי אָנטרעפן אַזעלכע פּערדלעך, ווי חיים־אליהס. ס׳זענען שוין איצט דאָ, ברוך־השם, באַנען, שיפן...

מיר ווערט עפּעס פּלוצים זייער טרויעריק. איך קען אָבער וועגן דעם נישט קלערן. איך בין מיד. איך בין שלעפעריק — און איך שלאָף איין.

דער עונש

מענדל איז געזעסן ביים טיש און געגעסן די קאַרטאָפּל־זופּ. געווען איז ער זייער הונגעריק, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער אין איר נישט געפילט קיין טעם, ווייל נעבעך־ריווע, די מאַמע זיינע, האָט זי געהאַלטן אין איין „צוזאַלצן" מיט אירע מוסר־רייד:

— מענדל, וואָס וועט זיין דיין סוף, מענדל? דו ביסט דאָך שוין אַ גרויסער בחור. אַז דער טאַטע וועט קומען פון דער מלחמה, וועט ער גאָר זען, אַז ער האָט אַ שגץ, נישט קיין יידיש קינד. ער וועט מיר גאָרנישט וועלן גלייבן, אַז איך האָב די לעצטע פּרוטות אַוועקגעגעבן דעם מלמד, כדי ער זאָל פון דיר מאַכן אַ מענטש.

פאַרן טאַטן האָט מענדל יאָ דרך־ארץ. ערשטנס, איז ער אַ מאַנסביל און צווייטנס, איז ער אויף דער מלחמה און שלאָגט זיך דאָרטן מיטן שונא. פאַרוואָס שרעקט אָבער די מוטער מיט אים יעדעס מאָל?

ער ענטפערט דער מוטער:

— דער טאַטע האָט מיך ליב. דער טאַטע וויל, אַז איך זאָל אין יעדן בריוו צושרייבן אַ גרוס.

נאָר די מוטער שטייט נישט אָפּ:

— ווייל ער איז פון דער ווייטנס, ווייל ער ווייסט נישט וואָס פאַר אַ שגץ דו ביסט געוואָרן. ווען איך זאָל אים שרייבן אַ העלפט פון די צרות וואָס דו טוסט מיר אָן, וואָלט ער דיך מער נישט געוואָלט קענען!

אויף דעם ענטפערט שוין מענדל גאָרנישט. ער הייבט אָן צו עסן די זופּ פאַמעלעך. דאָס איז אַ סימן, אַז ער טראַכט עפּעס. די מוטער דערפילט, אַז ער איז אַ ביסל געפאַלן ביי זיך און וויל גלייך דערפון ציִען אַ נוצן:

— זאָגסט מיר צו, אַז דו וועסט גיין אין חדר אַריין?

— איך וועל גיין, איך וועל גיין! —בורטשעט מענדל— און נעמט שנעל־שנעל שלינגען אַ לעפל נאָך אַ לעפל.

— וואָס איז? דער חשק פון דער תורה האָט זיך אין דיר מיטאַמאָל אַזוי

צעהיצט, אַז דו קענסט שוין נישט רויק אָפּעסן? עס פּאַוואָליע, ווי אַ מענטש. און ברי זיך נישט אָפּ!

מענדל האָט פאַרענדיקט דאָס עסן. די מוטער גיט אים נאָך אַ שטיקל ברויט מיט אַ בייטעלע ווײַנשל:

— נאַ־האָסטו, נעם עס דיר מיט אין חדר אַריין.

מענדל איז שוין אויף דער גאַס. די זון וואַרעמט — אַ מחיה. נישטאָ קיין בעסערע און קיין פרייערע צייט ווי בעת אַ מלחמה. ס'האָבן דאָ פאַרביימאַרשירט און ס'זענען דאָ געשטאַנען אַזויפיל סאָלדאַטן און צענומען, צעחרובט אַלע פּלויטן און שטאַכייטן. די גערטנער און די סעדער שטייען אָפענע. נישטאָ די טאַטעס און די עלטערע ברידער. זיי זענען אויף די שלאַכטפעלדער. פאַר די ווייבער איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. אמת, אַז די מאַמע גיט אַ קניפּ, טוט עס שטאַרק ווי, אָבער עס ברענגט נישט אין זיין האַרץ נישט קיין פּחד און נישט קיין דרך־ארץ צו איר.

ווען מענדל גייט דורך דעם מאַרק, דערזעט ער עטלעכע זיינע חברים. זיי שטייען און שפּילן מיט קייקעלעך פון שראַפּנעלן. איינער גיט זיי אַ וואָרף אין אַ גריבל. אום — איז פאַרשפּילט, און גראַד — איז געוווּנען. דערמאָנט זיך פלוצים מענדל, אַז ער האָט אין קעשענע ליגן עטלעכע אַזעלכע קייקעלעך. ער וועט טאַקע גיין אין חדר אַריין, ווי ער האָט צוגעזאָגט דער מאַמען, אָבער פריער וועט ער אַ שפּיל־טון. זיי זענען שווער און רייסן אַראָפּ די קעשענע. ס'וועט נישט לאַנג דויערן. ער וועט זיי פאַרשפּילן און פון זיי פּטור ווערן.

נאָר מענדל האַלט דווקא אין איין געווינען. דאָס ציט און לאָקט אים אַלץ ווייטער און ווייטער צו שפּילן. ער האָט שוין לגמרי פאַרגעסן אין חדר, אין מלמד און אין צוזאָג דער מאַמען. די קעשענעס זענען אים שוין פול. עפּעס האָט איין יינגל זיך אַריינגעמישט, געוווּען אויף דעם צד פון זיין קעגנער. מענדל דערלאַנגט אים אַ קלאַפּ; יענער — ענטפערט אָפּ: ס'האָבן באַלד זיך געשאַפן צוויי צדדים און ס'פלאַקערט אַ שלאַכט. מענדל איז דער שטאַרקסטער און דער רייעוודיקסטער פון אַלע זיינע חברים. ער אַליין נעמט אויף זיך דריי. די אַנדערע יינגלעך, וואָס שלאָגן זיך אויף זיין זייט, זענען אויך ווילדע יונגען. ס'דויערט נישט קיין סך און מענדלס שונאים צעלויפן זיך אין די היימען אַריין מיט צעגראַבלטע פּנימער, מיט צעבאַכעטע זייטן און מיט צעריסענע מלבושים.

מענדל איז געבליבן מיט די זייניקע אויפן שלאַכט־פעלד. ער איז געשטאַנען ווי אַ העלד, ווי אַ זיגער, צווישן זיינע חילות. ער האָט זיך געפילט נישט נאָר ווי ער וואָלט מנצח געווען די עטלעכע יינגלעך, נאָר ווי ס'ווערט דערציילט אין די מעשיות — אָט וועלן קומען די עלצטע מיט ברויט און מיט זאַלץ און אים איבערגעבן די שליסלען פון דער שטאָט. דער נצחון האָט אים אָנגעצינדן צו נייע העלדישקייטן.

— איצט, חברה — האָט ער אַ קאָמאַנדעווע־געטון — וועלן מיר גיין צו יאָסלען אין סאַד אַריין רייסן ניס!

אַרום יאָסלס סאַד איז אַמאָל געווען אַ הויכער פּאַרקאַן. איצט איז ער האַלב־צעשטערט. די חברה טוט זיך אַ לאָז צו די ביימער ווי היישעריקן. ווער ס׳פּרוווט פון אונטן אַראָפּבייגן אַ צווייג און אים באַרייסן. ווער ס׳וואַרפט אַרויף אַ שטעקן, צי אַ שטיין, כדי די ניס זאָלן אַראָפּ. מענדל אַליין איז אַרויף אויף אַ בוים און רייסט מיט דער האַנט די ניס.

ווי פון אונטער דער ערד האָט זיך באַוויזן יאָסל דער באַלעבאָס. ער איז שוין נישט געווען קיין יונגערמאַן, ביי די זעכציק. אָבער אַ קרעפּטיקער און רירעוודיקער ייִד מיט דעם שטעקן אין דער האַנט האָט ער אָנגעהויבן צו יאָגן די חברה און צו שרייען:

— שקצים! גנבים! וואָס טוט איר דאָ? איך וועל אייך די קעפּ צעשפּאַלטן, ממיתן!

די חברה, וואָס האָט זיך געפונען אונטן, איז זיך גלייך צעלאָפן אין אַלע זייטן. מענדל, וואָס איז געווען אויפן בוים, האָט נישט באַוויזן פון דאָרט זיך אַראָפּצודראַפּען. יאָסל איז געשטאַנען און אים אַרויף־געדראָעט מיטן שטעקן:

— שוין זאָלסטו אַראָפּגיין, שגץ איינער! שוין זאָלסטו אַראָפּגיין!

מענדל איז אָבער נישט אַראָפּגעגאַנגען, נאָר פאַרקערט: געדראַפּעט זיך נאָך העכער אַרויף. יאָסל איז געשטאַנען אונטן,ביים שטאַם פונעם בוים, און געוואַרט אויף זיין קרבן. די חברה איז געשטאַנען פון דער וויטנס און זיך צוגע־קוקט מיט גרויס נייגער, וואָס ס׳וועט דערפון אַרויס. פּלוצים האָט מענדל געטון אַ שפּרונג אויף אַ גרויסן צווייג, אים אַראָפּגעדריקט מיטן גאַנצן כוח. דער צווייג האָט זיך געגעבן אַ ברעך־איין. מענדל איז אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער ערד עטלעכע טריט פון יאָסלען, און איידער יענער האָט נאָך באַוויזן זיך צו כאַפּן וואָס דאָ איז פּאַרגעקומען, האָט ער זיך שוין געפונען לעבן זיינע חברים.

די חברים האָבן מענדלען אויפגענומען מיט אַ פריילעכן „הוראַ״. נישט בחינם איז ער זייער פירער. ער איז אַ מזיק! יאָסל איז נישט נאָכגעלאָפן מענד־לען. ער האָט זיך דערנענטערט צו דעם גרויסן אָפּגעבראָכענעם צווייג. אים באַטראַכט אויפן אָרט פון זיין בראָך און אַ קרעכץ־געטון:

— ער וועט שוין מער נישט קומען צו זיך.

ער האָט דעם צווייג אין גאַנצן אַראָפּגענומען פונעם בוים. אויפן אָרט איז געבליבן אַ חלל, אַ פּוסטקייט. אין בוים גופא — אַ וווּנד, ווי פון אַ אָפּגעשני־טענעם אבר.

מיטאַמאָל האָט יאָסל אויפגעהויבן די אויגן אין דער זייט ווו מענדל איז געשטאַנען צווישן זיין חברה און אָנגעהויבן צו שרייען:

— רוצח! אַ צווייג האָסטו אָפּגעבראָכן! אַ לעבעדיקן צווייג! רוצח!

נאָר מענדל האָט פון דערוויטנס געענטפערט:

— אָבער איר האָט מיך נישט געכאַפּט!

און אַלע די זייניקע האָבן אים צוגעהאָלפן:

— אַבע! אַבע־עע! ס'אַרט דיך. ס'קרענקט דיך!

שפּעטער זענען זיי געלעגן אויפן גראָז, הינטערן באַרג, ביים טייך. זיי האָבן גערעדט וועגן זייער מלחמה מיט יאָסלען, ביז זיי זענען צוגעקומען צו דער מלחמה, וואָס די „גרויסע" פירן איצט אויף דער וועלט.

מענדל האָט זיך באַרימט:

— מיין טאַטע איז שוין דורכגעגאַנגען עלף פייערן. אויף דער וואַנט ביי אונדז אין שטוב הענגט זיין פאָטאָגראַפיע, וואָס ער האָט אונדז געשיקט פונעם פראָנט. ער האָט צוויי ביינערנע שטערנדלעך אויפן קראַגן און אויף דער ברוסט אַ מעדאַל. ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט ער אוודאי נאָך ווערן אַ פעלד־פעבל, צי אַ גענעראַל!

יעדער פון דער חברה הייבט אָן צו דערציילן פון זיין טאַטן, ברודער, אָדער פעטער, וואָס געפינט זיך אויפן פראָנט. יעדער איינער האָט צו דערציילן נסים ונפלאות. נאָר מענדל לאָזט זיך נישט. נישט נאָר איז ער דער גרעסטער גבור פון אַלע ייִנגלעך, נאָר זיין טאַטע איז אויך דער גרעסטער גבור פון אַלע טאַטעס. יאָ, אַזוי איז עס. ער גיט נאָך צו מיט גאווה:

— אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן און מיין טאַטע וועט אַהיימקומען, וועט אים דער קייסער געבן פאַר זיינע גבורות פעלדער און וועלדער און שאָף און רינדער!

די „שאָף און רינדער" נעמט ער שוין אַרויס פונעם חומש. אַלע רייכע לייט פונעם חומש האָבן געהאַט אַ סך שאָף און רינדער.

נאָר דאָ באַווייזט זיך נעכע־ריווע. זי לויפט אַזוי ווי זי וואָלט אַראָפּ פון זינען. דאָס פּנים פאַרפלאַמט און צעשויבערט די האָר. ווען מענדל וואָלט זי דערזען אַ מינוט פריער, וואָלט אים אפשר נאָך געווען געלונגען זיך צו באַהאַלטן אין די קוסטעס. איצט איז שוין צו־שפּעט עוקר צו זיין.

די מוטער פאַלט צו אים צו:

— אַזוי, אַזוי ביסטו געגאַנגען אין חדר אַריין, אַ?

זי כאַפּט אים אָן פאַרן אָרעם און נעמט אים שלעפּן:

— קום אַהיים, תכשיט מיינער! קום אַהיים! איך וועל דיך שוין מער נישט שיקן אין חדר אַריין. צו אַ שוסטער וועל איך דיך אָפּגעבן, פאַר אַ הינטשלעגער וועל איך דיך מאַכן!

זי קנייפּט אים אויס שטיקער פלייש.

ווען מענדל איז שוין געווען אין שטוב, האָט ער באַקומען גרויס חרטה, פאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי געלאָזט שלעפּן פון דער מאַמען אַהיים. די חברים

האָבן דאָס אַלץ צוגעזען. ס׳איז דאָך אַ בושה און אַ חרפה זיך ווידער צו ווייזן פאַר זייערע אויגן. ער וועט דאָך פאַרלירן זיין גאַנצן אָנזען. זיי וועלן זיך שוין אויסקלייבן אַ נייעם עלצטן. דער פאַרדרוס האָט אים נישט געגעבן קיין רו. ער האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין. אייגנטלעך וואָלט ער שוין איצט געקענט ווידער אַרויסגיין אין גאַס, אָבער ער וויל אַליין נישט. ער שעמט זיך אַזוי, זאָל כאָטש אַוועק אַ טאָג, צי צוויי, אפשר וועט זיין שאַנד אַ ביסל פאַרגעסן ווערן.

ס׳איז אַריינגעקומען אַ שכנטע. נעכע־ריווע האָט פאַר איר אויסגעגאָסן דאָס ביטערע האַרץ:

— ס׳איז נישט קיין קינד, נאָר אַ רוח, אַן אומרו! ער זאָגט מיר צו צו גיין אין חדר אַריין, צו ווערן גוט און פרום — און איך, דער נאַר, נעם און גלייב אים תורת־משה. אַ שעה, אַז ער גייט אַוועק, ווי ס׳פאַלט אַריין צו מיר יאָסל דער סאַדאָווניק און שרייט ווי אַ באַנומענער: „אייער ממזר האָט געריסן ניס אין מיין סאַד". פאַרדריסט עס מיך דאָך זייער און איך ענטפער אים: „איר האָט אַ לייכטע צונג, ר׳ יאָסל. זיין טאַטע איז טאַקע נישט הי, דאָס הייסט אָבער נאָך נישט, אַז ער איז אַ ממזר. און שנית, ווי קומט מיין מענדל צו אייך אין סאַד אַריין, אַז ער איז נאָך צוריק מיט אַ שעה געגאַנגען אין חדר אַריין צו רבי ר׳ שמשונען. נאָר יענער שרייט נאָך העכער: „צו־וואָס דאַרף ער האָבן ר׳ שמשונס חדר, אַז ער האָט זיך זיינעם אַן אייגענעם חדר פון אַ חברה שקצים און באַטיאַרן! ווייניק וואָס ער האָט ניס געריסן, האָט ער נאָך אָפּגעבראָכן אַ צווייג פון אַ בוים. אַ גרויסן לעבעדיקן צווייג! איר הערט! איר ווייסט כאָטש וואָס פאַר אַן עבירה דאָס איז? וואָס פאַר אַן עונש ס׳קומט דערפאַר?!" לויף איך שוין העגדום־פּענדום אין חדר אַריין אים זוכן — ווייס איך וואָס. ער איז אַפילו דאָרט נישט געווען! איך זוך אים איבער דער גאַנצער שטאָט — ער איז נישטאָ! קוים האָב איך אים געפונען הינטערן באַרג, ביים וואַסער, מיט אַ כאַפּטע שקצים ווי ער.

— יאָ, יאָ, נעכע־ריווע — זאָגט די שכנטע — וואָס ווילט איר? אַזוי איז עס, אַז קינדער וואַקסן אויף אָן אַ טאַטן!

נעכע־ריווע ענטפערט אָפּ מיט אַ שווערן זיפץ:

— דאָס איז נאָך גאָרנישט. איך האָב גרעסערע דאגות אויף מיין קאָפּ. איך האָב שוין דעם דריטן חודש נישט באַקומען פון מיין בערישן קיין בריוו. איך ווייס נישט וואָס איבערצוקלערן. איך שלאָף נישט דורך די נעכט. אוי, רבונו־של־עולם, ער זאָל כאָטש זיין געזונט און גאַנץ!

פּלוצים עפנט זיך אויף די טיר און ס׳פאַלט אַריין אַ שכנטע:

— נעכע־ריווע — שרייט זי — נעכע־ריווע, אייער בעריש גייט!

נעכע־ריווע האָט זיך אַ ריס־געטון צו דער טיר. די טיר האָט זיך גלייך געעפנט פון דרויסן און אויף דער שוועל איז געשטאַנען איר מאַן. דאָס פּנים —

געל, אויסגעמאָגערט. ער איז געשטאַנען אויף צוויי שטאָלצן. אויפן אָרט פונעם רעכטן פוס ביז איבער די קני האָט זיך געהוילט אַ חלל.

נעכע־ריווע האָט אַרויסגעשטויסן אַ יאָמערלעך געשריי:

— בעריש, וואָס האָבן זיי פון דיר געמאַכט? בעריש?!

און זי איז געפאַלן אין חלשות.

מענדל איז געשטאַנען אַ פאַרשטאַרטער. ער האָט געקוקט אויף דעם פאָטער, נאָר פאַר זיינע אויגן האָט פאַרבייגעשווינדלט דער בוים פון אָפּגעבראָכענעם צווייג מיט דעם צייכן אויף אים, ווי אַ ווונד — — —

חרטה

דוד איז געווען אַ צוריקגעהאַלטענער, אַ שעמעוודיקער. ס'האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז ער הייבט גאָר קיין מאָל נישט אויף זיין בליק, כדי צו זען אַ פרוי. אין דער אמתן האָט ער אָפט געקלערט וועגן פרויען און זיי האָבן אים אַפילו ביינאַכט אין חלום נישט געגעבן קיין רו. ער האָט כסדר געהאַט „געליבטע". אַ צייט איז דאָס געווען דעם שכנס מיידל. אַ צווייט מאָל — דאָס מיידל פון זיין לערער, און אַן אַנדער מאָל — עפּעס אַ מיידל, וואָס ער האָט געזען אין אַן אילוסטרירטן זשורנאַל. די דאָזיקע מיידלעך, צי פון פלייש און בלוט, צי פּאַפּירענע, זענען נאָך נישט געווען אַלץ. ער האָט זיך אַליין אויפגעלעבט פאַרשיידענע פרויען־געשטאַלטן, באַרימטע שיינהייטן פון ראָמאַנען, און מיט זיי פאַרבראַכט צוזאַמען אין דמיון.

ער געדענקט, אַז יעדן פרייטיק פלעגט ער זיך גיין באָדן אין טייך. ער פלעגט דעמאָלט דורכגיין פון דער וויטנס דאָס אָרט, ווו די פרויען פלעגן זיך באָדן. ס'פלעגט אים דעמאָלט אַזש אָנהייבן שווינדלען פאַר די אויגן און די קני:ען האָבן זיך אים אונטערגעבראָכן. ער איז אַפילו איין מאָל געבליבן שטיין דאָרט אַ רגע, מכלומרשט זיך געוואָלט צובינדן אַ בענדל פון די שיך, וואָס האָט זיך געעפנט, אָבער די ווייבער האָבן פון גאָרנישט געוואָלט וויסן און אים אָנגעהויבן צו באַוואַרפן מיט שטיינער.

ווען ער וואָלט געווען רייך, וואָלט ער זיך געקויפט אַ באָד. צו יעדער קאַבינע זיך געמאַכט אַ געהיים קוקערל און פון דאָרט געזען אַלע פרויען, וואָס באָדן זיך. זיי וואָלטן דערנאָך נאָך אַלץ געגאַנגען שטאָלצע ווי פרי:ער, אָבער ער וואָלט אין האַרצן פון זיי געטראַכט מיט ביטול: איך האָב אַלץ געזען!

ער געדענקט די נעכט, ווען דער טאַטע זיי:ער פלעגט פאַרשווינדן פון בעט און גיין צו דער מאַמען. ווען דער טאַטע פלעגט צוריקקומען אין בעט אַריין, האָט ער פון אים זיך אָפּגערוקט מיט ברוגז: וואָס וויל ער פון דער מאַמען? פאַרוואָס מוטשעט ער זי? פון דעמאָלט אָן האָט ער געוואָלט, אַז זיין טאַטע־מאַמע זאָלן־שוין

זיין זקנים. זיי זאָלן זיין שוואַכע, הוסטן, קרעכצן, און ער זאָל זיי דערלאַנגען דאָס עסן, אָדער אויסבעטן זייערע געלעגערס.

איצט איז שוין דער פאָטער טויט. די מוטער איז אַלט און צעבראָכן. ער האָט אָבער אַ יונגע שוועסטער און דורך איר האָט ער ווידער נישט קיין רו. ער קוקט איר נאָך, בעת זי טוט זיך איבער די קליידער, אָדער ווען זי לייגט זיך שלאָפן. ס׳געלינגט אים אָבער קיין מאָל נישט צו זען וויכטיקע טיילן פון איר גוף. יעדעס מאָל, ווען זי טוט זיך איבער, גייט זי אַריין אין צווייטן צימער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, און איידער זי טוט זיך אויס צום שלאָפן־גיין, פאַרלעשט זי פריער דאָס ליכט און טוט זיך אויס אין דער פינצטער. ער איז פון דעם נישט צופרידן, אָבער גלייכצייטיק האָט ער דערפון הנאה; דאָס באַווייזט, אַז זי האַלט אים שוין פאַר אַ מאַנסביל.

ניין, די שוועסטער איז נישט קיין שיינע. דאָס האָט אָבער נישט צו טון מיט די פאַרשטעלטע און באַהאַלטענע אברים פון איר קערפער. ער האָט זיי נישט געזען, און דערפאַר רייצן זיי אים און געבן אים נישט קיין רו. הגם ער איז יינגער פון דער שוועסטער מיט אַכט יאָר, פונדעסטוועגן האַלט ער זיך ווי איר אַפּיטרופּוס, ווי איר שומר, זייער זעלטן זעט ער זי מיט אַ יינגל און ער איז דערפון צופרידן. זי איז זיינע. וואָס איז זי זיינע? — אויף דעם קען ער זיך אַליין נישט ענטפערן.

די מאַמע האָט אָבער גרויס עגמת־נפש, פאַרוואָס די בחורים זעען נישט איר מיידל.

— איך בין מאַקע איר מאַמע — זאָגט זי — און ביי יעדער מאַמע איז איר קינד געראָטן. אָבער אַזאַ מיידל מיט אַזויפיל מעלות דאַרף מען אויספאָרן אַ האַלבע וועלט אַזוינס צו געפינען.

און נאָך זאָגט זי:

— ס׳איז דאָך היינט עפּעס אַ משוגענע וועלט. די בחורים ווילן נאָר מיידלעך מיט דאַרע הינערשע פיס. און שמאָלע דאַרפן זיי זיין, אַז אַ לייכט ווינטל זאָל זיי קענען אַוועקבלאָזן. אַמאָל האָט מען געוואָלט, אַז אַ ווייב זאָל קענען אַ באַליע וועש אויסוואַשן, אַ מולטער ברויט אויסקנעטן, קינדער האָבן. אָבער איצט, — אַז קינדער האָבן זיי נישט, צו וועש נעמען זיי צו אַ גויע און ברויט קויפן זיי אין דער בעקעריי — דאַרפן זיי טאַקע נישט מער ווי אַ פּופּע, אַ פּאַרצעלייענע ליאַלקע!

**
*

ס׳איז אין שטוב קאַליע געוואָרן דאָס עלעקטרישע ליכט. אַ שכנטע האָט געראָטן צו נעמען אירן אַ באַקאַנטן, וואָס איז ערשט געקומען פון שטעטל. ער איז אַ מומחה אויף אַלץ. ער האָט גאָלדענע הענט. אַזוי ווי מען האָט פאַרשטאַנען,

אַז ער וועט נעמען בילּיקער ווי איינער פון אַ געשעפט, האָט מען אים געלאָזט רופן.

דער בחור איז געקומען. אויסגעפרווּוט דעם קאָנטאַקט מיט אַ לעמפּל, אי־בערגעקוקט די דראָטן, פון וואַנען און ווי אַזוי זיי גייען. ער האָט געמאַכט אַן אַלצווייסנדיקע און ערנסטע מינע. אויף אַלע פראַגן פון דער מוטער, וואָס אַזוינס ס'איז קאַליע־געוואָרן, האָט ער נישט געענטפערט, ווי ער וואָלט געטראַכט מיט ביטול: מיט ווּעמען וועל איך דאָ גיין רעדן וועגן אַזעלכע פּאַכמענישע ענינים? און אַז איך וועל איר שוין זאָגן, וועט זי דען פאַרשטיין?

ער האָט אַרויסגענומען צוואַנגלעך און העמערלעך און דראָטן. ער האָט לאַנג געמייסטערוועט. די מוטער איז געוואָרן פאַרזאָרגט: וואָס לענגער ס'דויערט, וועט עס טייערער קאָסטן. דערווייל איז אונטערגעקומען דער מיטאָג. ווי אַזוי וועט מען זיך אָוועקזעצן עסן און אים דאָ לאָזן אַרבעטן? — האָט מען אים פאַר־בעטן צום עסן. ער האָט דאָס אָויפגענומען פאַר אַ נאַטירלעכער זעלבסטפאַר־שטענדלעכער זאַך, ווי ס'וואָלט גאָר אַנדערש נישט געקענט זיין. ווי פּאַמעלעך ער האָט געאַרבעט, אַזוי שנעל האָט ער געגעסן און מיט גרויס אַפּעטיט.

נאָכן מיטאָג האָט ער פאַררויכערט אַ ציגאַרל און געלאָזט דעם רויך דורכן מויל, דורך דער נאָז, און זיך ניט געאײלט. אַ צי — און זיך אָפּגערוט, אַ צי — און זיך ווידער אָפּגערוט. דוּדן איז דער בחור פון דער ערשטער מינוט, ווי ער האָט אים דערזען, נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט אים פּשוט פיינט באַקומען. ערשטנס, פאַר זיין זיכערקייט, פאַר זיין פילן זיך גלייך אַזוי היימיש אין אַ פרעמדער שטוב, און, צווייטנס, פאַר דעם, וואָס יענער מאַכט זיך אים אין גאַנצן נישט זען, ווי ער וואָלט גאָרנישט דאָ עקסיסטירט. מער פון אַלץ האָט אים געֿ־קרענקט און געאַרט וואָס די מאַמע און די שוועסטער דרייען זיך אַרום אים אַרום מיט אַזויפיל איידלקייט און רעדן צו אים אַזויפיל גוטע רייד. דאָס זענען דאָך נישט זייערע קולות, מיט וועלכע זיי רעדן יעדן טאָג. וואָס איז? וואָס האָבן זיי פּלוצים אין אים דערזען?

די שוועסטער האָט זיך אַפילו איבערגעטאָן אין אַן אַנדער קלייד, וואָס זי טראָגט בלויז שבת, אָדער ווען זי גייט ערגעץ צוגאַסט. נאָכן ענדיקן די אַרבעט האָט מען אים ערשט פאַרבעטן צו טרינקען טיי מיט קיכלעך. בעת ער איז אַזוי געזעסן ביים טיש, האָט זיך נעבן אים אַוועקגעזעצט די מוטער און פּאַוואָליע אים אָנגעהויבן אויסצופרעגן, פון וואָסער שטעטל ער קומט, ווער ס'זענען זיינע על־טערן, צי קלערט ער ערגעץ אַוועקצופאָרן, אָדער ער וויל זיך דאָ בויען אַ נעסט, ווייל אַ מענטש קען דאָך נישט בלייבן איינער אַליין. מען ווערט דאָך אויסגעריסן. נישט קיין ביסל וואָרעמס, נישט קיין העמד אויסצוּוואַשן, און וווינען ביי פרעמדע איז — דאָ שטיי נישט, דאָ גיי נישט — דאָס לעבן איז קיין לעבן נישט!

דוד איז געזעסן אין אַ זייט און מכלומרשט געלייענט אַ בוך. אין דער אמתן

האָט ער די גאַנצע צייט אַריינגעקוקט אין דער זעלבער זייט. די מאַמע און די שוועסטער, האָט ער געפילט, זענען צופרידן, וואָס ער זיצט נישט מיט זיי צו־זאַמען. זיי דאַרפן אים איצט נישט האָבן. זיי זענען אין גאַנצן פאַרנומען מיט יענעם. די מוטער וויל פאַרשדכענען די שוועסטער, און זי — וויל דאָס אויך. זי זיצט איצט ווי אַ סחורה אין פענצטער פון אַ געשעפט — קוקט אויף מיר! נעמט מיך! וואָס פאַר אַ נאַריש פּנים זי האָט דאָס מיטאַמאָל באַקומען.

די מוטער האָט אַזוי לאַנג גערעדט, ביז זי האָט באַשלאָסן זיי ביידן צו לאָזן אַליין. פאָרן אַוועקגיין אין אַנדערן צימער אַריין, האָט זיך נאָך געוואָלט אויך דודן מיטנעמען מיט עפּעס אַ תירוץ, אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט פאַרשטייענדיק, זיך איינגעעקשנט און בשום־אופן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס צימער און זיי מאַכן באַקוועם. דווקא איז ער געזעסן, דווקא. זיי אויף צו להכעיס!

זיי האָבן זיך אָפּגעשמועסט אויף ניין אַ זייגער אין אָוונט. ער האָט אַפילו געהערט אויף וועלכן אָרט: ביים טויער פון גאָרטן. זיי וועלן דערנאָך מסתמא אַריינגיין אינעווייניק אין גאָרטן אַריין, זיך אויסקלייבן אַ באַנק, ווייט. פון אַ לאַמטערן און וועלן זיך אַרומנעמען און וועלן זיך קושן. נישט איין מאָל איז ער שוין אַזוי געגאַנגען ביינאַכט איבערן שטאָטישן גאָרטן און דאָרט געזען זיצן אַזעלכע פאָרלעך.

ער מוז זיי שטערן זיך צו באַגעגענען. ער וועט אויך קומען אַהין ניין אַ זייגער. מכלומרשט צופעליק, ווייל פון וואַנען האָט ער עס געזאָלט וויסן, אַז זיי האָבן זיך דאָרט אָפּגעשמועסט צו באַגעגענען? — ניין, דאָס טויג נישט. זיי וועלן זיך פון אים אַרויסדרייען. ער וועט זיי דאָך נישט קאָנען נאָכגיין די גאַנצע צייט.

די מוטער האָט געפרעגט דעם בחור וויפל ער פאַרלאַנגט פאַר דעם צערעכט־מאַכן דאָס ליכט. יענער האָט אַ זאָג־געטון אַ הויכן פּרייז. די מוטער האָט גע־קלערט, אַז אַ בעל־מלאכה פון אַ געשעפט וואָלט גענומען ווייניקער, נאָר זי האָט זיך נישט געדונגען, אים גלייך באַצאָלט. איז ער דאָך שוין אַן אייגענער מענטש.

דער בחור איז אַוועק. ס'איז נאָך געבליבן גענוג צייט פאַר דודן ביז צו דער באַגעגעניש, כדי עפּעס צוצוקלערן. ס'קומט אָבער גאָרנישט אין קאָפּ אַריין! פּלוצים האָט ער דערזען אויפן טיש דער שוועסטערס זייגערל. זי האָט עס אויס־געטאָן, ווייל זי וואַשט איצט די כלים און וויל נישט אַז ס'זאָל אין אים אַריין וואַסער. ס'איז דאָ אַן עצה! — ער וועט צוריקדרייען דאָס זייגערל אויף אַ האַלבע שעה. זי וועט זיך נישט כאַפּן. זי וועט קומען צום גאָרטן מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער און דעם בחור שוין דאָרט מער נישט טרעפן!

**
*

די שוועסטער האָט געענדיקט דאָס וואַשן די כלים. זי האָט גענומען דאָס זייגערל פונעם טיש, אַ קוק־געטון די צייט: ס'איז נאָך פרי. זי דאַרף זיך איבער־

טאָן צו דער באַגעגעניש, נאָר ס׳איז נאָך פאַראַן אַ סך צייט. זי וויל די צייט זאָל שנעלער אַוועק און נעמט אויפרוימען און מאַכן אָרדענונג אין צימער אַזוי, ווי זי וואָלט זיך מיט אים דאָ געדאַרפט באַגעגענען און נישט אין גאָרטן.

זי נעמט זיך סוף־כל־סוף צוגרייטן צו דער באַגעגעניש. טוט זיך אָן אַן אַנדער קלייד. בעת זי האָט דאָס קלייד געזען אין פענצטער פון געשעפט, צי אויף אַנדערע פרויען אין גאַס, האָט זי געהאַלטן, אַז ס׳איז זייער אַ שיינס, נאָר איצט הייבט עס איר נישט אָן צו געפעלן. און די שיך — זי ווייסט, אַז זי האָט גרויסע פיס. צוליב דעם דאַרפן די שיך זיי איינציַען, מאַכן אַזוי, אַז זיי זאָלן אויסזען קלענער. זיי העלפן אָבער גאָרנישט אַרויס. בכלל זענען די פיס אירע — דיקע. דערצו זענען איצט אין דער מאָדע — קורצע קליידלעך ביז צו דער קני!

זי שטייט פאַרן שפּיגל, צעקעמט די האָר אויפן קאָפּ און מאַכט דערנאָך לאָקן מיט דער צעהיצטער קרויז־שער. שפּעטער נעמט זי צופּודערן דאָס פּנים. די ליפּן צושמירן. זי טוט דאָס אַלץ ווי ס׳דאַרף צו זיין, נאָר ווען זי וועט אַרויס־גיין אין גאַס, ווער וועט אויף דעם אפילו אַ קוק־טון? ווער וועט דאָס באַמערקן? — מען קוקט נאָר אויף שיינע. אַן אָרעמאַן צו זיין איז טאַקע ביטער, ער קאָן אָבער דאָס גאַנצע לעבן האָפן אויף אַ שאַנס רייך צו ווערן. ס׳זענען אַפילו פאַראַן פּאַרטייען, וואָס קעמפן, כדי זיין מערכה צו פאַרבעסערן. זי האָט שוין קיין מאָל נישט קיין שאַנס שיין צו ווערן און קיינער נעמט זיך נישט אָן איר קריוודע.

זי איז פאַרטיק געוואָרן. אַ קוק־געטון אויפן זייגער: ס׳איז נאָך אַלץ צו־פרי. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט. געזעסן שטייף. האָט מורא געהאַט צו באַוועגן מיטן קאָפּ, ווי יעדע קלענסטע באַוועגונג וואָלט באַדראָעט אַראָפּצושאָקלען די לאָקן. זי האָט זיך געהיט נישט צו באַרירן דאָס פּנים — דעם פּודער נישט אָפּצווישן. דער גאָרסעט האָט איינגעצויגן די טאַליע, נישט געלאָזט פריי אָפּאָטעמען. זי וועט אים אָבער נישט עפענען —, עס איז פאַרבונדן מיט צופיל אַרבעט. ווי פּאַמעלעך רוקן זיך די ווייזערס אויפן זייגער!

**
*

דוד האָט זיך דערווייל אַרויסגעגנבעט פון דער שטוב און זיך געלאָזט איילנ־דיק גיין צום גאָרטן. ער וועט באַלד ווידער זען דעם בחור. יענער וועט שטיין און וואַרטן ביי דעם טויער אויף דער שוועסטער. ער וועט וואַרטן און וואַרטן. ער וועט גיין אַרויף און אַראָפּ, קוקן יעדעס מאָל אויפן זייגערל — זי קומט נישט! זי קומט נישט! יאָ, בחור, זי האָט דיך אָפּגענאַרט. זי האָט פון דיר חוזק געמאַכט. ווי קומט זי צו אַזאַ פאַרשוין ווי דו ביסט?! זיין פּנים וועט ווערן פינצטערער פון רגע צו רגע. די גאַנצע גאווה וועט אויסרינען — ער וועט אַוועקגיין אַ פאַר־שעמטער, אַ צעבראָכענער.

ביים טויער פון גאָרטן האָט דוד נישט געזען דעם בחור. עס זענען שוין אַוועק צען מינוט, פופצן, צוואַנציק, פינף־און־צוואַנציק — ער איז נישטאָ!

דאָס איז דאָך נישט צום פאַרשטיין. דאָס איז דאָך נישט מעגלעך! אפשר האָט ער שלעכט געהערט. זיך טועה געווען אין דער צייט, צי אין אָרט? — נאָר אָט זעט ער אָנקומען די שוועסטער. ער באַהאַלט זיך הינטער אַ בוים. ער זעט זי צוקומען צום טויער פון גאָרטן. זי בלייבט שטיין, קוקט זיך אַרום. וואַרט.

ניין, ער האָט זיך נישט טועה געווען, נישט אין אָרט, נישט אין דער צייט. דער בחור איז נישט געקומען. די שוועסטער — יאָ. דער כעס, וואָס ער האָט געטראָגן אויף דער שוועסטער, האָט גלייך אויסגעוועפּט. נאָך מער: ער האָט באַקומען רחמנות אויף איר. ס'האָט אים באַנג־געטון, זייער באַנג־געטון, למאי ער איז פריִער געווען קעגן איר און איר געוואָלט פאַרשאַפן עגמת־נפש. ער האָט ניט געקענט צוזען, ווי די שוועסטער דרייט זיך אַרום פאַרן טויער און וואַרט בחינם. ער האָט זיך געלאָזט גיין צוריק אַהיים.

ווי ער קומט אַהיים, שטעלט ער זיך אַוועק ביים פענצטער און קוקט אַרויס אויף דער גאַס. אין דרויסן האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקער ווינט. ער האָט געבראַכט צו טראָגן שווערע כמאַרעס איבער הימל. ס'הייבט אָן צו גיסן אַ רעגן. דער ווינט און דער רעגן שמייסן אין די גאַז־לאַמטערנעס מיטן גאַנצן כוח, אַזוי, אַז זיי קלערן שוין נישט פון באַלייכטן די גאַס, נאָר ווילן כאַטש ראַטעווען דאָס אייגענע פּיצל פלעמלדיקע לעבן. די שוועסטער האָט זיך מסתמא איצט אַוועקגעשטעלט אין אַ טויער פון אַ הויז, כדי איבערצוּוואַרטן דעם רעגן, קלערט ער. נאָר באַלד זעט ער, ווי עמעצער לויפט אין דער פּוסטער גאַס. לויפט אַלץ נענטער צום הויז. ער גיט אַ ציטער: דאָס איז די שוועסטער! דאָס איז זי! ער פאַרמאַכט שנעל דאָס פענצטער און זעצט זיך אַוועק ביים טיש לייענען אַ ביכל. ס'עפנט זיך די טיר און די שוועסטער קומט אַריין. דאָס קלייד איז נאַס פון רעגן. דער פּודער פון די באַקן און די שמינקע פון אירע ליפּן האָבן זיך פון רעגן צונויפגעקלעפּט, פאַרשמירט דאָס פּנים, געמאַכט עס משונהדיק צום וויינען און צום לאַכן.

די מוטער האָט זי אָנגעקוקט אַ פאַרחידושטע פאַר איר שנעלן צוריקקער און פאַר איר אויסזען און האָט געפרעגט:

— וואָס איז? האָסט געמוזט לויפן אין רעגן? האָסט שוין נישט געקענט אַ ביסל צוּוואַרטן?

די שוועסטער האָט גאָרנישט געענטפערט. זי איז אַריין אין דער צווייטער שטוב און האָט אָנגעהויבן פון זיך אַראָפּוואַרפן די מלבושים, ווילד און אָן אַ סדר.

די מוטער האָט געפּרוּווט ווייטער פרעגן; איצט, שוין בלויז מיט איין וואָרט:

— נו?...

דאָס האָט געדאַרפט הייסן: ווי אַזוי איז צוגעגאַנגען מיט דער באַגעגעניש?

נאָר די שוועסטער האָט געענטפערט מיט כעס און מיט אַ קול, וואָס אָט גייט עס איבער אין געוויין:

—וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט אין מיר, אַ? — לאָז מיך צורו!
און זי האָט הינטער זיך האַסטיק פאַרקלאַפּט די טיר.
די מוטער האָט זיך מיטאַמאָל איינגעשרומפּן. געוואָרן אַלץ קלענער — קלענער. זי האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס באַגעגעניש מיטן בחור האָט זיך געענדיקט נישט ווי ס'דאַרף צו זיין. זיך געפילט שולדיק, פאַרוואָס זי האָט אויף דער וועלט געבראַכט אַ טאָכטער און איר נישט געגעבן קיין שיינקייט און נישט קיין נדן.
דוד האָט דערפילט, אַז ער מוז דאָ עפּעס פאַרריכטן. און אַז בלויז ער איז אין שטאַנד דעם מצב צו ענדערן, בלויז ער, אָבער ווי־אַזוי? ווי־אַזוי? — נאָר אויף איין אופן:
ווען די שוועסטער האָט סוף־כל־סוף געעפנט די טיר פאַר דער מאַמען, כדי זי זאָל אַריינגיין שלאָפן, האָט ער זי אַ פרעג־געטון:
— דו ווייסט אפשר נישט וויפל ס'איז איצט דער זייגער? דאַכט זיך, אַז מיינער לויפט.
די שוועסטער האָט אויף אים אומצופרידן אַ קוק־געטון, וואָס ער דרייט איר דעם קאָפּ מיט אַזאַ נישט־וויכטיקן ענין און פונדעסטוועגן געענטפערט:
— צען צו עלף.
דוד האָט געמאַכט מכלומרשט אַ פאַרחידושטע מינע:
— און מיינער האַלט ערשט צוואַנציק נאָך צען. מיט אַ האַלבער שעה פריִער.
אין דער שוועסטערס מוח האָט עפּעס אויפגעבליצט:
— מיט אַ האַלבער שעה פריִער, זאָגסטו? אויב אַזוי...
זי האָט נישט פאַרענדיקט. איר פּנים האָט אויפגעשיינט.
— ווער קען וויסן, וועלכער זייגער ס'גייט ריכטיק — האָט זי געזאָגט און באַלד באַשלאָסן: — איך וועל אַ פרעג־טון ביי דער שכנטע.
זי איז צוריקגעקומען אינגאַנצן אַ געביטענע. זי האָט עפּעס מאָדנע געשמייכלט. די מוטער האָט אויף איר געקוקט מיט חידוש: וואָס איז דאָ פאַרגעקומען? זי האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. גאָרנישט.
די שוועסטער האָט צונויפגענומען די מלבושים, וואָס זי האָט געהאַט צעוואָרפן אין אַלע זייטן אין אומאָרדענונג, ווי זי איז געקומען פון גאַס, און זיי אַריינגעהאָנגען אין דער שאַפע.
דוד איז געלעגן אין בעט און געטראַכט: וואָס וועט זיין, ווען זי וועט זיך דערוויסן, אַז יענער איז נישט געקומען? — דאָס קען ער נישט פאַרמיידן — אָבער די דאָזיקע נאַכט וועט זי כאָטש שלאָפן רויִק... כאָטש מיט עפּעס וועט ער האָבן באַצאָלט פאַר זיין זינד...

מעשה פון דעם גביר און זיין טאָכטער

א. דעם גבירס ווייב געבוירט אַ טאָכטער

ביים גביר אין פּאַלאַץ ברענען אַלע לאָמפּן. די צימערן זענען פול מיט מענטשן. אַלע וואַרטן, קיינער וואַגט נישט אויפצוהייבן דאָס קול. ס'הערט זיך בלויז צומאָל אַ שעפּטשען. יעדער שאָרך, באַזונדערס ווען מ'עפנט אַ טיר פון איינעם פון די צימערן, וואָס פירן אינעווייניק אין פּאַלאַץ אריין — מאַכט שטאַרקער קלאַפּן די הערצער ביי די וואַרטנדיקע.

וואָס איז אַזוינס געשען?

דעם גבירס ווייב גייט צו קינד. שוין דריי מעת־לעת, ווי זי האָט ווייען. זי שרייט, זי וואַרפט זיך אויפן געלעגער. זי האָט שוין נישט מער קיין כוח צו שרייען און זיך צו וואַרפן — ליגט זי שטיל און זי קרעכצט. דאָס קינד וויל נישט פאַרלאָזן דער מאַמעס טראַכט, וויל זי נישט פאַרבייטן אַפילו אויף דעם גבירס שיינעם פּאַלאַץ.

זיבן יאָר זענען שוין אַוועק זינט דער גביר האָט חתונה געהאַט מיט זיין ווייב, נאָר פאַר די זיבן יאָר האָט זי נישט געהאַט קיין קינדער. דער גביר האָט צו איר גערופן די גרעסטע פּראָפעסאָרן. זיי האָבן באַטראַכט דאָס ווייב, פאַרשריבן אַ סך מעדיצינען, גענומען געלט, נאָר זי איז פאַרבליבן אַן עקרה. דער גביר איז געפאָרן מיט זיין ווייב צו רביים, צו בעלי־מופת. זיי האָבן איר געגעבן קמיעות און ברכות, גענומען געלט, נאָר זי איז פאַרבליבן אַן עקרה. האָט דער גביר צו זיך געלאָזט רופן פאַרשיידענערליי זנאַכערס. זיי האָבן דעם ווייב זיינעם געגעבן צו עסן קרייטעכצער, גענומען געלט, נאָר זי איז אַלץ געבליבן אַן עקרה.

נאָר דער גביר האָט נישט געוואָלט שלום־מאַכן מיטן גורל. ער האָט נישט גערוט. ער מוז אַלע לענדער אויספאָרן און אַלע מיטלען אויספּרווון, ביז זיין ווייב וועט געהאָלפן ווערן. די ווייבער האָבן צווישן זיך געשמועסט, אַז מען טאָר זיך נישט אַקעגנשטעלן דעם הימל. מסתמא איז דאָרט אַזוי אָנגעצייכנט געוואָרן. עס איז אַ זינד צו מאָנען מיט כוח. מען קען חס וחלילה געניזוקט ווערן.

און ס׳איז געשען אַ נס: דעם גבירס ווייב האָט אָנגעהויבן צו טראָגן. די שמחה איז געווען אין לשער. מען האָט גאָרנישט געוווסט וואָס מיט איר צו טון. מען האָט זי געהיט פאַר דעם לייכטסטן ווינטעלע — זי זאָל זיך חלילה נישט פאַרקילן. זי האָט נישט געשטעלט קיין טריט אויף דער ערד — מען האָט אויסגעשפּרייט פאַר איר פיס־טעפּיכער. דריי ווייבער זענען שטענדיק געשטאַנען גרייט איר אָפּ־צושפּרעכן אַן עין־הרע, אויב עמעצער וועט אויף איר אַ קרומען קוק־טון. און זיבן דינסטן זענען געשטאַנען אַרום איר און זי כסדר געפרעגט:

— באַלעבאָסטעשי, אפשר אַ שטיקל לימענע?

— באַלעבאָסטעשי, אפשר אַ זויער אוגערקעלע?

— באַלעבאָסטעשי, אפשר אַ ביסל זויערקרויט?

מחמת אַ טראָגעדיקע האָט ליב רק זיך צו קוויקן מיט זויערע מאכלים.

מ׳האָט אָנגעהייבן צוצוגרייטן פאַרן קינד פאַרשיידענע זאַכן: ווינדעלעך און העמדעלעך און קליידעלעך און ליאַלקעס, בערעלעך, טרומייטערלעך, קלאַפּערלעך און פייקלעך. און אַ גאָלדענע וואָג אויף צו וועגן דאָס קינד יעדעס מאָל וויפל עס האָט צוגענומען. און אויך אַן אַם האָט מען באַשטעלט, טאָמער וועט דער מוטער פאַרפעלן מילך.

די קעכערס שטייען שוין און גרייטן צו מאכלים. ס׳דאַרף זיין אַ סעודה אויף דריי טעג און דריי נעכט. מ׳קאָכט און מ׳פּרעגלט הינער, גענז און קאַטשקעס און אינדיקעס. גאַנצע זעק מיט ציבעלעס און מיט מייערן האָט מען שוין פאַרנוצט צו די קאַרפּן, צו די העכט און צו די שלייענס. אין אויוון באַקן זיך לעקעכער, שטראָד־לען און פלאָדן. אָט וועלן אַ שפּרונג־טון די שפּונטן פון די פעסער מעד און ביר, די קאָרקעס פון די פלעשער וויין און בראַנפן. די אָרעמעלייט פון דער גאַנצער שטאָט קענען זיך שוין נישט דערוואַרטן. ס׳קאַרטשעט זיי אין די געדערים, ס׳טרי־קנט זיי אין די העלדזער.

דער גבאי פון דער שול האָפט, אַז לכבוד דעם קינד וועט דער גביר לאָזן שרייבן אַ נייע ספר־תורה. דאָס שפּיטאָל — אַז ער וועט לכבוד דעם קינד אַריינ־שטעלן נייע בעטן און קויפן פרישע בעטגעוואַנט פאַר די קראַנקע. און איבערן גאַנצן לאַנד וואַרטן אָרעמעלייט, קרובים מיט פאַרזעסענע טעכטער, מיט אויס־געליידיקטע קרעמלעך און האָפן, אַז אפשר וועט דער גביר זיך אין זיי דערמאָנען בעת עס וועט אים גוט זיין אויפן האַרצן.

און דער גביר זיצט זיך ביי זיך אין צימער. ס׳איז נישט פאַר זיין כבוד צו שטיין פאַר דער טיר פון דער געווינערין מיט אַלע ווייבער אינאיינעם. ער וואַרט, מ׳זאָל קומען אַהער צו אים און אים אָנזאָגן די גוטע בשורה. ער וויל אַ זון, דער גביר. ער האָט אַזויפיל בענק, וועלדער, פעלדער און באַנען — אַ מיידל וועט נישט קאָנען פירן די עסקים. אַ זון דאַרף איבערנעמען דאָס פאַרמעג זיינס. נישט נאָר

דאָס קענען האַלטן און אַפּהיטן, נאָר אויך קענען עס פאַרגרעסערן, פאַרמערן, נאָך מער געלט, נאָך מער וועלדער, פעלדער און באַנען — — —

פלוצים הערט ער אַ געדויש הינטער זיין טיר. זי עפנט זיך און פאַר אים שטייט אַ בלייכע די אַקושאַרקע.

— וואָס הערט זיך? — פרעגט זי דער גביר. ער פילט, אַז ס׳איז עפּעס נישט גוטס געשען.

— נישט גוט.

— וואָס איז, אַ מיידל?

— יאָ, אַ מיידל, נאָר —

— זי לעבט נישט?

— זי לעבט יאָ —

— אלא וואָס? — ווערט דער גביר אומגעדולדיק.

— זי האָט אַ חזירישן קאָפּ...

ב. דער גביר זוכט אַ חתן פאַר זיין טאָכטער

ווי די געווינערין האָט דערזען דעם קאָפּ פון איר קינד, איז איר נישט גוט געוואָרן. מ׳האָט זי אַפילו דערמונטערט, אָבער זי איז שוין מער פון בעט נישט אַראָפּגעגאַנגען. זי האָט חדשים געקרענקט, ביז זי איז געשטאָרבן און איבערגע־לאָזט איר קינד אַ יתומה.

קיינער האָט דאָס קינד נישט געזען און צווישן פאָלק האָט מען זיך וועגן אים כסדר דערציילט פאַרשיידענע מעשיות. למשל:

דאָס קינד איז פאַרשפּאַרט אין פּאַלאַץ. ס׳קען נאָר אַרויסגיין שפּאַצירן אין גאָרטן, וואָס אַרום פּאַלאַץ און דערצו מיט אַ שלייער איבערן פּנים.

דאָס קינד האָט זיך זייער גיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. דאָס קינד שפּילט אויף דער פּיאַנאָ גאָר אַ חידוש.

נאָר — נאָר דער חזירשער קאָפּ וואַקסט מיט איר צוזאַמען.

און וועגן דעם גביר אַליין האָט מען זיך דערציילט, אַז ער רעדט קיין מאָל נישט וועגן זיין טאָכטער און אַלע אַרום באַמי׳ען זיך אויך איר נאָמען נישט צו דערמאָנען. אַז ער מאַכט כסדר ווייטע נסיעות, זיצט איבער חשבונות, פירט שמועסן מיט סוחרים, איז פאַרטון מיט לייב און לעבן אין זיינע מסחרים און נאָר זעלטן קומט ער אין פּאַלאַץ אַריין, כדי זיך צו זען מיט זיין טאָכטער.

און יאָרן קומען און גייען ביז איין מאָל פאַרשפּרייט זיך אַ ידיעה איבער דער מדינה: דער גביר זוכט פאַר זיין טאָכטער אַ חתן.

ווערט אַ בהלה צווישן די שדכנים. יעדער וואָלט געוואָלט, אַז דער שידוך

זאָל אויסגעפירט ווערן דורך אים. מען קאָן דאָך דערביי פאַרדינען אַ שיינע מטבֿע. זיי לויפן אַלע צום גביר. פאַר דעם גבירס הויז שטייט אַ מחנה שדכנים. זיי שטייען אין דער לאַנגער ריי און וואַרטן דורך די טעג און נעכט. גייט אַ רעגן — שטעלן זיי אויף די שירעמס. פאַלט צו דער אָונט — דאַוונען זיי מנחה־מעריב. ווערן זיי הונגעריק — קומט־אונטער אַ ייד מיט בייגל. ווערן זיי דאַרשטיק — קומט־אונטער אַ יידענע מיט קוואַס.

יעדער שדכן האָט ביי זיך אַ ביכעלע מיט נעמען פון חתנים. ס'זענען דאָ אַ סך בעלנים אויף דעם גבירס טאָכטער, ווייל זיי ווייסן, אַז זי איז אַ בת־יחידה און וועט זיין די איינציקע יורשטע פון איר פאָטערס גרויסן עשירות. דער גביר אַליין נעמט־אויף די שדכנים. ער פרעגט זיך אויס וועגן יחוס פון יעדן יונגן מאַן, אָבער דער עיקר וויל ער וויסן, צי ער קען זיך אויס אויף מסחר, ווייל ער וויל זיך פאַרזיכערן מיט אַן איידעם, וואָס זאָל קענען נאָך זיין טויט איבערנעמען די בענק, וועלדער, פעלדער און באַנען.

ער האָט שוין פאַר דער צייט געהאַט צוגעקליבן אַ חתן פאַר זיין טאָכטער, נאָר יעדעס מאָל, ווען מען האָט געדאַרפט פאַרבעטן דעם חתן אויף אַ באַגע־געניש מיט איר, האָט זי זיך קעגנגעשטעלט. זי האָט מורא געהאַט פאַר דער רגע, ווען זי וועט דאַרפן אויפהייבן דעם שלייער און ער וועט דערזען איר חזירישן קאָפּ. און ס'איז געווען נאָך אַ סיבה:

— פאָטער —פלעגט זי זאָגן— איך גלייב נישט דעם בחור. ער וויל מיט מיר חתונה האָבן צוליב דיין געלט. איך וויל שוין בעסער פאַרבלייבן אַ מיידל ביז צום טויט.

אין די פאַרנאַכטן פלעגט זי זיצן ביים פּיאַנאָ און שפּילן פאַרשיידענע לידער. זי פלעגט זיך דורך זיי אַראָפּרעדן פון האַרצן. שפּעטער איז זי געגאַנגען שפּאַצירן אין גאָרטן. ס'איז געווען דאָרט זייער שטיל אַזוי, אַז זי האָט געקענט הערן, ווי די שטערן שעפּטשען צווישן זיך.

פאַר דער לעצטער צייט האָט זי באַמערקט בעת איר שפּאַציר, אַז עמעצער דרייט זיך אַרום כסדר פון יענער זייט שטאַכעטן פון פלויט אַרום גאָרטן. ווער קען דאָס זיין? וואָס וויל ער דאָ? אויף וועמען וואַרט ער? זאָל זי דאָס דערציילן דעם וועכטער? ניין. זי וועט דאָס אַליין אויספאָרשן.

זי האָט זיך איין מאָל שטיל פאַרגנבעט צו יענעם אָרט און אים פלוצים איבערראַשט.

דאָס איז געווען אַ יונגער בחור, אָרעם אָנגעטאָן. ער איז טאַקע געווען אי־בערראַשט זי פלוצים צו זען פאַר זיך, אָבער ער איז נישט געווען דערשראָקן און נישט געפּרווט אַנטלויפן.

זי האָט אים געפרעגט:

— וואָס טוט איר דאָ פאַרן פלויט?

ער האָט געענטפערט:

— איך קום דאָ אַהער, כדי איך צו הערן שפּילן פּיאַנאָ.

— שפּיל איך שיין? — איז זי געווען נייגעריק צו וויסן.

— זייער שיין, נאָר פאַרוואָס שפּילט איר כסדר בלויז טרויעריקע לידער?

זי האָט געשוויגן אַ ווײַלע און דערנאָך שטיל געזאָגט:

— צי ווייסט איר נישט, וואָס ס'האָט מיט מיר געטראָפן?

— איך האָב געהערט, נאָר דאָס איז פאַר מיר נישט אַזאַ חידוש. אין יעדן מענטשלעכן פּנים זע איך עפּעס פון אַ חיה, צי פון אַ פויגל. אַ סך מאָל געשעט פאַרקערט: אין פּנים פון אַ חיה זע איך עפּעס פון אַ מענטשן.

זי האָט אַ דערפרייטע אויסגערופן:

— וואָס פאַר אַ מאָדנער מענטש איר זענט; זאָגט נאָר, שפּילט איר נישט אויף עפּעס אַן אינסטרומענט?

— ניין, אָבער איך האָב זייער ליב צו זינגען. איך קען זינגען ווי יעדער פייגל. הערט זיך נאָר צו!

ער האָט אָנגעהויבן צו פייפן. מיטאַמאָל האָט אים פון ערגעץ אַ בוים אָפּ־געענטפערט דאָס געזאַנג פון אַ נאַכטיגאַל.

— דאָס ענטפערט מיר אַ נאַכטיגאַל —האָט ער איר געזאָגט— איך האָב איר דערציילט, אַז איך שטיי דאָ און רעד מיט אַ מיידל. האָט זי מיך געפרעגט, צי זי זאָל אַהערקומען און פאַר אונדז זינגען אַ ליבעס־ליד.

זי האָט זיך צעלאַכט:

— כאַ־כאַ־כאַ! זי איז באמת אַ ווילע, נאָר צו וואָס דאַרף איך זי האָבן?

— איר זינגט דאָך אַליין אויך ווי אַ נאַכטיגאַל. זינגט איר פאַר מיר...

ער האָט געזונגען פאַר איר. זי איז געווען אַנטציקט און אויסגערופן:

— איר זינגט וווּנדערלעך שיין! אפשר וועט איר קומען צו מיר? איר וועט זינגען און איך וועל שפּילן אויף דער פּיאַנאָ.

— ווי אַזוי קען איך קומען צו אייך, ווען צווישן אונדז שטייט אַזאַ הויכע מויער?

זי האָט אים געענטפערט:

— איך האָב אַ לייטער. וועל איך זי צושטעלן צו דער מויער און דו וועסט אַריבערקלעטערן.

פון דעמאָלט אָן איז ער צו איר אָפּט בגנבה געקומען און זיך געהיט, אַז דער וועכטער זאָל אים נישט באַמערקן. זיי פלעגן זיצן צוזאַמען דורך די אָוונטן. ער האָט געזונגען און זי האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ אַ סך שיינע לידער, וואָס זיי האָבן בשותפות פאַרטראַכט.

איין מאָל, בעת ער איז ביי איר געזעסן, האָט זיך געהערט אַ רעש אין פּאַ־

לאַך. זי האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געזען, ווי דער הויף איז אין גאַנצן באַלויכטן. אַט פאָרט־אָן אַ קאַרעטע און פון איר שטייגט־אַרויס דער פאָטער.

זי האָט צו אים אַ געשריי־געטאָן:

— אַנטלויף! מיין פאָטער טאָר דיך נישט טרעפן. ער איז זייער אַ שטרענגער און קען דיך דערפאַר האַרב באַשטראָפן.

ער איז אַרויס פון צימער, אַריין אין קאָרידאָר. פון דאָרט האָט ער זיך געדאַרפט פאַרנעמען אויף רעכטס צו אַ טיר, וואָס האָט געפירט אין גאָרטן אַריין, אָבער פאַר גרויס איילעניש האָט ער זיך טועה געווען און געעפנט אַן אַנדערע טיר. דאָ איז געווען אַ פינצטערער זאַל. ער האָט באַלד געהערט נאָענטע טריט און באַשלאָסן זיך דערווייל צו באַהאַלטן אין אַ ווינקל. ער האָט געוואַרט ביז אין פּאַלאַץ איז געוואָרן שטיל און דערנאָך אָנגעהויבן זוכן אַ וועג אַרויס. אָ, גאָט, וויפל טירן! וועלכע איז די ריכטיקע? — ער האָט איינע געעפנט און דערזען:

אַ גרויס ליכטיק צימער. אין צימער שטייט אַ מענטש, וואָס גרייט זיך לייגן אין בעט אַריין שלאָפן. ער האָט זיך אויסגעטאָן די מלבושים, דאָס העמד און געוואָלט אָנטאָן די פּידזשאַמע — דאָס איז דאָך שרעקלעך! זיין קאָפּ איז ווי פון אַ מענטש, אָבער דער גאַנצער גוף פונעם האַלדז ביז צו די פיס — איז ווי פון אַ חזיר!

ג. דעם גבירס טאָכטער אַנטלויפט מיט איר באַשערטן

ווי ער האָט דערזען דעם פרעמדן, האָט ער שנעל אויף זיך אַ וואָרף־געטאָן די פּידזשאַמע און געגעבן אַ קוועטש אַ קנעפּל. גלייך האָבן זיך באַוויזן צוויי מענטשן מיט רעוואָלווערס אין די הענט.

— נעמט אים! — האָט דער גביר זיי געוויזן אויפן יונגן מאַן, וואָס איז געשטאַנען אַ בלייכער, אַ דערשראָקענער.

די צוויי האָבן זיך אויף אים אַ וואָרף־געטאָן, אים באַזוכט. זיי האָבן ביי אים נישט געפונען נישט קיין רעוואָלווער און אַפילו נישט קיין מעסער, אויך נישט קיין ברעכאייזן און קיין שליסלען. איז ער, הייסט עס, נישט קיין מערדער און נישט קיין גנב. וואָס־זשע האָט ער דאָ געזוכט? ווי אַזוי איז ער אַהערגעקומען?

דער פרעמדער ענטפערט נישט קיין וואָרט. אויף יעדן פאַל, קלערט דער גביר, ווער ער זאָל נישט זיין און וואָס ער זאָל דאָ נישט האָבן געזוכט — טאָר ער אים מער נישט אַרויסלאָזן פון דאַנען. דער פרעמדער קען נאָך דערציילן דער גאַנצער וועלט דעם סוד, אַז דער גביר האָט אַ גוף פון אַ חזיר. ביז איצט איז ער געווען אַ חשובער מענטש. מען האָט פאַר אים געהאַט דרך־ארץ. מען האָט געליבט זיין גוטסקייט, זיין איידלקייט, זיין חכמה, און דאָ פלוצים וועלן אַלע זיך

דערוויסן, אַז ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס זיין טאָכטער האָט אַ חזירישן קאָפּ. ער טאָר דאָס נישט דערלאָזן. גלייך האָט ער באַפוילן זיינע צוויי וועכטער, צו פאַר־שפּאַרן דעם בחור אין אַ צימערל אויפן טורעם פון פּאַלאַץ.

אויף צומאָרגנס האָט איינער פון די וועכטערס דערציילט דעם גבירס טאָכ־טער, אַז נעכטן אין אָוונט האָט מען געכאַפּט אין פּאַלאַץ עפּעס אַ פרעמדן יונגן מאַן. מען האָט בשום אופן נישט געקענט פון אים אַרויסבאַקומען צוליב וואָס און ווי אַזוי ער האָט זיך אַהער אריינגעגנבעט. האָט איר פאָטער געהייסן אים פאַרשפּאַרן אין אַ צימערל אויפן טורעם פון פּאַלאַץ.

דעם גבירס טאָכטער האָט תיכף פאַרשטאַנען, ווער דער פרעמדער איז. זי איז געוואָרן זייער אומרויִק וועגן זיין גורל און צוגלייך האָט זי זיך געפרייט, וואָס ער קען האַלטן אַ סוד, וואָס ער האָט זי נישט אויסגעגעבן. ער איז באמת אַ וווילער בחור!

זי האָט געבעטן דעם וועכטער, אַז ער זאָל איר ווייזן דעם בחור. זי איז זייער נייגעריק אים צו זען. זי וויל מיט אים רעדן. אפשר וועט איר געלונגען זיך פון אים צו דערוויסן, ווער ער איז און וואָס ער האָט דאָ געוואָלט. דער וועכ־טער האָט קודם דערפון נישט געוואָלט הערן, אָבער נאָך דעם ווי זי האָט אים עטלעכע מאָל געבעטן, האָט ער נאָכגעגעבן.

ער האָט אויסגעזען זייער בלייך און טרויעריק.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט זי אים געפרעגט באַזאָרגט — פאַר די עטלעכע טעג האָסטו זיך זייער געביטן. צי האָסטו אַזוי מורא פאַר מיין פאָטער?

— ניין, אָבער מיר איז שווער צו זיצן ווי אַ געפאַנגענער.

זי האָט אים מסתמא געוואָלט באַרויִקן אָדער טרייסטן, און געזאָגט:

— און ווי אַזוי זיץ איך דאָ מיין גאַנץ לעבן?

— מיט דיר איז עפּעס אַנדערש — האָט ער איר געענטפערט — דו ביסט שוין דערצו צוגעוווינט. דו האָסט עפּעס אַנדערש נישט געזען. דער, וואָס האָט איין מאָל געפּילט די פרייהייט, וועט זיך שוין קיין מאָל נישט צוגעוווינען צו דער תפיסה.

— אפשר דאַרפסטו עפּעס, וועל איך דיר ברענגען —האָט זי אים געוואָלט אַ ביסל צעשטרייען— פרוכטן? שאָקאָלאַד? ווייַן?

— ניין, איך דאַרף נאָר איין זאַך: פרייהייט! איך וויל אַרויס פון דאַנען. דו מוזסט מיר העלפן פון דאַנען צו אַנטלויפן.

איר איז געוואָרן זייער שווער אויפן האַרצן:

— אויב דו וועסט איצט אַוועק, וועלן מיר זיך שוין מער נישט זען. איך וועל אַנטלויפן מיט דיר צוזאַמען. אָבער ווו וועלן מיר זיך באַהאַלטן? מיין פאָטער האָט אומעטום זיינע מענטשן, וואָס דינען אים.

— מיר וועלן נישט אַנטלויפן ווייט. תיכף ביים פּאַלאַץ הייבט זיך אָן דער

וואַלד. ער איז זייער אַ גרויסער און אַ געדיכטער. פאַראַן דאָרט ערטער, ווו קיין מענטשלעכער פוס האָט נאָך נישט באַטרעטן. דאָרט וועט אונדז דיין פאָטער נישט געפינען.

אויפן אַנדערן טאָג אין אָוונט, בעת דער וועכטער האָט זיי איבערגעלאָזט אַליין, זענען זיי שנעל אַרויס פון צימער און זיך געלאָזט צום פלויט, ווו זי האָט שוין פריִער געהאַט צוגעגרייט די לייטער אַריבערצוקלעטערן אויף דער אַנדערער זייט.

איידער זי איז אַרויפגעשטיגן די לייטער, האָט ער צו איר געזאָגט:

— איך וויל דיך פריִער וואָרענען. דו ביסט צוגעוווינט פון די קינדער־יאָרן צו אַלעם גוטן. צו וווינען אין אַ פּאַלאַץ, זיך אָנצוטאָן אין שיינע קליידער, צו עסן געשמאַקע מאכלים. ביי מיר וועסטו די אַלע זאַכן נישט האָבן; איך בין אָרעם.

זי האָט אים געענטפערט:

— איך האָב דיך ליב און פאַר דער ליבע בין איך גרייט מקריב צו זיין דעם פּאַלאַץ, די שיינע קליידער, די געשמאַקע מאכלים — דעם גאַנצן ווױלטאָג.

ער האָט אויף איר אַ קוק־געטון דערשטוינט און גענומען שטאַמלען:

— דו... דו האָסט זיך געענדערט... דו האָסט נישט מער דעם... דער פריִער־דיקן קאָפּ... דו האָסט באַקומען דעם קאָפּ... פון אַ יונג און שיין מיידל...

— וואָס רעדסטו? איז עס אמת? — האָט זי געפרעגט אַ פאַרציטערטע.

— ס'איז אמת, אמת — האָט ער געענטפערט און געקושט אירע בלויע אויגן, אירע רויזיקע באַקן און וואַרעמע ליפּן.

— ווי אַזוי איז דאָס געשען? ווי אַזוי איז דאָס געשען?

ער האָט געענטפערט:

— דאָס וווּנדער האָט געמאַכט די ליבע, ווייל דו ביסט גרייט אַלץ פאַר איר אָוועקצוגעבן.

זיי האָבן זיךביידע געלאָזט אין דער טיף פון וואַלד. זיי זענען געגאַנגען די גאַנצע נאַכט. באַגינען האָבן זיי דערזען אַ שטיבל, וואָס איז שוין פון לאַנג געווען פאַרלאָזט פון מענטשן. זיי האָבן זיך דאָרט באַזעצט. זיי האָבן זיך דערנערט פון שוואָמען, יאַגדעס און פון האָניק, וואָס זיי האָבן געפונען אין ביגען־נעסטן. וואַסער האָבן זיי געטרונקען פון אַ נאָענטן קוואַל.

דער גביר האָט באַלד נאָך זייער אַנטלויפן צעשיקט זיינע מענטשן איבער דער גאַנצער מדינה, כדי צו געפינען זיין טאָכטער מיט דעם אומבאַקאַנטן בחור. זיי האָבן געזוכט און געזוכט, נאָר זענען צוריקגעקומען מיט גאָרנישט. קיינער האָט נישט געזען און נישט געהערט פון די אַנטלאָפענע. ס'איז נאָך זיי אָפּגעווישט געוואָרן יעדער שפּור.

דער גביר האָט מורא געהאַט, אַז דער בחור קען דערציילן דער וועלט דעם סוד פון זיין גוף, וואָס איז אַ חזירשער פון האַלדז ביז צו די פיס און נישט געקענט

שלאָפן דורך די נעכט פּאַר צרות. נאָך דעם ווי ס׳זענען אָבער אַוועק וואָכן און חדשים און ער האָט נישט באַמערקט, אַז זיין כבוד זאָל פאַלן, האָט ער צו זיך געזאָגט:

— פאַרפאַלן, וואָס קען איך ׳טאָן מער? ערגעץ לעבן זיי דאָך מסתמא.

און ער האָט זיך באַרויִקט.

ד. דער באַל, דער גביר בלאַנדזשעט און דער גוטער סוף

אין איינעם אַ טאָג קומט צום גביר צו פאָרן אַ געהויבענער גאַסט: דער גראַף פון וואַלדענאַו און יעגערסדאָרף. ער פאַרמאָגט אַן אַ שיעור פּאַלאַצן און הייזער, די גרעסטע פערד־שטאַלן אין לאַנד און ניין און ניינציק גיטער. אַזאַ חשובן גאַסט דאַרף מען אויפנעמען ווי ס׳דאַרף צו זיין. ערשטנס פירט מיט אים דער גביר פאַרשיידענע געשעפטן און זאָל ער האָבן אַ גוט הארץ אויף אים בעת די חשבונות. און צווייטנס, וויל דער גביר ווייזן, אַז ער איז טאַקע אויך נישט אַבי־וועער, אַז ס׳מעג דעם גראַף אָנשטיין די פריינדשאַפט.

אַזוי ווי דער פּאַלאַץ, וווּ זיין טאָכטער האָט אַמאָל געוווינט, איז געווען זיין שענסטער פּאַלאַץ און אַזוי ווי איצט האָט אין אים קיינער נישט געוווינט, האָט דער גביר אַהין פאַרבעטן דעם גאַסט. ס׳איז דערביי געווען נאָך אַ וויכטיקע סיבה: דער גאַסט איז געקומען צו אים, כדי צו גיין אויף יאַגד. דער פּאַלאַץ געפינט זיך ביים ראַנד פון גרויסע וועלדער.

נאָך איידער דער גראַף לאָזט זיך אַוועק אויף יאַגד, האָט דער גביר באַשלאָסן צו מאַכן לכבוד אים אַ באַל אין פּאַלאַץ. צו דעם באַל האָט ער איינגעלאַדן די סאַמע רייכסטע און אָנגעזעענסטע לייט פון דער געגנט. ווען איינצולאַדן האָט דער גביר באַשלאָסן, אָבער ווי אַזוי דעם באַל דורכצופירן האָט דער גראַף אַליין פאַרטראַכט. איידער מען לאָזט זיך אין די וועלדער אויף די חיות, וויל ער, אַז מען זאָל פריִער מאַכן בעתן באַל אַזאַ יאַגד. דאָס הייסט, אַז די געסט זאָלן זיך איבער־טאָן אין דער געשטאַלט פון חיות, אָנטאָן זייערע פעלן, זייערע הערנער און דער עיקר אָנטאָן אויפן פּנים מאַסקעס פון די פאַרגעשטעלטע חיות. דאָס וועט זיין אַ פיינע צוגרייטונג צו דער אמתער יאַגד. קודם וועט קומען אַ שפּיל און דער־נאָך — די וואָר.

אַזוי איז טאַקע געווען. אויפן באַל האָט מען געזען די אַלע חיות, וואָס גע־פינען זיך אין די אַרומיקע וועלדער. דער אָרקעסטער האָט נישט געשפּילט, ווי ס׳פירט זיך אויף אַזעלכע בעלער, קיין וואַלסן, קאַדרילן, פּאַלאָנעזן און מאַזורקעס. נאָר יעדער אינסטרומענט האָט זיך באַמיט נאָכצומאַכן דאָס קול פון אַן אַנדע־רער חיה.

נאָר דער גביר האָט זיך געגומען די רעכט זיך נישט איבערצוטאָן. ער איז דער באַלעבאָס, ער קען זיך איצט נישט ווילן. ער דאַרף זיך בלויז פאַרנעמען מיט די געסט, זען, אַז זיי זאָלן זיך ווילן און זאָלן באַקומען נאָכן פאַרלאַנג און צו דער רגע געטראַנקען און מאכלים. נאָר די באָרד איז ביי אים געווען שיין צוגעשוירן און פאַרקעמט.

פאַר צוועלף האָט דער גראַף געגעבן אַ צייכן און די וועלף האָבן אָנגעהויבן צו וואָיען, די בערן צו ברומען, די סאָוועס צו קלאָגן, די הירשן צו שפּרינגען, די יאַשטשערקעס צו קריכן און די שלאַנגען צו סיקען און זיך דרייען און קאָרטשען. דאָס זענען געווען די מינוטן פון דער העכסטער באַגייסטערונג און תענוג.

און אָט האָט דער ווייזער אויף דעם גרויסן זייגער, וואָס אויף דער וואַנט, זיך דערנענטערט צו צוועלף. ער האָט גענומען קלינגען: איינס... צוויי... דריי — ביים צוועלפטן קלונג דאַרפן אַלע פון זיך אַראָפּוואַרפן די חיהשע מלבושים און די מאַסקעס. ס׳הערט זיך דער צוועלפטער קלונג. אַלע טוען זיך אַ כאַפּ אויסצוטאָן די מאַסקעס — נאָר זיי גייען נישט אַראָפּ פון פנים. זיי פּרוּוון פון זיך אויסטאָן די חיהשע פעלן — זיי לאָזן זיך נישט אויסטאָן, ווי די מאַסקעס וואָלטן זיך צו־נויפגעוואַקסן מיט די פּנימער און די פעלן — מיט די גופים. ס׳איז געוואָרן אַ גרויסע בהלה. אַלע האָבן געמיינט, אַז אפשר וועט זיך אינדרויסן אָפּטאָן דער כישוף און זיי זענען אַרויס פון פּאַלאַץ און אָנגעהויבן זיך צו צעלויפן אין אַלע זייטן, ווו די אויגן האָבן זיי געטראָגן.

באַלד האָט זיך אַ ידיעה צעטראָגן איבער דער שטאָט: חיות לויפן אַרום איבער די גאַסן! נישט אַנדערש, נאָר זיי זענען אַרויס פון די נאָענטע וועלדער. דאָס שמעקט מיט גרויס סכנה. האָט יעדער געכאַפּט, וואָס ער האָט שנעלער גע־קענט באַקומען — אַ האַק, אַ לאָפּעטע, אַ שטיק אייזן און איז געלאָפן פאַרטרייבן די חיות צוריק אין וואַלד אַריין.

דער גביר איז געווען פאַרצווייפלט. וואָס איז דאָ געשען? ווי אַזוי זענען פּלוצים זיינע געסט געוואָרן חיות? די וועלט וועט דאָך אים נישט וועלן דאָס גלייבן. מ׳וועט זיכער זאָגן, אַז דאָס איז עפּעס אַ שפּיצל, אַז ער האָט בכיוון די אַלע חשובע לייט צו זיך פאַרנאַרט, כדי פון זיי צו מאַכן חוזק, כדי פון זיי צו מאַכן אַ תל. ווייניק בלבולים האָט מען שוין אויסגעטראַכט אויף יידן? (יעדעס מאָל, ווען דער גביר פילט איבער זיך לויערן אַ געפאַר דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז אַ ייד).

מען קען דאָך די געסט נישט לאָזן סתם אַזוי טרייבן אין וואַלד אַריין. מען מוז נאָכגיין זען, וואָס זיי טוען. אפשר וועט זיך באַלד ענדיקן דער כישוף און ס׳וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ס׳איז געווען בלויז אַ חלום, צי אַן אויגן־פאַרבלענדע־ניש? — ער איז אַריין אין וואַלד, ער האָט געזוכט די געסט און דערביי גערופן:

ישראל אַשענדאָרף

— הער גראַף!
— הער געהיימראַט!
— הער דירעקטאָר!

קיין מענטשלעך קול האָט נישט אָפּגעענטפערט. דערפאַר האָט ער געהערט פון אַלע זייטן אַ ברומען, אַ וואָיען פון חיות.

דעם גביר איז פּלוצים איינגעפאַלן: דאָס מוזן דאָך נישט דווקא זיין זיינע געסט, נאָר טאַקע אמתע ווילדע חיות. ווי אַזוי וועט ער קענען אונטערשיידן די פון יענע? — ער קען זיך דערנענטערן צו אַן אמתן וואָלף אָדער אַ בער — און ס׳איז אַ סוף צו אים. ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוגיין פון וואַלד.

ער איז געגאַנגען און געגאַנגען. געדאַרפט האָט ער גיין אויפן וועג, וואָס פירט צוריק צום פּאַלאַץ, נאָר אין דער פינצטער האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אינעם וואַלד, איז ער אַריין אין אים נאָך טיפער. ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין שטעכיקע קוסטעס, אומגעפאַלן איבער שטאַמען פון אויסגעהאַקטעביימער, אַריין איבער די קני אין נאַסן מאָך — איז געוואָרן אויסגעשעפּט פון די כוחות און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז אָט פאַלט ער אַוועק און הייבט זיך שוין מער נישט אויף.

נאָר פּלוצים האָט ער דערזען צווישן די ביימער אַ שיין. איז עס אויך אַ פאַרבלענדעניש, צי קומט זי פון עפּעס אַ שטוב? ער האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון דער שיין. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און ער האָט זיך דערזען פאַר אַ שטיבל. פון וואַנען נעמען זיך דאָ אַהער מענטשן? וואָס טוען זיי דאָ? זענען עס נישט קיין גזלנים? אַנשטאָט אים צו געבן הילף, קענען זיי אים הרגענען. מ׳דאַרף זיין פאָרזיכטיק. מ׳דאַרף אַ קוק־טון אין פענצטער.

ער האָט צוגעשלייכט צום פענצטער, אַ קוק־געטון — אָ, גאָט! וועמען זעט ער דאָ? איז ער ביי די קלאָרע געדאַנקען? דאָס פּנים פון דער פרוי, וואָס ער זעט דאָרטן, איז דאָך אין גאַנצן ענלעך צום פּנים פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי אין די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה. זי איז דאָך נישט אויפגעשטאַנען תחית המתים. ער האָט דאָך אַליין געזען, ווי זי איז געשטאָרבן און ווי מען האָט זי מקבר געווען. אין דער דאָזיקער נאַכט קומען מיט אים פאַר משונהדיקע זאַכן. אָבער דאָס, וואָס ער זעט איצט, — איז אויסטערלישער פון אַלץ, וואָס ס׳איז געשען.

די טיר פון צווייטן צימער האָט זיך געעפנט און ס׳איז אַריינגעקומען — דער יונגער מאַן, וועלכן ער האָט דעמאָלט געכאַפּט ביי זיך אין פּאַלאַץ. יאָ, ער האָט אים גלייך דערקענט. ער האָט נישט קיין טעות. מיטאַמאָל האָט דעם גביר אַ בליץ־געטון אַ מחשבה אין מוח: די דאָזיקע פרוי איז זיין טאָכטער! זי האָט באַקומען אַ מענטשלעך פּנים, דער מוטערס!

ער איז שוין נישט מער געווען מיד און פאַרצווייפלט. אַ גרויסע שמחה האָט אים אַרומגעכאַפּט. ער האָט צוריקגעפונען זיין טאָכטער און דערצו — מיט אַ מענטשלעך פּנים. זאָל זי אים אויפנעמען ווי זי וועט וועלן — ער האָט אַ ריס־

געטאָן די טיר און איז אַריין אין שטיבל. די טאָכטער מיטן יונגן מאַן זענען געבליבן שטיין געפּלעפּטע, דערשראָקענע. דער גביר האָט אַרומגעכאַפּט זיין טאָכטער, אויך דעם יונגן מאַן, זיי געדריקט אין זיינע אָרעמס, זיי געקושט און געהאַלדזט און געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן:

— קינדער מיינע, ווען האָב איך נאָך אויף דער וועלט אַחוץ אייך? אַלע מיינע גוטע פריינד האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר חיות און איר זענט די איינ־ציקע מענטשן געבליבן. איך דאַרף נישט מער מיין פּאַלאַץ, מיין גאָלד און זיל־בער, מיינע וועלדער און פעלדער — איך דאַרף בלויז אייך!

און ווי ער האָט דאָס פאַרענדיקט צו זאָגן, האָט ער דערפילט, אַז זיין גוף נעמט זיך אים אונטער די מלבושים צו ענדערן. ער האָט אויפגעריסן דעם ראָק, דאָס העמד און האָט דערזען, אַז ער האָט באַקומען אַ מענטשלעכן גוף, אַז ער איז געוואָרן אויס חזיר...

און ווען די מעשה האָלט ביי כלו טוב,
איז אפשר טאַקע איצט אַ יושר
זיך אָפּצושטעלן און צו זאָגן: סוף —
מען איז נישט זיכער מיט אַן עושר...

די מעשה האָב איך ווי אַ קינד געהערט
דערציילן פון דריי אַלטע ווייבער
איך האָב נאָך אויך אַ ביסל צוגעקלערט,
ווי ס'איז די טבע פון אַ שרייבער.

דער מענטש מיטן אינטערעסאַנטן פּנים

מענטשן זענען אויף אים גלייך אויפמערקזאַם געוואָרן, וויבאַלד זיי האָבן אים דערזען. דאָס איז געווען צוליב זיין אינטערעסאַנטן פּנים: אַ טיפער שטערן, בלויע אויגן, אַ געבויגענע, אײדעלע נאָז, דאָס מויל געשניטן, ווי דער מיטן פון אַ פידל. מען האָט באַלד אַ טראַכט־געטון: אַ פּאָעט, אַ קאָמפּאָזיטאָר, אַן אַקטיאָר, אַ מאָלער — אויף יעדן פאַל: אַ קינסטלער.

ער איז אָבער געווען אַ שוסטער. אַפילו נישט קיין גרויסער מומחה אין זיין פאַך, ווי די באַוווּנדערערס זיינע האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער איז בלויז אַ שוסטער, האָבן זיי זיך אַלץ נאָך נישט אונטערגעגעבן. זיי האָבן זיך געזאָגט, אַז מסתּמא האָבן אים די שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען געטריבן זיך צו נעמען צו דעם דאָזיקן פאַך. אָט ווייסט מען, אַז אַ סך קינסטלער, וואָס האָבן געטון אַפילו שוואַרצע אַרבעט, געהונגערט — האָבן דערביי געשאַפן גרויסע ווערק פאַר דער מענטשהייט, וועלכע האָבן זיי באַרימט געמאַכט אויף אייביק.

ער אַליין האָט קודם לגמרי נישט געחלומט צו ווערן אַ קינסטלער. ער וואָלט זיך אפשר געווען אויסגעלעבט אַלע זיינע יאָרן רויִק און בשלום מיט זיין האַרבן גורל, אָבער מענטשן האָבן אים נישט געגעבן קיין רו. זיי זענען סוף־כּל־סוף אויך נישט שולדיק געווען. דאָס פּנים זיינס האָט געמאָנט ביי זיי — האָבן זיי שפּעטער ביי אים געמאָנט.

ס'זענען אָבער אויך געווען אַנדערע מענטשן, וואָס בעת זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ שוסטער, האָט עס אויף זיי גאָר אַנדערש געווירקט. דאָס האָט זיי פאַרדראָסן, זיי זענען אויף אים בייז געוואָרן גלייך ווי ער וואָלט געווען אַן אָפּנאַרער, אַ שווינדלער, וואָס שטעלט אויס אַ וועקסל און באַצאָלט אים נישט. זיי האָבן געוואָרטשעט:

— זעט נאָר, וואָס פאַר אַ פּנים דער שוסטערוק פאַרגינט זיך צו האָבן!

נישט אַנדערש, נאָר ווי ער וואָלט געווען דאָס פּנים זיינס ביי עמעצן צו־געגנבעט בעת יענער איז געלעגן און געשלאָפן און עס אָנגעטאָן זיך...

צוליב דעם פּנים זיינעם האָט ער אויך געהאַט אויסצושטיין צרות פון זיין

באַלעבאָס, ביי וועמען ער האָט געאַרבעט. יענער איז אויך אַמאָל געווען אַ שוסטער, אָבער ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, האָט אַן אייגן פאַבריקל און אַרבעט שוין נישט מער, נאָר פירט די עסקים. ער פרוווט מיט אַלע מיטלען זיך אויסצואיידלען. קליידט זיך אין שיינע אַנצוגן, טראָגט אָריגינעלע קראַוואַטן, אָבער ווי אַלץ וואָלט פון אים אַראָפּגעווייִנט. מען דערקענט אויף אים סיי ווי דעם שוסטער. דערפאַר, בעת ס׳קומט אַריין אין פאַבריק עפּעס אַ נייער מענטש — אַ סוחר, צי אַ מעקלער — דערזעט ער גלייך דווקא אים און ער פרעגט דעם באַלעבאָס:

— ווער איז עס דער, וואָס זיצט דאָרט?

הגם דער באַלעבאָס כאַפּט זיך גלייך וועמען דער גאַסט מיינט, פרעגט ער:

— ווער? וועמען מיינט איר?

דער גאַסט ווייזט אַן אויף אים.

— אַ, יענער... מיינער אַן אַרבעטער, ווי אַלע...

נאָך אַזאַ פאַל ווייסט ער שוין, אַז דער באַלעבאָס וועט געפינען שנעל אַ תירוץ ווי אַזוי אין אים זיך נוקם צו זיין דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. ער וועט אים פאַרבראַקירן אַ שטיקל אַרבעט, אָדער וועט אים סתם פאַרטשעפּען מיט אַ וואָרט פון חוזק.

מיט דער צייט האָט ער אַליין אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז אפשר זענען טאַקע לייט גערעכט. אפשר איז ער טאַקע נישט קיין פשוטער מענטש, נאָר ער האָט אין זיך אַ פאַרבאָרגענעם טאַלאַנט וועלכן מען דאַרף קומען און אַנטדעקן. אַזוי ווי מען איז צו אים נישט געקומען, האָט ער באַשלאָסן אַליין צו פּרוּוון דאָס מזל. ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע לידער און זיך געווענדט צו אַן אָנגעזעענעם דיכטער, אַז ער זאָל זיי אָפּמבינען. דער דיכטער האָט אַ זופּ־געטון די ערשטע שורות, זיך פאַרקרומט ווי פון אַ ביטערן געטראַנק און אים געזאָגט:

— נישט כדאי ווייטער צו שרייבן!

באַלד האָט ער אָבער צוגעגעבן:

— וואָס פאַר אַן אינטערעסאַנטן פּנים איר האָט!

אין זיין קול האָט זיך געפילט נישט נאָר פאַרוווּנדערונג, נאָר אויך פאַרדראָס און קנאה. ער אַליין, דער באַרימטער דיכטער, האָט אויסגעזען ווי אַ שוסטער.

האָט ער זיך געווענדט צו אַ דירעקטאָר פון אַ טעאַטער מיט דער בקשה, אַז ער וויל ווערן אַן אַקטיאָר. דער דירעקטאָר האָט אים געהייסן עפּעס פאַרלייענען, אָדער אָפּשפּילן אַ סצענע פון אַ באַקאַנטער דראַמע. ער האָט עס געטון און דער דירעקטאָר האָט אַן אַנטוישטער צו אים געזאָגט:

— לידער... לידער קען איך אייך נישט אָנגאַזשירן אַלס אַקטיאָר. איך

וואָלט אָבער אויך גערן גענומען פאַר אַ סטאַטיסט. אַזאַ פּנים ווי אייערס איז פאַר דער בינע.

ער איז אויך געווען ביי אַ מאָלער. געוואָלט זיך לערנען ביי אים מאָלן. יענער האָט אים אויסגעפּרוווט און אָפּגעפּסקנט, אַז ער האָט נישט קיין טאַלאַנט צו מאָלעריי. איין זאַך בעט ער יאָ ביי אים: ער זאָל פאַר אים פאָזירן פאַר אַ פּאָרטרעט. אַן אינטערעסאַנט פּנים!

מער איז ער שוין נישט געגאַנגען צו קיינעם, אַז מען זאָל אים אַנטדעקן. די מענטשן האָבן אָבער פון דעם אַלעמען נישט געוואָלט וויסן און ביי אים אַלץ געמאָנט. ס'איז ווי צו אַ מענטשן וואָס האָט אַ מום. בעת ער גייט אין גאַס — דרייען זיך גלייך אויס צו אים די בליקן פון די פאַרבייגייערס. זיי ווערן גלייך אויף אים אויפמערקזאַם. ער האָט, חלילה, נישט קיין מום. פאַרקערט: ער האָט אַ פּנים, וואָס מאַכט אים נאָך אינטערעסאַנטער פון אַנדערע. פונדעסטוועגן פילט ער זיך נישט גוט, ווען מען קוקט אויף אים. אים דאַכט זיך, אַז אַלע האָבן אַ חשד, אַז ער האָט עס נישט באַקומען אויף אַן ערלעכן אופן...

צווישן די, וואָס האָבן באַוווּנדערט זיין פּנים, האָבן אויך נישט געפעלט קיין פרויען. געווען אַזעלכע, וואָס בעת זיי האָבן אים צום ערשטן מאָל דערזען, זענען זיי געוואָרן נייגעריק צו וויסן ווער ער איז און זיך מיט אים באַקענען. ווען זיי האָבן געשטילט דעם ערשטן נייגער, האָבן זיי זיך גלייך אָפּגעקילט. נישט בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער איז נישט מער ווי אַ פּשוטער שוסטער, נאָר אויך צוליב דעם, ווייל די שיינקייט פון זיין פּנים איז געווען אַ צו־סאָלידע, צו אַן ערנסטע. מען קען זיך טאַקע פון זיין פּנים אַנטציקן, אָבער מען קען פון אים נישט דערוואַרטן קיין שום אויפברויזן און נישט קיין איבערראַשונגען.

ס'האָט זיך געפונען אַ מיידל, וואָס האָט אים אַנגעהויבן נאָכצוגיין. ווער ווייסט, וואָס זי האָט אין אים דערזען. קען זיין, אַז צוליב דעם, וואָס זי איז געווען אַ שניידער־מיידל. זי האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן, ווען זי איז אַלט געווען צוועלף יאָר. תמיד פאַרזינקען אין דער גרויער וואָך, האָט זי אין זיין פּנים געפילט עפּעס יום־טובדיקס. געוואָלט אים האָבן אין שטוב, אַזוי ווי אַן אָרעמאַן האַלט אַ בראַשקע, אַ קעסטעלע, אַ צאַצקע, וואָס טיילט זיך באַזונדער אויס פון אַלע זיינע אַנדערע גרויע זאַכן.

זי איז אים אויך געפעלן. ער איז דאָך שוין נישט קיין יונגער מאַן, איז אין די העכערע דרייסיקער. ווי לאַנג וועט ער נאָך וואַרטן? ער האָט שוין אַפילו געקלערט פון אַ חתונה. נאָר איין מאָל שטעלט אים אָפּ דער שכן פאַר דער טיר און פרעגט אים:

— וואָס מאַכט איר עפּעס?

— נישטאָ קיין נייעס.

— פונדעסטוועגן שמועסט מען, אַז אַט וועט זיך הערן ביי איך נייעס.
— וואָס מיינט איר?
— נו, מיט דעם מיידל, מיט וועלכן איר גייט לעצטנס...
— אַהאַ...
— יאָ. אַ שכנטע האָט איך געזען גיין מיט איר אין גאָרטן. וואָס איז זי פון פאַך?
— אַ שניידערין.
— זי האָט טאַקע געזאָגט, אַז מסתמא איז זי אַן אַרבעטערין...
שפּעטער מיט עטלעכע טעג, האָט אים אין גאַס באַגעגנט אַ באַקאַנטער.
— דו מיינסט טאַקע ערנסט מיט דעם מיידל? — האָט אים יענער געפרעגט.
— איך ווייס? — אפשר יאָ.
— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת: דיר פּאַסט אַפילו אַ שענערע. דאָס הייסט נישט, אַז זי מוז דווקא זיין שענער, אָבער זי דאַרף אַנדערש אויסזען... אַז איר גייט צוזאַמען — קלעפּט זיך עס עפּעס נישט... נאָר מילא, אויב זי געפעלט דיר — זאָל זיין מיט מזל...

ער האָט טאַקע מיטאַמאָל דערזען, אַז זי האָט צו אַ פּראָסט אויסזען. ער איז מיט איר דאָך געגאַנגען, אָבער בלויז הינטער דער שטאָט, כדי באַקאַנטע זאָלן אים נישט באַגעגענען צוזאַמען מיט איר. דערנאָך האָט ער בכלל זי געפּרווט אויסמיידן. זי האָט געוואָלט וויסן וואָס ס'איז געשען. פאַרוואָס ער האָט זיך געביטן, נאָר ער האָט איר נישט געענטפערט אויף אירע פראַגן. ער האָט פּשוט נישט געוווסט וואָס איר צו ענטפערן. וואָס ווילן פון אים די מענטשן?

איין מאָל איז זי אַרויס קעגן אים מיט שאַרפע טענות. זי האָט געשריגן, געדראָעט. ער האָט אומבאַהאָלפן געשוויגן. פּלוצים האָט זי אַרויסגעכאַפּט אַ פלעשעלע פון איר טאָרבעלע — און אים אַ גאָס־געטון אין פנים.

מען האָט אים גענומען אין שפּיטאָל אַריין. ער איז דאָרט געלעגן עטלעכע וואָכן. זי האָט געוואַכט ביי זיין בעט. האָט אים געבראַכט פון אַלעם גוטן. צום גליק איז די פליסיקייט נישט געווען אַזאַ שעדלעכע. ער איז אַרויס בלויז מיט עטלעכע פלעקן.

דאָס האָט אָבער פונדעסטוועגן געביטן זיין פנים. ס'האָט שוין מער נישט אויסגעזען אַזוי אינטערעסאַנט. ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט דעם מיידל און איז מיט איר געגאַנגען אין גאַס, האָט זיך שוין קיינער מיט אים מער נישט פאַר־נומען. ענדלעך האָבן די מענטשן אים געלאָזט צורו.

כ׳ענע די סירענע

— כ׳ענע!

— כ׳ע — נע!

— כ׳ענע קלאַץ!

אַזוי פלעגט מען איר כסדר רופן אין דער שטוב ווו זי האָט געדינט. אַזוי האָט איר גערופן דער באַלעבאָס, נאָך אָפטער — די באַלעבאָסטע און די מיידלעך: אַפילו דער קליינער יאָסעלע וואָס האָט קוים געקענט רעדן, פלעגט שרייען צו איר, ווי ער האָט עס געהערט פון די גרעסערע, נאָר מיט זיין קינדערישער אויסשפּראַך:

— יענע קיאַץ...

און פאַרוואָס האָט מען זי טאַקע נישט געזאָלט רופן „קלאַץ״, ווען זי האָט אַזעלכע פיס? — אירע פיס זענען גראָבע און רויטע, די פינגער פון די פיס — מיט הינעראויגן און ווינטערביילן. אויסער דעם זענען זיי ביי איר כסדר פאַר־שטאָכן פון אַ שפּענדל, צי פון אַ שטיקל גלאָז. ס׳ציט אָן אַ געשוויר. זי הינקט און זי קרעכצט.

אויב זי האָט אַ מאָל אַ ביסל פרייע צייט, פּרוווט זי אָנטאָן אַ פּאָר שיך. פון די שיך האָט זי אָבער ווייניק נחת. דאָס זענען שיך געשענקטע פון דער באַלע־באָסטעס מיידלעך און זענען, פאַרשטייט זיך, צו ענג אויף איר. זי האָט אָבער נישט קיין אַנדערע. איז געגנוג, אַז זי זאָל אין זיי מאַכן איין שפּאַציר און זי זאָל אין משך פון עטלעכע טעג קוים קענען שטעלן אַ טריט.

דעם שפּאַציר מאַכט זי איבער דעם שטעטל. שפּעטער לאָזט זי זיך צום פּאַראַיין, ווו ס׳קומען זיך דעמאָלט צונויף די יינגלעך מיט די מיידלעך. דאָרט שפּילט איצט דער ראַדיאָ, צי אַ פּאַטעפאָן און מ׳טאַנצט. ס׳איז נאָך קיינמאָל קיי־נעם פון די יינגלעך נישט איינגעפאַלן זי צו פאַרבעטן טאַנצן. זיצט זי אַזוי און קוקט זיך צו ווי ס׳טאַנצן אַנדערע. די פּאָרלעך דרייען זיך, שוועבן פאַר איר פאַרביי און פאַרשווינדן. ווי וואָלט זי זיך געפילט אין די אָרעמס פון אַ יינגל? — מיט זיין רעכטער האַנט האַלט ער איר לינקע און די לינקע זיינע, איז אַרום איר

טאַליע. זיין פּנים איז אַזוי נאָענט צו אירן און זי פילט זיין הייסן אָטעם. דאָס איז דאָך נישט אויסצוהאַלטן! ווי קען מען זיך נאָך דעמאָלט דרייען אַזוי צום טאַקט?

בעת זי פלעגט אַ מאָל בלייבן אַליין אין שטוב, האָט זי געפּרווט טאַנצן. גענוג געווען, זי זאָל זיך עטלעכע מאָל דורכדרייען, אַז דער קאָפּ זאָל איר ווערן שווער און ס'זאָל איר נעמען שווינדלען פאַר די אויגן. זי האָט דעריבער בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס מאַכן די פּאָרלעך. אפשר, ווען מען טאַנצט צוזאַמען מיט אַ יינגל, פאַרשאַדט עס נישט. קען זיין.

איין מאָל האָט דעם באַלעבאָס' מיידל סאַבינע זי געכאַפּט ביי אַזאַ מין דרייען זיך אַליין איבער דער שטוב. ס'האָט איר אויסגעזען אַזוי קאָמיש, אַז זי האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער. כ׳ענע איז רויט געוואָרן און זיך געפּרווט פאַרענטפערן:

— אַליין איז שווער צו טאַנצן...

— אויב אַזוי, קום טאַנצן מיט מיר — האָט סאַבינע געזאָגט. ס'איז געווען שווער צו וויסן, צי זי וויל עס טון מחמת רחמנות, אָדער זי וויל פשוט פון איר חוזק מאַכן.

סאַבינע האָט זיך פאַר כ׳ענען פאַרנייגט, מעשה קאַוואַליר, ווי ס'מאַכט אַ יינגל בעת ער לאַדט איין אַ מיידל צום טאַנץ. זי אָנגענומען פאַר דער טאַליע און זי אַ שלעפּ־געטון מיט זיך. כאָטש דאָס האָט געטון אַ מיידל און נישט קיין יינגל, פון דעסטוועגן איז כ׳ענען געוואָרן הייס אין גאַנצן קערפּער. אַליין פלעגט זי ווי־ס'איז זיך נאָך דרייען אַ ביסל, איצט האָבן די פיס איר אין גאַנצן אָפּגעזאָגט צו פאָלגן. באַלד האָט סאַבינע זי אָפּגעלאָזט. שווער געאָטעמט, ווי אַ מענטש, וואָס האָט אויפגעהויבן אַ לאַסט אַ שווערע איבער די כוחות און זיך געבייזערט:

— האָסט מיר צעטרעטן די פיס! האָסט מיר צעקוועטשט די שפּיצן פון די שיך! קלאָץ! כ׳ענע קלאָץ!

פון דעמאָלט אָן האָט זי אויפגעהערט צו קומען אין פאַראיין. זי האָט אויסגעזוכט אַן אַנדער אָרט וווהין צו גיין בעת זי האָט געהאַט פרייע צייט. זי פלעגט גיין צו נעכען דער געליימטער. נעכע איז געלעגן געליימט זינט יאָרן. זי האָט געהאַט אַמאָל אַ מאַן און קינדער. דער מאַן איז געשטאָרבן און די קינדער זענען ערגעץ איבער ווייטע ימים און לאָזן פון זיך נישט הערן. די ווייבער פון שטעטל פלעגן איר אַריינטראָגן יעדעס מאָל עפּעס איבערצוכאַפּן. אַזוי ווי ס'פלעגט זיך מאַכן, אַז מען האָט אַ מאָל אין איר פאַרגעסן, פלעגט דעריבער כ׳ענע גלייך ביים אַריינקומען זי פרעגן, צי זי האָט היינט עפּעס געהאַט אין מויל. אויב נישט — האָט זיך כ׳ענע נישט געפוילט און פאַר איר געלט עפּעס אָפּגעקאָכט פאַר דער געליימטער. אַ ביסל קאַרטאָפל, אַ קאַשע, צי אַ זופּ. נעכע האָט גאָרנישט בעקענט אָפּלויבן כ׳ענען:

— דו ביסט, קיין עין־הרע, אַ מיידל אַ ברען, כ׳ענע. ערשט געקומען און

שוין ביסטו געווען אין קראָם און שוין האָסטו אָפּגעקאַכט אַ מאכל — טעם גן־עדן! דו גייסט נישט, נאָר דו פֿליסט!

כיענע האָט אויסגעהערט נעכעס רייד און איר פּנים האָט געפֿלאַמט פֿאַר פֿרייד. ווען זי וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט זי צוגעפֿאַלן צו דער געליימ־טער און איר אויסגעקושט יעדעס אבר. זי האָט נאָך פֿון קיינעם אויף דער וועלט אַזעלכע ליבע ווערטער נישט געהערט. נעכע איז דאָך טאַקע גערעכט. ווי לייכט און גרינג זי פֿילט זיך דאָ ביי איר אין שטוב. זי איז דאָ גרייט צו טאַנצן און צו שפּרינגען. זי שעמט זיך אָבער פֿאַר נעכען. וואָס וועט זי פֿון איר קלערן?

נאָכן עסן נעמט נעכע איר דערציילן פֿאַרשיידענע מעשיות פֿון אירע מיידל־יאָרן. ווי די ייִנגלעך פֿלעגן איר נישט געבן קיין רו. דערנאָך, וועגן איר מאַן, עליו־השלום, ווי זי איז פֿאַר אים אַ כּלה געוואָרן און חתונה געהאַט. ווי זי איז געגאַנגען אין מקווה און פֿאַרגאַנגען אין טראָגן — נישקשה, זי מעג דאָס וויסן. זי איז אַ ייִדישע טאָכטער — ס׳וועט איר, אם־ירצה־השם, אין גיכן צונוצקומען.

און שפּעטער דערציילט איר נעכע וועגן נישט־גוטע, וועגן שדים און רוחות און שרעטעלעך. ווייל זיי וויסן, אַז זי קען זיך נישט רירן פֿון אָרט — שאַלטן זיי און וואָלטן ביי איר אין שטוב. זיי קומען אַראָפּ דורכן קוימען. זיי קריכן אין אַלע ווינקעלעך. זיי טאַנצן אויפֿן טיש. עפּעס איינער אַ שד מיט אַ ציגן בערדל האָט זי אַפֿילו פֿאַרטשעפּעט. פֿע, חמור־אייזל, שעם דיך! — האָט זי אויף אים אָנגעשריגן. וואָס קריכסטו צו אַלטע ייִדענעס? אַלע אַנדערע שדים האָבן זיך צעכיכיקעט אויפֿן קול און יענער האָט זיך מיט בושה אָפּגעטראָגן.

כיענע הערט אויס נעכעס מעשיות אַ דערשטוינטע און אַ דערשראָקענע. פּלוצים טוט זי אַ פֿרעג:

— און מיידלעך זענען אויך דאָ צווישן די רוחות?

— אוודאי, אַוודאי זענען דאָ אויך שדיכעס. נפֿקאָס. זיי קומען אָבער נישט צו מיר. זיי זיצן אין די וועלדער, אין די טייכן, אין די ברונעמס.

וועגן די מיידלעך, די שדיכעס האָט כיענע דווקא געוואָלט וואָס מער וויסן, נאָר נעכע אַליין האָט וועגן זיי ווייניק געוווּסט. האָט כיענע זיך נישט געקענט איינהאַלטן און וועגן דעם געפּרוּווט אַ מאָל פֿרעגן סאַבינען. זי האָט דאָך געלערנט אין אַ שול און לייענט כּסדר ביכער, אפֿשר ווייסט זי פֿון זיי. סאַבינע האָט זי אָנגעקוקט אַ פֿאַרחידושטע: ווי קומט עפּעס פּלוצים כיענע־קלאָץ זיך צו אינ־טערעסירן מיט יענע באַשעפֿענישן? וואָס גייען זיי איר אָן? ווען כיענע איז אָבער צו איר צוגעשטאַנען און זי געבעטן, אַז זי זאָל פֿאַרט עפּעס וועגן זיי דערציילן, האָט סאַבינע איר אויפֿגעקלערט:

— ס׳זענען דאָ נימפֿעס אין די וועלדער און סירענעס אין די טייכן און ברונעמס. און וואָסערל איז ביי זיי די אויבערשטע העלפֿט פֿון קערפּער, ווי פֿון אַ מענטשן און די אונטערשטע — ווי ביי אַ פֿיש. דאָס זענען אָבער פֿאַנטאַס־

טישע געשטאַלטן אין מעשהלעך פאַר קינדער און פאַר אַזעלכע פּראָסטע ברואים ווי דו! אַ געבילדעטער מענטש גלייבט נישט אין אַזוינע נאַרישקייטן!

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס סאַבינע האָט געוואָלט צונישט־מאַכן אין אירע אויגן די אַלע שדיכעס, האָט זי פונדעסטוועגן נישט אויפגעהערט צו גלייבן, אַז זיי זענען פאַראַן. פאַרוואָס־זשע האָט פון איר סאַבינע אָפּגעהוזקט? — מחמת גאווה. זי האָט נישט געוואָלט, אַז אַ פּשוטע דינסט זאָל זיך דערוויסן פון אַזעלכע סודותדיקע באַשעפענישן, נישט האָבנדיק געלערנט אין אַ שול און נישט האָבנדיק געלייענט ביכער. זי פאַרגינט איר נישט, אַז ס'זאָל איר אָנקומען אַזוי לייכט.

אין חלום האָט זי יאָ אַמאָל געזען שדים און רוחות, אָבער ווען זי שטייט אויף אינדערפרי, געדענקט זי דערפון כמעט גאָרנישט. דער עיקר וואָלט זי געוואָלט אַ מאָל זען אין חלום אַזאַ סירענע, ווי סאַבינע האָט זי אָנגערופן, אַזאַ מיידל, וואָס איז האַלב־מענטש און האַלב־פיש. איר חלומען זיך בסדר אַזעלכע משונהדיק־אויסטערלישע חלומות. אָט, למשל, חלומט זיך איר, אַז זי געפינט זיך אויף אַ הויכן טורעם. זי גייט אַראָפּ אויף טרעפּן, נאָר פּלוצים ענדיקן זיי זיך. קיין וועג אויף צוריק איז נישטאָ, זי מוז גיין בלויז אַראָפּ. גיט זי אַ שטעל־אַראָפּ אַ פוס אין חלל און זי פאַלט, פאַלט אין תהום — און וועקט זיך אויף. אַ מאָל דאַכט זיך איר, אַז זי פאַרלייגט די פיס אונטער זיך און אַזוי פליט זי איבער דער ערד. ס'איז דאָך באמת אַ חידוש: בייטאָג איז איר אַפילו דאָס גיין אַזוי שווער, זי שלעפּט זיך קוים אַרום אויף די פיס, אָבער ביינאַכט, אין דעם שלאָף — קלע־טערט זי און קען אויך פליען.

אין חלום זעט זי אויך אַ מאָל איינעם אַ בחור. ער איז סאַבינעס אַ חבר און טאַקע אויך אירער אַ פאַרערער. פון אַלע יינגלעך, וואָס קומען אין דער שטוב, געפעלט ער איר צום מערסטן. ווען ער איז אין שטוב, קען זי פאַר זיך קיין אָרט נישט געפינען. דעמאָלט טרעפט זיך אָפט, אַז זי גיסט עפּעס אויס, אַז אַ טעלער גליטשט זיך אַרויס פון אירע הענט און צעברעכט זיך און נאָך ענלעכע אַזעלכע זאַכן. איין מאָל, בעת ער איז געקומען אין שטוב און האָט אויפגעהאַנגען זיין מאַנטל אין קאָרידאָר, האָט זי בגנבה פון אים אָפּגעריסן אַ קנעפּל, וועלכעס זי האַלט באַהאַלטן בסוד צווישן אירע זאַכן, ווי אַ קמיע.

וואָס שייך דעם דאָזיקן בחור, איז איר אָבער אויסגעקומען איין מאָל צו איבערלעבן אַ גרויסע אַנטוישונג. געשען איז עס אַזוי:

אין איינעם אַן אָוונט, בעת זי איז געשטאַנען אין קיך און געשיילט קאַרטאָפל פאַרן נאַכטמאָל, האָט זי פּלוצים געהערט אַ שטאַרק געלעכטער פון גרויסן צימער. אָט דערקענט זי דאָס געלעכטער פון סאַבינען, פון באַלעבאָס און אָט מישט זיך אַריין אויך דאָס געלעכטער פון די געסט. זי איז נייגעריק צו וויסן פאַרוואָס אַלע לאַכן דאָרט. זי דערנענטערט זיך צו דער טיר, וואָס פירט אין יענעם צימער, עפנט זיך אַ ביסעלע און קוקט אַהין אַריין. זי זעט: דער בחור פון וועמען זי קלערט

אַזויפיל, נאָך וועמען איר האַרץ גייט אויס, שטעלט שווערע טריט, שפּאַנט אומ־געלומפּערט איבער דעם צימער און אַלע קייכן פאַר געלעכטער. אַט הערט זיך סאַבינעס קוויטשנדיק קול:

— כיענע קלאַץ! פּונקט ווי כיענע, ס'זאָל פעלן אַ האָר!

הייסט עס, אַז דאָס לאַכט מען אַזוי פון איר און ווער איז דערצו דער, וואָס קרימט איר נאָך — ער, איר — איר — זי איז געבליבן שטיין אַ פאַרשטאַרטע. באַלד האָט זי אָבער דערפילט, ווי אַ האַנט כאַפּט-אָן פעסט איר אָרעם:

— וואָס שטייסטו און גלאָצסט אַהין אין צימער? וואָס גייט דיר אָן, וואָס דאָרט טוט זיך? אין פעסל איז שוין נישטאָ קיין טראָפּן וואַסער — נעם די קאַנען און גיי צום ברונעם!

דאָס איז געווען די באַלעבאָסטע, וואָס איז געקומען פון דער גאַס און זי געכאַפּט ביים אַריינקוקן בגנבה אין צימער. פאַר גרויס צעטראָגנקייט האָט כיענע אַפילו נישט געהערט, ווען זי איז אַריינגעקומען אין קיך.

כיענע האָט שנעל אַ נעם-געטון די קאַנען און איז אַרויס אויפן הויף צום ברונעם. זי האָט אָבער נישט צוגעבונדן די קאַן צו דער קייט, כדי אַזוי אַרום אַראָפּצולאָזן אין דער טיף פון ברונעם אויף אָנצושעפּן וואַסער. נאָר האָט די קאַנען אַוועקגעשטעלט ביים ברונעם, אַוועקגעזעצט זיך אויפן ראַנד פון ברונעם און אָנגעהויבן וויינען אויפן קול.

פּלוצים האָט כיענע דערזען ווי פון ברונעם הייבט זיך אַרויס אַ קאָפּ פון אַ מיידל. אַ מיידל — זייער אַ שיינע, מיט בלאָע אויגן און מיט לאַנגע צעפּלאָסענע האָר. זי האָט זיך זייער דערשראָקן און האָט געפרעגט דעם מיידל:

— פון וואַנען קומסטו אַהער?

— פון ברונעם.

— פון ברונעם?! — האָט כיענע געפרעגט פאַרחידושט — אין ברונעם קענען דאָך מענטשן נישט וווינען.

— נאַ, זע! — האָט געזאָגט דאָס מיידל און זיך אין גאַנצן אַרויסגעהויבן פון ברונעם. כיענע האָט דערזען, ווי דער צווייטער טייל פון איר קערפּער איז ווי ביי אַ פיש.

— אוי, דו ביסט דאָך אַ סירענע! — האָט כיענע אויסגעשריַען און איז שיער נישט אַוועקגעפאַלן פאַר שרעק אין חלשות.

— יאָ, האָסט געטראָפן. איך בין טאַקע אַ סירענע. דו האָסט געוויינט און דיינע טרערן זענען געפאַלן אין ברונעם אויף מיין גוף און מיר געברענט די הויט ווי מיט זידנדיקע טראָפּנס. בין איך אַרויף אויבן, כדי צו זען ווער ס'וויינט אַזוי שטאַרק.

— און סאַבינע, דער באַלעבאַסטעס מיידל, האָט געלאַכט פון מיר, ווען איך האָב זי געפרעגט צי ס׳זענען אויף דער וועלט באמת פאַראַן סירענעס.

— סאַבינע וועט מיך טאַקע קיין מאָל נישט זען. מען מוז האָבן באַזונדערע אויגן כדי מיך צו זען.

— און איך האָב אַזעלכע אויגן?

— דו האָסט אַזעלכע אויגן און אַזעלכע אויגן האָט אויך נעכע.

— פאַרוואָס דווקא מיר ביידע?

— ווייל נעכע איז געליימט און דו — דו האָסט אַזעלכע פיס... איר ביידע קענט זען סירענעס אין וואַסער און שדים און רוחות אויף דער ערד.

— אוי, איך האָב שווערע פיס — האָט כיענע געזאָגט מיט אַ קרעכץ — איך לייד זייער פון זיי!

— דו מוזסט נישטליידן. ס׳איז דאָ צו זיי אַ מיטל.

כיענע איז אויפגעשפרונגען האַסטיק:

— איך וועל דיר געבן דאָס גאַנצע געלט פון מיין קניפּל, אַבי דו זאָלסט מיר זאָגן דאָס מיטל! איך וועל דיר די טובה קיין מאָל נישט פאַרגעסן!

— איך דאַרף נישט דיין געלט. איך וועל דאָס טון, ווייל איך האָב צוגעזען דיין פּיין. אויב דו ווילסט קענסטו גלייך ווערן אַזאַ סירענע ווי איך.

— גיי, דו מאַכסט פון מיר חוזק. און איך, נאַר, האָב געמיינט, אַז דו ביסט בעסער פון די אַנדערע.

— ניין, איך מאַך פון דיר, חלילה, נישט חוזק. דו האָסט שיינע האָר, אַ שיינעם שטערן, אַ שיינע נאָז, שיינע אויגן — אַלץ איז ביי דיר שיין, נאָר נישט די פיס. טאָ פאַרבייט זיי מיט דעם עק פון אַ פיש און דו וועסט גלייך אַ סירענע.

כיענע האָט אויסגעשריגן:

— אויב דו מאַכסט מיך פאַר אַ סירענע — ווער איך דיין דינסט!

די סירענע האָט אַ שמייכל געטון:

— נאַרעלע, צווישן די סירענעס זענען נישטאָ קיין באַלעבאָסטעס און נישט קיין דינסטן — אַלע זענען גלייך.

— וואָס־זשע דאַרף איך טון, כדי צו ווערן אַ סירענע?

— נישט מער, ווי אַריינשפרינגען אין ברונעם אַריין.

— איך פאָלג דיך שוין. נאָר ווייסטו וואָס? — איך טראָג דאָך סאַבינעס שיך. ווייל איך נישט מיטנעמען אירע שיך מיט זיך. איך וועל זיי אויסטאָן און איבערלאָזן ביים ברונעם.

— ביסט טאַקע באמת אַן ערלעך מיידל — האָט די סירענע געזאָגט — דו קענסט זיי איבערלאָזן. מיר דאַרפן נישט אַזאַ מין זאַך ווי שיך.

כיענע האָט טאַקע אויסגעטאָן די שיך און זיי אַוועקגעשטעלט ביים ברונעם. די סירענע האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן אין ברונעם און צו כיענען געוווּנקען:

— קום! קום, כיענע, כיענע די סירענע!

— כיענע די סירענע! כיענע די סירענע! — האָט כיענע אויסגעשריגן מיט אַנטציקונג און זיך אַ וואָרף־געטון אין ברונעם אַריין.

די שיך האָבן געוואַרט און געהאָפט, אַז כיענע וועט צוריק אַרויפקומען פונעם ברונעם. אַזוי ווי זיי האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן, זענען זיי אַליין אַוועקגעגאַנגען צו איר באַלעבאָסטע און דאָרט אַלעמען דערציילט דאָס וווּנדער ווי פון כיענע־קלאָץ איז געוואָרן כיענע די סירענע.

דאָס פּעלצל

1.

אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, ווען דוד פאַרבער איז אַנטלאָפן פון דער היים פאַר די דייטשן און זיך געלאָזט אין ווייטן וואַנדער, האָט ער געזען, ווי הייזער האָבן געברענט מיט אַ סך מענטשלעך פאַרמעגן, ווי מענטשן האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן זייערע פּעקלעך, צו קענען גיכער אַנטלויפן. אומבאַוועג־לעך פאַרמעגן האָט געהאַט פאַרלוירן יעדן ווערט. אַ סך אַ גרעסערן ווערט האָבן דערפאַר באַקומען באַוועגלעכע פאַרמעגנס: אַן אויטאָמאָביל, אַ וועליסאָפּעד, צי פערד און וואָגן. נישט נאָר וואָס זיי דאַרף מען נישט טראָגן, נאָר זיי טראָגן דעם מענטשן, העלפן אים וואָס שנעלער צו אַנטלויפן אַלץ ווייטער.

מיט יעדן ווייטערדיקן טאָג, מיט יעדן ווייטערדיקן אָרט נאָך דעם אַריבער־גיין די רוסישע גרענעץ, האָט ער אָנגעהויבן צו פילן אַלץ אַ גרעסערע חשיבות פון דער דאָרטיקער באַפּעלקערונג צו זאַכן, ווי זיי וואָלטן מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס סאַמע זיכערסטע, דאָס סאַמע סטאַבילסטע און ווערטפולסטע אויף דער וועלט. ס׳קומען טאַקע פאַר איצט גרויסע געשעענישן, אָבער מע באַקומט זיי נישט אין דער דאָזיקער גרויס ווי זיי ווערן געפאָרעמט. ביז זיי דערגייען צו אַזעלכע פשוטע, גרויע יחידים — זענען זיי שוין צעשטיקלט און צעשטויבט אויף צענדליקער און הונדערטער דריבנע דאגות, מניעות און מאַנגלען מיט וועלכע מע מוז זיך זייער רעכענען.

ער האָט אויך אָנגעהויבן צו דערפילן די חשיבות פון זאַכן. אין די אַלע נייע ערטער האָבן זיי געפעלט אויף אַ מוראַדיקן אופן. די פּליטים וואָס האָבן מיטגענומען זאַכן מיט זיך, האָבן באַקומען פאַר זיי: ברויט, מילך, פּוטער, פּירות, אַ נאַכטלעגער. און ווייל פאַרבער האָט ביי זיך גאָרנישט געהאַט, האָט ער גאָר־נישט באַקומען. נאָך מער: אַזאַ מענטש איז חשוד אויף גניבה און גזלה. מ׳דאַרף זיך פאַר אים היטן, מע טאָר אים איבער דער שוועל נישט אַריבערלאָזן.

ס׳האָט אים אַרומגעכאַפּט דער דאָזיקער פיבער פון זאַכן. אַוודאי האָט ער

זיך נישט געקענט פֿאַרשאַפֿן עפּעס לייטיש, אָבער אַלץ איז געוואָרן אַן עניו. ער דערמאָנט זיך אין אַ משוגענער פּרוי פֿון זיין שטעטל, וואָס פֿלעגט מיט זיך כסדר מיטשלעפּן פּעקלעך און זעקלעך מיט דעם פֿאַרשיידנסטן ברוכוואַרג, וואָס זי האָט געפֿונען. ביי איר איז עס אָבער געווען אַ קראַנקייט און ביי אים איז עס ממש געוואָרן אַ נויטווענדיקייט.

נאָך עטלעכע חדשים האָט ער מיטאַמאָל דערזען זיין פֿאַרמעגן און איז אַליין געבליבן שטיין אַ פֿאַרחידושטער. ער האָט זיך דערוואָרבן אַ פּושקע פֿון קאָנ־סערווען, פֿון וועלכער ער פֿלעגט טרינקען טיי. אַ טאָרבעלע, אין וועלכן ער פֿלעגט האַלטן שטיקלעך ברויט. אַ שטריקל, אַ שפּיגעלע, וואָס די לינקע זייט, די באַזיל־בערטע, איז שוין געווען היפּשלעך אָפּגעריבן, טשוועקלעך (צו וואָס דאַרף ער זיי האָבן?), אַ ליידיק פּודעלע פֿון שוועבעלעך און נאָך אַזעלכע ענלעכע „זאַכן".

אין משך פֿון אַ קורצער צייט, צוליב די כסדרדיקע וואַנדערונגען, צוליב דעם נעכטיקן אויף וואָקזאַלן, פֿעלדער, חורבות, אונטער דער הייסער זון, אונטער רעגן, אין שמוץ און אין בלאָטע, זענען אים די מלבושים ממש צעפֿאַלן געוואָרן. ער האָט געוווסט, אַז צווישן די היגע וועט ער קיין מאָל זיך נישט דערשלאָגן צו אַנדערע מלבושים און ער מוז זיך באַמיִען זיי צו באַקומען ביי פּליטים. ער האָט אָבער אַ טעות געהאַט. אויך זיי האָבן שוין פֿאַר דער צייט דערפֿילט די גרויסע חשיבות פֿון מלבושים און זאַכן.

איז ער אַרומגעגאַנגען אַן אָפּגעריסענער־אָפּגעשליסענער. ווי לאַנג ס'איז געווען וואַרעם איז ער אָפּגעקומען בלויז מיט בושה פֿאַר זיין הולך, נאָר שפּע־טער, ווינטער־צו, האָט ער שוין טאַקע געליטן. געליטן פֿון די רעגנס און פֿון דער קעלט. די בלעטער זענען געפֿאַלן פֿון די ביימער און די מלבושים — פֿון אים. אָט און ער וועט אויסזען ווי איינער פֿון די ביימער וואָס שטייען דאָ נאַ־קעטע, הפקר פֿאַר ווינט און רעגן. זיי שטייען אָבער פֿאַרוואָרצלט אין זייער ערד און ער איז אויסגעוואָרצלט, וואַלגערט זיך אויף פֿרעמדער ערד.

אין איינעם אַן אָוונט, בעת ער איז געגאַנגען אין גאַס, האָט ער דערזען אַ באַקאַנט פּנים. יענער מענטש האָט אים, ווייזט אויס, אויך דערקענט און זיך אַפּילו אָפּגעשטעלט. פֿאַרבער האָט זיך נישט דערמאָנט ווער דאָס איז, ער האָט זיך אָבער משער געווען, אַז דאָס איז מסתמא איינער ביי וועמען ער האָט געהאַט אַ לעקציע. זיין השערה האָט זיך טאַקע בעתן שמועס אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ ריכ־טיקע. האָט ער אַ פֿרעג־געטון:

— און אייער משפּחה איז געבליבן „דאָרט"?

— יאָ, דאָרט. אפשר האָבן זיי גאָר גלייכער געטון. מיר וועלן דאָ סיי־ווי אומקומען.

מיטאַמאָל האָט זיך פֿאַרבער דערמאָנט, אַז דער ייִד איז געווען אַ גרויסער עושר, האָט געהאַט אַ געשעפֿט און אַפּילו אייגענע הייזער. ער געדענקט אַפּילו,

אַז אַ פּוטער־געשעפט. דער ייִד האָט זיך, אגב, נישט קיין סך געענדערט. אָנ־געטאָן גייט ער אויך נישט שלעכט.

דער פּוטער־סוחר האָט באַמערקט, אַז פאַרבער באַטראַכט אים און ער האָט געזאָגט:

— איר קוקט מסתמא אויף מיין פּעלצל. איך קום פון סיביר, דאָרט איז עס נישט קיין נייס, נאָר דאָ קוקט מען דערויף. דאָ איז מען נישט געוווינט אַזעלכעס צו זען. פון דעסטוועגן איז דאָ אויף דער נאַכט קאַלט און ס׳קומט גוט צונויף.

פאַרבער האָט אים געפרעגט צי ער האָט דאָ בדעה צו בלייבן, נאָר יענער האָט אים געענטפערט, אַז ניין. ער איז געקומען אַהער בלויז צוליב עפּעס אַ געשעפטלעכן ענין. ער איז שוין דאָ עטלעכע טעג. געגעכטיקט ביי זיינעם אַ גוטן פריינד מיט וועלכן ער פירט די עסקים, אָבער יענער האָט אים געראָטן צו נעכטיקן היינט אויף אַ צווייט אָרט, ווייל ס׳דאַכט זיך אים, אַז מ׳קוקט אים נאָך. צי ווייסט ער נישט פון אַן אָרט ווו מען קען איבערנעכטיקן? פאַרבער האָט אים דערציילט פון דעם אָרט ווו ער נעכטיקט. ס׳איז ביים סוף פון דער שטאָט. אין איין צימער, אויף דער פאָדלאָגע, לייגן זיך אויס יעדן אָוונט זעקס־זיבן מענטשן איבערצושלאָפן די נאַכט. ס׳איז ענג און דושנע.

דער פּוטער־סוחר האָט געענטפערט:

— ס׳איז שוין שפּעט זיך איצט צו זוכן עפּעס בעסערס. אויסער דעם, פיל איך מיך נישט ווי צום בעסטן. איך האָב, דאַכט זיך, פיבער. איך וועל גיין מיט אייך.

זיי האָבן זיך געלאָזט צו יענעם אָרט. דאָרט האָבן זיי שוין געטראָפן עט־לעכע מענטשן, וואָס זענען געזעסן אויף דער פאָדלאָגע און צווישן זיך געשמועסט. ס׳איז נאָך פאַר זיי געווען צו־פרי צו שלאָפן. דער פּוטער־סוחר איז אַריינגעגאַנ־גען צו דער באַלעבאָסטע אין דעם צווייטן צימער, כדי איר צו באַצאָלן פאַרן נאַכטלעגער און איז צוריקגעקומען מיט אַן אַלטער דעק. ווייזט אויס, ער האָט איר נאָך צוגעגעבן אַ רובל־צווי. באַלד האָט ער זי אויסגעשפּרייט אויף דער פאָדלאָגע, זיך אַוועקגעלייגט אויף איר, זיך צוגעדעקט מיטן פּעלצל און ער האָט פאַרבערן שוין מער נישט געזען.

ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען נאָך מענטשן. ס׳איז געוואָרן אַלץ ענגער און ענגער. די באַלעבאָסטע האָט זיך נישט גערעכנט מיט גאַרנישט, איר איז גע־גאַנגען נאָר אין דעם וואָס מער דרייער רובלעס אַריינצובאַקומען. מען איז געלעגן צונויפגעקוועטשט, כמעט איינער אויף דעם אַנדערן. ס׳איז געוואָרן הייס. ס׳האָט געפעלט לופט צו אָטעמען. מיין שכן, דער פּוטער־סוחר, איז געשלאָפן אומרויִק. ער האָט געקרעכצט כסדר.

תיכף באַגינען האָט די באַלעבאָסטע גענומען אויפוועקן אירע אורחים און געהייסן זיי פאַרלאָזן די שטוב. זיי מוזן דאָס טון נאָך אײדער די שכנים אירע

שטייען אויף, זיי זאָלן נישט זען, אַז ביי איר שלאָפן פּליטים. מע קען זי נאָך מסרן. די אורחים דאַרפן פון דאַנען אַרויסגיין איינציקווייז און שטיל, נישט מאַכן קיין רעש.

דער פּוטער־סוחר האָט זיך אויפגעוועקט. ער האָט זיך אָבער נישט גע־שטעלט גלייך אויף די פיס ווי אַלע אַנדערע. ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער פילט זיך שלעכט. די באַלעבאָסטע האָט עס דערהערט און זיך דערשראָקן: איז נישט דער גאַסט קראַנק געוואָרן אויף טיפוס? אויב ער בלייבט דאָ ליגן, וועט זי פאַרלירן די גאַנצע פּרנסה. זי האָט אים געצוווּנגען זיך אויפצושטעלן און גיין. ער טאָר דאָ נישט בלייבן מער קיין רגע.

אַנגעשפּאַרט אין פאַרבערן האָט דער קראַנקער זיך געלאָזט גיין פּאַמעלעך אין גאַס אַרויס. צום גליק, איז נישט ווייט פון דאַנען געווען אַ גאָרטן. דער קראַנ־קער איז באַלד האַלב־געזעסן, האַלב־געלעגן אויף אַ באַנק. ער האָט געפיבערט. פאַרבער האָט געטראַכט, אַז דאָס איז אַ טיפוס. דאָס איז איצט די סאַמע פאַר־שפּרייטסטע קראַנקייט. וואָס וועט דער קראַנקער דאָ ליגן? אויף וואָס וועט ער זיך דאָ דערוואַרטן? — ער איז אַריין אין אַן אַפּטייק און טעלעפאָנירט צו דער „גיכער הילף", מ'זאָל קומען נעמען דעם קראַנקן אין שפּיטאָל אַריין.

ווען דער אויטאָמאָביל איז אָנגעקומען, האָט דער קראַנקער זיך אַ ביסל דערמינטערט. ער האָט געבעטן פאַרבערן אים צו העלפן אויסטאָן דאָס פעלצל. ער וויל עס אים געבן, אַז ער זאָל עס טראָגן בעת זיין ליגן אין שפּיטאָל. דאָרט דאַרף ער עס נישט און אים, פאַרבערן, וועט עס דאָ צוניצקומען. פאַרבער איז געווען זייער גערירט פון דעם קראַנקנס ווערטער. אין אַזאַ שווערן מצב געדענקט ער נאָך אין אים. ער איז אַ סך אַ בעסערער מענטש, ווי ער האָט זיך פאַרגע־שטעלט.

— איר זאָלט דאָס פעלצל אָפּהיטן —האָט דער קראַנקער געזאָגט פאַר־בערן— מ'זאָל עס ביי אייך, חלילה, נישט צוגנבענען...

— איך וועל עס זייער אָפּהיטן...

— איר זאָלט עס נישט פאַרקויפן... — האָט זיך דער קראַנקער אַלץ נישט באַרויקט.

— חלילה...

— קומט מיך באַזוכן אין שפּיטאָל אַריין...

— איך וועל קומען... קומען...

דער אויטאָמאָביל האָט זיך גערירט פון אָרט. פאַרבער האָט אים נאָך אַ ביסל באַגלייט מיטן בליק. באַלד האָט ער דערפילט דאָס פעלצל אויף זיין האַנט און עס אַ כאַפּ־געטון אויף זיך. ווי דאָס וואַרעמט. וואָס פאַר אַ טייער מלבוש. דער קראַנקער האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל דאָס פעלצל זייער היטן, מ'זאָל עס

ביי אים נישט צוגנבענען, ער זאָל עס נישט פֿאַרקויפֿן. אין זיין קול האָט זיך געפֿילט אַזויפֿיל זאָרג און מורא, אָבער ער האָט עס אים פֿאָרט איבערגעלאָזט.

אין אָוונט, ווען ס׳איז געוואָרן זייער קאַלט, האָט פֿאַרבער ערשט דערפֿילט דעם גרויסן נוצן פֿון פֿעלצל. דאָס איז אַ וואַרעם־באַד. ער איז געגאַנגען איבער די גאַסן מיט אַ געפֿיל, ווי ס׳וואָלט נאָך אַזאַ גליקלעכער ווי ער נישט געווען אין שטאָט. ער איז געווען צופֿרידן, וואָס דער פֿוטער־סוחר איז קראַנק געוואָרן. געוואָלט, אַז ער זאָל דאָרט ליגן לאַנג אין שפּיטאָל. וואָס רעדט ער? — ער האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר זיינע אייגענע מחשבות...

2.

אויפֿן אַנדערן טאָג אינדערפֿרי, האָט פֿאַרבער באַשלאָסן צו גיין באַזוכן דעם קראַנקן, צו זען וואָס ער מאַכט. פּלוצים האָט ער זיך אָבער אַ כאַפּ־געטון: ווי אַזוי הייסט דער קראַנקער? באַלד ביים באַגעגענען זיך מיט אים, האָט ער זיך גע־שעמט אים צו פֿרעגן דעם נאָמען, ער האָט געהאָפֿט דאָס אַליין זיך צו דערמאָנען. ער האָט זיך אָבער דעם נאָמען אַלץ נישט דערמאָנט. וואָס טוט מען? — פֿאַר־בער פּרוּווט אויס פֿאַרשיידענע נעמען, נייןֿ, מיט קיין איינעם פֿון זיי איז ער נישט זיכער. סוף־כל־סוף מוז ער דאָך נישט געדענקען זיין נאָמען, ער האָט אים געקענט בלויז אַ קורצע צייט. אויסער דעם האָט ער נעמען און טעלעפֿאָן־נומערן קיין מאָל נישט געדענקט. תמיד זיי פֿאַרביטן. ער וויל אָבער פֿאָרט צו אים גיין. יענער האָט אים געבעטן צו באַזוכן אין שפּיטאָל. אויב ער וועט נישט קומען, וועט יענער געוויס מיינען, אַז דאָס איז צוליב דעם פֿעלצל, וואָס ער וויל ביי אים צוכאַפּן. ער קען אָבער פֿאָרט נישט גיין סתם אין שפּיטאָל אַריין. ס׳איז איצט זייער איבערפֿולט. די מענטשן זענען דאָרט שטאַרק פֿאַרנומען — מע וועט אַפֿילו מיט אים נישט וועלן רעדן.

ער איז אַזוי געגאַנגען אויף דער גאַס פֿאַרנומען מיט די דאָזיקע מחשבות און נישט געזען, אַז עטלעכע קינדער גייען אים נאָך. זיי נעמען פֿון אים נישט אַראָפּ זייערע בליקן. און זייערע בליקן זענען נייגעריקע, פֿאַרחידושטע. ער ווייסט נישט ווי לאַנג זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען ביז ער האָט זיי באַמערקט, ביז דאָס איז אים געוואָרן אויפֿפֿאַלנדיק. וואָס זען זיי אין אים עפּעס נישט געוויינלעכעס? ער האָט זיך צו זיי געווענדט מיט רוגזה:

— וואָס איז? וואָס גייט איר מיר נאָך?

די קינדער האָבן זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, איבערראַשט פֿון פֿאַרבערס אומגעריכטע פֿראַגעס. פֿאַרבער האָט זיך באַלד געלאָזט ווייטער גיין אַ באַרויק־טער, נאָר תיכף האָט ער געהערט הינטער זיך קינדערישע קולות:

— שו־באַ! שו־באַ! שו־באַ!

אַ? וואָס איז דאָס? זענען זיי אים נאָכגעגאַנגען צוליב דעם פּעלצל? האָט דאָס פּעלצל אַזוי משונהדיק אויסגעזען אין זייערע אויגן? — ער האָט נישט געוווּסט צי דאַרף ער לאַכן אָדער זיך זאָרגן. וואָס זאָגט ער „זאָרגן״? — וואָס קימערט אים, אַז עפּעס עטלעכע נאַרישע קינדער האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן אויף זיין פּעלצל? — לאַכן דאַרף ער, לאַכן.

ער האָט דערזען אַ ריי מענטשן, וואָס שטייען פּאָר אַ קראָם, צו באַקומען ברויט, די ריי איז נישט קיין צו־גרויסע — ער האָט זיך צוגעשטעלט. לויט דער צאָל מענטשן האָט ער אויסגערעכנט, אַז אין אַ שעה־צוויי אַרום וועט ער דער־גרייכן זיין ציל. די צייט איז געגאַנגען, אָבער ער האָט זיך כמעט נישט גערירט פונעם אָרט. אַלעמאָל איז עמעצער צוגעקומען און געזאָגט, אַז ער איז שוין דאָ פריִער געשטאַנען און געפונען דערויף עדות. איין פרוי האָט זיך, למשל, אַוועקגעשטעלט כלומרשט אומשולדיקערהייט אַ שמועס צו טון מיטן אירס אַ באַקאַנטע אין דער ריי און זיך אַזוי צו־ביסלעך אויף אַריינגעשטעלט. אינוואַלידן זענען געגאַנגען מחוץ דער ריי. אַנדערע האָבן זיך מיט כוח צוגעשטופּט צו דער טיר. ווייבער האָבן אָנגעהויבן אומצופרידענע טענהן און אַרויסגעסיקעט:

— מוזשטשיני!

אין דעם וואָרט האָבן זיי אַריינגעלייגט אַ סך פאַרביטערונג און כעס אויף זייערע מענער, וואָס זענען אַוועק ערגעץ וויט זיך שלאָגן און פּאַר זיי איבער־געלאָזט דעם גאַנצן עול פּרנסה און קינדער־דערציִונג, און זיי, די מענער דאָ, דרייען זיך אַרום פּוסט־און־פּאַס און כאַפּן אויס דאָס ביסל שפּייז, וואָס איז נאָך בנמצא.

— מוזשטשיני...

ווי ס׳וואָלט זיך אויפגעוועקט די קנאה און שנאה פון דער שוואַכער פרוי צום שטאַרקן מאַן וואָס איז פּונקט אַזויפיל אַלט, ווי איר ליבע און ליידנשאַפט צו אים, און צוגלייך מיט דער מלחמה פון די ביידע צדדים מענער, וואָלט אויפ־געקומען אַ צווייטע — פון ווייב צום מאַן:

— מוזשטשיני...

אַז דאָס געשריי פון די פרויען איז שטאַרקער געוואָרן, האָט זיך געמאָלדן איינער אַ מאַן אַכטונג צו געבן, ס׳זאָל צוגיין מיט יושר און אָרדענונג. אין אַ פערטל שעה אַרום האָט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט פון אַכטונג געבן ביי דער טיר און אַליין מחוץ דער ריי גענומען ברויט. די ווייבער האָבן גענומען שרייען און שוין געוועון גרייט פשוט אויף אים זיך צו וואַרפן און אַרויסרייסן דאָס ברויט, ווי יענער האָט גענומען טענהן צו זיי:

— וואָס זעט איר עפּעס בלויז מיך? איך נעם איצט דאָס ערשטע מאָל היינט. אַנדערע — ער האָט מיט דעם בליק אַ נישטער־געטון אין דער ריי און זיך אָפּ־

געשטעלט אויף פֿאַרבערן — ווי אַט די שובא, שטייען שוין אין דער ריי צום דריטן מאָל. טראָגן אַרויס יעדן מאָל דאָס ברויט אויפֿן באַזאַר!

פֿאַרבער האָט אַזש אַ ציטער־געטון פֿון דער אומגעריכטער ווענדונג. אַלע האָבן גענומען אויף אים קוקן. די „שובא" זעט מען טאַקע די גאַנצע צייט. ער האָט שוין מסתמא טאַקע באַקומען עטלעכע מאָל ברויט. זיי האָבן אין דער „שובאַ" געפֿונען עפּעס אַזוינס, וואָס ליגט פֿון אויבנאויף, וואָס מע קען עס גלייך אָנרופֿן, זיך גלייך אין דעם אָנטשעפּען; עטלעכע ווייבער האָבן אים באַלד אָנגעהויבן צו רייסן פֿאַרן פּעלצל און אים אַרויסגעשלעפּט פֿון דער ריי מיט אַ געשריי:

— וואָן, שובאַ! אוביראַיסיאַ!

די עלטערע פֿרוי, וואָס איז געשטאַנען הינטער אים די גאַנצע צייט, האָט געפּרוווט זאָגן עפּעס צו זיין פֿאַרטיידיקונג, נאָר איר שוואַכע שטים איז פֿאַרשריגן געוואָרן פֿון אַנדערע אַ סך שטאַרקערע קולות.

ווי מ'האָט פֿאַרבערן אַרויסגעשלעפּט פֿון דער ריי, האָט זי זיך שנעל ווידער צוזאַמענגעגאָסן, ווי אַ טייך, ווען מ'שעפּט פֿון אים אויס אַן עמער וואַסער.

ער איז אַוועק פֿון דעם אָרט אַ פֿאַרשעמטער, אַ דערשלאָגענער און לאַנג נישט געקענט צו זיך קומען. וואָס איז דאָ געשען? פֿאַרוואָס זענען אַלע אַרויס קעגן אים? — יאָ, ס'איז דעם פֿאַרשוין געלונגען אָפּצוווענדן דעם כעס פֿון עולם פֿון זיך אויף אים. די ווייבער זענען געשטאַנען פֿאַרביטערטע, צערייצטע און געוואָלט צו ווערן אויסלאָזן זייער ביטער האַרץ און אים גענומען פֿאַר אַ קרבן. פֿאַרוואָס דווקא אים? — ערשטנס, ווייל ער איז אַ מאַן. גערעכט אָדער אומגערעכט — אַבי אַ מאַן ווייניקער אין דער ריי. און דער עיקר: ווייל ער איז זיי דורך דעם פּעלצל געוואָרן אויפֿפאַלנדיק, אויסגעזען ווי פֿון אַ פֿרעמדער מחנה. ער איז נאָר איינער. מע קען איינשטעלן און אַרויסטרעטן קעגן אים. מיט וואָס פֿאַר אַ כעס זיי האָבן געשריגן: שובאַ, וואָן, שובאַ. ער איז נישט קיין מענטש געווען פֿאַר זיי, נאָר אַ שובאַ.

איצט האָט אים שוין נישט אויסגעזען אַזוי משונהדיק דאָס, וואָס די קינדער זענען אים נאָכגעגאַנגען, וואָס זיי האָבן אים נאָכגעשריגן „שובאַ" — זייערע טאַטעס און מאַמעס, זייערע ברידער און שוועסטער, האָבן זיך נישט בעסער אויפֿגעפֿירט, נאָר אַ סך ערגער.

פֿאַרבער איז געווען זייער הונגעריק, נאָר ער האָט פֿון דעסטוועגן נישט געוואַגט מער זיך צו שטעלן אין אַ נייער ריי. ער האָט געמוזט זיך קויפֿן ברויט אויפֿן שוואַרצן מאַרק, הגם ס'איז געווען איבער זיינע געלט־מעגלעכקייטן. ער האָט זיך כאָטש געטרייסט דערמיט, וואָס מיט אַן אָרט אויף נעכטיקן, איז ער פֿאַרזיכערט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט אָבער זיין באַלעבאָסטע אים געמאָלדן, אַז ער זאָל זיך גיין זוכן אַן אַנדער אָרט צום שלאָפֿן, ווייל ער קען שוין מער ביי איר נישט נעכטיקן. ער האָט געפּרוווט זיך ביי איר דערוויסן די סיבה.

זי האָט קודם געענטפערט מיט פאַרשיידענע תירוצים, נאָר סוף־כל־סוף איז זי אַרויס מיט אָפענע רייד:

— דאָס פּעלצל אייערס... וואָס איז דאָס פאַר אַ פּעלצל? דאָ טראָגט מען נישט אַזעלכעס... אַלע קוקן אויף דעם... איך האַלט דאָ מענטשן אויף נאָכטלעגער, אָבער דאָס איז פאַרבאָטן. אַנדערע באַמערקט מען נישט, ווען זיי קומען און גייען אַוועק, אויף אייך האָט זיך שוין אַ שכנטע געפרעגט. ווער איז דער אין דער שובֿאַ, האָט זי געפרעגט... זי קען מיך נאָך מסרן...

ס׳האָט נישט געהאָלפן קיין שום טענות — פאַרבער האָט געמוזט פאַרלאָזן די דירה. נישט געקענט דאָרט מער נעכטיקן. מיט וויפל שטערונגען האָט ער זיך אָנגעשלאָגן דורכן פּעלצל. פון וויפל רדיפות איז אים אויסגעקומען דורכן פּעלצל צו ליידן. ער האָט געמיינט, אַז דאָ טראָגן אַזויפיל מענטשן כאַקי־מלבו־שים, ווייל ס׳איז שווער צו באַקומען אַ בעסערן און שענערן שטאָף. דאָס איז טאַקע אַ סיבה, אָבער נישט די איינציקע. די מענטשן דאָ ווילן זיך נישט אונ־טערשיידן איינער פון צווייטן. זיי ווילן נישט, מען זאָל וועמען פון זיי באַזונדערס באַמערקן און פון זיי רעדן — אַזעלכע זענען פאַראַן געציילטע און אפשר בלויז איינער. יעדער פּילט אויף זיך עפּעס אַ חטא. יעדער פּילט, אַז ערגעץ, אַז ווען, האָט ער אָפּגעטון אַ גנבה, געטראַכט עפּעס נישט כשרס. אויב מע וועט אויף אים אויפמערקזאַם ווערן, וועט מען אים אַ נעם־טון און ער וועט זיך מודה זיין.

דער כאַקי־קאָליר, דאָס איז אַ פאַרב וואָס שרייט נישט, וואָס איז כמעט פאַרבלאָזט. די סאָלדאַטן פון כמעט אַלע פּוס־אַרמייען אויף דער וועלט, טראָגן מונדירן פון אַזאַ ענלעכן קאָליר. זיי ווילן זיך אויף אַזאַ אופן פאַרמאַסקירן פאַרן שונאס אויג, ווי אינסעקטן, וואָס נעמען אָן די פאַרב פון דער סביבה, כדי זיך צו מאַכן נישט באַמערקט פאַרן פיינט און אַזוי־אַרום פאַר אים זיך צו שיצן.

דאָס איז דאָך עפּעס אין גאַנצן אַנדערש פון דעם צו וועלכן ער איז געווען צוגעוווינט זינט לאַנגע יאָרן. דאָרט, אין זיין היים, האָט יעדע פרוי באַמיט זיך אָנצוטאָן אַנדערש ווי אירע חברטעס, כדי מען זאָל אויף איר קוקן בעת זי גייט דורך דער גאַס. ווי גליקלעך איז זי געווען, ווען זי האָט נישט באַגעגנט אַ פרוי, וואָס זאָל טראָגן אַן ענלעך קלייד צו אירס. און נישט נאָר פרויען, אויך מענער האָבן זיך באַמיט אויסצוזען אָריגינעל. ווער, דורך אַ זעלטענעם מוסטער פון אַ קראַוואַט, ווער דורך עפּעס אַ שאַליקל אויפן האַלדז און ווער — דורך אַ פּייקע אין מויל. ס׳האָט איין מענטש זיך געוואָלט אונטערשיידן פון צווייטן, אַריינברענ־גען עפּעס אייגנס אין דער סביבה, זאָל זיין אַפילו דורך אַ דינעם ניואַנס פון אַ פאַרב, אָדער דורך אַ נייעם שידוך פון עטלעכע פאַרבן צוזאַמען.

בעת דער פּוטער־סוחר האָט אים איבערגעלאָזט דאָס פּעלצל, האָט ער גע־מיינט, אַז אים האָט געטראָפן אַ גרויס גליק. ערשט איצט זעט ער, אַז ער האָט אים אָנגעהאָנגען אַ צרה. ער טאָר דערצו זיך פון איר נישט באַפרייען. ס׳איז

אים פאַרבאָטן דאָס פעלצל צו פאַרקויפן, אַזוי האָט אים יענער בפירוש געזאָגט בעת מע האָט אים גענומען אויפן אויטאָמאָביל. און ער האָט אים אויך געבעטן, נייִן, ווי באַפוילן — דאָס פעלצל זייער צו היטן.

דאָס געלט האָט זיך ביי פאַרבערן גענומען אויסלאָזן. ער האָט באַשלאָסן וואָס מער צו שפּאָרן. די לעצטע פּאָר רובל גיכער אויסצוגעבן אויף ברויט, ווי אויף נאַכטלעגער, וואָס ער קען געפינען אין אַ חורבה, אין אַ גאָרטן, צי אויפן וואָקזאַל. צום בעסטן איז דאָס נעכטיקן אויפן וואָקזאַל. דאָרט האָט ער אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ שוץ פאַר ווינט און רעגן. כדי מען זאָל אַהין אַריינלאָזן, האָט מען געדאַרפט וויזן אַ בילעט. פון דעסטוועגן איז אַמאָל געווען אַ צייט, ווען עס איז געלונגען מיט פאַרשיידענע פּאָרטלען אַהין זיך אַריינצוגנבענען אָן אַ בילעט. נאָר זינט ער האָט באַקומען דאָס פעלצל, איז גענוג געווען, מע זאָל אים איין מאָל כאַפּן בעת אַזאַ פּרווו, כדי אים גוט צו געדענקען און זיך פאַר אים באַזונדערס צו היטן.

נישט האָבנדיק קיין סטאַביל אָרט וווּ צו וווינען, איז ער געווען געצווונגען דורך די טעג און נעכט זיך אַרומצושלעפּן איבער די גאַסן פון דער שטאָט. אַזוי אַרום האָט זיין פעלצל נאָך מער אויף זיך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון יונג און אַלט. און ער איז געווען אין פעלצל, זיך דערמיט נישט צעשיידט, ווי אַ שנעק צעשיידט זיך נישט מיט זיין הייזל.

3.

סוף־כל־סוף איז ער געוואָרן פאַרדעכטיקט עפּעס איינעם אַ מענטשן. קען זיין, אַז ער האָט אים שוין לאַנג נאָכגעשפּירט. ער האָט אים אָפּגעשטעלט אין גאַס און געטון אַ ווונק:

— דאַוואַי סאָ מנאָי.

הגם דער דאָזיקער מענטש איז געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַלע, האָט פאַרבער אין זיין טאָן דערקענט, אַז ער דאַרף אים נישט פרעגן קיין קשיות און גיין. ער האָט אים געפירט אין דער פּאָליציי און אים גענומען באַלד אַליין אויספאַרשן. פאַרבער האָט נישט געהאַט די דאָקומענטן אין אָרדענונג. ער איז נישט געווען צוגעשריבן צו דער דאָזיקער שטאָט. ער האָט נישט געאַרבעט.

— איך וויל אַרבעטן — האָט אים פאַרבער דערקלערט — נאָר מע וויל מיך נישט אָננעמען אין קיין שום פאַבריק, ווייל איך בין נישט צוגעשריבן.

— טאָ פאַר אין אַ קאָלכאָז אַריין! — האָט יענער אויף אים אַ געשריי געטון

— דו ווילסט אָבער דאָ זיך דרייען אין שטאָט, ווייל דאָ קען מען בעסער ספּעקולירן, אַ? גיב דאָס געלט!

פאַרבער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע עטלעכע רובל און זיי אַוועקגע־לייגט אויפן טיש. יענער איז געוועזן אַנטוישט:

— מער האָסטו נישט?

— ניין.

יענער האָט אים אַליין אָנגעהויבן צו באַזוכן אין די קעשענעס. נישט גע־פינענדיק מער קיין געלט, האָט ער אַ זאָג־געטון:

— טו אויס דאָס פעלצל.

פאַרבער האָט עס אויסגעטאָן. יענער האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ ראַזירמעסער און אָנגעהויבן דאָס פעלצל צו צעטרענען. האָט ער טאָקע געהאַט אַ חשד, אַז דאָרט איז עפּעס פאַרנייט געוואָרן? — פאַרבערן האָט זיך אויסגע־דאַכט, אַז יענער וויל דאָס פעלצל פשוט צעפּליקן, אַ תל־מאַכן, ער זאָל עס שוין מער נישט קענען טראָגן.

פּלוצים האָט יענער אויסגעשריען:

— און וואָס איז דאָס?

פון אונטער דער פעל האָט ער אַרויסגעצויגן אַ פלאַך זעקעלע. ער האָט עס פאַרבער האָט נישט געגלייבט זיינע אויגן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז יענער פאַרזיכטיק אויפגעשניטן און אַרויסגענומען פון דאָרטן דאָלאַרן.

פאַרבער האָט נישט געגלייבט זיינע אויגן. אים האָט זיך געדאַכט אַז יענער איז אַ קונצנמאַכער און ער האָט איצט געמאַכט אַ האָקוס־פּאָקוס.

יענער האָט געזאָגט מיט אַ טריומפירנדיקער מינע:

— וואָס זאָגסטו צו דעם, אַ? — פון מיר קען קיינער גאָרנישט אויסבאַ־האַלטן!

ניין, ס׳איז נישט קיין פאַרבלענדעניש. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ הונגערי־קער, זיך געוואַלגערט אין גאַס און נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַר נאַכטלעגער און נישט געוווּסט, אַז ער טראָגט ביי זיך אַזויפיל געלט. אַ פאַרביטערטער האָט ער אויסגעשריגן:

— ס׳איז נישט מיין געלט! איך האָב אַפילו נישט געוווּסט, אַז ס׳איז אין פעלצל פאַרנייט!

יענער איז געוואָרן פאַראינטערעסירט. אפשר קען ער נאָך אַ צווייטן אַריינ־כאַפּן און האָט אים געפרעגט:

— ווו וווינט ער, דער עמעצער?

— ער איז געווען קראַנק און מע האָט אים געבומען אין שפּיטאָל אַריין.

— און ווי אַזוי הייסט ער?

— איך קען זיך נישט דערמאָנען זיין נאָמען.

יענער איז געוואָרן ווילד:

— דו ווילסט מיט מיר טרייבן שפּאַס, אַ?!

און ער האָט דערלאַנגט פֿאַרבערן אין די ציין אַריין.

שפּעטער איז ער געלעגן אין דער צעל פֿון תּפֿיסה. ער האָט בשום אופֿן נישט געקענט משיג זיין וואָס ס׳איז דאָ פֿאָרגעקומען. אפֿשר האָט גאָר דער פּוטער־סוחר אַליין נישט געוווּסט פֿונעם געלט? — ער האָט מסתּמא יאָ געוווּסט, ווייל ער האָט אים געבעטן איין מאָל און אַ צווייט מאָל דאָס פּעלצל אָפּצוהיטן. אויב ער האָט אַזוי געציטערט איבערן פּעלצל, פֿאַרוואָס־זשע האָט ער אים פּאַרט איבערגעלאָזט? — דאָס נעמט זיך אפֿשר דערפֿון, וואָס דער קראַנקער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס פּעלצל קען פֿאַרלוירן גיין אין שפּיטאָל־מאַגאַזין. אויב דער קראַנקער לאָזט דאָרטן איבער עפּעס אַ בעסער מלבוש, זעט ער עס זעלטן ווידער צוריק, אַזוי האָט מען אים אַמאָל דערציילט. און אפֿשר האָט ער מורא געהאַט, אַז אין שפּיטאָל דעזינפֿעקטירט מען די מלבושים פֿון די קראַנקע און בשעת־מעשה קען מען אַ תּל־מאַכן פֿון די דאָלאַרן? — דאָס זענען אַלץ השערות פֿאַר זיך אַליין. פֿאַר יענעם דאָרט זעט עס נישט אויס וואַרשיינלעך. ער וועט אים גאָרנישט גלייבן.

וואָס פֿאַר אַ צרות האָט דאָס פּעלצל נישט געבראַכט אויף אים? — ס׳האָט געשטעלט קעגן אים די קינדער. די מענטשן אין דער ריי אויף ברויט. די באַלעבאָסטע ביי וועלכער ער האָט געגעכטיקט. אַרויסגערופֿן קעגן אים דעם חשד פֿון דער פּאָליציי. נאָר דאָ האָט עס שוין געבראַכט דעם אומקום אויף זיך אַליין: ס׳איז צעשניטן געוואָרן אויף שטיקלעך. אָבער איידער ס׳איז אומגעקומען, האָט עס נאָך באַוויזן אים צו געבן דעם לעצטן און דעם שטאַרקסטן קלאַפּ: ס׳האָט אים געבראַכט אין תּפֿיסה אַריין.

ער איז געווען אַ לערער, געגעבן לעקציעס. מע האָט אים תּמיד געהאַלטן פֿאַר אַ בטלן, פֿאַר אַ שלימזל, פֿאַר אַ מענטשן, וואָס קען נישט קיין צורת מטבע. עפּעס איין מאָל, אויף פּסח, האָט אים זיינער אַ קרובֿ פֿון אַמעריקע געשיקט צען דאָלאַר אין אַ בריוו. נאָר ער האָט זיי אינעם בריוו נישט געטראָפֿן. ס׳האָט זיי דער בריוון־טרעגער מסתּמא פֿון דאָרט אַרויסגענומען. אין דער היים וואָלט ער געקענט ברענגען זיין לעבן, זיינע פֿריינד, זיינע באַקאַנטע, ווי עדות פֿאַר זיין אומשולד, נאָר דאָ, איצט, זענען זיי נישטאָ. דאָ איז גענוג געווען, אַז דאָס דאָזיקע פּעלצל זאָל קומען און אים אָנקלאָגן אַז ער איז שולדיק און זיין גורל איז געחתמעט און ער איז שוין אַ פֿאַרפֿאַלענער.

דער פּראָפעסאָר וויל קויפן אַ שליאַפּע

.1

דער פּראָפעסאָר ליעוו איסאַקאָוויטש שעכטמאַן האָט זיך עוואַקויִרט צו־זאַמען מיט זיין משפחה פון קיעוו קיין טאַשקענט. ליעוו איסאַקאָוויטשס פאָטער איז געווען אַ לערער אין אַ רוסישער שול און ער אַליין האָט געענדיקט אַ רוסישע גימנאַזיע נאָך פאַר דער רעוואָלוציע. ליעוו איסאַקאָוויטש האָט ליב אָפּט דאָס צו דערמאָנען. באַזונדערס איצט, ווען ער געפינט זיך אין מיטל־אַזיע. די אוזבעקן האָבן אַפילו שוין אַן אייגענע אוניווערסיטעט און פאַרשיידענע אינסטיטוטן אויף זייער שפּראַך, אָבער זיי זענען פאָרט נאָך אַלץ האַלב־ווילדע. מ׳דאַרף זיי נאָך בילדן און בילדן. זיין פאָטער, דער משכיל, האָט אַמאָל אַזוי געהאַלטן, אַז מען דאַרף די ייִדן בילדן, אָבער ס׳איז דאָך נישט קיין פאַרגלייך. די ייִדן זענען געווען אָפּגעשטאַנען, פאַנאַטיש־רעליגיעז, אָבער זיי האָבן דאָך געהאַט אַן אייגענע קולטור. די אוזבעקן דאַרף מען דאָך לערנען פון סאַמע אָנהייב. ער פילט זיך דאָ, ווי נישט ער וואָלט זיך אַהער עוואַקויִרט, נאָר מען וואָלט אים אַהער פאַר־שיקט. פלעגט מען דאָך טאַקע אין די צאַרישע צייַטן אַהער פאַרשיקן מענטשן פאַר פאַרשיידענע חטאים.

ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן וויל ער אונטערשטרייכן, אַז ער איז אַן אייראָפּעער און זיין העכערקייט איבער די היגע, הגם די היגע ווייסן בכלל נישט ווי אָפּצושאַצן זייַנע קענטעניש, און איינער פון זיי. האָט זיך אַפילו אַרויס־געכאַפּט, אַז די פליטים זענען אַהער געקומען אויפצועסן זייער ברויט. אמת, ער עסט טאַקע זייער ברויט, אָבער ער גיט זיי דערפאַר עפּעס מער ווי ברויט: ער גיט זיי קולטור. דאָס ווייב זיינס, דאָראַ יעפימאָוונאַ, האָט אים שוין נישט איין מאָל געוואָרנט, אַז ער זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן מיט אַ קרום וואָרט לגבי די היגע. ער דאַרף זיין זייער פאַרזיכטיק. אויסער דעם, וואָס ער איז דאָ אַ פליט, איז ער נאָך דערצו אַ ייִד. זיי וועלן זיך אין אים נוקם זיין דערפאַר. ביי דער ערשטער געלעגנהייט אים אונטערשטעלן אַ פיסל ער זאָל נכשל ווערן. ער גיט זיך אָבער נישט אונטער.

קען זיין, אַז דאָס ווייב זיינס איז גערעכט. זי מיינט בלויז זיין טובה. ווייסט ער דאָך, אַז זי קוקט אויף די היגע ווי אויף האַלב־ווילדע. אלא וואָס? — זי ווייזט עס נישט אַרויס. זי איז פּאַרזיכטיק. יאָ, זי איז אַ קלוגע, זיין ווייב, אַן אשת־חיל. זי שטאַמט פון ערגעץ אַ גרויסע שטאָט אין פּוילן, פון אַ גבירישער משפּחה. זי רעדט נאָך איצט אַ גוטן פּויליש. דאָס קען ער שוין נישט פאַרטראָגן. ער האַלט, אַז זי דאַרף פאַרגעסן אין פּוילן. די פּאָליאַקן זענען בעלי־גאווה, פּאַל־שע, און דערצו גרויסע אַנטיסעמיטן, רוצחים, מיט זייער גאַנצער אייראָפּעיִשער קולטור. אין רוסלאַנד האָט בלויז דער פינצטערער המון געמאַכט פּאָגראָמען. דער אינטעליגענט איז געווען ייִדנפריינטלעך געשטימט. אָבער ביי די פּאָליאַקן זענען דווקא די גרעסטע אַנטיסעמיטן — די פּראָפעסאָרן מיט די סטודענטן.

ליעוו איסאַקאָוויטש האַלט, אַז ביי זיין ווייב איז נאָך פאַרבליבן אַ היפּש ביסל פון איר בורזשואַזנער דערציִונג. זי איז נישט שולדיק, דאָס איז די השפּעה פון איר אָפּשטאַם. פונדעסטוועגן איז ער צוגלייך אַזוי ווי שטאָלץ, וואָס זי שטאַמט נישט פון המון. סוף־כל־סוף האָבן דאָך אַזויפיל גרויסע רוסישע שריי־בערס געשטאַמט פון אַדל: פּושקין, לערמאָנטאָוו, טורגעניעוו, ליעוו טאָלסטאָי און אַפילו דער סאָוועטישער שרייבער — אַלעקסיי טאָלסטאָי.

ער לאָזט זיך אויך נישט פאַרשווענקען פון המון. פאַראַנען אַזעלכע, וואָס זענען ערשט געקומען אַהער און שוין טראָגן זיי טוביטעיקעס, ווי די היגע. נישט נאָר וואָס ער וועט נישט טראָגן אויפן קאָפּ קיין טוביטעיקע, נאָר ער האָט אַפילו אין אוקראַינע נישט געטראָגן קיין היטל. ער טראָגט נאָר אַ שליאַפּע. ער האָט געקענט אויף אַ סך זאַכן מוותר זיין: אויף אַ גוטן אנצוג, אויף אַ גוטע פּאָר שיך, אַפילו אויף אַ קראַוואַט, נאָר נישט אויף אַ שליאַפּע. די שליאַפּע, זי טראָגט ער אויפן קאָפּ, אויפן קאָפּ וואָס דענקט.

אמת, די שליאַפּע איז שוין אַן אַלטע, אַן אָפּגענוצטע. זי האָט שוין פלעקן און האָט נאָך דערצו פאַרלוירן יעדע פאָרעם, אָבער זי איז אים, כאָטש אַזוי, נאָך אַלץ ליבער ווי אַ ניי היטל. די שליאַפּע זעט אויס אין זיינע אויגן, ווי עפּעס אַ טייל פון דער באַוואָפענונג פון אַן אַלטן סאָלדאַט מיט וועלכער ער האָט דורכגעמאַכט אַ סך שלאַכטן און ער קען זיך שוין מיט איר נישט מער צעשיידן.

ליעוו איסאַקאָוויטש האָט אַמאָל געהאַט אַ חבר, איז ער געווען זייער אַן אויס־טערלישער מענטש. בעת מען איז צו אים אַריינגעקומען אין שטוב, האָט מען גע־קענט דאָרט זען משונהדיקע זאַכן. אויף די ווענט זענען געהאַנגען שמאַטקעלעך, שטיקלעך פּאַפּיר, שטיינדלעך, טשערעפּלעך פון כלים אד״גל. ווען מען האָט אים געפרעגט, וואָס דאָס אַלץ באַטייט, האָט ער געענטפערט, אַז מיט יעדער זאַך, וואָס געפינט זיך דאָ, איז ער אויף אַ געוויסן אופן פאַרבונדן. יעדע זאַך דערמאָנט אים אין עפּעס אַ מאָמענט פון זיין פאַרגאַנגענעם לעבן. מען איז צוגעוווינט צו

זען, ווי אַ פֿאָלק מאַכט זיך אַ מוזיי פֿון זיין עבר. פֿאַרוואָס האָט אַ יחיד נישט די רעכט דאָס צו טון?

ניין. ער, ליעוו איסאַקאָוויטש, איז נישט ווי יענער חבר זיינער. ער וועט זיין שטוב נישט באַהענגען מיט אַזויפֿיל נאַרישקייטן. פֿונדעסטוועגן וואָלט ער דעם דאָזיקן קאַפּעליוש, וואָס ער טראָגט איצט שוין אַ היפּש ביסל יאָרן, יאָ באַהאַלטן צום אָנדענק, ווען ער קריגט אַ נייעם. צוליב אים איז ער אויסגעשטאַנען פֿאַרשיידענע אומאַנגענעמלעכקייטן און ער איז אַן עדות פֿון זיין כאַראַקטער און זיין עקשנות.

.2

ווען די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן צו זיגן און איינצונעמען איין אייראָפּעישע שטאָט נאָך דער אַנדערער, האָבן זיך באַוויזן אויפֿן מאַרק פֿאַרשיידענע נייע זאַכן, וואָס די סאָלדאַטן האָבן ביי דער דאָרטיקער באַפֿעלקערונג געקויפֿט, אָדער סתם צוגענומען. די זאַכן האָבן זיי געשיקט צו זייערע ווייבער, צו זייערע עלטערן, אָדער צו סתם קרובים. יענע האָבן נישט אַלץ, וואָס זיי האָבן באַקומען, פֿאַרנוצט פֿאַר זיך. אַ גרויסן טייל פֿון די זאַכן האָט מען אַרויסגעטראָגן אויפֿן מאַרק צו פֿאַרקויפֿן, כדי פֿאַר דעם געלט זיך דערגרייכן צו פֿאַרשאַפֿן פֿלייש, פּוטער און צוקער און נאָך אַנדערע שפּייז־פּראָדוקטן נאָך וועלכע מען איז געווען אַזוי זשעדנע במשך פֿון די מלחמה־יאָרן.

ס׳זענען אַרויס אויפֿן באַזאַר די אַלע, וואָס האָבן עפּעס געהאַט צו פֿאַרקויפֿן. ס׳זענען אויך אַהין אַרויס אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט קויפֿן. ס׳האָבן אָבער אויך נישט געפֿעלט אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געהאַט וואָס צו פֿאַרקויפֿן און נישט קיין געלט מיט וואָס צו קויפֿן. זיי זענען געקומען סתם צו זען די זאַכן פֿון אייראָפּע ווי זיי וואָלטן אַזוי אַרום געוואָלט אָפּנעמען אַ גרוס פֿון דער וועלט, וואָס איז שוין פֿאַר זיי זינט צענדליגער יאָרן פֿאַרמאַכט. זיי האָבן מיט גרויס נייגער באַטראַכט און באַוווּנדערט יעדע זאַך און זיך דערמאָנט אין די אַמאָליקע צייטן. ביז איצט איז אויפֿן מאַרק געווען אַלץ גראָ. איצט מיניען זיך אַלע קאָלירן.

סיווי האָבן די איינוווינער ליב צו גיין זונטיק אויפֿן באַזאַר. נישט בלויז צו קויפֿן, אָדער צו פֿאַרקויפֿן. וואָס דען זאָל מען טון אין אַן אָפּרו־טאָג? גיין אין פּאַרק, צי אין קינאָ — דאָס איז אַן ענין פֿאַר דער יוגנט. פֿאַר די אַנדערע איז נישטאָ קיין גרעסערער תענוג, ווי צו גיין איבערן באַזאַר און זען אַזויפֿיל זאַכן וואָס פֿעלן אויס יעדן איינעם. מען האָט אַ הנאה פֿון בלויז קוקן און באַטאַפּן. אויסער דעם קען מען זיכער זיין, אַז מען וועט דאָ באַגעגענען אַ פֿריינד, צי סתם אַ באַקאַנטן און ס׳וועט זיין מיט וועמען צו כאַפּן אַ שמועס.

איז אין איינעם אַ זונטיק איינגעפאַלן דעם פּראָפעסאָר ליעוו איסאַקאָוויטש צו גיין אויף דעם מאַרק: מעגלעך, אַז איינער פון די סאָלדאַטן האָט צופעליק צוגעלייגט אין זיינעם אַ פּעקל אַ שליאַפּע. אויב יאָ, וועלן זיך מסתמא נישט געפינען קיין סך בעלנים אויף איר און ער וועט זי קענען קויפן בחצי־חינם.

ס׳וועט אָבער ליעוו איסאַקאָוויטש נישט גיין אַליין אויפן באַזאַר. פּשוט, דאָס ווייב וועט אים נישט לאָזן. מען קען אים פאַרקויפן אַן אַלטן קאַלאָש פאַר אַ קאַנדעלאַבער, זאָגט זי. אַזאַ שלימזל איז ער. מען וועט אויפן מאַרק גלייך דערקענען מיט וועמען מען האָט צו טאָן און ביי אים אויסנאַרן דאָס געלט. אי־בעריקנס, אַפילו ווען דאָס ווייב וואָלט שוין אַפילו יאָ מסכים געווען, אַז ער זאָל גיין אַליין, וואָלט ער דאָס נישט געטאָן. ווען ס׳קומט צו אַן ענין פון קויפן, אָדער פאַרקויפן, ווערט ער אומבאַהאָלפן און אָפּהענטיק.

ער מישט זיך אויך נישט אין די שטוב־ענינים. די קינדער האָבן אים טאַקע ליב, אפשר נאָך מער ווי זייער מאַמען, אָבער זיי האָבן פאַר אים לחלוטין נישט קיין מורא. זיי ווייסן, אַז ביים טאַטן קען מען אַלץ פועלן, אַז יעדער תירוץ גילט. אויסערלעך איז אויך אַ גרויסער אונטערשייד צווישן אים און איר. ער — אַ מאָגערער, אַ מיטלוווקסיקער, מיט שוואַרצע האָר, אַ געבויגענע ייִדישע נאָז, און זי — אַ הויכע, אַ ברייט־צעוואַקסענע, מיט אַ סך נאָכהענגנדיק פליש, אָבער פונדעסטוועגן אַ רירעוודיקע און אַן ענערגישע. זי איז דער מאָנסביל, און ער — דאָס ווייב. זי טענהט, אַז זי איז דערפאַר געוואָרן באַלעבאָס אין שטוב, ווייל ער איז אַ שלימזל, אָבער ער קלערט, אַז ער איז דערפאַר אַזוי אומבאַהאָלפן, ווייל זי דערדריקט אומברחמנותדיק יעדן פרווו פון איניציאַטיוו און זעלב־שטענדיקייט אין אים. ער טראַכט אָפט וועגן דעם, אָבער ער האָט זיך נאָך קיין מאָל נישט דערוועגט דאָס איר אָנצודייטן אַפילו מיט אַ רמז.

האָבן זיך מאַן און ווייב אַרויסגעלאָזט צום באַזאַר. ס׳איז געווען נאָך גענוג פרי, אָבער דער מאַרק איז שוין געווען פול מיט מענטשן. דאָרט האָט דערזען אַן אַ שיעור זאַכן נאָך וועלכע זי האָט יאָרן געבענקט. זי שטאַמט פון אַ גבירישער שטוב און פאַרשטייט זיך אויף עפּעס רעכטס. נישט ווי אַלע שלעפּערס דאָ אַרום איר. זי האָט באַטראַכט די זאַכן, באַטאַפּט זיי, געזאָגט מבינות און לגמרי פאַר־געסן, אַז די אייגנטלעכע סיבה פון גיין אויפן מאַרק, איז נאָר געווען צו קויפן פאַרן מאַן אַ שליאַפּע. ליעוו איסאַקאָוויטש האָט דאָס אַפילו יאָ גוט געדענקט, אָבער זעענדיק, ווי זי איז אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן און אַריינגעטון אין אַנדערע זאַכן, האָט ער מורא געהאַט זי פון זיי אָפּרייסן. ס׳איז אַוועק אַ שעה און צוויי און זי האָט זיך אַלץ אין דער שליאַפּע נישט דערמאָנט. דעמאָלט האָט ער שוין ענדלעך געפונען אין זיך מוט און איר געזאָגט:

— מיר זענען דאָך עפּעס געגאַנגען קויפן אַ שליאַפּע...

זי האָט אים גלייך געענטפערט:

— זע־נאַר, ווי ער זאָרגט זיך אַזוי וועגן זיין שליאַפּע! דו וועסט נישט פאַר־שפּעטיקן. קיינער וועט זי ביי דיר נישט אויסכאַפּן...

3.

דערווייל איז די צייט נישט געשטאַנען; ס'איז געוואָרן עלף און צוועלף דער זייגער. די זון האָט געברענט און געבראָטן. מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן אונטער דעם שאָטן פון אַ בוים, אונטערן שאָטן פון אַראָפּגעלאָזטע פאַרהענגלעך. נאָר זיי דאָ, אויפן מאַרק, זענען געשטאַנען הפקר און שוצלאָז פאַר דעם ווילקיר פון דער זון. דערצו האָט זיך דאָ די מאַסע צונויפגעקוועטשט. איינער האָט גע־שטופּט און געשטויסן דעם צווייטן, אַזוי, אַז ס'איז געוואָרן נאָך הייסער. דאָראַ יעפימאָוונאַ האָט געשוויצט און שווער געסאָפּעט. זי האָט, קיין עין־הרע, אַ סך פלייש אויף זיך. זי האָט זיך געמאַכט אַ וועג מיט די עלנבויגנס און נאָך איר האָט, אין דער געעפנטער שפּאַרע, זיך נאָכגעשלעפּט ליעוו איסאַקאָוויטש.

פּלוצים איז געוואָרן אַ שטאַרקער געדראַנג, ליעוו איסאַקאָוויטש איז אַוועק־געריסן געוואָרן פון זיין ווייב. ער האָט פאַרצווייפלט אַ געשריי געטאָן:

— דאָראַ יעפימאָוונאַ!

ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביי איר הילף, נאָר ער איז געשלעפּט געוואָרן אומברחמנותדיק און איז אַוועקגעטראָגן געוואָרן פון דער מענטשן־כוואַליע אַלץ ווייטער און ווייטער.

ווען די כוואַליע האָט נאָכגעלאָזט, האָט ער זיך געזען אין אַ צווייטער זייט פון מאַרק. די מלבושים אויף אים זענען אין גאַנצן צעקנייטשט. די שיך — צעקוועטשט די שפּיצן, דער קראַוואַט — פאַרפאָרן אין אַ זייט. ער האָט זיך געווישט און געווישט דעם שווייס מיטן טיכעלע. ער האָט באַדאַרפט האָבן אַ ליילעך.

ער האָט געפּרוווט צוריקגיין אין דער ריכטונג פון וואַנען ער איז אַוועק־געשלעפּט געוואָרן, כדי אפשר צוריקצוגעפינען דאָס ווייב. ער האָט זיך גע־שטופּט און געשטופּט. ענדלעך האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט דערגרייכט דאָס אָרט, אָבער דאָס ווייב זיינס האָט ער דאָרט נישט מער געטראָפן. וואָס וועט זי טאַקע דאָ שטיין און וואַרטן אויף אים?

ער האָט נישט קיין האָפענונג זי דאָ צו געפינען. ס'איז שוין טאַקע מיטאָג־צייט און מסתמא האָט זי זיך געלאָזט צוריק אַהיים. ער דאַרף אויך דאָס זעלבע טאָן. ער האָט שוין בדעה געהאַט זיך אַרויסצולאָזן פון מאַרק, ווי ער איז פּלוצים געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער: פאַר אים איז געשטאַנען אַ פרוי מיט אַ שליאַפּע אין דער האַנט!

ס׳איז דאָך ממש אַ װוּנדער: אַזױפיל מענטשן זענען פֿאַראַן אױפֿן באַזאַר, אין די טױזנטער, זײ זענען דאָ־אַרום דורכגעגאַנגען, געזען די שליאַפּע און זי נישט געקױפֿט. נישט אַנדערש, נאָר זײ זענען געשלאָגן געװאָרן מיט בלינדעניש, אַז זײ זאָלן זי נישט באַמערקן, װײל אים, בלױז אים איז זי באַשערט. אין דער רגע איז ליעװו איסאַקאָװיטש געװען גרײט צו גלײבן אין דער השגחה. ער האָט געפֿרעגט דעם פּרײַז, הגם קײן שום פּרײַז װאָלט פֿאַר אים נישט געװען צו טײַער. ס׳איז געװען אַ װילדע מציאה!

ער האָט אַרױסגענומען געלט און באַצאָלט. געכאַפּט די שליאַפּע און אָנ־געהײבן שנעל צו גײן, ממש צו לױפֿן, װי ער װאָלט זיך געשראָקן, אַז די פֿרוי קען נאָך חרטה האָבן. ער האָט דערגרײכט די טראַמװײ־סטאַציע. דאָ האָבן שױן געװאַרט אַ סך מענטשן, װאָס האָבן זיך געלאָזט פֿון מאַרק אַהײם אױף מיטאָג. ס׳איז אָנגעקומען אַ טראַמװײ, אָבער ער האָט נישט באַװיזן אױף אים זיך אַרױפֿצוכאַפּן. ס׳זענען געװען אַ סך פּלינקערע פֿון אים. ס׳איז אָנגעקומען אַ צװײטער און די געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט. ער איז געשטאַנען אָן אומ־רויקער, אַ צעקאָכטער. ער האָט שױן געװאָלט זײַן אין דער הײם. נײן, נישט דערפֿאַר, װײל ער האָט זיך געיאָגט צום פֿרעס, װי די אַלע מענטשן דאָ, נאָר װײל ער האָט שױן געװאָלט װײַזן דעם װײַב און זײַנע קינדער די שליאַפּע. באַזונדערס דעם װײַב. זאָל זי נישט מײנען, אַז אָן איר קען ער זיך נישט קײן עצה געבן. אָט איז ער מיט איר צוזאַמען געגאַנגען אַזױ לאַנג איבער דעם באַזאַר און נישט געטראָפֿן קײן שליאַפּע, און דאָ האָט ער אַלײן אַזױ שנעל דאָס זײַניקע דערגרײכט.

נײן, ער װעט דאָ לענגער אַזױ געדולדיק נישט שטײן און װאַרטן. װי ס׳איז אָנגעקומען דער דריטער טראַמװײ, האָט ער זיך אַ ריס־געטון מיט אימפּעט פֿונעם אָרט. ער האָט זיך געשטופּט און האָט געשטױסן די אַלע, װאָס האָבן אים גע־שטערט אױפֿן װעג. ער האָט געהערט מענערישע זידלװערטער, װײַבערישע גע־שרײען — גאָרנישט האָט אים אָפּגעהאַלטן. דאָס האָט לחלוטין נישט געפּאַסט פֿאַר אַ פּראָפֿעסאָר, פֿאַר אַזאַ אײנעם, װאָס קומט פֿון אײראָפּע, װאָס לײענט די פֿראַנצױזישע ליטעראַטור אין אָריגינאַל און װאָס האָט זיך ערשט געקױפֿט אַ שליאַפּע. װען ער זאָל דאָס געװען זען מאַכן אַ צװײטן, זױ האַרב און װי שטרענג ער װאָלט אים דערפֿאַר געװען פֿאַראורטײלט. װײ צו דיר, ליעװו איסאַקאָװיטש, װײ!...

ער האָט געטראָפֿן דאָס װײַב אין שטוב. זי האָט אים אױפֿגענומען מיט אַ שפּאָטיש געלעכטערל.

— װוּ ביסטו דאָס פֿאַרפֿאַלן געװאָרן, שלימזל?

ער װעט איר נישט ענטפֿערן אױף דער באַלײדיקונג. ער האָט געװיזן אױף דער שליאַפּע און געזאָגט מיט גרױס חשיבות:

— איך האָב געקויפט אַ שליאַפּע!

די צוויי מיידלעך האָבן אָנגעהויבן שרייען:

— הוראַ! הוראַ! זאָל לעבן דער טאַטע!

ליעוו איסאַקאָוויטשס פּנים האָט געשיינט פאַר שמחה, ווי נישט מיט קיין שליאַפּע וואָלט ער איצט אַהיימגעקומען, נאָר מיט אַ קרוין.

— אַנו, טו אָן די שליאַפּע, לאָמיך זען, ווי זי פּאַסט דיר — האָט אים דאָס ווייב געזאָגט.

— וואַרט־צו אַ ביסל — האָט איר ליעוו איסאַקאָוויטש געענטפערט — איך וועל זיך איבערטאָן. ווי וועט די שליאַפּע פּאַסן צו מיין איצטיקן הולך?

ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ ניי העמד און דעם יום־טובדיקן אָנצוג. דאָס ווייב און די צוויי מיידלעך האָבן אומגעדולדיק געוואַרט. ענדלעך איז געקומען דער פייערלעכער מאָמענט — ליעוו איסאַקאָוויטש האָט אָנגעטאָן די שליאַפּע אויפן קאָפּ.

נאָר דאָ האָבן מיטאַמאָל זיין ווייב און די צוויי מיידלעך אויסגעבראָכן מיט אַ געלעכטער. וואָס איז? וואָס איז געשען? — אייגנטלעך האָט ער זיי נישט געדאַרפט פרעגן די סיבה. ער האָט זיך אַליין גלייך געכאַפּט: די שליאַפּע איז צו־קליין. זי שטייט אים אויפן שפּיץ פון קאָפּ.

— דו האָסט די שליאַפּע נישט אָנגעמאָסטן? — האָט אים דאָס ווייב געפרעגט מיט חידוש.

— פאַרגעסן... אין גאַנצן פאַרגעסן... — האָט ער געשטאַמלט.

— אַ מלמד בלייבט אַ מלמד! — האָט דאָס ווייב אָפּגעפּסקנט.

די מיידלעך האָבן נאָך אַלץ געלאַכט. זייער געלעכטער איז נישט שטילער געוואָרן, נאָר פאַרקערט: פון רגע צו רגע זיך נאָך מער געשטאַרקט. זיי האָבן זיך געוואַלגערט אויפן בעט — זיי האָבן פּשוט נישט מער געהאַט קיין כּוח צו לאַכן.

— קינדער, גענוג! — האָט אַ קאָמאַנדעווע־געטון דאָראַ יעפימאָווּנאַ צו אירע מיידלעך — מען דאַרף גיין עסן מיטאָג!

די מיידלעך האָבן זיך סוף־כּל־סוף באַרויקט, מ'האָט אָנגעהייבן צו עסן. אויך ליעוו איסאַקאָוויטש. ער האָט אָבער קיין שום טעם נישט געפילט אין עסן. ער איז געפאַלן ביי זיך, טרויעריק, ווי נישט בלויז די שליאַפּע וואָלט געווען צו־קליין, נאָר די גאַנצע וועלט וואָלט פאַר אים געוואָרן ענג, אַזוי ענג!...

דער נסיון

אויף דער גאַס גייט אַ מענטש. ער גייט נישט ווייל ער וויל ערגעץ אָנקומען, נאָר ווייל אָפּשטעלן זיך, צי זיך אַוועקזעצן, קען אַרויסרופן אויף זיך אַ חשד. מען דאַרף זען אין זיין גאַנג, אַז ער גייט נישט סתם אַזוי, נאָר צוליב אַן עניין. גייט ער דעריבער כסדר, הגם ער ווייסט, אַז פאַר אים באַטייט גאָרנישט שטח, נאָר צייט.

יעדעס מאָל גייען דורך אים פאַרביי פאַרשיידענע מענטשן. צווישן זיי געפינען זיך דייטשן און מסתמא אויך נישט ווייניק פּוילישע מוסרים. ער באַמיט זיך אָבער וואָס ווייניקער צו קוקן אויף די פאַרבייגייערס, נישט צו באַגעגענען זיך מיט זייערע בליקן, ווי זיי וואָלטן אים לחלוטין נישט אינטערעסירט. אַזוי איז זיכערער.

פּלוצים דאַכט זיך אים, אַז עמעצער גייט אים נאָך פון הינטן. יענעמס בליקן ברענען אים דעם רוקן. ער פאַראייליקט די טריט און הערט אויך באַלד יענעמס ווערן שנעלער. ער הייבט אָן צו גיין פּאַמעלעכער, כדי ער זאָל אים איבעריאָגן און אויף אַזאַ מין אופן זיך אויסגעבן. נאָר יענער מאַכט אויך פּאַמעלעכער דעם טריט. ניין, ער קען אַזוי לענגער נישט אויסהאַלטן! אין די קינדעריאָרן פלעגט זיך טרעפן, אַז ער איז געלעגן אין בעט און געזען אין דער פּינצטער עפּעס אַ העלן פלעק אויף דער וואַנט. אַנדערע קינדער, בעת אַזאַ פאַל, דעקן זיך איבער מיט דער דעק און ליגן אין פחד ביז זיי שלאָפן איין, אָבער ער — ער פלעגט אַראָפּגיין פונעם בעט, אָנגעטאַפּט דעם פלעק, נאָכגעקוקט פון וואַנען ער נעמט זיך און זיך געלייגט צוריק אין בעט אַריין אַ באַרויקטער. אויך איצט, האָט ער אַזוי געטון: זיך אויסגעדרייט און יענעם אַנטקעגנגעגאַנגען.

דאָס איז געווען אַ פרוי. זי איז געווען איבערראַשט פון זיין אומגעריכטן אויסדרייען זיך צו איר און זי האָט געשטאַמלט:

— אַנטשולדיקט... איר דערקענט מיך?...

ער האָט געענטפערט קאַלט:

— יאָ.

— און איר האָט געפילט, אַז מען גייט אייך נאָך?

— יאָ.

— זייט מיר מוחל פאַרוואָס איך בין צו אייך גלייך נישט צוגעגאַנגען. איך האָב אייך געוואָלט באַגעגענען אויף אַ זייטיקער גאַס, אַ שטילערע. איך וויל מיט אייך רעדן. אפשר וועלן מיר זיך פאַרנעמען אַהין אין יענעם געסל?

ער איז שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען. זיי זענען צוגעקומען צו אַ קליינעם קאַפע־הויז.

— מיר וועלן אַריינגיין אַהער אויף עטלעכע מינוט — האָט זי פאָרגע־שלאָגן.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש. מיטאַמאָל האָט עס אים אַ שלאָג־געטון אין קאָפּ אַריין: פאַרוואָס האָט ער זיך געלאָזט פון איר אַזוי געדולדיק פירן? פאַרוואָס רעדט ער מיט איר אַזוי רויק? געוועזן געדאַרפט פון איר זיך גלייך אַוועקדרייען, צי גאָר איר אַ שפּיי־טון אין פּנים. וואָס, זי וועט רופן פּאָ־ליציי? — זאָל זי רופן.

דער קעלנער איז צוגעקומען און געפרעגט, וואָס מען באַשטעלט.

— צוויי קאַווע! — האָט זי געענטפערט דעם קעלנער. דערנאָך האָט זי זיך געווענדט צו אים: — איר וועט טרינקען אַ קאַווע, איר וועט נישט אָפּזאָגן?

— זאָל זיין. אָבער איך וועל באַצאָלן!

— איך האָב אייך איינגעלאַדן — דאַרף איך צאָלן.

נאָר ער האָט זיך איינגעעקשנט:

— איך וועל בשום־אופן נישט איינגיין, אַז איר זאָלט באַצאָלן!

זי האָט אים דורכגעדרינגען מיט איר בליק און דערנאָך געזאָגט:

— אַהאַ... איך פאַרשטיי שוין... איר האָט מסתמא געהערט... איר ווילט נישט געניסן פון מיין געלט, ווייל ס׳איז דאָך פון...

— יאָ, ס׳איז אַזוי.

— יעדער האָט זיך געפּרווט ראַטעווען אויף זיין אופן און לויט זיינע מעג־לעכקייטן. ס׳זענען געווען שיינע פּרויען, וואָס האָבן זיך אויסגעקויפט מיט דעם וואָס זיי האָבן געגעבן זיך. איך בין נישט קיין שיינע, מיך האָט מען נישט גע־וואָלט — האָב איך געמוזט געבן אַנדערע!

איז עס, הייסט עס, נישט סתם קיין חשד. דער אונטערערדישער קאָמיטעט האָט זיך נישט טועה געווען. זי איז זיך איצט אַליין מודה, אַז זי דינט די דייטשן. ווער ווייסט וויפל מענטשן זי האָט שוין אויף איר געוויסן. זי מוסרן, וואָרענען? — וואָס וועלן העלפן ווערטער! מען דאַרף זי מאַכן אומשעדלעך, מען דאַרף זי אָפּרוימען. אָבער ווי אַזוי? ווי אַזוי? — אים איז פּלוצים איינגעפאַלן: ער האָט ביי זיך אַ פּראַשעק סם. ער האָט אים ביי זיך די גאַנצע צייט, כדי אין פאַל,

ווען די דייטשן כאַפּן אים, גלייך צו באַגיין זעלבסטמאָרד און זיך פאַרשפּאָרן עינויים. ער וועט אַריינשיטן דעם סם אין איר קאַווע.

— איר שווייגט — האָט זי געזאָגט — איר האָט מיר נישט וואָס צו ענט־פערן.

— איך האָב אייך יאָ געהאַט וואָס צו ענטפערן, נאָר איך האָב געשוויגן, ווייל איך האָב געצווייפלט אין דעם צי דער ענטפער וועט אויף אייך ווירקן. אָט, למשל, האַלט איר, אַז דאָס וואָס איר האָט געטון, איז געווען אומפאַרמייד־לעך. איר האַלט, אַז אָדער מען האָט געדאַרפט געבן זיך אָדער יענעם פאַר דעם דייטש. פונדעסטוועגן זענען פאַראַן מענטשן, וואָס גיבן נישט זיך און נישט יענעם. זיי האָבן געשטעלט אַפילו אַ העלדישן ווידערשטאַנד —

— נישט יעדער איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַ העלד! — האָט זי אים איבערגעריסן.

זי האָט אויסגעטרונקען די קאַווע און ער האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אַהין אַריינצושיטן דעם סם. אפשר איז סיי־ווי נישט געווען קיין פּלאַן אַריינצו־שיטן דעם פּראָשעק אין דער קאַווע. קאַווע זופּט מען צוביסלעך. זי קען באַלד דערפילן אַן אַנדערן טעם און ס׳זאָל איר ווערן פאַרדעכטיקט און זי זאָל ווייטער נישט וועלן טרינקען. ער מוז איצט באַשטעלן אַזאַ געטראַנק, וואָס מען טרינקט מיט איין מאָל אויס, בראַנפן, צי קאָניאַק. מען קערט איבער דאָס גלעזל. ס׳איז אַראָפּ אינעווייניק — פאַרפאַלן.

— אפשר נעמען נאָך צו גלעזלעך קאָניאַק? — האָט ער איר פאַרגעשלאָגן.

— איך בין מסכים, נאָר מיט איין באַדינג: אַז איך זאָל באַצאָלן.

— גוט. איר וועט באַצאָלן.

און שטיל פאַר זיך קלערט ער: מיטן לעבן וועסטו באַצאָלן! מיטן לעבן!

ער באַשטעלט צוויי קאָניאַקס. פּלוצים רופט זי זיך אָן:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך דאַרף דרינגענד טעלעפאָנירן: איך קום באַלד צוריק.

און זי לויפט צום שטיבל פון טעלעפאָן. ער בלייבט אַליין ביים טיש און קלערט: וואָס פאַר אַ גליקלעכער צופאַל! פונקט דאַרף זי אַוועקגיין טעלעפאָנירן! ער וועט אַזוי אַרום קענען אַריינשיטן דעם סם אין איר גלעזל. ער וואָלט גאָר עפּעס אַזוינס קיין מאָל נישט צוגעקלערט.

דער קעלנער האָט דערלאַנגט די צוויי גלעזלעך קאָניאַק. ער האָט שוין אַרויסגענומען דעם פּראָשעק, גרייט אַריינצושיטן אין איר גלעזל, אָבער ער טוט דאָס נישט. פאַרוואָס זאָל ער איר אַוועקגעבן דעם פּראָשעק, וואָס איז אים אַזוי שווער אָנגעקומען צו דערגרייכן? מיט אים פילט ער זיך רויקער. קוים כאַפּן אים די דייטשן, נעמט ער אים איין און איז זיי גלייך פּטור. ער קען זיך טאָקע נישט אויסקלייבן אַזאַ לעבן וואָס ער וויל, ער קען זיך אָבער אויסקלייבן

אַזאַ טויט ווי אים געפעלט בעסער, ווי פאַר אים איז לייכטער. זי וועט אַוועק־פאַלן אַ טויטע און ער וועט זיך באַמיִען שנעל צו אַנטלויפן. אויב אָבער דאָס וועט אים נישט געלונגען און מען וועט אים כאַפּן, איז ער שוין דעמאָלט נישט סתם אַ ייִד, נאָר איינער פון אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, וועמען ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן די שליחות, די מסורטע אַפּצורוימען. מען וועט אים באַזונדערס אויספאָרשן און פּייניקן, אַז ער זאָל אויסגעבן די חברים און ער איז דאָך טאַקע אויף אַן אמת אַ מיטגליד פון אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע וואָס קעמפט קעגן די דייטשן. אויב מען וועט אים פּייניקן, קען ער נאָך ווערן שוואַך און אויסגעבן. וואָס קלערט ער? — ער האָט מורא, אַז ער וועט נישט אויסהאַלטן דעם נסיון, און פאַרוואָס פאַרלאַנגט ער פון איר, אַז זי האָט געדאַרפט אויסהאַלטן דעם נסיון, שטאַרבן און נישט אויסגעבן קיין ייִדן? — ניין, ער וואַקלט זיך שוין נישט מער — ער שיט אַריין דעם סם אין איר גלעזל.

זי קומט צוריק. זי איז עפּעס זייער צעשטרייט. זי רעדט צו אים, אָבער ס'בינדט זיך נישט אַ וואָרט מיט אַ וואָרט, דערצו קוקט זי כסדר צו דער טיר.

— איר וואַרט אויף עמעצן? — פרעגט ער זי.

זי ווערט נאָך מער מבולבל:

— אַ... יאָ! אויף מיינעם אַ באַקאַנטן! איך האָב זיך מיט אים אָפּגע־שמועסט דאָ אין קאַפע.

ס'איז עמעצער אַריינגעקומען, אַ קוק־געטאָן אין איר זייט און אין זיינער און זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל אַנטקעגנאיבער. מיטאַמאָל איז אים עפּעס קלאָר געוואָרן: דער דאָזיקער פאַרשוין, וואָס איז איצט אַריינגעקומען איז פון דער פּאָליציי. דאָס האָט זי אים אַהער גערופן דורכן טעלעפאָן, אַז ער זאָל אים קומען נעמען.

ער האָט שנעל אויפגעהויבן דאָס גלעזל און געזאָגט צו איר:

—לאָמיר טרינקען! צום געזונט! (וואָס פאַר אַ איראָניע!).

זיי האָבן ביידע איבערגעקערט די גלעזלעך אין מויל אַריין. באַלד איז זי בלייך געוואָרן און גענומען שרייען. דער פאַרשוין פון טישל איז גלייך צוגע־שפּרונגען. אין זיין האַנט — אַ רעוואָלווער.

— וואָס איז געשען? — האָט ער זי געפרעגט.

זי האָט געוויזן אויפן גלעזל.

— דאָ... דאָ איז עפּעס געוועזן... און זי איז אַוועקגעפאַלן.

ער האָט זי געזען ליגן אַ טויטע אויף דער ערד און געטראַכט: זי האָט געהאַט אַ מיאוס לעבן, אָבער דעם טויט איז ער איר מקנא. דאָס האָט ער דאָך געקענט אַזוי שנעל שטאַרבן ווי זי. איצט וואַרטן אויף אים אַזוי פיל פּייניקונגען און יסורים...

מעשה פון דער נישט־דערקוילעטער הון

1.

באַשעס מאַן, הענדל, איז געווען שווער קראַנק. ער האָט זיך אַמאָל פאַרקילט, אָנגעהויבן הוסטן, געלעגן אין בעט, איינגעדאַרט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און געוואָרן בלויז הויט און ביינער. באַשע האָט געזען, אַז די דאָקטערישע ביטערע רפואות טויגן צו גאָרנישט, האָט זי צו זיך געזאָגט:

— מ׳דאַרף געבן דעם קראַנקן צו עסן מאַראַנצן אָדער אַ הינדל. זיי קענען אַפילו אַ טויטן שטעלן אויף די פיס.

מאַראַנצן זעט מען אין שטעטל זייער זעלטן, אַ מאָל אין אַ יובל, אָבער אַ הינדל קען מען דאָך קויפן יעדן דינסטיק אויפן יריד. לאָמיר נאָר זען וויפל מעלות־טובות האָט אַ הינדל אַ חוץ דעם פלייש, וואָס זי האָט אויף זיך.

צוויי פליגעלעך, צוויי פולקעלעך, אַ פופיקל, אַ הערצעלע, אַ העלדזל אויף אָנצופילן און היינט די יויך די הינערישע — יעדער לעפל יויך איז אַ לעפל רפואה!

אַ הינדל, דאָס איז — אָן עשירות, אַ מלוכה! מען דערפילט זיך ערשט אַן אמתע באַלעבאָסטע, ווען מ׳פאַרעט זיך ביי אַ הינדל. אַ הינדל איז אָבער טייער. באַשע איז צופרידן, אַז זי קען קויפן לונג־און־לעבער. דער מאַן איז אָבער קראַנק און מ׳דאַרף אַלץ טון, כדי אים אויפצוריכטן. האָט זי געקלערט און געקלערט און דערטראַכט זיך, אַז זי וועט קויפן אַ יונג הינדל, וואָס קאָסט נישט קיין סך געלט און עס אויסהאָדעווען.

דאָס הינדל האָט, אָן אַן עין־הרע, צוגענומען. באַשע פלעגט יעדעס מאָל עס נעמען אויף די הענט און אָ פרווו־טון זיין וואָג. פון צייט צו צייט פלעגט זי אויך אַ בלאָז־טון די פעדערן פון איר הינטן — די הויט איז געל און פעט. ס׳זאָל איר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן!

און אַז ס׳איז געקומען די ריכטיקע צייט, ווען באַשע האָט געזען, אַז דאָס הינדל איז שוין ברוך־השם געוואָרן אַ הון און אַז הענדל, איר מאַן, איז סכנות־

דיק קראַנק און ס׳קען אים שוין טאַקע גאָרנישט העלפֿן, אויסער אַ הינעריש יאַכל, האָט זי גענומען די הון, פֿאַרבונדן אירע פּיס מיט אַ בענדל פֿון אירע זאָקן, און זיך געלאָזט צום שוחט.

ס׳איז געווען ערב פּסח. דער שוחט האָט די לעצטע עטלעכע טעג צופֿיל געאַרבעט. ער איז געווען מיד און פֿאַרכמורעט. באַשע האָט אים דערלאַנגט די הון מיט אַזאַ יום־טובדיקער מינע, ווי ער וואָלט זי נישט געדאַרפֿט שעכטן, נאָר בלויז בענטשן. ער האָט זי אַ נעם־געטון גיך און ברוגזלעך, פֿאַרבויגן איר קאָפּ, אַ ציפּע־געטון די פֿעדערן ביים האַלדז און אַ פֿיר־געגעבן מיטן חלף. מעשה שׂטן האָט זיך אַ פֿעדערל אונטערגערוקט און דער חלף האָט אַפֿילו נישט אָנגערירט דעם וושט, בלויז אַ שניט־געטון די הויט פֿון אויבן.

באַשע האָט נישט געוווּסט וואָס דאָ איז געשען. זי האָט אויך נישט באַ־מערקט דעם שוחטס צערודערטקייט. זי האָט געוואַרט ביז די הון וועט אויסגיין. ס׳איז אַוועק אַ רגע און נאָך אַ רגע — די הון האָט זיך אַלץ געוואָרפֿן. פּלוצים האָט זיך אויפֿגעבונדן דאָס שטריקל פֿון אירע פּיס און די הון האָט צעשפּרייט די פֿליגל און גענומען פֿליִען.

באַשע איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטע. ווען זי וואָלט געהאַט אַ טבע צו חלשן, וואָלט זי מסתּם זיכער געווען אַוועקגעפֿאַלן און געחלשט. זי איז באַלד צו זיך געקומען: גוואַלד, וואָס איז געשען מיט איר הון?! זי האָט אָנגעהויבן די הון נאָכצויאָגן מיט אַ גרויס געשריי. די הון איז אַרויס אויף דער גאַס. מענטשן האָבן געהאָלפֿן איר די הון צו כאַפּן און זי האָט זי שוין ווידער גע־האַלטן אין אירע הענט. ביים האַלדז זענען די פֿעדערן געווען פֿאַרבלוטיקט, אָבער זי האָט געלעבט. זי האָט נישט געהאַט בדעה צו שטאַרבן.

באַשע איז געגאַנגען מיט דער הון צום רב פֿרעגן אַ שאלה. דער רב האָט געפּסקנט, אַז צוליב דעם, וואָס דער חלף האָט נישט איינגעשניטן אין וושט, איז די הון טריפֿה. ווי ער האָט דאָס געזאָגט, האָט באַשען זיך אויסגעדאַכט, אַז זי האַלט אויף אירע הענט עפּעס אַ טמא באַשעפֿעניש, ווי למשל, אַ זשאַבע אָדער אַ פֿלעדערמויז.

זי האָט די הון נישט מער געהאַלטן אויף די הענט, נאָר איינגעוויקלט אין פֿאַרטעך. זי האָט זי אַזוי געטראָגן אַ פֿאַרווייטיקטע, אַ פֿאַרצאַגטע, ביז צום גער־טנדל הינטער איר שטוב און דאָרט אַ וואָרף געטון מיט איר אויף דער ערד. זאָל כאַטש הענדל איר מאַן נישט וויסן פֿון איר בראָך. ער וועט האָבן גרויס עגמת־נפֿש. מ׳וועט מוזן צוזוכן אַ תּירוץ.

זי האָט אָבער שוין נישט געדאַרפֿט קיין שום תּירוץ פֿאַר הענדלען, איר מאַן. ווי זי איז אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, האָט זי געטראָפֿן דאָס בעט, וווּ ער איז געלעגן, פֿאַרגאָסן מיט בלוט. בעת זי איז געגאַנגען צום שוחט שעכטן די הון, האָט ער דאָ באַקומען אַ בלוטשטורץ. ער איז שוין געווען טויט.

מען האָט געמאַכט הענדלען אַ שיינע לוויה. ער איז טאַקע געווען אַן ערע־מער ייִד, אָבער ער האָט געשטאַמט פון יחוס און איז געווען אַ בן־תורה. ווען פיר ייִדן האָבן אויף זייערע אַקסלען אַרויסגעטראָגן דעם ארון מיטן טויטן פון דער שטוב און די לוויה האָט זיך אָנגעהויבן — האָט זיך פּלוצים באַוויזן די הון. זי האָט אַ קוק־געטון אויף דעם ארון און ווי זי וואָלט געזאָגט:

— באַשע האָט געמיינט, אַז איך וועל שטאַרבן און ער וועט לעבן. נו, לעב איך און ער איז געשטאָרבן.

.2

נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָט באַשע געהאַט אַזאַ מין חלום:

ס׳האָט זיך צו איר באַוויזן איר מאַן הענדל. ער איז געווען אָנגעטאָן אין די תכריכים. דאָס פּנים — געל, די אויגן — איינגעפאַלן. זי האָט אויסגעשריגן:

— געוואַלד, הענדל, וואָס איז פון דיר געוואָרן?!

האָט ער געענטפערט בזה הלשון:

— מילא, שטויב גייט צו שטויב. מיין נשמה לעבט אָבער ווייטער: זי איז אַריין אין דער הון...

באַשע האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ גרויס געשריי. זי האָט זיך אַפילו אַ שטיק צייט נאָך נישט געקענט באַרויִקן. זי האָט בדעה געהאַט די הון צו פאַר־קויפן אַ גוי. ער מעג דאָך עסן טריפות. אויב אָבער ס׳איז אין איר אַריין דעם מאַנס נשמה — ווי וועט זי איבערגעבן דעם מאַנס נשמה אין גויִישע הענט אַריין?

זי האָט די הון געלאָזט לויפן פריי אַרום איר שטוב. אויך די שכנטעס האָבן גענומען קוקן מיט אַנדערע אויגן אויף דער הון. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אין איר ליגט אַ דיבוק, צי אַ נישט־גוטער. זיי האָבן געוואָרנט זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן חלילה וחס די הון נישט טשעפּען. זיי האָבן אַפילו פון צייט צו צייט איר צוגע־וואָרפן קרישקעס ברויט, ווי זיי וואָלטן זיך דערמיט געוואָלט אויסקויפן פון איר, אַז זי זאָל זיי און זייער הויזגעזינד נישט ברענגען קיין שלעכטס, קיין אומגליק. ס׳איז געווען אויסטערליש, משונהדיק: מען איז געווווינט צו זען אַ הפקרדיקן הונט, אַ הפקרדיקע קאַץ, אָבער נישט קיין פרייע הון, אַ הון אָן אַ באַלעבאָס.

און טעג זענען געקומען און געגאַנגען. פאַר דער דאָזיקער צייט זענען צענדליגער און הונדערטער הינער געבראַכט געוואָרן צום שוחט און ס׳איז מיט זיי נישט געשען קיין נס — זיי זענען געקוילעט געוואָרן. מען האָט זיי געבראָטן, געפּרעגלט, געקאָכט און געגעסן מיט חלה און כריין — נאָר זי, די הון, איז געבליבן לעבן. זי האָט קיינער אַפילו נישט געוואַגט אָנצורירן.

איז אויפגעקומען אַ נייער דור הינער, אַ דור, וואָס האָט נישט געוווּסט פון דער הון און פון איר אויסטערליש איבערלעבעניש. הענער מיט גרויסע רויטע

קאַמען אויף די קעפּ, וואָס האָבן שטאַלץ געקרייעט יעדן פרימאָרגן מיט דער זי־כערקייט, אַז ווען נישט זיי, וואָלט די זון קיין מאָל נישט אויפגעגאַנגען און די מענטשן וואָלטן אייביק געשלאָפן. און הינער, וואָס האָבן צו זיי מיט דרך־ארץ אַרויפגעקוקט און מיט גרויס הכנעה און גלוסטעניש זיך זיי אָפּגעגעבן, ווען ס׳האָט זיך זיי פאַרוואָלט.

זיי זענען אָבער פאַרט פון איר מין און די הון האָט געוואָלט מיט זיי אַ מאָל פאַרברענגען צוזאַמען, פאַר זיי זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. איז זי איין מאָל אַריין אין אַ הויף, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען אַ מחנה מיט הינער און זיי באַגריסט:

— אַ גוט־מאָרגן אייך, מיינע טייערע!

נאָר די יונגע הענער האָבן איר געוויזן פרעמדע פּנימער:

— ווער ביסטו? פון וואַנען קומסטו?

האָט די הון געענטפערט מיט גרויס חשיבות:

— איך בין פון פר?ערדיקן דור. קען זיין אַז איך בין גאָר אַ נאָענטע קרובה אייערע — אַ מומע פון טאַטנס, צי פון דער מאַמעס צד.

די הינער האָבן זי אָנגעקוקט מיט חשד.

— פון פר?ערדיקן דור? — זענען דען געווען הינער פאַר אונדז? — ניין! דו זאָגסט אַ ליגן. מיר זענען די ערשטע הינער אויף דער וועלט.

די הון האָט פּשוט נישט געוואָלט גלייבן אירע אויערן.

— וואָס רעדט איר? — האָט זי צו זיי געזאָגט — דאָס איז דאָך נאַריש. ס׳זענען געווען הינער פאַר אייך און אַפילו פאַר מיר.

האָט איינער אַ האָן אַ כיטרע ווינק געטון צו די אַנדערע הינער, ווי געזאָגט: הערט און שווייגט. איך וועל איר באַלד שטעלן אַ פראַגע, וואָס וועט איר פאַר־מאַכן דאָס מויל. ער האָט זיך אַ שטעל געטון ווויליונגעריש קעגן דער הון און זי געפרעגט:

— אויב ס׳זענען באמת געווען נאָך הינער פאַר אונדז, ווי דו ווילסט אונדז איינרעדן, ווו־זשע זענען זיי?

די הון האָט מיט אַ קרעכץ געענטפערט:

— דער שוחט האָט זיי געקוילעט מיט זיין שאַרפן חלף.

די הינער זענען געבליבן שטיין פאַרחידושטע, דערשראָקענע. אַפילו דער האָן האָט אויף אַ רגע פאַרלוירן דאָס לשון. ער האָט אָבער באַלד אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט זיינע פליגל, ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט אָנפּאַכען קוראַזש און ער האָט געשריגן:

— ס׳אַ ליגן! ס׳אַרט זי און זי איז אונדז מקנא פאַרוואָס מיר זענען יונג, פאַרוואָס מיר קוקעריקען אַזוי שיין און פריילעך, פאַרוואָס מיר קושן זיך און האַלדזן זיך. וויל זי, די אַלטע מכשפה, אונדז אָפּשרעקן מיט עפּעס אַ שוחט און אַ חלף, כדי מיר זאָלן נישט הנאה האָבן פון דעם לעבן!

האָבן די אַנדערע הינער אָנגעהויבן זיך אויסצוטשוכען פון דער שרעק און געזומען קוקן מיט פיינטלעכע בליקן אויף דער הון גרייט זי דורס צו זיין. האָט דך הון אויסגעשטרעקט איר האַלדז און געשריגן:

— זעט, זעט, אויב איר גלייבט נישט! זעט דעם סימן פון אַ שניט! איך בין צופעליק געראַטעוועט געוואָרן, אָבער אַלע זענען אומגעקומען!

האָבן די הינער געקוקט און געקוקט און געמוזט צוגעבן:

— באמת, אַ שניט.

נאָר דער האָן האָט זיך אַלץ נישט פאַרלוירן. ער האָט געשריגן מיט אַלע כוחות:

— ווער ווייסט פאַרוואָס זי האָט באַקומען דעם שניט? סתם אין דער וועלט אַריין שניידט מען נישט! מסתם האָט זי זיך פאַרשולדיקט, זיך נישט אויפגעפירט לייטיש. לאָמיר זי פאַריאָגן פון דאַנען! די מענטשן קענען זען אונדז דאָ צוזאַמען מיט איר און חושד זיין, אַז מיר גלייבן אין בלבול אויף זיי, אַז מיר זענען אויף איר זייט!

און אַלע הינער, מיטן האָן בראש, האָבן זיך אַ וואָרף־געטון אויף דער הון. זי אָנגעהויבן פּיקן מיט די שנאָבלען. אָט־אָט און מען צערייסט זי אויף שטיקער.

3.

די הון האָט זיך קוים פון זיי אַרויסגעראַטעוועט.

האָט זי געזען, אַז נישט נאָר מענטשן, נאָר אַפילו אירע אייגענע ווילן זי נישט קענען, איז זי געוואָרן זייער טרויעריק און זי האָט ביי זיך געטראַכט:

— אויב אַזוי, וועל איך דאָ מער זיך נישט ווייזן.

זי האָט פאַרלאָזט די געסלעך פונעם שטעטל און איז אַוועק אין אַ גאָרטן, וואָס האָט זיך געפונען הינטער דער שטאָט, ביים דאָרף. נישט די מענטשן און נישט די הינער קענען זי דאָ, וועט זי האָבן מנוחה.

בעת זי איז געגאַנגען דורך די קוסטעס פון גאָרטן, האָט זי געטראָפן דאָ און דאָרט אייער. אַפנים, אַז די הינער האָבן נישט תמיד געלייגט די אייער ווו דער באַלעבאָס האָט געוואָלט, נאָר ווו ס'איז זיי אויסגעקומען. אין איינעם אַ קוסט, אין אַ גריבל, וואָס איז געווען מיט בלעטער פאַרשפּרייט, האָט זי אַפילו אָנגעטראָפן אַ קופּקעלע אייער.

מיטאַמאָל האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ וואַרעם געפיל: זי וועט זיך דאָ אַוועקזעצן אויסוואַרעמען די אייער!

איין מאָל אין אַ שבת נאָכמיטאָג איז באַשע געזעסן אויף דער פּריזבע ביי איר שטוב און דערציילט די שכנטעס וועגן איר מאַן הענדל — אַ ליכטיקן גן־

עדן זאָל ער האָבן! — און וועגן חלום, וואָס זי האָט געזען באַלד נאָך זיין טויט, אַז זיין נשמה איז אַריין אין דער נישט דערקוילעטער הון.

די ווייבער האָבן זי אויסגעהערט מיט אָפענע מיילער פאַר חידוש און אַ דראָזש איז אַריבער איבער זייערע לייבער.

— דאָס איז נישט געווען סתם אַ פּשוטע הון — האָט באַשע געזאָגט סודותדיק — דאָס איז געווען עפּעס אַ נישט־גוטע! געלויבט דער אייבערשטער, זי איז שוין מער נישטאָ — פאַרשוואונדן. אויף אַלע פּוסטע וועלדער און פעלדער — — —

נאָר פלוצים האָט באַשע דערהערט אַ קוואָקען און תיכף האָט זיך באַוויזן אַ קוואָטשקע מיט אַ מחנה קליינע הינדעלעך. די הינדעלעך זענען געלינקע, זיי לויפן, שפּרינגען, פּישטשען — ווי ס׳וואָלט זיך מיטאַמאָל אַ גאָס־געטאָן איבער דער ערד אַ וואַרעמער, זינגענדיקער שטראָם.

באַשע איז געבליבן זיצן אַ געפּלעפּטע. זי האָט אויף אַ ווײַלע פאַרלוירן דאָס לשון און אַז זי איז געקומען צו זיך, האָט זי געשריגן:

— זעט נאָר, זעט: דאָס איז דאָך די הון — די נישט־ דערקוילעטע הון!

איר פּנים האָט אויפגעשיינט. זי איז אַריינגעלאָפן אין שטוב אַריין, אַרויס־ געבראַכט אַ שטיק ברויט און אָנגעהויבן צוואַרפן קרישקעס דערפון דער הון און די הינדעלעך:

— ציפּ־ציפּ! ציפּ־ציפּ־ציפּ!...

די הינדעלעך האָבן מיט גרויס הנאה געפּיקט די קרישקעס און די קוואָטשקע האָט פון זיי געקליבן נחת, געקוואָקעט און ווי געזאָגט צו באַשען און צו די ווייבער:

— נו־זעט... איך בין נישט קיין טויטע... איך בין נישט קיין שד און נישט קיין דיבוק... איך בין אַ מאַמע, ווי אַלע מאַמעס...

נישט אויסגעמיטן דעם גורל

אין איינעם אַן אינדערפרי האָב איך געהערט עפּעס אַ רעש אין האָטעל, ווו איך האָב געוווינט. פאַרשיידענע מענטשלעכע קולות. ס׳מאַכט זיך דאָ טייל־מאָל אַ קריגערײַ צווישן מאַן און ווײַב, אָדער צווישן שכנים. ביי אַזעלכע פאַלן גיי איך אַפילו נישט אַרויס פון מיין צימער. דער איצטיקער רעש איז אָבער גאָר אַן אַנדערער. וואָס האָט דאָ געקענט געשען? ס׳האָט מיך געצויגן אַרויסצוגיין.

דער רעש איז געקומען פון איבער מיר, פון פערטן שטאָק, וואָס איז געווען דער לעצטער. איך בין אַהין אַרויפגעגאַנגען און דאָרט געטראָפן אין קאָרידאָר שטיין אַ היפּש ביסל מענטשן. צווישן זיי האָב איך דערקענט די איינוווינער פון האָטעל. ס׳זענען אָבער אויך געווען פרעמדע: אַ פּאָליציאַנט און עטלעכע ציווילע מענער, וועלכע איך האָב חושד געווען, אַז זיי האָבן אויך מיט פּאָליציי אַ געוויסן שייכות. איך האָב באַמערקט מארי־ראָז, איינע פון די באַדינערינס פון האָטעל, און האָב זי געפרעגט:

— וואָס איז דאָ געשען?

זי האָט זיך צו מיר צוגעבויגן, און ווי מען גיט איבער אַ סוד, מיר שטיל געזאָגט:

— מאַדמואַזעל מאַרי האָט זיך פאַרסמט מיט גאַז.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס זי וויל מאַכן אַ סוד פון דעם, וואָס ס׳איז שוין מסתמא באַקאַנט פאַר די אַלע מענטשן אַרום. דער נאָמען פון מיידל האָט מיר גאָרנישט געזאָגט, אָבער איך האָב זיך משער געווען, אַז אויב זי האָט דאָ געוווינט, האָב איך זי געמוזט זען. איך האָב זיך דערנעענטערט צום צימער. די טיר איז דאָרט געווען אָפן און ס׳האָט זיך פון דאָרט געטראָגן דער ריח פון גאַז. אויפן בעט האָב איך געזען ליגן דאָס מיידל. יאָ, איר פּנים איז פאַר מיר נישט אומבאַקאַנט. איך האָב זי באַגעגנט עטלעכע מאָל אויף די טרעפּ און אונטן, אין האָטעל־ביוראָ ביי דעם טעלעפאָן. ווייזט אויס, אַז זי איז טויט. וואָס האָט זי געקענט פירן צום זעלבסטמאָרד? קען זיין אַז אַ ליבעס־טראַגעדיע. נאָך דעם, ווי איך האָב אָבער אַ פיר־געטון מיטן בליק איבער דעם דאָזיקן בוידעם־שטיבל

מיטן שיפן דאַך, איבער די צוויי אַלטע וואַליזעס, וואָס זענען געשטאַנען אין אַ ווינקל, איבער דעם פּרימוס מיט די עטלעכע כלים, האָב איך באַשלאָסן, אַז צו דעם פּאַרצווייפלטן שריט האָט זי געטריבן דער נויט.

איך האָב נישט געהאַט קיין צופיל צייט דאָרט צו שטיין — איך האָב זיך געאײַלט צו דער אַרבעט. די טויטע האָט זיך שוין באַפרייט פון אַלץ, איך האָב נאָך פליכטן. איך בין טאַקע אַוועקגעגאַנגען פון דאָרט, אָבער סיי אין מעטראָ, סיי ביי דער אַרבעט האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן פון דעם מיידל. מען האַלט די, וואָס האָבן ליב כסדר צו לייענען וועגן קאַטאַסטראָפעס, אומגליק־פאַלן, זעלבסטמאָרדן — פאַר פרימיטיווע מענטשן. די רעפּאָרטערן פון די צײַ־טונגען פּראָווען מערסטנטייל צו אַזוי באַנאַל די ידיעות, אַז פון דער גרעסטער טראַגעדיע בלייבט נישט מער ווי סענסאַציע. גאָר אַנדערש האָט אָבער אויף מיר דער פאַל געווירקט, ווייל איך האָב וועגן אים נישט בלויז געלייענט, נאָר מיט די אייגענע אויגן געזען.

אויף צומאָרגנס אינדערפרי איז צו מיר אַריינגעקומען מאַרי־ראָז, כדי אויפ־צורוימען דאָס צימער. ביי דער געלעגנהייט האָט זי מיר געבראַכט אַ בינטל צעריסענע בלעטלעך. ווי זי האָט מיר איבערגעגעבן, האָט זי זיי געפונען אין קויש פון מיסט, וואָס איז געשטאַנען אין דעם צימער פון דער זעלבסטמערדערין. אַזוי ווי איך בין אויך פון פּוילן, אפשר וועל איך קענען איבערלייענען וואָס דאָרט שטייט געשריבן. זי איז זייער נייגעריק אויף דעם. מסתמא ווערן דאָרט דער־ציילט אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן.

איך האָב ביי איר גענומען דאָס בינטל בלעטלעך. זיי זענען געווען צעריסן אין פירן. דאָס מיידל האָט זיי געוואָלט פאַרניכטן איידער זי האָט מיט זיך אַ סוף געמאַכט. דאָס מיידל קען שוין טאַקע גאָרנישט דערציילן, אָבער די בלעטלעך וועל איך פּרווון צונויפנעמען, צונויפקלעפּן, אפשר וועט מיר געלונגען פון זיי זיך עפּעס צו דערוויסן וועגן איר. איך האָב דערוויילֹ די בלעטלעך, ווי איך האָב זיי באַקומען, אַריינגעלייגט אין אַ שופלאָד און געגאַנגען צו דער אַרבעט.

איך האָב זיך קוים געקענט דערוואַרטן דעם אָונט, כדי זיך ווידער צו קענען נעמען צו די בלעטלעך. ווי איך בין אַהיימגעקומען, האָב איך מיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. פון די שטיקלעך צונויפגעשטעלט זייטן. אַ סך שווערער איז מיר אָבער געווען פעסטצושטעלן די ריי פון די זייטן, ווייל זיי זענען נישט געווען נומערירט און ווייל דער כתב־יד איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון שטיקלעך און ברעקלעך פראַגמענטן, אָנגעשריבענע מסתמא אין פאַרשיידענע צייטן און שטי־מונגען.

איך האָב פונדעסטוועגן געפּרוווט מאַכן אַ סדר לויט מיין באַנעם. ווי איך האָב קודם געלייענט באַזונדערע שטיקלעך און ברעקלעך, האָב איך דערנאָך שוין איבערגעלייענט אַ גאַנצקייט. נאָכן איבערלייענען האָב איך זיך פאַרטראַכט

וועגן דעם, צי איך האָב געהאַט די רעכט אַריינצוקוקן אין אַ פרעמד לעבן, כאָטש זי האָט עס געפּרוווט פאַרמיידן דורך דעם פּרוּוו צו פאַרניכטן דעם כתב־יד. כדי עס זאָל מיר זיין לייכטער צו טראָגן די זינד, האָב איך באַשלאָסן די לייענער צו נעמען פאַר שותּפים...

און אָט האָט איר פאַר זיך דעם כתב־יד:

...באַלד ווי איך בין אַרויס פון לאַגער אויף דער פריי, האָט זיך צו מיר געווענדט אַ זשורנאַליסט פון אַמעריקע און מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל אים דערציילן מיינע איבערלעבונגען אין געטאָ און אין לאַגער און ער וועט עס באַ־אַרבעטן און דרוקן דאָרט אין אַ צייטונג. ער האָט מיר אַפילו צוגעזאָגט אַ גע־וויסע סומע געלט, וואָס האָט דעמאָלט פאַר מיר באַטייט זייער אַ סך. איך האָב אָבער אים אָפּגעזאָגט דאָס צו טון. איך האָב זיך געשראָקן פאַר זיין „באַאַרבעטן". איך האָב געוווּסט, אַז זיינע אַ צוגעטראַכטע מעשה וועט מער ווירקן אויפן לייע־נער, ווי מיינע אָן אמתע שווערע איבערלעבעניש. ווידער האָב איך נישט געוואָלט, אַז זיי זאָלן אויף מיר קרעכצן און ווישן זיך די נעז. זיי זאָלן מיט אַ קרעכץ און מיט אַ ביסל געלט ווערן שותּפים צו מיינע ליידן און ווייטיקן.

שפּעטער האָט זיך צו מיר געווענדט איינער אַ מענטש פון עפּעס אַ קאָ־מיסיע, וואָס האָט געפאָרשט דעם יידישן אומקום בעת די לעצטע יאָרן, הגם ער האָט שוין אויסגעזען אַ סך סימפּאַטישער פון יענעם זשורנאַליסט, איז אים אויך געווען שווער פון מיר עפּעס אַרויסצובאַקומען. פאַר דער צייט זענען שוין דערשינען ביכער פון מענטשן מיט אַ סך מער טאַלאַנט פון מיר צו דערציילן, האָב איך געצווייפלט צי איך קען עפּעס נייעס צוגעבן.

נאָר איצט האָט מיך דווקא אָנגעכאַפּט אַ ווילן צו פירן אַ טאָגבוך. איך האָב נישט בדעה צוריקצוגיין ביז אין געטאָ, אָדער אין לאַגער. איך וויל בלויז פאַר־צייכענען געוויסע מיינע איבערלעבענישן פון זינט איך בין אַרויס פון לאַגער. די דאָזיקע איבערלעבענישן זענען שוין נישט פאַרבונדן מיטן גורל פון מער ווי אַ דריטל פון מיין פאָלק, נאָר האָבן צו טון מיט מיר אַליין און מיט נאָך יחידים. מחמת דעם האָב איך דעם מוט און דערוועג זיך וועגן דעם צו פרוּוון שרייבן.

איך ווייס, אַז דאָס לעבן איז נישט אַזוי לייכט אויפצוקלערן. מען עפנט אַיין טיר און מען גייט אַריין אינעווייניק — עפענען זיך דריי נייע טירן. איידער איך נעם זיך שרייבן, באַזונדערס ביינאַכט, ווען איך ליג אין בעט, קומען אַ סך מחשבות און בילדער אין קאָפּ אַריין. שטיי איך אָבער אויף און וויל זיך נעמען זיי אויפשרייבן — צעפליען זיי זיך ווי די פייגל, ווען עמעצער דערנענטערט זיך צו זייער קוסט.

קען זיין, אַז צוליב דעם, וואָס איך וועל נישט דערציילן וועגן מיין לעבן אין געטאָ און אין לאַגער און אויך נישט וועגן מיין לעבן נאָך פריער — וועגן די

קינדער־יאָרן און מיין משפּחה, וועלן געוויסע זאַכן פון איצט נישט ווערן ווי געהעריק באַלויכטן און פאַרשטענדלעך. איך קען אָבער נישט אַנדערש. זענען דאָך פאַראַן מענטשן, וואָס האַלטן נישט פאַר אַ מוז דווקא אַריינצוגיין אין אַ קינאָ ביים אָנהייב פון פילם, נאָר זיי גייען אַריין אינמיטן.

...פון קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט מען מיך אַריבערגענומען קיין שוועדן. אַלע מיידלעך, וואָס האָבן זיך געפונען צוזאַמען מיט מיר, האָבן נישט אויפגע־הערט צו שרייבן בריוו אין רעדאַקציעס און אין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אָנפרעגנדיק זיך אויף די אַדרעסן פון זייער משפּחה. אויך מיך האָט דעמאָלט אָנגעכאַפּט אַזאַ פיבער. ס'האָט קיינער פון מיינע נאָענטסטע זיך נישט אָפּגערופן. ווייזט אויס, אַז קיינער פון זיי האָט זיך נישט געראַטעוועט. איך האָב יאָ באַ־קומען דערפאַר אין איינעם אַ טאָג אַ בריוו פון אַ ווייטן קרוב. ער האָט געוווינט אין פּאַריז. ווי ער גיט איבער, איז ער אַ פאַרמעגלעכער מענטש און איז גרייט מיר צו העלפן. דאָס סאַמע ערשטע וואָס ער ראָט מיך צו טון — איז קומען צו אים קיין פּאַריז.

די חברטעס האָבן מיך באַגריסט און פּשוט מקנא געווען. און אַז איך האָב זיי געזאָגט, אַז יענער איז גאָר אַ ווייטער קרוב מיינער, האָבן זיי געענטפערט, אַז היינט איז דאָס נישט אַזוי וויכטיק. אַמאָל האָט געהייסן „אייגנס" אַ ברודער, אַ שוועסטער, אָדער, פאַרשטייט זיך, טאַטע־מאַמע. איצט, נאָך דער גרויסער שחיטה, ווען ס'זענען געבליבן בלויז רעשטלעך, איז אפילו אַ גליד־גליד־שוועס־טערקינד אויך אַן ענין. דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס ער אינטערעסירט זיך מיט מיר. אפשר וועט אויך ווערן אַ שידוך.

די חברטעס האָבן אויף מיר געווירקט מיט זייערע רייד און איך האָב גע־ענטפערט יענעם און דערצו מיט אַ סך געפיל. סוף־כל־סוף, וויפל וועל איך דאָ קענען נאָך בלייבן? ס'האָט מיך אויך געצויגן צו דער שטאָט פּאַריז. איך האָב דאָך אַזויפיל וווּנדער געהערט דערציילן וועגן איר. אין שוועדן איז אַלץ סאָליד, שטיל און פיין. אַזויפיל יאָרן אַז די היגע איינוווינערס ווייסן נישט פון קיין מלחמה. איך קען נישט זיצן אין אַזאַ רויק, געמיטלעך לאַנד. די מענטשן קענען מיך דאָ באַדויערן, אָבער נישט פאַרשטיין. טייל מאָל רייצט מיך אויף זייער גע־מיטלעכקייט. וועל איך אַריבער אין אַ לאַנד פון פּונקט אַ צווייטן עקסטרעם — אין סאַמע רווישיקסטן לאַנד פון איראָפּע — קיין פראַנקרייך. איך וועל פאַר־בייטן די שוועדישע זיסע מילך אויף זויערן פראַנצויזישן ווייַן.

מיר האָבן זיך דורך בריוו איבערגעגעבן סימנים ווי אַזוי זיך צו דערקענען אוז מיר האָבן זיך טאַקע דערקענט אויפן וואָקזאַל אין פּאַריז. בעת ער האָט מיך אָפּגעוואַרט ביי מיין אָנקומען. איך וואָלט אים אפשר אויך געווען דערקענט אָן די אָנגעגעבענע סימנים אין זיין בריוו, ווייל ער איז געווען, אין אַ געוויסער מאָס, ענלעך אויף זיין יינגערן ברודער, שמואליק, וועלכן איך האָט גוט געקענט. ער

פלעגט אָפּט קומען צו אונדז, זענען מיר דאָך געווען שטיקלעך קרובים. אָבער נישט בלויז צוליב דער דאָזיקער קרובהשאַפֿט, נאָר מחמת ער האָט געלערנט צוזאַמען מיט מיר אין איין שול און אָפּילו אין דער זעלבער קלאַס. ער איז געווען אַ שיינער בחור און אויך זייער אַ ווילער. איך האָב אים אין האַרצן שטיל ליב געהאַט.

זיין עלטערער ברודער, זשאַק, אָדער יאַנקל, ווי ער האָט אַמאָל געהייסן אין דער היים, וואָס האָט מיך אַהער אַראָפּגעבראַכט, איז שוין אין פּאַריז אַ היפּש ביסל יאָרן. איך האָב אים פון דער היים נישט געקענט. ער איז פון יינגערן מסתמא עלטער מיט אַ פופצן יאָר. צווישן זיי זענען געווען אַנדערע צוויי קינדער, אָבער זיי זענען געשטאָרבן גאָר יונג. מיין אַנטוישונג אין אים איז אָבער נישט געקומען בלויז דורך דעם אונטערשייד פון זיין עלטער מיט דעם פון יינגערן, נאָר מחמת דעם, וואָס דער האָט אויסגעזען ווי אַ שלעכטע קאָפּיע פון יענעם, הגם ס׳איז נישט לאָגיש, אַז אַ קאָפּיע זאָל קומען פריִער פאַרן אָריגינאַל. ס׳האָט מיך פשוט פאַרדראָסן, וואָס ער מאַכט מיר קאַליע מיט זיין עקסיסטענץ דעם אָנדענק נאָך יענעם.

ער האָט צו מיר אַרויסגעוויזן אַ סך אויפמערקזאַמקייט. ער האָט טאַקע נישט געהאַט קיין משפחה, זיין ווייב און קינד זענען אומגעקומען בעת דער מלחמה, אָבער ער האָט געהאַט געשעפטן פון וועלכע ער האָט זיך אָפּט אָפּגעריסן צוליב מיר. ער האָט געצאָלט אַ פּענסיאָן פאַר מיר, מיך געפירט אין קאַפע, אין טעאַטער, אין קינאָ און אין פאַרקן. ער האָט מיר אויך געקויפט מתנות: אַ טעשל, אַ פּאָר שיך. איך האָב באַמערקט, אַז דאָס איז נישט סתם פאַר גוטסקייט, נאָר ווייל ער באַמיט זיך געפעלן צו ווערן אין מיינע אויגן. פשוט: ער וויל מיט מיר חתונה האָבן.

וואָס מער ער האָט זיך באַמיט געפעלן צו ווערן, אַלץ מער איז ער מיר גע־וואָרן נמאס. איך האָב מיר בשום־אופן נישט פאָרגעשטעלט, אַז איך זאָל פאַר־בינדן מיין גאַנץ לעבן מיט דעם מענטשן. ערשטנס, בין איך אויף אים געווען ברוגז פאַרוואָס ער האָט מיר גלייך אין די בריוו נישט געשריבן אָפן זיין כוונה, און צווייטנס, האָט מיך אויפגערייצט דאָס, וואָס ער איז אַזוי פאַרטון אין זיינע געשעפטן. נאָך אַזעלכע שוידערלעכע געשעענישן מיט זיין משפחה און זיין פאָלק, ווי גלויבט נאָך אַ מענטש אַזוי אין געלט און האָט אַזאַ הנאה פון דעם דערגרייכן עס. איך האָב געפילט, אַז די צייט, וואָס ער גיט מיר אָפּ, איז פאַר אים אַ גרויסער קרבן. ער וועט עס לאַנג נישט קענען אַזוי ווייטער ציִען. ער וועט פון מיר פאַר־לאַנגען באַלד אַ קלאָרן ענטפער.

האָב איך באַשלאָסן זיך צו פּטרן פאַר אים. איך האָב זיך צו אים גע־ווענדט און דערקלערט, אַז איך וויל נישט אַזוי זיצן אויף גרייטן. איך בעט, אַז

ער זאָל פאַר מיר געפינען אַרבעט. האָט ער זיך ווי באַליידיקט און געטענהט צו מיר:

— וואָס איז? איך מאָן אייך פאַר דירה־געלט? פאַרן עסן? זיצט דערווייל. מיר וועלן זען. קודם דאַרפט איר זיך אויסרוען. איר זענט גענוג דורכגעגאַנגען.

איך האָב זיך אָבער געהאַלטן ביי מיינעם:

— גענוג געזעסן אויפן חשבון פון קהל און אויף אייער חשבון — האָב איך אים געענטפערט —, איך האָב אין געטאָ און אין לאַגער שווער געאַרבעט און שרעק זיך נישט פאַר אַרבעט.

— און וואָס פאַרא אַרבעט קענט איר דען? — האָט ער געפרעגט — איר האָט דען אַמאָל געלערנט זיך אַ פאַך?

— איך וועל אָננעמען יעדע אַרבעט.

— אַפילו ווערן אַ דינסט? — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן, וואָס האָט מיך געצילט צו צעברעכן.

— יאָ, אַפילו ווען ס'וועט מיר אויסקומען צו זיין אַ דינסט. — האָב איך טראָציק געענטפערט.

אויף דעם האָט ער זיך שוין נישט געריכט. אַ ווײַלע האָט ער געשוויגן און דערנאָך ענדלעך אַרויסגעפּלאַצט מיט דעם, צו וועלכן ער האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעגרייט:

— צו וואָס דאַרפט איר ווערן אַ דינסט, ווען איר קענט גאָר זיין אַ באַלע־באָסטע... אַ באַלעבאָסטע טאַקע ביי מיר אַליין...

ער האָט, ווייזט אויס, געמיינט, אַז מיין גאַנץ רייסן זיך מכלומרשט צו אַר־בעט, איז בלויז אַ מיטל מיינס, כדי צוצואיילן און אַרויסבאַקומען פון אים די דאָזיקע דערקלערונג. נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָבער איבערגעצייגט, אַז דאָס איז נישט קיין אָנשטעל, נאָר איך מיין עס ערנסט, אַז איך וויל מיך טאַקע פון אים באַפרייען, האָט ער זיך אין גאַנצן געביטן. ער האָט מיר פאַרגעוואָרפן, אַז איך בין אומדאַנקבאַר. האָב איך אים געענטפערט, אַז ווי איך וועל נאָר אַ ביסל געלט פאַרדינען, וועל איך אים צוריקקערן דאָס, וואָס איך האָב אים געקאָסט. איז ער געוואָרן אויפגערעגט און געשריגן, אַז ער וויל פון מיר נישט קיין סאַנטים. האָב איך אים געענטפערט, אַז ער וויל דערפאַר אַ סך מער: מיך אין גאַנצן.

ער איז אַוועק און זיך מער נישט געוויזן. דאָס איז געשען דווקא אין איי־נעם פון די לעצטע טעג פון חודש. אָט וועל איך דאַרפן באַצאָלן פאַרן פענסיאָן און ווו וועל איך נעמען געלט? ס'איז מיך באַפאַלן אַ שרעק. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אַז איך דאַרף ווערן זעלבשטענדיק. ביז צו דער מלחמה בין איך געווען נאָך כמעט אַ קינד, אונטער דער שוץ פון טאַטע־מאַמע. אַפילו אין געטאָ האָב איך געלעבט פון דעם, וואָס דער טאַטע האָט צוביסלעך אויספאַרקויפט די סחורה, וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן, און צירונג. שפּעטער,

ווען די דייטשן האָבן מיך גענומען אין לאַגער, האָב איך טאַקע שווער געאַרבעט, געהונגערט, אָבער איך בין דאָרט נישט געווען אַליין. איך בין געשטויסן און געשלעפּט געוואָרן מיט נאָך הונדערטער און טויזנטער אַנדערע.

אין לעצטן טאָג פון חודש האָב איך באַקומען דורך דער פּאָסט צוגעשיקט פון קרוב די סומע אין וועלכער איך האָב זיך געניטיקט אויף צו באַצאָלן פאַרן קומענדיקן חודש פּענסיאָן. איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך באַקום פון אים געלט, ווייל ער וועט מער נישט שיקן און ווייל ווען ער שיקט מיר אַפילו, וואָלט איך עס נישט אָנגענומען. פאַרוואָס־זשע האָב איך עס איצט יאָ גענומען? — ווייל איך בין געשטאַנען ביים אָנהייב פון חודש אָן אַ סאַנטים. איך האָב געמוזט האָבן דעם קומענדיקן חודש פאַר זיך אַ פרייצן, כדי צו קענען זוכן אַרבעט.

...איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי די, וואָס וווינען מיט מיר אין פּענסיאָן, צי זיי ווייסן נישט פון עפּעס אַן אַרבעט פאַר מיר. האָבן זיי מיך געפרעגט צי איך האָב אַ פאַך, אָדער צי איך קען פראַנצויזיש. פאַרשטייט זיך, אַז אויף ביידע פראַגעס האָב איך זיי געענטפערט מיט אַ ניין. דעמאָלט האָבן זיי מיך געראָטן צו לייענען די אַנאָנסן אין די יידישע צייטונגען. דאָרטן קען איך אַ מאָל געפינען אַ פּאַסיקע אַרבעט. איך האָב געפאָלגט זייער עצה און איין מאָל האָב איך טאַקע געפונען אַזאַ אַרבעט, צו וועלכער איך האָב נישט געדאַרפט האָבן קיין פאַך און נישט קענען די פראַנצויזישע שפּראַך. איך האָב געדאַרפט באַדינען אַן אַלטן, קראַנקן ייִדן. ער האָט אַליין געוווינט אין אַ דירה. זיין ווייב איז אים געשטאָרבן נאָך צוריק מיט עטלעכע יאָר און דער איינציקער זון זיינער האָט חתונה געהאַט און געוווינט באַזונדער. דאָס האָט ער אויסגעהאַלטן זיין פאָטער און אויך מיר געצאָלט אַ קליינע סומע פאַר דער אַרבעט. אַ קליינע סומע, ווייל איך האָב דאָרט באַקומען אַ צימער פאַר זיך און עסן, וואָס איך פלעג צוגרייטן אויך פאַרן אַלטן.

פאַרמיטאָג בין איך געווען פאַרנומען ביים מאַכן אָרדענונג אין דער דירה און ביים קאָכן. נאָכמיטאָג האָב איך געדאַרפט פאָרלייענען פאַרן אַלטן נייעס פון דער צייטונג. אים האָט, דער עיקר, אינטערעסירט דאָס, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אויף די לעצטע צוויי זייטן. דאָס הייסט, די ידיעות וועגן גניבות, שריפות און אומגליקפאַלן. אַזוי ווי איך האָב געוווּסט, אַז איך דאַרף אים איבערן טאָג דערלאַנגען צוויי מאָל מיט מילך, אַ זופּ, צי אַ קאַשע, אַ שטיקל פלייש, אָדער פיש, פונקט אַזוי מוז ער באַקומען זיין פאַרציע פון אַזעלכע ידיעות. האָט זיך אַ מאָל געמאַכט און די צייטונג איז געווען אַ מאָגערע, האָט ער זיך נישט גוט געפילט, געבייזערט זיך און זיך געטשעפּעט צו מיר ביי יעדער קלייניקייט. וואָס־זשע האָב איך געטון? איך האָב פריִער איבערגעקוקט אַליין די צייטונג און אויב ס'האָבן דאָרט געפעלט די נייעס וואָס ער האָט דערוואַרט, האָב איך זיי אַליין צוגעטראַכט.

איך האָב בשעת־מעשה אַריינגעקוקט אין דער צייטונג, מכלומרשט דאָרט גע־לייענט, אָבער אין דער אמתן האָב איך עס געזאָגט פון אויסנווייניק.

נאָך דעם, ווי איך האָב פאַרענדיקט דאָס לייענען די ידיעות, האָב איך אים געדאַרפט נאָך פאַרלייענען אַ ראָמאַן. פון די היגע צייטונגס־ראָמאַנען האָט ער נישט געהאַלטן. ער האָט געהאַט ליגן אַ גרויסן פּאַק מיט אַלטע יידישע צייטונגען פון אַמעריקע און פון זיי האָב איך געדאַרפט פאַר אים פאַרלייענען די ראָמאַנען. ס'האָט זיך אָפט געמאַכט, אַז אין ראָמאַן איז באַשריבן געוואָרן עפּעס אַן עראָ־טישע סצענע, ביי וועלכער איך בין רויט געוואָרן און איך האָב זי געפּרווט איבערהיפּערן, אָבער דאָס איז מיר זעלטן געלונגען, מחמת דער אַלטער פלעגט זיך גלייך כאַפּן, אַז עפּעס פעלט אים דאָ. ווייזט אויס, אַז נישט איין מאָל און נישט צוויי מאָל האָט ער די ראָמאַנען געלייענט.

ער האָט באַזונדערס רעאַגירט אויף די דאָזיקע שטעלן. און נאָך עפּעס: הגם אַ קראַנקער און דערצו כמעט אַ פּאַראַליזירטער, האָט ער אויסגענוצט יעדע גע־לעגנהייט, כדי מיך צו באַרירן, אָדער איך זאָל אים באַרירן. אַזעלכע געלעגנהייטן האָבן זיך אָפט געמאַכט, ווי ביים העלפן אים אויסטאָן און אָנטאָן, ביים אויפ־שטיין און לייגן זיך אד"גל. האָב איך דערפילט זיין ביינערדיקע האַנט אויף מיר, איז מיר קאַלט געוואָרן אין גאַנצן גוף.

פון טאָג צו טאָג איז ער געוואָרן אומרויקער. ווי פאַר עפּעס זיך געשראָקן. ביז ער האָט זיך צו מיר אַ מאָל געווענדט און מיט אַ סודותדיק קול מיר געזאָגט, אַז מיר דאַרפן ביידע אַנטלויפן. ווען איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס מיר דאַרפן עס טון, האָט ער געענטפערט, אַז דערפאַר ווייל דער זון וועט נישט מסכים זיין מיר זאָלן חתונה האָבן.

איך בין געגאַנגען צום זון און האָב אים דערציילט וועגן פאָטערס מצב. איז ער געקומען אויפן אַנדערן טאָג מיט אַ דאָקטער. דער דאָקטער האָט געראָטן צו נעמען דעם אַלטן אין שפּיטאָל אַריין. איך בין געבליבן איינע אַליין אין דער דירה במשך פון אַ וואָך. שפּעטער איז געקומען דער זון און מיר דערציילט, אַז דער פאָטער זיינער איז שווער קראַנק. ער וועט שוין נישט אַרויס פון שפּיטאָל, און אויב אַפילו ער וועט יאָ אַרויס, איז נישט אַזוי שנעל. מחמת דעם דאַרף איך זיך אַרויסציִען פון דער דירה.

אַזוי האָב איך פאַרלוירן די אַרבעט. צום גליק האָב איך פאַר דער צייט אָפּגעשפּאָרט אַ קליינע סומע און געקענט זיך אַריבערציִען אין אַ האָטעל. איך האָב אָבער באַלד גענומען זוכן אַן אַנדערע אַרבעט. איך האָב זיך באַקענט מיט איינער אַ פרוי, וואָס האָט געוווינט אין אַ שכנותדיקן צימער און זי האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס פון אַ ייִדן, וואָס נייט מלבושים־קאָנפעקציע און פאַרקויפט זיי אויף די מאַרקן. דער ייִד פלעגט צושניידן די סחורה און איך פלעג זי נייען. אַ ביסל נייען האָט מיך די מאַמע אַמאָל אויסגעלערנט. די אַרבעט איז נישט

געווען אַ סטאַבילע און מיר איז געווען זייער שווער זיך אויסצוהאַלטן פון מאָגערן פּאַרדינסט.

אין איינעם אַן אָוונט האָב איך זיך געלאָזט צום פּאַראייך פון דעפּאַרטירטע. איך האָב געקלערט אפשר צו טרעפן דאָרט אַ באַקאַנטן, וואָס איז מיט מיר געווען אין לאַגער. איך האָב אָבער דאָרט קיין איין באַקאַנט פּנים נישט באַגעגנט. מען איז אָבער געוויר געוואָרן, אַז איך בין געווען אין אַ לאַגער און מיך צוגערעדט צו ווערן אַ מיטגליד. דערוויַיל האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די געוועזענע דע־פּאַרטירטע געניסן הילף פון „דזשאָינט". די חודשלעכע הילף קלעקט טאַקע נישט פאַרן גאַנצן אויסהאַלטן, אָבער זי גיט אַ מינימום פון עקסיסטענץ־מעג־לעכקייטן. איך האָב זיך פאַר דער צייט שוין געהאַט אַזוי אָנגעמאַטערט, אַז איך האָב באַשלאָסן צו געניסן פון דער דאָזיקער שטיצע. איז מיר אַ ביסל לייכטער געוואָרן.

...פון דעמאָלט אָן פלעג איך פון צייט צו צייט קומען אין פאַראיין. ווייזט אויס, אַז פון זיי האָבן אויך אַנדערע אינסטיטוציעס באַקומען מיין אַדרעס און איך פלעג אָפט דערהאַלטן איינלאַדונגען צו פאַרשיידענע אונטערנעמונגען. זעלטן בין איך געגאַנגען. איין מאָל האָבן עטלעכע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אָר־גאַניזירט אַ בשותפותדיקן אָוונט צום זכר פון די אויפשטענדלער אין וואַרשע־ווער געטאָ, האָב איך באַשלאָסן אַהין צו גיין.

עמעצער האָט מסתמא איבערגעגעבן דעם פּרעזידענט וועגן מיר; ווייס איך נישט צי מען האָט אים שלעכט אינפאָרמירט, אָדער אים אַליין איז איינגעפאַלן מיך איינצולאַדן אין פּרעזידיום און נאָך דעם אין זיין רעדע זאָגן, אַז דער היינ־טיקער אַקט צום אָנדענק פון די אויפשטענדלער אין וואַרשעווער געטאָ וועט זיין אַ באַזונדערס פייערלעכער, מחמת אין פּרעזידיום געפינט זיך איינע, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט געטאָ און לאַגער און דערנאָך געקעמפט אין די וועל־דער ווי אַ פּאַרטיזאַנקע.

בין איך געבליבן זיצן אַ פאַרוווּנדערטע. זיך אומגעקוקט: בין איך דאָך די איינציקע פרוי, וואָס זיצט אין פּרעזידיום, מיינט מען דאָך דאָס טאַקע מיך. האָב איך אַ שעפּטשע־געטון צום שכן פון פּרעזידיום, אַז דער פאָרזיצער האָט אַ טעות און מען דאַרף אים אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם. האָט ער אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט, ווי געזאָגט: ס'איז נישט וויכטיק, נעמט אייך נישט איבער! דער פאָרזיצער האָט נאָך ווייטער געצויגן, ביז ער האָט ענדלעך מיט התלהבות אויס־געשריגן:

— כבוד די אַלע, וואָס האָבן מיט דער ביקס אין דער האַנט פאַרטיידיקט אונדזער כבוד!

דער זאַל האָט אויפגעשטורעמט מיט אַ לאַנג־דויערנדיקן בראַוואָ־פּאַטשן. די דרשות האָבן דערנאָך זיך געצויגן דריי שעה, אָבער איך האָב כמעט

גאָרנישט געהערט. איך בין געזעסן אַ פאַרשעמטע. וואָס האָט דער פאָרזיצער פון מיר געוואָלט? איז אים ווייניק וואָס איך בין געווען אין געטאָ און אין אַ לאַגער, נאָר ער מוז נאָך דווקא האָבן, אַז איך זאָל אויך זיין אַ פאַרטיזאַנקע. האָט ער אַזעלכע געדאַרפט האָבן צום רומל. פאַרוואָס האָט ער דווקא מיך דערצו אויסגעקליבן? איך האָב קוים זיך דערוואַרט, אַז דער „אָוונט" זאָל זיך ענדיקן. פאַר פאַרדראָס האָב איך נישט געקענט איינזיצן אויפן אָרט. איך טאָר אָבער מיט גאָרנישט פאַרראַטן מיין אומצופרידנקייט, ווען אַזוי פיל אויגן קוקן אויף מיר פון זאַל. דער „אָוונט" האָט זיך ענדלעך געענדיקט און איך בין צוגעגאַנגען צום פאָרזיצער און געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט איר געזאָגט דעם עולם, אַז איך בין געווען אַ פאַרטיזאַנקע? האָט ער מיך אָנגעקוקט אַ פאַרחידושטער:

— וואָסזשע, ס'איז אַ בושה צו זיין אַ פאַרטיזאַנקע?

— נישט נאָר. וואָס ס'איז נישט קיין בושה, נאָר ס'איז אַ גרויסער כבוד, — האָב איך געענטפערט — אָבער איך בין נישט געווען קיין פאַרטיזאַנקע און האָב מיר דעם כבוד נישט פאַרדינט.

דער פאָרזיצער האָט זיך שוין אויפגערעגט:

— גענוג וואָס איך טו אייך אָן כבוד און לאַד אייך איין אין פרעזידיום און הויב אייך נאָך אויף העכער ווי איר האָט זיך פאַרדינט — האָט איר טענות צו מיר?

וואָס האָב איך אים אויף דעם געזאָלט ענטפערן? — איך האָב געשוויגן. פון דעמאָלט בין איך שוין מער אויף אַזעלכע „אָוונטן" נישט געגאַנגען.

...פאַר דער צייט, האָב איך מיך אויסגעלערנט בעסער נייען און האָב באַקומען אַרבעט אין אַ גרעסערער פאַבריק, וואָס האָט געהערט צו אַ יידן. איך האָב שוין צוביסלעך גערעדט פראַנצויזיש און זיך פאַרחברט מיט די אַנדערע אַרבעטערינס, וועלכע זענען געווען, אויסער איינע, אַן עלטערע יידישע פרוי — פראַנצויזקעס.

איך האָב זיך באַקענט מיט זייער נויט און מיט זייער „אַמור", ווי זיי רופן עס. די טייטש פון וואָרט איז טאַקע ליבע, אָבער דאָ אין פאַבריק ווערט עס געמיינט פשוט: געשלעכטלעכע באַציִונגען. די פרויען און די מיידלעך רעדן דערפון אַזוי פריי און נאַטירלעך, ווי וועגן קליידער און מאכלים.

קיין מענער האָבן נישט געאַרבעט. דער איינציקער מאַן, וואָס פלעגט זיך אַהער ווייזן, איז געווען דער באַלעבאָס, אַ מענטש פון איבער די פערציק. ער האָט געהאַט אַ פרוי און קינדער. הגם ער איז געווען אַ שטרענגער, נישט געאיילט זיך מיט אַ הוספה, פונדעסטוועגן האָבן דאָ אַלע נישט אים באַרעדט, נאָר זיין פרוי. מען האָט דערציילט, אַז זי איז נישט קיין שיינע, אַז זי ווייסט ווי אַזוי זיך אָנצוטאָן און אַז ער טוט גוט, וואָס ער פאַרראַט זי מיט אַנדערע.

פאַרשטייט זיך, אַז יעדע האָט געחלומט דערפון, אַז ער זאָל פאַרראַטן זיין

ווייב מיט איר. אַז זי זאָל ווערן זיין געליבטע. דערמיט וואָלטן זיי אויך דערלעבט אַ נקמה אין זיין ווייב. וואָלט וועלכע פון זיי אים באַגעגנט סתם אין גאַס, וואָלט זי אויף אים נישט געלייגט קיין אַכט. ער איז לחלוטין נישט געווען קיין שיינער. אָבער דאָ האָבן זיך אַלע באַמיט אים געפעלן צו ווערן. ס'האָט זיי געצויגן זיין געלט און זיין מאַכט איבער אַזוי פיל פרויען.

איך האָב ביי אים שוין געאַרבעט עטלעכע חדשים און זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז ער ווייסט, אַז איך בין געווען אין אַ לאַגער. איך האָב נישט גערן צו רעדן פון יענער צייט. מיר דאַכט זיך, אויב איך וועל דאָס טון, וועט מען מיך חושד זיין, אַז איך וויל דערמיט אַרויסבאַקומען מיטגעפיל פון אַנדערע לגבי זיך, אַז איך וויל מען זאָל מיך באַזונדערס אַרויסזען. איך האָב נישט באַמערקט, אַז דער באַלעבאָס זאָל אויף מיר מער אויפמערקזאַם זיין ווי אויף אַנדערע און איך בין דערפון געווען צופרידן.

אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער עפּעס אַנדערש:

איין מאָל בעת איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דער פאַבריק נאָך דער אַרבעט, איז ער געשטאַנען פאַרן טויער מיט זיין אויטאָ. ווי ער האָט מיך דערזען, האָט ער מיך צוגערופן און מיר געזאָגט, אַז ער פאָרט איצט פונקט אין דער ריכטונג פון האָטעל ווו איך וווין (ער האָט געהאַט מיין אַדרעס ביי זיך אין ביוראָ און זעט אויס, אים פאַרגעדענקט) און איז גרייט מיך אונטערצופירן מיטן אויטאָ ביז אַהין. איך האָב זיך פאַרוואונדערט אויף זיין אומגעריכטער העפלעכקייט און אים געדאַנקט, נאָר דערנאָך האָב איך צוגעגעבן, אַז איך וויל פאָרן אַהיים, ווי יעדן טאָג — מיט דעם מעטראָ. ער האָט זיך אָבער איינגעעקשנט ביי זיינס, ביז איך האָב באַשלאָסן אים צוליב צו טון. סוף־כל־סוף, פאַרוואָס זאָל איך אים נישט נאָכגעבן אַזאַ קלייניקייט?

מיר האָבן זיך שוין געפונען נאָענט צום האָטעל, ווי ער האָט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ פאַר אַ קאַפע־הויז.

— מיר וועלן אַריינגיין אין קאַפע אויף אַ ווײַלע עפּעס אַ טרונק־טון — האָט ער געזאָגט.

איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו ענטפערן, איז ער שוין געווען אינדרויסן, געעפנט דאָס טירל פון אָרט, ווו איך בין געזעסן, מיר דערלאַנגט די האַנט און מיר געהאָלפן אַרויסגיין פון אויטאָ. ווי איך זע, האָט ער זיך צוגעגרייט צו עפּעס. פאַרפאַלן, איך וועל מוזן זיין געדולדיק.

בעת מיר זענען געזעסן און געטרונקען קאַווע (ער האָט פאַרגעשלאָגן צו טרינקען אַן אַפּעריטיוו, נאָר איך האָב נישט געוואָלט), האָט ער מיר דערציילט, אַז נאָך איידער איך בין צו אים געקומען אַרבעטן, האָט ער מיך שוין געזען אויפן „אָוונט" צום אָנדענק פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און ער האָט מיך באַוואונדערט פאַר מיין העלדישקייט. האָב איך אים געענטפערט, אַז דער

פּאַרזיצער האָט נישט געזאָגט דעם אמת: איך בין נישט געווען קיין פּאַרטיזאַנקע אין די וועלדער, נאָר געווען בלויז אין געטאָ און דערנאָך אין אַ לאַגער.

האָט ער זיך נישט אַנטוישט און געזאָגט, אַז דאָס איז פאַר אים נישט קיין קלענערער חידוש. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַ מיידל, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַ געטאָ און נאָך דערצו אַ לאַגער, דאַרף זיין פאַרטריקנט, געעלטערט און דאָ זעט ער גאָר פאַר זיך אַ יונג און שיין מיידל. נישט געקוקט אויף דעם האָלט ער אָבער, אַז איך האָב אַ סך געליטן און דאַרף איצט באַקומען אַ פאַרגעלטונג פאַר יענע נישט־אויסגעלעבטע יאָרן.

— איך שענק אייך אָוועק דעם נעכטן —האָב איך געענטפערט— איך וואָלט געווען צופרידן, ווען דאָס לעבן באַצאָלט מיר כאָטש די חובות, וואָס עס איז מיר שולדיק פאַרן היינט.

ער האָט נעענטער צוגערוקט זיין שטיל צו מיינעם און זיך באַמיט, אַז זיין שטים זאָל זיין וואָס מער פריינטלעכער און ווייכער:

— איר האָט אָפּגעפּינצטערט יאָרן און איצט קומט אייך ווידער אויס שווער צו אַרבעטן. איר זענט אָבער נאָך יונג און האָט אַ רעכט צו געניסן פון אַלע פריידן פון לעבן. אוודאי איז דאָס שווער צו דערגרייכן פון פאַבריקס־אַרבעט. איך בין אָבער גרייט אייך אַ ביסל צו העלפן. איך דאַרף נאָר פילן, אַז איר ווייזט אויך אַרויס אַ ביסל אויפמערקזאַמקייט צו מיר.

ווייס איך שוין צו וואָס ער צילט. אַלץ אין מיר האָט אויפגעקאָכט פאַר בושה און פאַר כעס. איך האָב אָבער, דאַכט זיך, אים געענטפערט רויק:

— ניין! איך וועל אייך די דאָזיקע אויפמערקזאַמקייט נישט אַרויסווייזן. איך האָב דאָ אָפּגעזאָגט אַ מאַן, אַפילו נישט אַזאַ רייכן ווי איר, אָבער אַ גענוג פאַרמעגלעכן, צו ווערן זיין פרוי, ווייל איך האָב אים נישט ליב געהאַט. וועל איך אוודאי נישט ווערן איצט אייער געליבטע בלויז פאַר געלט. פעלן דען דאָ פרויען, וואָס זענען גרייט זיך אָפּצוגעבן פאַר געלט?

ער האָט געזאָגט ווי אין שפּאַס, אָבער איך האָב אויך געשפּירט אין קול פאַרדרוס:

— לויט אייער קריגערישן טאָן, הויב איך טאַקע אָן צו גלויבן, אַז איר זענט געווען אַ פאַרטיזאַנקע. דאָ איז אָבער נישט קיין וואַלד, נאָר פּאַריז!

ער האָט גלייך צוגערופן דעם קעלנער, באַצאָלט, און מיך אַרויסבאַגלייט אין גאַס. אין האָטעל אַריין האָט ער מיך שוין נישט צוגעפירט מיט זיין אויטאָ. ער האָט זיך מיט מיר אָפּגעזעגנט אויף דעם אָרט און איז אַוועקגעפאָרן.

אויף צומאָרגנס, ווען איך בין געקומען אין פאַבריק, האָט זיך צו מיר דערנעענטערט איינע אַן אַרבעטערין, מיט וועלכער איך האָב מיך פאַר דער צייט באַפריינדט און מיר שטיל געזאָגט, אַז זי האָט נעכטן אין אָוונט געזען, ווי דער פאַטראָן האָט מיך אַריינגענומען אין זיין אויטאָ.

— זיי נישט קיין נאַר —האָט זי געשעפּטשעט— ווייס ווי מיט אים זיך צו באַגיין. מאַך עס נישט ביליק. זע, וואָס מער מתנות פון אים אַרויסצוציִען!

איך האָב איר אויף דעם גאָרנישט געענטפערט. צו וואָס זאָל איך איר דערציילן דעם אמת? זי וועט סיי־ווי־סיי מיר נישט גלויבן.

...דעם קרוב האָב איך פאַר דער צייט עטלעכע מאָל באַגעגנט. מערסטנטייל האָבן מיר זיך נאָר באַגריסט און ווייטער געגאַנגען יעדער זיין וועג. פון אַ קורצן שמועס מיט אים האָב איך זיך איין מאָל דערוווּסט, אַז ער האָט חתונה געהאַט. שפּעטער האָב איך געהערט דורך אַ זייטיקן מענטשן, אַז ער האָט שוין אַ יִינגעלע. געוויס, אַזוי איז דער גאַנג פון לעבן. אַזוי פירן זיך מענטשן.

לעצטנס האָב איך אים באַגעגנט אין גאַס. ער איז צוגעקומען און מיט מיר אָנגעהויבן פאַרפירן אַ שמועס. ער האָט טאַקע אָנגעהויבן מיט פראַגן וועגן דעם, וואָס איך טו און ווי איך פיל זיך, אָבער געפילט האָב איך, אַז ער איז נישט צוגעקומען, כדי זיך צו דערוויסן וועגן מיין לעבן, נאָר צו דערציילן וועגן זיינעם.

ער האָט מיר טאַקע איבערגעגעבן פּרטים פון זיין לעבן במשך פון דער צייט זינט מיר האָבן זיך צעשיידט. דערציילט וועגן זיינע געשעפטן, וועגן זיין פרוי און קינד. ער פאַרבעט מיך צו קומען אין אַ זונטיק, צי אין אַ יום־טוב צוגאַסט. בין איך דאָך אַ קרובה. ער וועט זאָגן דעם קינד, אַז איך בין זיינע אַ מומע, צי ווייס איך ווי דאָס קינד הייסט? — שמואליק, הייסט עס, נאָך דעם יִינגערן ברודער, וואָס איז געהרגעט געוואָרן דורך די דייטשן.

איך האָב פריִער נישט געהאַט בדעה נאָכצוקומען זיין בקשה און גיין צו אים אויף אַ באַזוך, אָבער הערנדיק זיינע לעצטע ווערטער, האָט מיך אַרומגענומען אַ מאָדנער געפיל. דאָס קינד הייסט שמואליק! — פונקט ווי ער — איך מוז אַהין גיין און אים זען!

אין נאָענטסטן זונטיק בין איך אַהין געגאַנגען. ער האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט. קען זיין אַז נישט געקוקט אויף מיין צוזאָג צו קומען, איז ער אין דעם נישט געווען זיכער. זיין פרוי האָט זיך נישט געפילט פריי, געווען צעמישט. דער מאַן האָט איר מסתמא נישט איין מאָל דערציילט וועגן מיר. ווייזט אויס, אַז זי ווייסט. אַז איך בין נישט בלויז איר מאַנס אַ קרובה, נאָר אויך געקענט זיין אויף איר אָרט — זיין ווייב.

האָט זי אים ליב? אפשר יאָ, אפשר ניין. ביי וועלכער פרוי ס'איז דער עיקר ליבע און ביי וועלכער — באַקוועמע לעבנס־באַדינגונגען. דער מאַן איז פאַר דער דאָזיקער פרוי ווי פאַרן עראָפּלאַן — די זיכערע ערד, פון וועלכער מען קען זיך אויפהייבן און דערנאָך פליִען אין יעדער ריכטונג, וווהין דאָס האַרץ גלוסט. זי מאַכט אַלע עקספּערימענטן מיט מענער ערשט נאָך דעם, ווי זי האָט זיך פריִער מיט איינעם פאַרזיכערט.

באַלד האָט דער טאַטע אַריינגעבראַכט דאָס יִינגעלע פון קינדער־צימער.

איך האָב עס גענומען אויף די הענט און פּלוצים האָב איך דערזען אַן אויס־טערלישע זאַך: דאָס יינגעלע, וואָס טראָגט שמואליקס נאָמען, איז אויך צו אים זייער ענלעך. נעמט זיך גאָר די ענלעכקייט פון טאַטן, ווייל ביי אַ קינד זענען די שטריכן פון פּנים איידעלער? איך האָב זיך די גאַנצע צייט דערנאָך נישט געקענט באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז די דאָזיקע פרעמדע פרוי, נישט נאָר וואָס זי האָט אַ שיינע דירה, אַזויפיל באַקוועמלעכקייטן, נאָר האָט נאָך שמואליקן ביי זיך...

...איך בין געוואָרן אַרבעטסלאָז. דער נייער סעזאָן הייבט זיך ערשט אָן ווידער אין האַרבסט; ס׳אַרבעטן נישט קיין סך מענטשן אין פאַבריק און אַפילו די, וואָס אַרבעטן יאָ — אַרבעטן ווייניקער שעהן אין טאָג ווי פריִער; וואָלט דער באַלעבאָס פון דער פאַבריק געוואָלט, וואָלט איך אויך איצט נישט אַרומגעגאַנגען ליידיק, איז ער אָבער ברוגז אויף מיר זינט איך האָב אים אָפּגעוואָרפן זיינע ליבעס־פאַרשלאָגן.

אויב דאָס איז נאָך געווען ווייניק, איז צוגעקומען נאָך אַ צרה:

ווען איך בין געגאַנגען נעכטן אין „קאַזשאַסאַר" אָפּצונעמען די חודשלעכע שטיצע, האָט מען מיר געהייסן צוּוואַרטן אויפן וויצע־דירעקטאָר. ער וויל מיט מיר רעדן. יעדעס מאָל, ווען איך דאַרף אַהער גיין, פיל איך זיך נישט גוט. איך וואָלט געוואָלט, אַז דאָס אויסצאָלן זאָל וואָס שנעלער צוגיין, הגם וואָס האָב איך זיך צו שעמען פאַר די מענטשן, וואָס שטייען מיט מיר אין איין ריי — זיי זענען דאָך אויך אַהער געקומען נאָך הילף. ווידער וואָס דאַרף איך זיך שעמען פאַר די, וואָס גיבן — זיי גיבן דאָך נישט זייערס. וויפל איך זאָל דאָס זיך נישט אויס־טייטשן — ווערט מיר אַלץ נישט גרינגער.

איך בין געשטאַנען פאַר דער טיר פון וויצע־דירעקטאָר און געוואַרט. דאָס וואָס ער וויל מיט מיר אַליין רעדן, איז נישט קיין גוטער סימן. בעת מען האָט ענדלעך אויסגערופן מיין נאָמען, האָב איך דאָך געדאַרפט זיין צופרידן, וואָס איך וועל דאָ נישט דאַרפן מער שטיין, אָבער איך בין געוואָרן אין גאַנצן צעטומלט. גענוג, אַז די מענטשן אַרום האָבן געקענט מיין פּנים, איצט וויסן זיי שוין אויך ווי איך הייס.

דער וויצע־דירעקטאָר האָט מיר גלייך געשטעלט אַ מאָדנע פראַגע:

— ווי זענען אייערע אויסזיכטן אַוועקצופאָרן פון דאַנען?

איך האָב אים נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

האָט ער שוין מיר מער נישט געשטעלט קיין אַנדערע פראַגן, נאָר יענע מיר געפּרוּווט אויפקלערן:

— מיר העלפן מענטשן, וואָס וואַרטן אויף וויזעס; וואָס גרייטן זיך פריִער אָדער שפּעטער צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, נאָר דערווייל מוזן זיי זיך צוליב געוויסע סיבות פאַרהאַלטן; אויב איר האָט נישט בדעה אַוועקצופאָרן — האָבן מיר גאָר־

נישט קעגן דעם, אַז איר זאָלט זיך דאָ איינאָרדענען. מיר זענען גרייט פאַר אייך צו פאַרלענגערן די שטיצע אויף נאָך עטלעכע חדשים, אָבער דערנאָך — ליידער... איר וועט דערנאָך זיך אַליין מוזן אַן עצה געבן...

איך בין אַרויסגעגאַנגען אין גאַנצן אַ נידערגעשלאָגענע, אַ פאַרלוירענע. ערשט איצט האָב איך מיר אָפּגעגעבן אַ חשבון וויפל פּליטים, וואָס האָבן געוווינט אין האָטעל מיט מיר צוזאַמען, זענען פאַר דער לעצטער צייט אַוועקגעפאָרן. ס׳זענען אויך אַוועקגעפאָרן אַנדערע פּליטים, וואָס איך האָב געקענט. וועלכע זענען געפאָרן קיין קאַנאַדע, וועלכע קיין אויסטראַליע. אַ טייל איז אויך געפאָרן קיין ישראל. ווער ס׳האָט אויף זיך געפילט די גרוילן פון דער לעצטער מלחמה — דער האָט שוין מורא צו בלייבן אין אייראָפּע. אוודאי זענען פאַראַן אויך אויסנאַמען, באַזונדערס צווישן די, וואָס האָבן דאָ פאַר דער מלחמה געוווינט, די דאָזיקע קענען זיך אַזוי לייכט, צוליב פאַרשיידענע סיבות, נישט צעשיידן מיט פּאַריז.

איך פאַרשטיי זיי זייער גוט. איך אַליין האָב זיך אויך שוין זייער צוגעוווינט צו דער שטאָט פּאַריז. שטיין און געוויקס קוקן אויף זיך אומעטום ווי שונאים, אָבער דאָ זענען זיך ווי צוזאַמענגעוואַקסן די הייזער מיט די ביימער. די בריקן באַצווינגען די סען אויף פאַרשיידענע ערטער, אָבער מיט וויפל צערטלעכקייט און שאַרם. אין הויז איז נישט גלייך צום צוויטן און פון דעסטוועגן האַרמאָניזירן זיי און שאַפן וווּנדערלעכע גאַסן. וויפל איך זאָל נישט גיין שפּאַצירן איבער דער שטאָט, אַנטדעק איך יעדעס מאָל אויף ס׳ניי אַ ניי געסל, צי אַ ווינקל, וואָס איבערראַשט מיט זיין אַנדערשדיקייט און אינטימקייט. גייענדיק איבער די גאַסן פיל איך, ווי איך וואָלט געבלעטערט הונדערטער יאָרן געשיכטע. גייענדיק איבער די מוזייען — ווי איך וואָלט געזען דאָס כסדרדיקע וואַקסן און שטייגן פון דעם מענטשן, פון זיין קולטור און קונסט. ווו איז דער צענטער פון דער שטאָט, דער חשובסטער טייל? — יעדע געגנט איז חשוב פאַר זיך. גיט אַריין עפּעס אייגגס אין דעם שותפות.

וווּהין איך וועל פון דאַנען אַוועקפאָרן, דאַכט זיך מיר, וועל איך אַריין אין אַ טעמפּן ווינקל. דאָ — בין איך ווי אינמיטן פון דער וועלט. דאָ זיין הייסט אויך זיין אומעטום. פון דאַנען זענען נאָך אַלע וועגן פאַר מיר אָפן. אַלע וועגן פון דער וועלט לויפן זיך אַהער צונויף, ווי די גאַסן און אַוועניס צום פּלאַץ עטואַל.

טוט אָן אַ מענטש אַ נייעם בגד — היט ער זיך כסדר, אַז ער זאָל אים נישט צעקנייטשן, אַז ער זאָל אים נישט פאַרפלעקן, אַז ער זאָל אים נישט צעררייסן. אין פּאַריז פילט זיך יעדער אַזוי באַקוועם און פריי, ווי אין אַן אַלטן מלבוש...

..איך בין געבליבן אָן אַרבעט. איך באַקום שוין אויך נישט מער קיין שטיצע. איך לעב פון דעם ביסל אָפּגעשפּאָרטן געלט, מוז איך זיין זייער פאַרזיכטיק און

היטן יעדן פראַנק. איך עס אין אַ ביליקער פאַלקסקיך. אַהין קומען פאַרשיידענע אַרעמעלייט. ס'איז דאָרט זייער שמוציק. אויב ס'איז מיר געווען שווער פריִער צו וואַרטן איין מאָל אין חודש אויף דער שטיצע, מוז איך שוין שטיין און וואַרטן יעדן טאָג אויף דעם מאַגערן מיטאָג און זיין אויסגעשטעלט אויף בזיון.

צום פרישטיק באַנוגן איך זיך שוין בלויז מיט אַ ביסל טיי און אין אָוונט — מיט אַ פרוכט. אַזוי גייען אַוועק טעג און וואָכן. איך בין געוואָרן אָפּגעשוואַכט. וועגן צושטאַנד פון מיינע נערוון איז דער בעסטער עדות דער שלאָף. יעדע נאַכט זע איך מיך צוריק אין געטאָ, צי אין לאַגער. ווען איך זאָל דאָרט געווען באַקומען אַזאַ עסן, וואָלט איך מיך אַוודאי געווען געפילט גליקלעך. די פריי האָט זיך אָבער אירע געזעצן און פאָדערונגען.

דאָ שטייען אָפן די קראָמען מיט כלערליי מינים שפּייז. פון די רעסטאָראַנען לאָזן זיך הערן ריחות, וואָס וועקן דעם אַפּעטיט. אויף די גאַסן פאָרן אַרום וועגעלעך מיט טרויבן, באַנאַנעס, אַנאַנאַסן, וועלכע זענען געווען אַפילו מיין חלום פאַר דער מלחמה. זיי רייצן זיך מיט מיר: זע, אונדזערע וואַרעמע קאָלירן; נעם אונדז אין די הענט אַריין און זע ווי מיר זענען צייטיק. בייס אַריין אין אונדז דיינע ציין און ס'וועט רינען זאַפט און ווייך.

אַוודאי איז פּאַריז מחמת דעם נישט מיאוסער געוואָרן. איך גיי נאָך איצט אָפט שפּאַצירן איבער דער שטאָט. באַזונדערס האָב איך ליב צו זיצן אונטער אַ בריק און קוקן אויף די וואַסערן פון דער סען. אַנדערש האָב איך געזען די שטאָט אין די פרייע זונטיקן און ימים־טובים וואָס איך האָב געהאַט, בעת איך האָב געאַרבעט און אַנדערש זע איך זי איצט. סוף־כל־סוף זע איך דאָך נישט קיין פילם אין אַ קינאָ, ווו מ'האָט הנאה בלויז פון זען. פאַר מיינע אויגן גייט דאָך אַדורך דאָס לעבן ממש.

איך האָב זיך דאָ אָנגעהויבן צו פילן נאָך איינזאַמער ווי אין געטאָ, אָדער אין לאַגער. דאָרט בין איך געווען איינע פון אַ סך, פון אַ כלל. ס'האָט אונדז אַלע פאַרבונדן דער בשותפותדיקער גורל. איך האָב זיך תמיד געפילט די גערעכטע, ווי די, וואָס ליידט, ווייל זי און אירע עלטערן האָבן געוואָלט זיין אַנדערע ווי די, צווישן וועלכע זיי האָבן געוווינט. צוליב וואָס לייד איך איצט? וואָס פאַר אַ שותפות האָב איך נאָך איצט מיט די אַלע ייִדן דאָ? אַזאַ גרויסן חלק האָב איך גענומען אין זייערע ליידן און אַזאַ קליינעם — אין זייער וווילטאָג.

ס'האָט זיך אין מיר צוגלייך אויך אויפגעוועקט אַן אַנדערער הונגער...

איך האָב שוין פריִער דערמאָנט, אַז איך האָב ליב געהאַט דעם ייִנגערן ברודער פון מיין פּאַריזער קרוב. דאָס איז אָבער געווען אַ ליבע אַ געהיימע, וועלכע איך האָב געטראָגן אין מיין האַרצן און ער, קען זיין, איז אומגעקומען און פון איר אַפילו נישט געהאַט קיין אַנונג. דערפאַר האָב איך שפּעטער אין געטאָ געזען בילדער, וואָס האָבן מיך אין גאַנצן צעטרייסלט. געווען אַזעלכע

צווישן מיינע חברטעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן יעדן מאָכער פון יודנראָט, יעדן פּאָליציאַנט און שמוגלער, פּאָר אַ ברויט, צי אַ טאָרבעלע קאַרטאָפל. די דאָזיקע קאָנפראָנטאַציע פון דער גרויליקער ווירקלעכקייט האָט מיך אין גאַנצן צעמישט.

ס'זענען אָבער געווען מענטשן, וואָס גלייך ווי זיי זענען אַרויס אויף דער פריי, האָבן זיי זיך גענומען בויען אַ משפחה. ווי איז דאָס מעגלעך געווען גלייך פון אומקום איבערצוגיין צום אָנהייבן פון דאָס ניי? מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז נויטיק אַ פּויזע. אַ פּויזע אויף צו קענען זיך באַטראַכטן און זיך אַרומקוקן. איך מיין אָבער, אַז זיי זענען געווען גערעכט און נישט איך. אַ סך זאַכן, וואָס מען האָט געטון אין די ערשטע טעג פון צוריקגעווונענעם לעבן און דער צוריק־דערגרייכטער פריי, האָט מען שוין שפּעטער נישט געוואָגט צו טון.

איך ווייס נישט צי מחמת דעם, וואָס איך האָב געהאַט מער צייט אַרומצו־גיין און זיך צוצוקוקן, אָדער ווייל איך בין אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון הונגער — האָט זיך אין מיר דערוועקט דער צווייטער הונגער — דער הונגער נאָך ליבע. אוודאי האָבן מיך איבערראַשט בעת מיין קומען אַהער די פּאָרלעך, וואָס שטייען זיך אינמיטן דער גאַס און האַלטן זיך אַרומגענומען און קושן זיך. איך האָב זיך אָבער מיט דער צייט צו זיי צוגעוווינט. מיטאַמאָל האָבן מיך די דאָזיקע פּאָרלעך גענומען ווידער אינטערעסירן.

אָט בין איך געגאַנגען דורך איינער אַ גאַס און געזען אַזאַ פּאָרל. בעת איך האָב זיך אומגעקערט נאָך אַ האַלבער שעה, האָב איך זיי געטראָפן אויפן זעלבן אָרט און אפשר האָבן זיי אויך געהאַלטן ביי דעם זעלבן קוש. צי האָבן זיי מאַקע נישט קיין היים און מוזן דאָס דווקא טון אינמיטן וועג? אפשר האָבן זיי די טבע פון אַקטיאָרן, וואָס מוזן האָבן צושויער, כדי זיך צו באַגייסטערן? טייל מאָל דאַכט זיך מיר גאָר, אַז זיי זענען ווי קינדער, וואָס ווען ס'פאַלט זיי עפּעס איין — מוזן זיי עס גלייך אויפן אָרט באַקומען.

אויסער דעם דרייען זיך אַרום איבער די גאַסן אַזעלכע פרויען, וואָס פאַר־קויפן זיך. אין האָטעל, וווּ איך וווין, געפינען זיך עטלעכע צימערן, וואָס זענען באַשטימט פאַר „אמור". איך האָב נישט קיין טבע נאָכצוקוקן די מענטשן, וואָס וווינען דאָ. מענטשן קומען און גייען. איך האָב אָבער עטלעכע פרויען געזען צו־אָפּט אַרויף און אַראָפּגיין. די פרויען זענען די זעלבע, אָבער די מענער, וואָס באַגלייטן זיי, זענען יעדעס מאָל אַנדערע. ביז איך האָב מיך ענדלעך געכאַפּט ווער די פרויען זענען און מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך.

אין איינעם אַן אָוונט איז די באַלעבאָסטע פון האָטעל געזעסן אויף אַ בענקל פאַר איר האָטעל און די פרויען, וואָס האָבן זיך געדרייט אויפן עק פון דערבייַיקן געסל, זענען צו איר צוגעגאַנגען און מיט איר געכאַפּט אַ שמועס. האָט עס מיך געחידושט, פאַרוואָס די באַלעבאָסטע שעמט זיך נישט מיט זיי צו שמועסן. אָבער דערנאָך האָב איך זיך אויפגעהערט צו חידושן. מאַרי־ראָז האָט מיר דערציילט,

אַז די באַלעבאַסטע האָט אַ געליבטן, וואָס וווינט טאַקע אין דעם האָטעל. ער איז אַן אַלזשיריאַנער, אַ יונגער בחור. אויסער דעם וואָס ער צאָלט איר נישט פאַרן וווינען, באַרגט זי אים כסדר געלט, וואָס ער גיט קיין מאָל נישט אָפּ. אָפּט ברעכט אויס אַ קריג צווישןביידע. ווי מ׳שמועסט, איז זי אים חושד, אַז ער האָט נאָך אַן אַנדערע געליבטע. ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן, אַז דאָס איז נישט קיין געליבטע, נאָר אַ געליבטער...

ווי קען אַ פרוי זיך דאָ באַרימען מיט שיינקייט, ווען אַזויפיל שיינקייט שטייט און באַט זיך אָן צו פאַרקויפן אין גאַס. נישט איין מאָל איז מיר אַ בחור נאָכגעגאַנגען, מיט מיר געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס. ער האָט אַפילו געהאַט אַ סימפּאַטיש פּנים, אָבער יעדעס מאָל האָב איך מיך דערמאָנט אין איינעם אַן אָונט, ווען איך בין אַרויפגעגאַנגען צו זיך אין צימער און באַגעגנט אויף די טרעפּן גיין איינע פון די פרויען מיט אַ גאַסט. זי איז שוין געוויס געווען אַלט עטלעכע און פערציק יאָר, דערצו נאָך אויסגעזען צו זיין לאַנג אין פאַך, און ער — אַ בחור פון אַ צוואַנציק. צי קען אַזאַ יונגער און שיינער בחור זיך דאָ נישט געפינען קיין מיידל? אפשר ציט עס אים בכיוון צו אַזאַ אַלטער, ווייל ער איז קרענקלעך? איז נישט דער, וואָס איז מיר נעכטן נאָכגעגאַנגען, געווען אייער־נעכטן ביי דער זעלבער, אָדער ביי אַזאַ ענלעכער? אויב אַזוי, ווי קען איך זיך באַרימען מיט מיין דערפאָלג?

ווען ס׳גייט וועגן ערשטן הונגער — שטעל איך זיך צופרידן מיט אַ שטיקל ברויט, מיט אַ קאַרטאָפל, צי אַ גלעזל קאַווע. אָבער וואָס נוגע דעם צווייטן הונ־גער, ווי שטאַרק ער זאָל נישט זיין — קען איך נישט גיין אויף הנחות. מ׳וועט דאָס געוויס נישט גלייבן אַ מיידל, וואָס איז דורכגעגאַנגען געטאָ און לאַגער. מ׳וועט מיינען, אַז מחמת דעם, וואָס איך האָב זיך אָנגעזען מיט אַזוי פיל אכזריות, הפקרות און אויסגעלאַסנקייט, האָב איך שוין אין גאַנצן פאַרלוירן דאָס געפיל פאַר וואַרעמער מענטשלעכער ליבע. פאַר דער ליבע, וואָס נאָר אַ יחיד קען געבן אַ צווייטן יחיד. אויב אַפילו דער דאָזיקער איינער געפינט זיך נישט, האָט זיך זיכער נישט געלוינט דער געראַנגל און אַזויפיל ענערגיע, כדי זיך צו ראַטעווען און זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן.

...איך האָב אים שוין פיל מאָל באַגעגנט אויף די טרעפּן פון האָטעל. ער וווינט, ווייזט אויס, אויפן צווייטן שטאָק. דאָס הייסט, אַז ער קען זיך דערלויבן צו צאָלן טייער. איך האָב אים אויך באַגעגנט אונטן, אין ביוראָ פון האָטעל, ווו ער האָט אָפּגענומען אַ בריוו. ער איז אַ שיינער בחור און מ׳זעט, אַז ער ווייסט דערפון כסדר. ער האַלט זיך פריי און זיכער. ער זעט אויס ווי אַן אויסטויגער אין לעבן. ווען איך גיי אַרויף און ער שטייט אונטן, פיל איך ווי זיינע בליקן ברענען מיין רוקן. איך האָב מורא, אַז באַלד גליטש איך זיך אויס און פאַל אַראָפּ פון די טרעפּן. איך האָב מורא פאַר אים. איך נעם אים באַלד אַריבער אין געטאָ,

צי אין לאַגער און קלער וואָס ער וואָלט געוועזן דאָרט געטון און ווי זיך אויפ־געפירט. ער וואָלט מסתמא געווען אַ פּאָליציאַנט, צי אַ שמוגלער. איך ווייס, אַז אַזוי טאָר מען נישט טראַכטן. מ׳טאָר נישט יעדן מענטשן אַריבערפירן אַהין און אים שטעלן צו אַזאַ נסיון. מ׳טאָר נישט יעדן מענטשן מעסטן מיט דער מאָס. ווער ווייסט צו וואָס דאָס קען נאָך דערפירן.

איך האָב געוואָלט וויסן וועגן אים פּרטים. נאָכוואָס זיך אָנשטרענגען און זיי אַליין אויספאָרשן, ווען ס׳איז פאַראַן מאַרי־ראָז. מכלומרשט צופעליק, אומ־שולדיקערהייט, האָב איך יעדעס מאָל אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן דעם בחור. זי האָט מיר אַזוי צוביסלעך דערציילט, אַז ער זאָגט, אַז ער איז אַ לערער פון ענגליש, גיט פּריוואַטע לעקציעס, אָבער אויב איך דאַרף אַ זייגער, אַ פּאָר ניילאָן־זאָקן, קען איך עס ביי אים באַקומען. ער זאָגט, אַז ער אַליין האַנדלט נישט דער־מיט, נאָר זיינער אַ באַקאַנטער בעט דאָס אים צו פאַרקויפן.

ס׳האָבן געפעלט בלויז עטלעכע טעג צום נייעם חודש און איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין געלט אויף צו באַצאָלן פאַרן וווינען אין האָטעל. וואָס שייך דעם עסן, הונגער איך צו און רעגוליר מיך ווי איך קען, אָבער צו דעם האָב איך נישט קיין עצה. דערביי קען איך מיר גאָרנישט איינשפּאָרן. צי איך זיץ אין האָטעל, אָדער איך גיי שפּאַצירן, וועל איך אַלצאיינס מוזן צאָלן דעם זעל־ביקן פּרייז. בילינקער ווי דאָ פּאַר מיין בוידעם־שטיבל וועל איך אין ערגעץ נישט געפינען. איז מיר איינגעפאַלן צו גיין צום בחור. ווי מאַרי־ראָז האָט דערציילט פאַרקויפט ער זייגערלעך. אפשר קויפט ער אויך, וועל איך אים פאַרקויפן מיין זייגערל, וואָס איך האָב באַקומען אַ מתנה פון מיין קרוב בעת דעם קומען קיין פּאַריז.

ער איז געווען איבערראַשט בעת ער האָט געעפנט די טיר און מיך דערזען. איך האָב אים באַלד אויפגעקלערט די סיבה פון מיין קומען. ער האָט מיר גע־קוקט גלייך אין פּנים אַריין, אַזוי נאָענט האָב איך אים נאָך נישט געזען. איך בין געוואָרן אַ ביסל פאַרווירט. איך האָב מיר צורעכט־געמאַכט די פריזור (מענער, בעת אַזעלכע מאָמענטן, פאַרען זיך ביים קראַוואַט). ער האָט געענטפערט:

— מיט אַלטע זייגערלעך פאַרנעם איך זיך נישט. אַז איר וועט פאַרקויפן דאָס און וועלן קויפן אַ נייס, וועט איר האָבן אַ גוטע געלעגנהייט ביי מיר עס צו קויפן פאַר אַ בילינקן פּרייז.

ער האָט אַרויסגערוקט אַ שופלאָד פון דער שאַפע און איך האָב געזען פאַר זיך עטלעכע זייגערלעך. ער האָט מיר דערלאַנגט איינס, מיט אַ גאָלדענעם בראַס־לעט, נאָר איך האָב עס נישט גענומען ביי אים. צוואָס? איז דען פאַראַן אַ האָ־פענונג, אַז איך זאָל עס קענען קויפן?

ער האָט נישט געקענט שלום־מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז איך האָב עס אפילו נישט געוואָלט אָנקוקן ווי ס׳דאַרף צו זיין. ער האָט נאָך אַלץ געפּרוווט:

— דאָס זייגערל וועט איך ביי מיר קאַסטן מיט אַ דריטל ביליקער ווי אין געשעפט. אַפילו ביליקער ווי אין דער שווייץ, פון וואַנען מען האָט עס געבראַכט.

— און איר האָט גאָרנישט מורא דערמיט צו האַנדלען? — האָב איך אים געפרעגט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַן אויספּרוּווּנדיקן בליק און דערנאָך גע־ענטפערט:

— ניין, נאָך דעם, ווי איך בין געזעסן אין אַ לאַגער אין רוסלאַנד און בין שפּעטער, נאָך דער מלחמה, געווען אין דייטשלאַנד — האָב איך שוין פאַר גאָר־נישט מורא. אויב איר ווילט וויסן, האָב איך שוין נישט קיין הנאה פון אַ זאַך, וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט אַ סכנה.

— און איך מיין — האָב איך אים געענטפערט — אַז די גרעסטע סכנה פאַר אַ מענטשן איז צו בלייבן אָן אַרבעט.

— אַרבעטן? פאַר וועמען? צי מיינט איר, אַז אַרבעטן און דורך דעם רייך מאַכן אַ צווייטן איז אָרנטלעכער, ווי אַליין רייך צו ווערן? אַרבעטן מוז דער, וואָס קען נישט עפּעס אַנדערש.

— האָט איר געהאַט אַ פיינעם לערער, ווי איך הער.

— קיין שום לערער האָט מיך דאָס נישט געלערנט. אין שול לערנט מען צו אַרבעטן, צו פאָלגן און צו זיצן שטיל. אַ גליק, וואָס נישט אַלע שילער נעמען עס ערנסט. ווען נישט, וואָלטן געווען נאָר לאַ־יצלחס אויף דער וועלט.

איך האָב ביי מיר געטראַכט:

דער בחור, וואָס איז אפשר עלטער פון מיר בלויז מיט אַ יאָר, צי צוויי, קוקט אויף מיר ווי איך וואָלט נאָך געשטאַנען הינטער דער מאַמעס פאַרטעך. ווי פאַרשיידן מענטשן לערנען פון די זעלבע דערפאַרונגען און רעאַגירן אויף ענ־לעכע געשעענישן. מיט דער גאַנצער ניכטערקייט זיינער און חכמה האָט ער פאָרט אין זיך באַרימערישס פון אַ יינגל.

איך האָב זיך אָפּגעזעגנט און בין אַוועק. ער איז געבליבן, ווי איך האָב באַמערקט, אַן אַנטוישטער. בלויז צוליב דעם, ווייל ער האָט מיר נישט איינ־גערעדט צו קויפן אַ זייגערל, אָדער ווייל ער האָט מיר נישט באַוויזן נאָך עפּעס אַנדערש איינצורעדן? — ווייס איך נישט.

...אין עטלעכע טעג אַרום, בעת איך בין אַראָפּגעגאַנגען אין גאַס, האָב איך באַגעגנט דעם בחור. ער האָט זיך גלייך צו מיר געווענדט, ווי צו אַן אַלטער באַקאַנטער:

— באָן־זשור, מאַדמואַזעל, וואָס הערט זיך? האָט איר שוין פאַרקויפט דאָס זייגערל?

— יאָ.

— און זיך נישט געקויפט קיין נייס?

— ניין.

— ווי קען אַזאַ שיין מיידל, ווי איר, זיין אַן אַ זייגער?

— איך זע, אַז איר ווילט מיר זאָגן אַ קאָמפּלימענט, אָבער ער פּאַסט זיך דאָ נישט. וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צום זייגערל?

דאָ האָט ער מיר אויפגעקלערט:

— און ווי אַזוי וועט איר וויסן, ווען צו גיין אויף די ראַנדעוווּען?

— וועל איך טאַקע נישט גיין אויף ראַנדעוווּען — האָב איך אים געענטפערט מיט אַ שמייכל.

ער האָט אויפגעכאַפּט מיין שמייכל און, ווייזט אויס, אַז ער האָט אים דערמוטיקט. ער האָט געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט געוווּען באַזאָרגט פון מיין גורל און מיטאַמאָל ווידער אויפגעלעבט:

— ווייסט איר, איך האָב פאַר אייך אַן עצה: פון איצט און ווייטער זאָלט איר זיך אָפּשמועסן נאָר מיט עמעצן וואָס האָט יאָ אַ זייגער און וווינט דאָ אין האָטעל...

איך האָב זיך צעלאַכט און אים אויף דעם געענטפערט:

— דאָס איז נישט אַזאַ זיכערע עצה, ווייל ס'קען זיין, אַז מען זאָל מיך נאָך אינגיכן אַרויסוואַרפן פון האָטעל...

איך בין דערנאָך געגאַנגען איבער דער גאַס אַ לייכטע, אַ לופטיקע. דער שמועס האָט איצט אויסגעזען אין גאַנצן אַן אַנדערער ווי דער ערשטער. יענער האָט מיך אַ ביסל דערדריקט, דער — האָט מיך אויפגעלעבט. ער האָט אויך הומאָר, דער בחור. מען קען מיט אים אַ מאָל כאַפּן אַ שמועס. איך האָב זיך באמת צופיל אָפּגעזונדערט פון מענטשן. אפשר קלאָרער זיך אויסדריקן און גענויער: פון מענער. ס'זענען פאַראַן צוויי מינים חיות: אַזעלכע, וואָס בעת זיי געפינען זיך אין אַ סכנה — שפּרינגען זיי איר אַקעגן. אַנדערע — שרומפּן זיך איין, בלייבן פאַרגליווערט. איך, דאַכט זיך מיר, האָב אָנגענומען לעצטנס די טאַקטיק פון דעם צווייטן מין חיות...

...איך האָב געזען ביינאַכט אין חלום דעם בחור. איך קען זיך נישט דערמאָנען קיין פּרטים, אָבער ס'איז זיכער געווען עפּעס עראָטישס אין אים. ווען איך האָב אים שפּעטער באַגעגנט, בין איך רויט געוואָרן. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער ווייסט דערפון.

ער באַמיט זיך מיך צו פאַרהאַלטן ביי יעדער באַגעגעניש. פאַרוואָס זאָל איך טאַקע נישט אָננעמען אַ מאָל זיינעם אַ פאָרשלאָג און מיט אים גיין אין אַ קינאָ, צי אין אַ קאַפע? מ'דאַרף זיך צעשטרייען אַ ביסל, פאַרווײַלן.

איך בין מיט אים געגאַנגען אין קינאָ. בעת ער האָט געקוקט אויפן פילם, האָט דערווייל גענומען מיין האַנט אין זיינער. זי געדריקט. פאַרפלאָכטן מיינע

פינגער אין זיינע. איך האָב געכאַפּט אַ קוק אויף זיין פּראָפיל. אַזוי האָט ער אויסגעזען איידעלער. ס׳האָט זיך געמאַכט, אַז בעת איך האָב אויף אים אַ קוק געגעבן, האָט זיך זיין בליק צונויפגעטראָפן מיט מיינעם און מיר האָבן ביידע אַ שמייכל־געטון.

דערנאָך זענען מיר אַריין אין אַ קאַפע. דאָ זענען געווען אַ סך מענטשן און ס׳איז געווען רעשיק. האָבן מיר זיך געלאָזט אויף טרעפּ אַרויף, ווו ס׳האָבן זיך געפונען עטלעכע צימערן. דאָרט איז שוין געווען שטיל, טונקל. ס׳זענען אויך דאָ געזעסן מענטשן, אָבער נישט איינציקע, נאָר פּאָרלעך. יעדעס פּאָרטון מיט זיך. מיר האָבן באַלד באַקומען אַ ווינקל.

ער האָט באַשטעלט אַ געטראַנק, אָבער איך בין נישט געווען דאָרשטיק, נאָר פּשוט הונגעריק. איך האָב זיך אָבער געשעמט אים דאָס צו זאָגן. ס׳זענען געווען צוויי־דריי גלעזלעך ווייַן, אַז איך זאָל פילן אַ רויש אין קאָפּ. איך האָב דערפילט אַ קוש אויף מיין באַק. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן. זיינע ליפּן האָבן געזוכט מיינע און זיי געטראָפן. ער האָט נישט געהאַט אויף די הענט קיין פינגער, נאָר שוועבעלעך. זיי האָבן אָנגעצינדן יעדעס אָרט, וואָס זיי האָבן באַרירט.

איך האָב אים געהערט שעפּטשען:

— מיר וועלן גיין...

איך האָב זיך אָנגעשפּאַרט אָן אים אָן כוחות און בין מער פון אים גע־צויגן געוואָרן, ווי געגאַנגען. אינדרויסן איז דערווייל געוואָרן קיל. אַ ווינטל האָט געבלאָזן מיר אין פּנים און מיך דערפרישט. ער גיט מיך אַ ציַ־אַריין אין אַ הויז. איך טו אַ קוק: ס׳איז אַ האָטעל. איך זאָג אים אַזוי, ווי איך וואָלט אים געוואָלט אַרויספירן פון אַ טעות:

— ס׳איז דאָך נישט אונדזער האָטעל.

קוקט ער מיך אָן פאַרחידושט און ענטפערט:

— איז וואָס?

מיטאַמאָל האָב איך זיך אויסגעניכטערט:

— ניין, ניין; קומט אַוועק פון דאַנען.

ער איז געשטאַנען און זיך נישט גערירט פונעם אָרט. האָב איך זיך געלאָזט גיין אַליין צום מעטראָ, וואָס האָט זיך געפונען אויף יענער זייט פון פּלאַץ. דאַכט זיך, אַז ער איז נאָך געשטאַנען אַ ביסל אויפן אָרט, אָבער אַראָפּגייענדיק די טרעפּן פון דעם מעטראָ, האָב איך אים ווידער געזען לעבן מיר. ער האָט נישט אַרויס־גערעדט קיין וואָרט און אַזוי שווייגנדיק מיר נאָכגעגאַנגען. אין מעטראָ האָט ער זיך אַפילו לעבן מיר אַוועקגעזעצט, אָבער אָן אָנגעברוגזטער, אַ פרעמדער.

ווען מיר האָבן זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק פונעם האָטעל, דאָרט ווו ער האָט געוווינט, האָב איך אים געגעבן די האַנט זיך צו געזעגענען און זיך

געלאָזט אַרויף די טרעפּ. ער האָט אָבער מיין האַנט נישט אַרויסגעלאָזט פון זיי־נער, מיך צוגעצויגן. ער האָט געזאָגט שפּאָטיש:

— און איר קלייבט זיך טאַקע צו ווערן אַ נאָנע?

איך האָב געענטפערט ערנסט:

— ניין. איר זענט זיך טועה.

איז דער איראָנישער שמייכל נישט אַראָפּ פון זיין פּנים און ער האָט גע־ענטפערט:

— מיינט איר, אַז ס'וועט זיך עפּענען דער סופיט פון אייער צימער און גאָט וועט אייך פון אויבן אַראָפּוואַרפן אַ מאַן! — מען דאַרף פּרווון. איינשטעלן.

איך האָב נישט געפונען גלייך אַן ענטפער. סתם אַזוי צו שטיין איז אָבער געפערלעך, האָב איך ווידער זיך געלאָזט אַרויף די טרעפּ. זייענדיק שוין אויפן צווייטן שטאָק, האָט עס מיך אַ צי־געטון צום פּאַרענטש. איך האָב זיך אַראָפּ־געבויגן און צו אים געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט.

איך האָב נישט באַקומען קיין ענטפער.

...איך האָב זיך באַמיט אים אויסצומיידן. איך בין יעדעס מאָל די טרעפּ פון די דריי שטאָק נישט אַראָפּגעגאַנגען, נאָר אַראָפּגעלאָפן. באַזונדערס האָט מיר דאָס האַרץ אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן ביים ערשטן שטאָק, דאָרט ווו ער האָט געוווינט. מיטאַמאָל האָט זיך מיר געגומען דאַכטן, אַז דאָס מיידט ער גאָר מיך אויס, אַז ער וויל מיך מער נישט זען. האָב איך זיך שוין באַמיט אים צו באַגעגענען. ווי איך האָב אים אָבער דערזען פון דער ווייטנס, האָב איך אַלץ געטון כדי נעלם צו ווערן און זיך מיט אים נישט צו טרעפן.

אַמאָל פלעג איך אין די אָוונטן שפּאַצירן אויף שאַטלע, בולוואַר סען־מישעל, אָפּעראַ, — איצט האָט עס מיך געצויגן אין אַן אַנדער געגנט: צום מאָנמאַרטר. איבערן טאָג צי'ען אַהער טוריסטן צום קלויסטער סאַקרע־קער. דער קלויסטער שטייט הויך, אויף אַ באַרג, אַ ווייסער. קומט אָבער די נאַכט, ווערט ער פון אַלע זייטן פאַרפלייצט פון כוואַליעס לוסט און ליידנשאַפט. דאַכט זיך, אַז אין איינער אַ נאַכט וועלן אים די כוואַליעס אַ ריס־טון פונעם אָרט און אים פאַרשלעפּן ווי אַ שיף און פאַרזינקען אין די תהומות.

בעת איינעם פון מיינע נאַכטיקע שפּאַצירן אין יענער געגנט האָט מיך פאַרהאַלטן אַ מאַן, וואָס איז געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון אַ פרוי און אַ קינד. ער האָט זיך געווענדט צו מיר אין ענגליש און מיך געפרעגט ווו ס'איז דער פּלאַץ פּיגאַל. ווען איך בין געווען אין שוועדן, האָב איך געלערנט ענגליש און געמאַכט נישקשהדיקע פאָרשריטן אין דער דאָזיקער שפּראַך, האָב איך אים געענטפערט, אַז דאָס איז נישט ווייט און איך בין גרייט זיי צוצופירן ביז צום

ארט. ביים אנקומען אויפן פלאַץ האָב איך מיך געוואָלט מיט זיי געזעגענען, נאָר זיי האָבן מיך געבעטן אַריינצוגיין מיט זיי צוזאַמען אין אַ קאַפע און עפעס טרינקען.

איך האָב זיי צוליב־געטון. באַלד האָב איך געהאַט אַ חשד אַז די משפחה איז אַ יידישע. נאָך אַ קורצן געשפּרעך מיט זיי האָט עס זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. דאָס מיידעלע האָט גערעדט נאָר ענגליש. ער האָט גערעדט אַ שטאַמל־דיקן יידיש געמישט מיט אַ סך ענגלישע ווערטער. דערפאַר האָט די פרוי שוין גערעדט יידיש אָן שוועריקייטן. ווי זי האָט מיר דערציילט, האָט זי מיט אירע עלטערן גערעדט נאָר יידיש.

איך בין מיט זיי געזעסן עטלעכע שעה און צוביסלעך האָב איך זיך דער־וווּסט פאַרשיידענע פּרטים פון זייער לעבן. זיי זענען שוין פאַרהייראַט פינף יאָר. די חתונה איז פאָרגעקומען גלייך נאָך דעם ווי זי האָט זיך גראַדויִרט פון קאַ־לעדזש. איז עס שוין געווען אַ דאָפּלטער יום־טוב. ס'זענען געקומען הונדערטער מענטשן. מ'האָט אַזויפיל צוגעגרייט צום עסן און צום טרינקען, אַז ס'איז נאָך אַ סך דערפון איבערגעבליבן, כאָטש מ'האָט זיך חלילה נישט געקענט באַקלאָגן, אַז דער עולם האָט נישט געהאַט קיין אַפּעטיט. זי האָט תמיד געחלומט צו פאָרן אויף דעם „האָניק־חודש" קיין איראָפּע, אָבער דעמאָלט איז עס דאָך נישט געווען מעגלעך. ס'איז געווען מלחמה־צייט. זענען זיי דעריבער געפאָרן אין די בערג. אַ פאָטאָגראַפיע פון יענע טעג האַלט זי כסדר ביי זיך אין טעשל. זי קען זיך פון איר נישט שיידן.

און אָט עפנט זי דאָס טעשל און דערלאַנגט מיר די פאָטאָגראַפיע. ווי זי דערקלערט מיר, איז עס דעמאָלט געווען פונקט ניי־יאָר. זיי האָבן אים געפייערט אין גרויסן זאַל פון האָטעל. אויף דער פאָטאָגראַפיע זעט זיך בלויז אַ ווינקל פון זאַל. ביי איין טיש זיצן ער און זי. דאָס טישל איז באַשטעלט מיט פלעשער. זיי זענען ביידע אַרומגעוויקלט מיט סטענגעס. ביידע טראָגן פאַפּירענע היטעלעך אויף די קעפּ. ער האַלט נאָך אין מויל אַ טרומייטערל. איך דריי איבער די פאָ־טאָגראַפיע און לייען איבער: „ערשטער יאַנואַר 1943".

און ווו בין איך דעמאָלט געווען? און וואָס איז מיט מיר דעמאָלט געשען? לאָמיך זיך נאָר דערמאָנען. איך האָב זיך דעמאָלט געפונען אין געטאָ. מ'האָט ערשט געהאַט בעת אַן אַקציע פאַרנומען דעם טאַטן. די מאַמע איז אַרומגע־גאַנגען געשוואָלן פאַר הונגער. דער ברודער איז געלעגן קראַנק אויף טיפוס. איך האָב זיך אַרומגעשלעפּט איבער די הויפן, געזוכט אין די מיסטקאַסטנס, אפשר וועל איך געפינען עפּעס אַזוינס וואָס לאָזט זיך קייען. קיין איין משפחה איז שוין דעמאָלט אין געטאָ נישט געווען קיין גאַנצע.

אָבער וואָס וויל איך? צי האָבן זיי, די יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב באַקומען, נישט געזאָלט חתונה האָבן־מחמת דעם, וואָס איבערן ים הרגעט מען זייערע ברידער? ווייל מ'האָט זיי דאָ געהרגעט, האָבן זיי דאָרט נישט געטאָרט

לעבן? אָבער די חתונה די רייכע און די נײַ־יאָר־פּייערונג — דאָס איז שווער צו באַנעמען.

איך האָב געקוקט אויף דער דאַטע, וואָס אויף דער לינקער זייט פון דער פאָטאָגראַפיע און איך ווייס נישט ווי אַזוי ס׳איז געשען. איך האָב אַרויסגעשטויסן:

— און דעמאָלט בין איך געווען אין געטאָ...

די פרוי האָט מיך אָנגעקוקט אַזוי ווי זי וואָלט מיך ערשט איצט דערזען. איר קול איז געוואָרן ווייכער, וואַרעמער:

— אַזוי. איר זענט געווען אין געטאָ.

— און אויך אין אַ לאַגער — האָב איך נאָך צוגעגעבן.

— און איר לעבט? — האָט די פרוי אויסגערופן.

— דאָס ווייס איך נישט — האָב איך געענטפערט.

אויב די פרוי האָט אויף מיר געקוקט מיט חידוש, איז צום חידוש אויך צוגעקומען פּחד.

דער מאַן, וואָס האָט ביז איצט כמעט נישט אָנטייל גענומען אין אונדזער געשפּרעך, איז, ווייזט אויס, געוואָרן פאַראינטערעסירט דורך מיינע לעצטע ווערטער און ער האָט געפונען פאַר נויטיק מיר צו שטעלן אַ פראַגע:

— און מיט אייך זענען געווען אין געטאָ אַ סך יידן?

— אָפּהענגיק פון דער צייט. אין איין צייט האָבן זיך געפונען אין געטאָ דרייסיק טויזנט יידן און נאָך מער.

— און וואָס איז מיט זיי געשען? — האָט ער ווייטער געפרעגט.

— אַ טייל איז געשטאָרבן פאַר הונגער און טיפוס, אָבער די גרעסטע טייל האָט מען אַרויסגעפירט אין די לאַגערן און זיי דאָרט אומגעבראַכט.

— און צווישן זיי זענען געווען אַ סך יונגע?

— יאָ.

— און זיי האָבן זיך געלאָזט פירן צום טויט און זיך נישט אַקעגנגעשטעלט?

ס׳האָט מיך אַרומגעכאַפּט עפּעס אַ מוראַדיקער ווייטיק און איך האָב נישט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט פון מיין מויל.

קענטיק, אַז מיין שווייגן האָט אים נאָך צוגעגעבן מוט און ער האָט געזאָגט:

— ביי אונדז וואָלט דאָס נישט פאָרגעקומען — נעוועד מאָר. מיר אַמעריקאַנער וואָלטן זיך נישט געלאָזט. זאָל מיר עמעצער זאָגן „דזשו״ — דערלאַנג איך אים גלייך אַזוי.

און ער האָט פאַרביילט די פויסטן און געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו „פייטן״ מיט עמעצן.

ער וויל באַקומען אַן ענטפער. איינעם. צו מער האָט ער נישט קיין צייט און קיין געדולד. קען מען אויף דעם אַזוי שנעל ענטפערן און נאָך דערצו דאָ, אין קאַפע אויף פּיגאַל? איך האָב בלויז געזאָגט:

— ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס קענען אייך געבן בעסער אַן ענטפער פאַר מיר. וואָס איך וויל אייך נאָר זאָגן איז, אַז איר זענט נישט גערעכט.

די פרוי האָט זיך געווענדט צו איר מאַן:

— האַרי, לאָז צורו די מיסעס. זי האָט געוויס זיך אַ סך אָנגעליטן. נאָכוואָס דערמאָנען איר די צרות. מיר ווילן דאָך גיין אין אַ קאַבאַרעט, ווען מיר זי מיטנעמען. זי וועט זיך צעשטרייען.

נאָר איך האָב זיך אָפּגעזאָגט פון זייער איינלאַדונג. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך דאַרף אויפשטיין מאָרגן זייער פרי צו דער אַרבעט. איך האָב זיי בלויז באַגלייט ביז אַ קאַבאַרעט און דאָרט זיך מיט זיי אָפּגעזעגנט.

...פון דער באַגעגעניש בין איך אַהיימגעגאַנגען אַ דערדריקטע. בעת מען האָט אונדז געקוילעט, האָבן זיי דאָרט נישט פאַרמינערט דאָס געניסן פון וווילטאָג. זיי פילן זיך נישט שולדיק מחמת דעם. פאַרקערט: זיי באַשולדיקן אונדז נאָך, אַז מיר האָבן זיך געלאָזט מאָרדן אָן אַ ווידערשטאַנד. זיי וואָלטן געוועןאָפּגעענטפערט. האָבן טאַקע די יידן פון די אַנדערע לענדער, וואָס זענען נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פון היטלערן, אונדז געקענט מיט עפּעס העלפן? — דאָס ווייס איך נישט. אויב זיי האָבן אַפילו אונדז נישט געקענט מאַכן בעסער, האָבן זיי זיך געדאַרפט מאַכן אַ ביסל ערגער.

איך האָב געמיינט, אַז זיי גייען איבער די גאַסן און שרייען. אַז זיי רעדן מיט זייערע שכנים די נישט־יידן נאָר וועגן אונדז. אַז זיי זיצן אין די שולן און מאָנען און פאָדערן פון גאָט, פון יידישן גאָט, אַן ענטפער פאַרוואָס ער האָט געלאָזט זיין פאָלק אויף הפקר, אַז זיי דערוועגן זיך נישט פאַר דער דאָזיקער צייט אָנצוטאָן אַ ניי מלבוש, צו גיין אין אַן אָרט פון פאַרווײַלונג, הנאה צו האָבן פון אַ געטראַנק, אד״גל.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן זען די אומגעקומענע ווי פּחדנים, אַנדערע ווילן זיי זען ווי קדושים. קיינער וויל זיי נישט זען ווי זיי זענען באמת געווען אין זייער בויט און אין זייער טויט. יעדער וויל אין זיי זען בלויז אַזעלכע אויף צו באַפעסטיקן זיין אייגן לעבן, זיין זעלבסטגעפיל, זיין פאַרטיי.

און אפשר קלער איך דערפון אַזוי פיל, ווייל איך בין איינזאַם. ווען איך וואָלט געהאַט אַ מאַן, אַ קינד, וואָלט איך זיך פאַרנומען מיט זיי און נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן די טויטע, זיך נישט אָוועקגעגעבן אין גאַנצן דעם עבר. ס׳זענען געווען אַזעלכע אין לאַגער, וואָס דער ווילן איז ביי זיי אין גאַנצן אַטראָפירט געוואָרן. צי האָב איך מיין פאַרלוירנקייט און ווילנלאָזיקייט נישט איבערגענומען פון דאָרט? דאָרט האָב איך טאַקע פון זיי נישט געליטן, אָבער מעגלעך, אַז איך טראָג זייערע מיקראָבן פון דאָרט אין זיך און צוביסלעך ווייזן זיי אַרויס זייער ווירקונג.

איך בין שוין מיד צו טראָגן אין זיך די איינזאַמקייט און אויף זיך די בויט.

אַט האָב איך זיך באַקענט מיט דעם בחור פון האָטעל. ס׳איז מיר געווען אַנגענעם צו פאַרברענגען מיט אים. פאַרוואָס זאָל איך צוימען די געפילן? פאַרוואָס זיי פאַרשטויסן? איך באַגיי דאָך אַ זינד קעגן זיך אַליין. איז ער דער אויסגעחלומטער, דער אויסגעבענקטער? — אויף דעם איז מיר שווער צו ענטפערן. טייל מאָל קומט דאָס אידעאַלע צוזאַמענלעבן, ווייל ס׳הערשט האַרמאָניע צווישן מאַן און ווייב און טייל מאָל דווקא דערפאַר, ווייל זיי זענען זיך נישט ענלעך, נאָר פאַר־שיידענע. דער מאַן דאַרף נישט זיין ווי אַ שפּיגל פאַר דער פרוי, דאָס הייסט, בעת זי קוקט אויף אים — זאָל זי זען זיך. כדי צו דערגרייכן, מוז מען אויך קענען אויף עפּעס מוותר זיין. אַפילו דער פויער, ווען ער וויל באַקומען די ברכה פון דער ערד, מוז ער פריִער עפּעס אין איר באַגראָבן און דאָס מקריב זיין.

בעת דעם לעצטן באַגעגעניש האָט ער מיר געזאָגט:

— מען דאַרף פּרווון... מען דאַרף איינשטעלן...

וועל איך פּרווון... טאַקע מיט אים... און איינשטעלן...

...שוין דריי חדשים, ווי איך לעב מיט אים. איך בין פאַר דער צייט נישט רויִקער געוואָרן. אפשר נעמט זיך עס דערפון, וואָס איך ווייס נאָך אַלץ נישט ווו איך האַלט. ס׳איז נאָך גאָרנישט פאַר מיר זיכער און באַשטימט. נאָך אַלע־מען האָב איך פון אים ביז היינט נישט געהערט פאַלן אַ וואָרט וועגן דער צו־קונפט. מיר וווינען פּונקט אַזוי ווי פריִער. ער אויפן ערשטן שטאָק, און איך — אויפן דריטן, אין בוידעם־שטיבל. זיין צימער איז אַ גרויס׳ און ס׳איז דאָרט פאַראַן גענוג פּלאַץ פאַר אונדז ביידע, איז ער אָבער גרייט צו צאָלן פאַר ביידע צימערן און נישט צו ענדערן דאָס ביז־איצטיקע. ווייל ער נישט אויפגעבן זיין באַקוועמלעכקייט, זיין זעלבשטענדיקייט? צי האָט ער נאָך אַלץ באַהאַלטענע כוונות? איך האָב כאָטש געוואָלט, אַז זיין צימער זאָל נישט אויסזען ווי אַ האָטעל־צימער; מאַכן עס אַ ביסל היימישער, אינטימער, אָבער ער האָט מיך אַפילו דאָס נישט געלאָזט טון, נישט געלאָזט גאָרנישט ענדערן.

ער האָט זיך בייטאָג זיינע עסקים, וועגן וועלכע ער דערציילט מיר זייער ווייניק. ווען איך האָב אים איין מאָל וועגן דעם געפּרווט אַ פרעג־טון, האָט ער מיר געענטפערט, אַז דאָס זאָל איך פאַר אים איבערלאָזן. דאָס איז נישט פאַר מיר. דעם אמת געזאָגט, אינטערעסירן מיך נישט קיין געשעפטן און מסחרים, אָבער זיינע עסקנים האָבן ביי מיר אַרויסגערופן אַ חשד און איך וואָלט געוואָלט, אַז ער זאָל זיי בייטן, אָדער גאָר מיר אויפווייזן, אַז מיין חָשד איז אַ פאַלשער.

לעצטנס פאַרשווינדט ער אויך אין אָוונט און קומט צוריק שפּעט אין דער נאַכט. ער זאָגט מיר אַפילו, אַז איך זאָל מיר נישט שטערן און דערווייל גיין אין אַ קינאָ, צי אין אַ קאַפע, אָבער איך זיץ מערסטנטייל דעמאָלט אין צימער ביי זיך, ווי אין אַ שטייג. ס׳איז מיר אַפילו איין מאָל איינגעפאַלן, אַז איך זאָל בגנבה אים נאָכגיין און נאָכשפּירן וווהין ער גייט אַוועק און פאַרברענגט ביז אַזוי שפּעט.

נאָר איך האָב עס נישט געטון. איך וויל נישט ווערן איינע פון די קרענקלעך־איפּערזיכטיקע פרויען. איך וועל אָפן רעאַגירן אָדער שווייגן.

איך בין נישט פון יענע פרויען, וואָס ווילן האָבן אַ מאַן אַ שטאַרקן, אַזאַ, וואָס זאָל איבער זיי הערשן. איך האָב גענוג געהאַט די הערשאַפט, די גוואַלד פון שנאה, פון שלעכטן און וויל אַפילו נישט איבער זיך די גוואַלד פון דער ליבע. איך האָב אָבער יאָ געבענקט נאָך אַזאַ מאַן, אונטער וועמעס שוץ איך זאָל זיך פילן זיכערער, רויקער. אַז איך זאָל נישט מורא האָבן פאַר קיין שטער און פאַר קיין שטרויכלונג. ווייל גלייך וועט ער אונטערקומען און מיך אונטערהאַלטן. דאָס איז אָבער נישט געשען. איך פיל זיך אַזוי איינזאַם ווי פריער.

ער איז יונג, אָבער די מלחמה־יאָרן האָבן אים אין אַ גרויסער מאָס קאַליע־געמאַכט. און אפשר בין איך צו פילבאַר? אַז מען לעבט אין אַ חלום פון אַ ליבע פון פאַר דער מלחמה, וואָס האָט אַפילו דעמאָלט נישט געהאַט קיין ממשות, מוז יעדער אָנשלאָגן זיך מיט דער ווירקלעכקייט — פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאַ־טאַסטראָפע.

נאָך אַזוי פיל יאָרן פון הפקר איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס ער פילט זיך אַזוי. מיט אַ סך אַנדערע מענער געשעט דאָס זעלבע: באַלד נאָך דער חתונה פילן זיי זיך געפּענטעט. צוביסלעך געוווינען זיי זיך אָבער צו צום נייעם מצב. ס׳איז דאָך סוף־כל־סוף אַ שותפות און באַשטייט נישט בלויז פון געבן, נאָר אויך פון נעמען. ס׳איז די ראָל פון דער פרוי צו קענען דעם מאַן פאַרהאַלטן אין שטוב, ביי זיך. אפשר וועט דאָס מיר פאַרט געלונגען צו דערגרייכן?

...ער האָט מיט מיר איבערגערעדט, אַז מיר זאָלן אויף צען טעג אַרויספאָרן אין איינעם פון די ערטער אַרום פאַריז. אין שטאָט איז נאָך דעמאָלט געווען זייער הייס. איך האָב מיט גרויס צופרידנקייט אָנגענומען זיין פאָרשלאָג. מיר זענען אַרויסגעפאָרן פרייטיק און דאָרט פאַרבראַכט צוזאַמען שבת און זונטיק. דאָס אָרט האָט זיך געפונען אין די וועלדער פון פאָנטעבלאָ. ס׳האָט זיך גאָרנישט געוואָלט גלייבן, אַז אַזוי נאָענט איז פאַריז. ס׳דאַכט זיך, אַז מען איז פון איר ווייט מיט הונדערטער קילאָמעטער און הונדערטער יאָרן.

מאָנטיק אינדערפרי האָט ער מיר אומגעריכט דערקלערט, אַז ער מוז צוריק־פאָרן קיין פאַריז. ער מוז דאָרט בלייבן אַ גאַנצע וואָך צוליב עפּעס אַ וויכטיקן ענין און ער וועט ווידער קומען פרייטיק אין אָוונט. איך זאָל מיר דערווייל נישט שטערן און רויק דאָ פאַרברענגען. זאָל זיך מיר אָבער נישט פאַרגלוסטן צוריק־צוקומען אינמיטן דער וואָך אין שטאָט אַריין, אַפילו נישט אויף אַ טאָג. אויב מען רייסט איבער אָן אָפּרו אינמיטן, איז שווער דערנאָך צו דערכאַפּן דאָס פאַר־לוירענע. בין איך דאָרט געזעסן ביז פרייטיק און זיך נישט גערירט פון אָרט.

ער איז אָבער פרייטיק אין אָוונט נישט געקומען, ווי ער האָט מיר צוגע־

זאָגט. ער איז אויך שבת נישט געקומען. זאָל איך טעלעפאָנירן? — ווער ווייסט, צי איך וועל אים פונקט טרעפן אין האָטעל — איך וועל אַריינפאָרן קיין פּאַריז.

איך בין אַריין אין האָטעל. אַרויף אויפן ערשטן שטאָק און אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר. באַלד האָט זי זיך געעפנט און עפּעס אַ פרעמדער מענטש איז פאַר מיר געשטאַנען. איך בין געוואָרן איבערראַשט און נישט געקענט געפינען אַ וואָרט.

— וועמען דאַרפט איר? — האָט יענער מיך געפרעגט.

איך בין צו זיך געקומען און געענטפערט:

— אַנטשולדיקט... איך האָב זיך טועה געווען...

פאַרוואָס זאָל איך זיין אַזוי פאַרווירט? ס'קען דאָך פּשוט זיין, אַז ער האָט געביטן אינצווישן דאָס צימער. איך בין אַראָפּגעגאַנגען אונטן אין ביוראָ פון האָטעל. דאָרט זענען געזעסן די באַלעבאָסטע און מאַרי־ראָז. איך האָב געפרעגט:

— האָט מסיע... געביטן דאָס צימער?

— נישט נאָר דאָס צימער — ער האָט אויך געביטן דאָס לאַנד. ער איז אוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע — האָט די באַלעבאָסטע געענטפערט און זיך הויך צעלאַכט.

— וואָס? ער האָט זיך אַפילו מיט אייך נישט געזעגנט? — האָט מאַרי־ראָז געפרעגט אַ דערשטוינטע.

— דאַכט זיך, אַז ס'איז דאָ אַ בריוו פון אים צו אייך — האָט די באַלע־באָסטע מיר געזאָגט.

איך האָב אַ קוק־געטון אויף מיין פאַליצע: ס'איז דאָרט טאַקע דאָ אַ בריוו. איך האָב אים גענומען און בין אַרויפגעגאַנגען צו זיך אין צימער. דער בריוו איז געלעגן פאַר מיר אַ מינוט צען־פופצן און איך האָב אים נישט געעפנט. וואָס קען ער מיר דאָרט זאָגן? ער האָט מיר געהייסן זיצן די וואָך אין דאָרף, כדי זיך צו קענען אוועקגנבענען פון מיר. דאָס איז דאָך קלאָר. צו דעם אַלעם איז ער נאָך אויך אַ פּחדן. אין בריוו וויל ער זיך אַוודאי געזעגענען מיט מיר. אפשר מיך בעטן, אַז איך זאָל אים מוחל זיין. ניין, מ'דאַרף נישט. איך האָב דעם בריוו צעריסן און אַריינגעוואָרפן אין מיסט־קאָרב.

בעת מען האָט אַ שלעכטן חלום, איז מען אַזוי צופרידן, ווען מ'וועקט זיך אויף און מען זעט, אַז ס'איז געווען נישט מער ווי אַ חלום. ווען מ'זעט אַ טרויע־ריקן פילם, אָטעמט מען לייכטער אָפּ, בעת מען גייט אַרויס אין גאַס און מ'זעט אַז די זון שיינט און דאָס וואָס מען האָט געזען, איז געווען נאָר אַ שפּיל פון שאָטנס. איך האָב דורכגעלעבט נישט קיין חלום, נישט קיין שאָטנשפּיל, נאָרווירקלעכקייט. אויפוועקן זיך? צו וואָס? אַרויסגיין? — וווהין? מ'דאַרף אַרויס־גיין פון זיך אַליין.

איך האָב געפּרווט, איינגעשטעלט, און — פאַרלוירן. איך האָב נישט מער קיין כוח זיך ווייטער צו ראַנגלען. אָבער נישט בלויז מחמת דעם לעצטן דורכפאַל.

ווען איך וואָלט פריִער נישט געליטן פון אַזוי פיל אַנטוישונגען, וואָלט ער אויף מיר נישט געווען אַזוי שטאַרק געווירקט. ער איז — דער לעצטער שטויס, צו וואָס איך האָב זיך נישט געקענט אַנטשליסן אין לאַגער, וועל איך איצט יאָ דורכפירן. דעמאָלט האָב איך מחמת דער מורא פאַרן טויט געקעמפט פאַרן לעבן. איצט, מחמת דער מורא פאַרן לעבן — וועל איך זיך פרייוויליק איבערגעבן דעם טויט.

ס'זענען פאַראַן פאַרשיידענע מינים טויטן. איך קען זיך אויסקלייבן איינעם פון זיי. ארונטערוואַרפן זיך אונטער אַן אויטאָ, אַראָפּוואַרפן זיך פון פענצטער אין גאַס, זיך הענגען און נאָך אַנדערע. איך פאַרקלער זיך אָבער נישט וועגן דעם אויף אַ רגע. איך ווייס, אַז פאַר מיר איז נאָר פאַראַן איין טויט: זיך צו סמען מיט גאַז. נישט בלויז דעריבער, ווייל איך דאַרף אים נישט גיין זוכן, ווייל ער געפינט זיך ביי מיר אין צימער, נאָר ווייל ער איז דער, וואָס איז מיר באַשערט. פון גורל קען מען נישט אַנטלויפן. איך האָב זיך אויף אַ געוויסער צייט אַרויסגעגנבעט פון אים, אָבער איך מוז זיך סוף־כל־סוף צו אים צוריקקערן. דאָס איז געווען דער טויט פון מיין טאַטע־מאַמע, פון מיינע ברידער און שוועסטער און אַזוי וועל איך אויך שטאַרבן.

איך האָב מיר אַליין געפּרוווט אויסטייטשן די סיבה פון מיין באַשלוס. אפשר איז עס מיר געלונגען, און אפשר — נישט. צי קען דען אַ מענטש אויסטייטשן זיין יעדן גאַנג און זיין יעדע טאַט? האָט זיך אַלץ אַנטוויקלט לויט אַ סדר, אָדער ס'האָט אַ גרויסע ראָל געשפּילט דער צופאַל? אַ סך־הכל איז אפשר נייטיק פאַר דעם, וואָס ווילֿ אַנהייבן אַ צווייטן חשבון. פאַר מיר וועט זיין גענוג דאָס, וואָס איך האָב געשטעלט ציפער נאָך ציפער. די מאַמע האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז בעת זי איז נאָך געווען אַ קליין מיידעלע, האָט איר אַ חברטע פון זעלבן עלטער אַנגעשטעלט אויף דער גאַנצער לענג פון אַ פּאַפּיר איין ציפער אונטער דער אַנדערער און איר געזאָגט:

— אַ־נו, רעכן עס צונויף!

ווען די מאַמע האָט געענטפערט, אַז זי איז דאָס נישט אין שטאַנד צו טון, ווייל ס'איז פאַר איר אַ צו־גרויסער חשבון האָט די חברטע אויסגערופן מיט טריומף:

— אַזאַ גרויסן חשבון קען אַפילו דער קייסער נישט מאַכן!

איך מיין, אַז דעם גרויסן חשבון, אין וועלכן איך בין בלויז אַן איינציקע ציפער, קען נישט מאַכן קיין קייסער און אפשר אויך נישט — גאָט.

דערמיט ענדיק איך מיין טאָגבוך און מיין לעבן.

דער דעזערטיר

גלייך אויפן ערשטן טאָג פון דער מלחמה, בעת מען האָט פאַרבערן מאָביליזירט ווי אַ סאַניטאַר אין שפּיטאָל אַריין, איז עס נאָך געווען כמעט ווי ליידיק. פון טאָג צו טאָג האָט עס זיך אָבער אָנגעהויבן וואָס מער אָנצופילן. אַלע בעטלעך זענען פאַרנומען געוואָרן פון פאַרוווּנדעטע, וואָס מען האָט אַהער געבראַכט פון באָענטן פראָנט. אַ טייל בעטן זענען טאַקע גאָר גיך פריי געוואָרן, מחמת די פאַרוווּנדעטע זענען געשטאָרבן, אָבער דער פראָנט האָט אַלץ געליפערט נייע און נייע קרבנות.

ס׳האָט זיך אָבער געפונען דאָ אויך איינער אַ סאָלדאַט, וואָס איז נישט פאַרוווּנדעט געוואָרן אויפן שלאַכטפעלד. ער האָט געהאַט אַ געשוויר אונטערן אָרעם. ער האָט וועגן דעם געמאָלדן דעם דאָקטער באַלד ווי מען האָט אים מאָביליזירט, נאָר דער דאָקטער האָט אויף דעם געשוויר אַ קוק־געטון מיט ביטול. אין דער צייט פון אַ מלחמה פאַרנעמט מען זיך נישט מיט אַזעלכע שטותים. מען נעמט איצט האַלבע קאַליקעס, ווער־זשע וועט זיך רעכענען מיט עפּעס אַ געשוויר.

ס׳זענען אָבער אַוועק עטלעכע טעג און דער געשוויר האָט גענומען שטאַרק אָנציִען. ער האָט פּשוט נישט געקענט מער רירן מיטן אָרעם. במילא קען ער שוין נישט שיסן מיט אַזאַ האַנט — האָט מען אים געשיקט אַהער אין שפּיטאָל אַריין. ווי ער איז געקומען, האָט אים דער דאָקטער באַטראַכט, נאָר באַלד אים איבערגעגעבן פאַרבערן. דער ענין איז צו אַ מינדערוויכטיקער, אַז ער זאָל זיך מיט אים איצט פאַרנעמען. זאָל דער סאַניטאַר זיך מיט אים באַשעפטיקן. ער האָט אַזויפיל שווער־פאַרוווּנדעטע, וואָס אַפילו פאַר זיי האָט ער נישט גענוג צייט.

פאַרבער האָט זיך באַקענט מיט דעם דאָזיקן סאָלדאַט, וואָס האָט געהאַט דאָס געשוויר אונטערן אָרעם. דאָס איז געווען אַ ייִד און געהייסן האָט ער נאַכט. ער האָט זיך נישט גוט געפילט צווישן די פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז נישט אַנדערש, נאָר ער האָט זיך אַהער אין שפּיטאָל אַריינגעשמוגלט דורך עפּעס אַ שווינדל און וויל אויף אַן אומערלעכן אופן ווערן אַ שותף צו די יסורים און צו דעם רום פון די אַלע פאַרוווּנדעטע. ווייל מיט וואָסער רעכט

ליגט ער דאָ צווישן זיי, וואָס האָבן געקעמפט פאַרן כלל, פאַרן פאָלק? זייערע וווּנדן זענען נאַציאָנאַלע, אָבער זיין געשוויר איז אַ פּערזענלעכער, אַ יחידישער.

ווײַבאַלד נאָכט האָט זיך געכאַפּט אַז דער סאַניטאַר איז אַ ייִד, איז אים אַ ביסל לייכטער געוואָרן. בעת יענער האָט אים איבערגעבונדן דאָס געשוויר, באַשמירט מיט זאַלב, האָט ער געוואָגט אַפילו דערביי צו קרעכצן. פאַר אַ ייִדן מעג מען דאָך. ס'איז טאַקע נישט קיין געפערלעכע זאַך, אָבער וויטיקן פאַרשאַפט עס גרויסע. ס'ציט נאָך אַלץ אָן און ציט אַרויס דאָס חיות. ס'איז נאָך אַלץ האַרט און וויל זיך נישט עפענען.

ס'האָט זיך פאַרבונדן אַ פריינדשאַפט צווישן ייִדישן סאַניטאַר און דעם סאָלדאַט מיט דעם געשוויר. די שמועסן צווישן זיי פלעגן מערסטנטייל פאָרקומען בעת דעם איבערבינדן דעם באַנדאַזש. זיי האָבן אָבער געזוכט און געפונען נאָך אַנדערע געלעגנהייטן, ווי אַזוי זיך צו טרעפן און צו כאַפּן אַ שמועס. נאָכט איז דאָך נישט געווען צוגעשמידט צום געלעגער און געקענט זיך פריי באַוועגן. די לייכט־פאַרוווּנדעטע פּוילישע סאָלדאַטן האָבן זיך געכאַפּט אויף דער חברשאַפט צווישן ביידע און געוואָרטשעט, אַז „די צוויי זשידקעס האָבן זיך ס'ניוכעט". זיי האָבן אויך גערעדט צווישן זיך, אַז דער ייִד האָט זיך געמאַכט עפּעס אַ געשוויר אונטערן אָרעם, כדי נישט צו דאַרפן גיין אויפן פראָנט. די ייִדן ווילן זיך תמיד אַרויסדרייען פון אַ סכנה.

דעמאָלט איז פאַרבערן עפּעס איינגעפאַלן. ער האָט איינעם אַ סאָלדאַט ווי בסוד דערציילט, אַז דער דאָקטער האָט אים איבערגעגעבן, אַז דאָס וואָס יענער האָט אונטערן אָרעם, איז נישט סתם אַזוי זיך אַ געשוויר, נאָר ער איז חושד, אַז דאָס איז אַ ראַק. ער אַליין וויל זיך דערמיט נישט פאַרנעמען. ווייל, ערשטנס, האָט ער איצט נישט קיין סך צייט, און, צווייטנס, איז עס שוין במילא צו־שפּעט און קיין שום רפואה וועט שוין נישט העלפן. יאָ, אַ וווּנד, וואָס דער צי יענער האָט באַקומען אויפן שלאַכטפעלד, קען נאָך פאַרהיילט ווערן, אָבער ער וועט שוין נישט געהיילט ווערן. דער דאָזיקער „סוד" האָט אַ ביסל געהאָלפן צו באַ־רויִקן די צעהיצטע געמיטער. ער האָט טאַקע נישט באַקומען זיין וווּנד אויפן פראָנט, אָבער ער שטעלט מיט זיך פאָר עפּעס באַזונדערס, עפּעס אַזוינס, וואָס מען קען נישט אַזוי לייכט מבטל מאַכן.

פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך געהיט צופיל צו פאַרברענגען איינער מיטן אַנדערן אין דער אָנוועזנהייט פון די פאַרוווּנדעטע. זיי פלעגן זיך טרעפן אין גאָרטן פון שפּיטאָל יעדעס מאָל, ווען פאַרבער האָט נאָר געהאַט צייט. נאָכט איז כסדר געווען פריי. זיי פלעגן זיך ביידע אַוועקלייגן אויפן גראָז און רעדן וועגן דעם שווערן מצב. די פייגל האָבן פון די ביימער געזונגען ווי תמיד. זיי האָבן זיך נישט איבערגענומען פון די כסדרדיקע שיסערייען. זייערע לידער זענען נאָך אַלץ געווען פלאַפּלענדיקע, שטיפערישע און נישט קיין מיליטערישע מאַרשן.

צוביסלעך האָט זיך פאַרבער באַקענט מיט נאַכטס לעבן. יענער פלעגט פאַר אים רעדן און רעדן. ווי ער וואָלט געווען במשך פון יאָרן געשוויגן און איצט וואָלט דאָס אַלץ פאַרהאַלטענע און פאַרשטויסענע געזוכט אַן אויסגאַנג. טאַקע נאָר איצט, אין שיין פון שריפות און אין שאָטן פון טויט, ווייל אין נאָר־מאַלע צייטן וואָלט עס מסתמא געבליבן ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך באַהאַלטן און פאַרשטויסן. ער איז געווען אַ בוכהאַלטער. ער האָט געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג אין אַ גרויסער פירמע און אין אָוונט, ווען ער פלעגט אַהיימקומען, פלעגט ער נאָך זיין פאַרנומען ביי אַנדערע, זייטיקע אַרבעטן. ער האָט גוט פאַרדינט און כסדר געשפּאָרט געלט. ער האָט עס אָבער נישט בלויז געטון צוליב דעם געלט אַליין — ער האָט ליב געהאַט די וועלט פון ציפערן.

אַ ציפער איז נישט קיין אות. פון אותיות ווערן ווערטער און ווערטער זענען הוילע, פּוסטע, לופטיקע. אָבער אַ ציפער, אַז מען שטעלט זי אַוועק — שטייט זי. אַ ציפער איז אַ ממשותדיקע זאַך. הינטער איר ליגט געלט, גאָלד, הייזער, פאַבריקן א״אַ. ער האָט נישט געקלערט פון חתונה האָבן. מען דאַרף זיך צונויפלייגן אַ היפשע סומע געלט און זיך אויפבויען אַ היים. צו דער חתונה זאָל זיין אַלץ גרייט: די דירה, דאָס מעבל, די כלים און מלבושים. און טאַקע נישט אַ דירה אַ געדונגענע, נאָר אַן אייגענע, אַן אייגן הויז.

וואָס קען דען זיין זיכערעס ווי אַ הויז? פעסטע ווענט אויף טיפע און שטאַרקע יסודות. ערד איז דאָך אויך אַ סאָלידע זאַך, אָבער כדי זי זאָל געבן איר ברכה, מוז מען זי פריִער צעאַקערן און פאַרזייען. שפּעטער דאַרפן קומען ערשט זון און רעגן און טון זייערס לויט ס׳גלוסט זיך זיי. מיטן הויז זענען אָבער נישטאָ אַזעלכע דאגות. די צייט גייט אַליין. זי פליסט ווי די טייכן און יאָגט ווי די ווינטן. גוט האָבן מענטשן געטון, וואָס זיי האָבן די צייט צעטיילט און צעברעקלט דורך לוחות און קאַלענדאַרן. ס׳גייען טעג, נעמען זיך צונויף אין וואָכן און פון זיי ווערט אַ חודש און יעדן ערשטן פון חודש צאָלט מען דירה־געלט.

האָט ער געקליבן געלט און זיך ענדלעך געקויפט אַזאַ הויז. אין הויז גענומען פאַר זיך אַ שיינע דירה, אריינגעשטעלט מעבל, אויף די פענצטער אויפגעהאַנגען פירהענגלעך. אין דער שראַנק — כלים פון גאָלד און פון זילבער. ווי נאָר ער האָט געענדיקט די אַרבעט, האָט ער זיך געלאָזט גיין גלייך אַהיים. זיך אַוועקגעשטעלט אַ צען טריט קעגן הויז און עס באַטראַכט: ס׳איז זיין הויז. אָט האָט ער אויך אַ בינט מיט שליסלען צו דעם טויער, צו דער טיר און צו אַזוי פיל שאַפעס און קאַמאָדן. פאַר דער גאַנצער וועלט — פאַרשליסן זיי, אָבער פאַר אים — עפענען זיי.

ווען ס׳איז אָבער אויסגעבראָכן די מלחמה און פון הימל האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן באָמבעס און מיט איין קלאַפּ צעשמעטערט ריזיקע הייזער מיט לאַנג־

יעריקע איינגעפונדעוועטע באַלעבאַטישקייטן, איז ער געוואָרן אין גאַנצן מבולבל. דאָס נישט געקענט משיג זיין. ווי מיט די הייזער וואָלט אויך אויפגעריסן געוואָרן זיין גאַנצע וועלט פון ציפערן. ער האָט זיך צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן צו שרעקן נישט פאַרן לעבן, ווי בעת זיין גאַנצן לעבן, נאָר פאַרן טויט. ער האָט ביז פערציק יאָר זיך געגרייט צום לעבן און נישט געלעבט. געוואָלט זיך אַלץ פאַרזיכערן די צוקונפט. אין דער אמתן, קלערט ער איצט, איז נישטאָ אַזאַ מין זאַך ווי צוקונפט, נאָר ס'איז פאַראַן איין זיך כסדר־צי׳ענדיקע קעגנוואַרט. גאָט אַליין האָט באַעוולהט דעם מענטשן. אויב ער האָט שוין אַזוי געמאַכט, אַז דער מענטש זאָל לעבן בלויז זיבעציק יאָר און נאָך ווייניקער, האָבן עס געדאַרפט זיין פולע יאָרן. ביז ער קומט צום שכל, ביז ער קומט צו געלט, ביז ער באַגעגנט די פרוי, וועלכע געפעלט אים — איז ער שוין נישט קיין יונגער מאַן.

די שטאָט איז געוואָרן אַרומגענומען פון דעם דייטשן מיליטער ווי פון אַ פאָדקאָווע, אָבער נישט ווי אַ סימן פון מזל, נאָר פון אומגליק און טויט. אין דער פרייער זייט פון די דייטשן האָט זיך געפונען די רויטע אַרמיי. דער וויכטיקסטער פראָנט מיט די דייטשן איז געווען זייער נאָענט פון שפּיטאָל, אין דער ריכטונג פון יידישן בית־עולם. די קוילן און די שראַפּנעלן זענען פון ביידע זייטן געפאַלן אויף די קברים, ווי ס'וואָלט נישט געווען בלויז אַ קאַמף פאַרן לעבן, נאָר אויך כדי צו דעראָבערן דעם טויט. די מצבות זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער ערד, געוואָרן צעלעכערט, צעשפּאָלטן. די קברים זענען צעשטערט געוואָרן, ווי מען וואָלט געזאָגט: די איצטיקע מלחמה איז אַ גרויסע און אַ שווערע, אַ גורלדיקע אַפילו פאַר די טויטע. שטייט דעריבער אויף, איר טויטע, און נעמט אָנטייל אין דער שלאַכט.

וואָס מער נאַכט האָט געזען פאַרוווּנדעטע און טויטע, אַלץ מער האָט ער זיך געשראָקן, אַז מיט אים קען געשען דאָס זעלבע. פאַרבער האָט אים געפּרוּווט באַרויִקן, אַז דאָס איז דאָס זיכערסטע אָרט אין שטאָט, ווייל די דייטשן וועלן דאָך נישט באָמבאַרדירן אַ שפּיטאָל, אָבער נאַכט איז אין דעם גאָר נישט געווען אַזוי זיכער. מען דערציילט וועגן זיי פאַרשיידענע אכזריותן. ווידער קען עס זיך מאַכן אַפילו נישט־ווילנדיק. ווי ווייט זענען דען די מיליטערישע קאָשאַרן פון שפּיטאָל? זיי קענען ווען באָמבאַרדירן די קאָשאַרן און טרעפן אַהער.

הגם די דייטשע עראָפּלאַנען זענען כסדר געפלויגן אין דער הויך און פּשוט באַהערשט אומגעשטערט דעם הימל און דערמיט אויך די ערד אונטן, הגם פאַרבער האָט זיך אָנגעזען מיט צענדלינגער און צענדלינגער פאַרוווּנדעטע און טויטע, זענען דווקא זיינע מחשבות געווען פאַרנומען כסדר מיטן נאַכטן. דער מענטש איז, ווייזט אויס, גיכער מסוגל אויפצונעמען די שרעק און דעם צער פון אַ יחיד, ווי פון אַ כלל. אַדער אַנדערש געזאָגט און גענויער: ער פאַרנעמט דעם ווייטיק און דעם פּחד פון כלל גיכער דורך אַ יחיד, ווי דורכן כלל גופא.

איין מאָל האָט נאָכט אים געזאָגט:

— זינט די מלחמה איז אויסגעבראָכן האַלט איך אין איין קלערן פון רע־מאַרקס בוך „אויפן מערב קיין נייעס“. דעמאָלט האָב איך דאָס אַלץ געקענט בלויז פון בוך, אָבער איצט פּרוּוו איך דאָס געלייענטע פאַרגלייכן מיט דער ווירק־לעכקייט. פּרוּוו זיך אַליין געפינען, אויב נישט אין גאַנצן, איז כאָטש טיילווייז, אָדער אַפילו אין אַ געוויסן איינציקן פּרט, אין איינעם פון יענע העלדן. פאַראַן דאָרטן פאַרשיידענע מאָמענטן, וואָס מאַכן אַן איינדרוק. פאַר מיר האָט צום מערסטן געווירקט דאָס, וואָס ביים סאַמע סוף פון בוך ווערט דער העלד געהרגעט. ס'איז עפּעס באַזונדערס שווער צו שטאַרבן בעת מען פילט, אַז אָט־אָט, אין נאָך אַ טאָג, צי אַ וואָך, ענדיקט זיך שוין די מלחמה און ווער ס'וועט זיך ביז דעמאָלט ראַטעווען, וועט שוין בלייבן לעבן, וועט זיך צוריקקערן צו די עלטערן, צו ווייב און קינד, צו הויז און פעלד.

האָט פאַרבער אויף דעם געענטפערט:

— אוודאי זענט איר גערעכט, אַז ס'איז שווער געהרגעט צו ווערן דער לעצטער, הגם ס'איז קיינמאָל נישט גוט געהרגעט צו ווערן. איך האָב אָבער מיר תמיד פאַרגעשטעלט אַ בילד, ווי אַזוי ס'ווערט געהרגעט דער ערשטער אין אַ מלחמה. דער ערשטער, וואָס מען רופט נישט זיין טויט — מאָרד, נאָר נאַציאָ־נאַלער אינטערעס. פּאַטריאָטיזם. מען וואָלט אפשר נישט געדאַרפט שטעלן אַ דענקמאָל דעם אומבאַקאַנטן סאָלדאַט, נאָר דעם ערשטן געפאַלענעם און אפשר אויך פאַר דעם לעצטן. ביידנס טויט איז באַזונדער טראַגיש. כאָטש, ווען מען וויל גאָר ניכטער קוקן אויף דעם, איז בכלל שווער פעסטצושטעלן אַן ערשטן און אַ לעצטן. נאָך איידער די מלחמה הייבט זיך אַן אָפיציעל, זענען שוין געווען קרבנות, און ווער קען וויסן, ווער ס'איז געווען דער לעצטער קרבן? וויפל מענטשן לײַדן און גייען אויס דורך די ווונדן, באַקומענע אויפן פראָנט, שוין נאָך דער מלחמה?

נאָכט האָט אויך געוואָלט וויסן פון פאַרבערן, וואָס ס'איז אים באַקאַנט וועגן דעם לעבן נאָך דעם טויט. צי ער גלייבט טאַקע אין אַ יענע וועלט. ס'איז דאָך נישט מעגלעך, אַז דערמיט זאָל זיך עס ענדיקן. אָט זענען דאָ אַזויפיל קלוגע און געלערנטע מענטשן, וואָס גלייבן, אַז ס'איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס בלייבט אויך נאָך דעם, ווי דער גוף ווערט צעפוילט. אים טוט זייער שטאַרק באַנג פאַר־וואָס ער האָט אַזוי ווייניק ביכער געלייענט. אין זיינע רעכנביכער איז וועגן דעם אַפילו נישט דערמאָנט געוואָרן, אָבער אין די ביכער פון אותיות ווערט מסתמא יאָ וועגן דעם גערעדט. אים איז אויסגעקומען צו מאַכן אַזויפיל באַלאַנסן פון גע־שעפטן ענדע יאָר, אָבער קיינמאָל האָט ער נישט געמאַכט קיין באַלאַנס פון ענדע לעבן.

סוף־כל־סוף איז ער איין מאָל געקומען צו פאַרבערן און אים איינגערוימט אַ סוד, אַז ער גרייט זיך נאָך היינט צו אַנטלויפן פון דאַנען. פאַרוואָס? ווייל דאָס געשוויר האַלט זיך שוין אין פאַרהיילן און מען קען אים דעריבער אינגיכן נעמען אויפן פראָנט. פונקט ווי זיין געשוויר האָט זיך געעפנט, אַזוי וועט זיך היינט־מאָרגן אויך עפענען דאָס גרויסע געשוויר, וואָס האָט אָנגעצויגן אויף דער וועלט. פאַר וועמען איצט לייגן קרבנות? פאַר די פּאַליאַקן? — ווי זיי האָבן זיך אויפגעפירט לגבי די ייִדן, האָבן זיי זיך עס נישט פאַרדינט. ווידער ווייזן זיי אַליין נישט אַרויס קיין גרויסן חשק זיך צו שלאָגן. יעדער זוכט אַ געלעגנהייט, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען. היינט אָדער מאָרגן וועלן די דייטשן צי די רוסן פאַרנעמען די שטאָט. לכן האָט ער צו אים אַ בקשה: אין אַ טאָג־צוויי אַרום זאָל ער צו אים קומען און דערציילן, ווי זיין אַנטלויפן האָט דאָ געמאַכט אַן איינדרוק. ער מיינט, אַז די בהלה איז איצט אַזוי גרויס, אַז מען וועט זיך נישט צופיל איבערנעמען מיט דעם. אָבער אויף יעדן פאַל וויל ער עס וויסן. ער גייט נישט אַהיים, ווייל אפשר וועט מען קומען אַהין אים זוכן. ער האָט בדעה זיך אַריבערצוכאַפּן צום ברודער, וואָס וווינט ביים צווייטן עק פון דער שטאָט און זיך דאָרט באַהאַלטן. דערביי האָט ער אים אויפגעשריבן אויף אַ צעטעלע דעם ברודערס אַדרעס. ביי דער ערשטער געלעגנהייט זאָל ער אַהין קומען אים באַזוכן.

ער איז אַוועק און פאַרבער איז געבליבן שטיין אַ פאַרחידושטער: דער דאָזיקער מענטש איז דאָך געוויס אַ פחדן. ווו נעמט אָבער אַ פחדן אַזויפיל מוט אויף איינצושטעלן? אויב מען כאַפּט אים — שפּילט מען זיך נישט מיט אים קיין סך, נאָר מען שיסט אים. ער ווייסט עס דאָך אַליין מסתמא און פונדעסטוועגן האַלט עס אים נישט אָפּ פון דורכפירן זיין טאַט. ער האָט זיך דאָס געוואָלט אויסטייטשן. ער האָט געקלערט און געקלערט און איז געקומען צום באַשלוס, אַז מען קען אים פאַרגלייכן צו — אַ הון... אַ הון פליט נישט. ס׳טרעפט זיך אָבער, ווען מען שרעקט זי איבער — דערפילט זי פּלוצים אירע פליגל, גיט זיי אַ צענעם — און פליט. די שרעק גיט דער הון פליגל, און נאַכטן — האָט זי געגעבן מוט.

ס׳זענען אַוועק צוויי טעג. נאַכטס פאַרשווונדן ווערן האָט דאָ נישט געמאַכט קיין רושם. די צערודערונג איז געוועןַ זייער גרויס. פאַרבער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס ער האָט געהאַט אַ ביסל צייט, כדי צו גיין צו נאַכטן און אים באַרויקן. אויף דעם אַדרעס, וואָס ער האָט אים אָנגעגעבן, האָט טאַקע געוווינט נאַכטס ברודער, אָבער ער אַליין איז דאָרט נישט געוועןַ. קודם האָט ער געמיינט, אַז זיי זאָגן דאָס אים, מחמת זיי האָבן מורא, אַז ער איז געקומען פון דער מיליטערישער זשאַנדאַרמעריע. ווען ער האָט זיך אָבער שפּעטער מיט זיי צערעדט אויספירלעכער און זיי האָבן באַקומען צו אים צוטרוי, האָט ער זיך דערוווּסט געננוי די זאַך: נאַכט איז באמת דאָ נישט פאַראַן. ער איז טאַקע אַהער

געקומען צוריק מיט צווי טעג, אָבער זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס באַהאַלטן זיך ביי זיי איז פאַר אים זייער געפערלעך. מחמת זיי האָבן אין שטוב אַ פּוילישע דינסט, אַ גרויסע פּאַטריאָטקע. ווען זי וואָלט געזען, אַז ער איז אַנטלאָפן פון מיליטער און באַהאַלט זיך דאָ אויס, וואָלט זי געוויס געגאַנגען און אים פאַר־מסרט. האָט ער נישט געהאַט קיין ברירה און איז געגאַנגען צו זיך אַהיים. אויב ער וויל, קענען זיי אים געבן דעם אַדרעס צו אים. ס'וואָלט געווען זייער געוווּנטשן, אַז ער זאָל טאַקע גלייך אַהין גיין, כּדי אים צו באַרויקן.

פאַרבער האָט גענומען דעם אַדרעס, נאָר גיין צו אים איז ער נישט גע־גאַנגען. ס'איז שוין געווען שפּעט און ער האָט זיך געדאַרפט אומקערן אין שפּי־טאָל אַריין. אויפן אַנדערן טאָג האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז די דייטשן האָבן געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט די רוסן, אין וועלכן עס ווערט פאַר די רוסן צוגע־טיילט די שטאָט. אויב אַזוי איז געקומען אַ סוף צו דער מלחמה. די סאָלדאַטן, וואָס האָבן געוווינט נאָענט, זענען זיך צעלאָפן אין זייערע היימען און די, וואָס האָבן געוווינט ווייט, האָבן געזוכט אַ באַן, כּדי וואָס שנעלער צו קומען אַהיים.

געבליבן זענען די פאַרוווּנדעטע אין שפּיטאָל. זיי האָט דער שלום מיט גאָרנישט געהאָלפן. זיי זענען געבליבן צוגעשמידט צו זייערע בעטן. ווער אָן אַ פוס, ווער — אָן אַ האַנט. ווער אַ צעניזוקטער, אַ צעקאַליעטשעטער. די מלחמה האָט געדויערט בסך־הכּל בלויז צוויי וואָכן, אָבער זי וועט זיי איבערלאָזן סימנים אויפן גאַנצן לעבן. די צוויי וואָכן האָט מען געדאַרפט פאַרקריכן אין אַ היל, זיך אויסבאַהאַלטן אויף אַ בוידעם. אויסגראָבן פאַר זיך אַ גרוב און דאָרט ליגן. איצט איז שוין אַלץ פאַרפאַלן, פאַרפאַלן.

זיי האָבן זיך געפילט פאַרלאָזן און אָפּגענאַרט. אַלע האָבן זיי אָפּגענאַרט: די דייטשן, מיט וועלכע מ'האָט זיך געהאַט געחברט, די רוסן, וועלכע זענען, ווי ס'האָט געהייסן קודם, זיי געקומען העלפן און זיך דערנאָך געטיילט מיט די דייטשן מיט דעם איינגענומענעם פּוילן; די אייגענע גענעראַלן און מיניסטאָרן, וועלכע זענען אַנטלאָפן קיין רומעניע און איבערגעלאָזט דאָס פאָלק און דאָס מי־ליטער אויף הפקר.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט פאַרבער באַשלאָסן צו גיין זען, וואָס נאָכט טוט. ס'האָט זיך געוויס נישט געלוינט צו דעזערטירן עטלעכע טעג פאַרן סוף. מען האָט עס אָבער פאָרט נישט געקענט אויף זיכער פאָרויסזען. ער האָט זיך געשראָקן געהרגעט צו ווערן פון דער לעצטער קויל. ס'איז אים טאַקע געלונגען צו בלייבן לעבן. ס'איז נאָך אַ פראַגע, וואָס ער האָט בדעה דערמיט צו טון. ס'איז אינטערעסאַנט מיט אים איצט וועגן דעם צו רעדן.

ער איז צוגעקומען צו דער גאַס, וווּ נאָכט האָט געוווינט, צו דעם הויז. איז דאָס טאַקע דאָס הויז? — דאָס איז דאָך שוין נישט מער קיין הויז, נאָר אַ חורבה.

זוי ער האָט זיך דערוווּסט פון די שכנים, איז דאָס הויז באָמבאַרדירט געוואָרן אין דער לעצטער נאַכט פאַרן סוף פון דער מלחמה. אפשר איז איבער אים גאָר געפאַלן די לעצטע דייטשע באָמבע. ער האָט זיך געפרעגט אויף נאַכטן, דעם באַלעבאָס, האָט מען אים דערציילט, אַז דאָ איז שוין געוועזן זיין ברודער און אים געזוכט. מען האָט אים אָבער נאָך נישט געפונען. ער ליגט אונטער די חור־בות און ס׳וועט נאָך מוזן דויערן ביז מען וועט זיין גוף פון דאָרט אַפּירנעמען.

די זינגערין און איר טאָכטער

קיין באַזונדערס גוט קול צום זינגען האָט שרה פעלדער קיינמאָל נישט געהאַט, אָבער בשעת זי איז אויפגעטרעטן אין אַן אָפּערעטע צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע און געזונגען אַליין אַ ליד, צי מיט נאָך עמעצן אַ דועט, האָט זי אויס־גענומען, ווייל זי האָט געזונגען מיט טעם. באַזונדערס שיין איז זי אויך קיינמאָל נישט געווען, אָבער דאָס פּובליקום האָט זי ליב געהאַט, ווייל זי האָט געהאַט חן.

פאַר די לעצטע יאָרן איז כמעט נישט פאַראַן קיין סטאַביל טעאַטער אויף יידיש אין דער שטאָט און שרה פעלדער איז געצוואונגען צו זוכן פּרנסה דורך אויפטריטן אויף פאַרשיידענע „אָוונטן" פון געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אָדער לאַנדסמאַנשאַפטן. אין אַ טעאַטער, אויב מען ווערט עלטער, פרוווט מען בייטן די ראָלן. אַנשטאָט אַ סוברעטקע, שפּילט מען אַ מוטער, צי סתם אַן עלטערע פרוי. דאָ איצט, אויף די עלטערע יאָרן, איז זי געצוווּנגען געוואָרן דווקא זיך צו באַווייזן אַליין אָן אַן אַנסאַמבל, אָן דעקאָראַציע, אָן ליכט־עפעקטן, און וואָס נאָך ערגער; אָן אַ דינסטאַנץ צווישן זיך און פּובליקום, אָן אַ בינע, אַפילו אין די יונגע יאָרן וואָלט איר שווער געווען דאָס אויף זיך אַרויסצוטראָגן.

לויפט זי אַרום איבער, די געזעלשאַפטן און בעט זיך, אַז מען זאָל זי נעמען אויף אַן אויפטריט. ס׳קומט איר אָן זייער שווער זיך צו עפּעס צו דערשלאָגן, ווייל זי האָט אַ גרויסן קאָנקורענט. דאָס איז דער זינגער לעאָ מאַרקין. ער איז נאָך אַ יונגער מענטש, ביי די דרייסיק, און ער האָט אַ גוטע שטים. ער האָט גרויס דערפאָלג, באַזונדערס ביי די פרויען. ס׳זענען צו איר דערגאַנגען פאַר־שיידענע זיינע שטעכווערטלעך אויף איר חשבון. אַמאָל איז זי געווען אַ שרה —האָט ער געזאָגט וועגן איר— נאָר איצט, איז זי אַ צרה. זי האָט אים פיינט. ס׳איז גענוג, אַז זי זאָל הערן זיין נאָמען און איר האַרץ זאָל אָנהייבן אומרויִק צו קלאַפּן. וואָס וויל ער פון איר? — ער איז יונג, האָט רום און געלט, פאַרוואָס פאַרגינט ער איר נישט דאָס קליינע ביסעלע, וואָס זי דערגרייכט מיט אַזויפיל מי און מאַטער?

ניין, זי טאָר זיך נישט צופיל איבערנעמען פון דעם. זי טאָר זיך אויך נישט

באליידיקן פון אנדערע מענטשן. זי מוז אלץ אויסשטיין, ווייל זי דארף האבן אויף צו לעבן פאר זיך און פאר איר טאכטער נעלי. די טאכטער טאר נישט וויסן פון קיין שום דאגות. אלץ גרייט פאר איר צו די מאמע: דאס עסן, א קלייד, א פאר שיך, א בוך און א בילעט אין קינא. זאל זי לערנען רויק און אלץ ווערן, נאר נישט קיין זינגערין, נישט קיין יידישע ארטיסטקע. זי וויל זי אפילו נישט מיטנעמען אויף אירן א קאנצערט. צו וואס זאל זי זען די מוטער אין אזא נעבעכדיקן מצב? זי קען באלד פארלירן צו איר דעם גאנצן דרך־ארץ.

נעלי, דאס מיידל אירס, איז זייער א שיינע און דערצו האט זי נאך א פיינע שטימע. ווייזט אויס, אז מען קען זיך דערפון נישט אויסהיטן, אויב דאס איז באשערט. די לערערין פון שול האט זי א מאל אויסגעקליבן צו שפילן אין עפעס א פיעסע לכבוד א יום־טוב און זי האט אין איר זייער אויסגענומען, אפשר נישט אזוי צוליב איר שפילן, ווי א דאנק איר זינגען. מען האט איר געגעבן מתנות: א באמבאניערע און בלומען. הגם נעלי האט זיך זייער איבערגענומען מיט דעם דערפאלג און זי האלט נאך ביז היינט דאס שאכטל פון דער באמבאניערע צום אנדענק, נעמט עס די מאמע נישט ערנסט. ס'איז אן אומשולדיקע זאך. זאל זי זיך דערמיט פרייען, אויב דאס פארשאפט איר הנאה.

האט זיך איין מאל געטראפן, אז די מוטער איז געגאנגען זינגען ערגעץ אויף א שמחה אין א לאנדסמאנשאפט. זי האט שוין געהאט אפגעזונגען עטלעכע לידער מיט גרויסער אנשטרענגונג, ווייל דער עולם האט זיך כמעט אין גאנצן נישט צוגעהערט צו איר זינגען, נאר גערעדט צווישן זיך און געטומלט, ווי מיט־אמאל דערזעט זי אין זאל איר טאכטער. זי האט זיך געמאכט א וועג דורכן עולם, איז צוגעקומען צו דער טאכטער און אין איר קול איז געווען פארוואונדערונג, פארוואורף און אפשר אויך כעס:

— וואס טוסטו דא? ווי אזוי קומסטו אהער?!

ווייזט זיך ארויס, אז בעת נעלי איז צוריקגעקומען פון קינא אהיים און גע־וואלט אויפשליסן די טיר פון דער דירה, האט זי אין טעשל נישט געפונען דעם שליסל. זי האט אים מסתמא ערגעץ איבערגעלאזט, אדער זי האט אים, בעת דעם ארויסנעמען עפעס פון טעשל — ארויסגעווארפן און פארלוירן. נאך לאנגע פרעגענישן און זוכענישן האט זי זיך דערוווסט וועגן איר מוטערס אויפטריט אין דער דאזיקער לאנדסמאנשאפט און איז אהער געקומען.

ס'איז באלד לעבן זיי געשטאנען איינער א ייד.

— ווער איז דאס מיידל? — האט ער געפרעגט שרהן.

— דאס איז מיין מיידל, נעלי —האט זי געענטפערט, פארשטעלענדיק פאר אים איר טאכטער— און דאס איז דער סעקרעטאר פון פאראיין, הער האלצמאן — האט זי אים פארגעשטעלט נעלין.

דער הער האלצמאן האט געזאגט מיט חידוש:

— אוואָ! גיי ווייס, אַז איר האָט שוין אַזאַ דערוואַקסענע טאָכטער!

ס'איז אונטערגעקומען דער פּרעזידענט אַליין. אַ נידעריקער, מיט אַ היפּש בייכל, שטענדיק אַן אויפגעראַמטער. גלייך האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דאָס מיידל איז שרהס טאָכטער.

— ווּ האָט איר זי געהאַלטן די גאַנצע צייט? — האָט ער געפרעגט מיט שפּאַס שרהן — אין וועלכן שופלאַד, אויף וועלכער פּאָליצע? צי מיינט איר טאַקע, אַז מיר פאַרשטייען זיך שוין אין גאַנצן נישט אויף עפּעס שיינס?

ס'האָבן באַלד דערזען נעלין אויך די פרויען. איינע האָט די צווייטע געפרעגט ווער ס'איז דאָס מיידל. זיי זענען געווען מערסטנטייל, איבער די פערציק, צעוואַקסענע, מיט גוידערס, מיט גרויסע רינגען אויף די פינגער, מיט בראַסלעטן אויף די הענט, מיט פּערל אויף די העלדזער, מיט בראַשקעס. יעדע האָט געוואָלט מיט איר רייכקייט ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט און פּלוצים איז זי גאָר אָפּגעווענדט געוואָרן אויף עפּעס אַ פרעמד מיידל. נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז זי איז שרהס טאָכטער, האָבן זיי געזאָגט איר קאָמפּלימענטן אויפן חשבון פון דער טאָכטער. אין האַרצן האָט עס זיי אָבער געברענט, פאַרוואָס מען קוקט אויף איר פון אַלע זייטן. זי גייט דאָך פּשוט אָנגעטאָן. זי טראָגט דאָך אַ קליידל, וואָס מען קויפט עס איז יעדן ביליקן מאַגאַזין פון דאַמען־קאָנפעקציע.

שרהן האָבן די קאָמפּלימענטן פאַר דער טאָכטער געפרייט. פאַרט אַ מאַמע, אָבער זי האָט זיך דאָך נישט געפילט גוט. זי האָט עפּעס ווי מורא געהאַט דערפאַר וואָס די טאָכטער אירע נעמט אַזוי אויס. ס'רייסט אויף די אויגן ביי אַלע, באַזונדערס ביי די פרויען. זי איז זיך געווען אָנגעלאָפן ביז מען האָט זי פאַרבעטן אַהער צו זינגען. מען האָט עס געטון פאַר רחמנות. דאָ זענען אָבער פּלוצים אַלע געוואָרן, אַז זי האָט דווקא עפּעס אַזוינס, וואָס זיי פאַרמאָגן נישט, וואָס זיי דאַרפן זי מיט דעם גאָר מקנא זיין. דאָס איז אַ געפערלעכע זאַך!

שרה האָט פאַרבאָטן איר טאָכטער אויפן שאַרפסטן אופן זיך צו ווייזן נאָך אַ מאָל בעת אירן אַן אויפטריט. נאָר דאָס האָט נישט געהאָלפן. פון יענעם אָוונט אָן, ווען מען האָט זי איינגעלאַדן צו זינגען ערגעץ, האָט מען דערביי איר געגעבן אָנצוהערן, אַז זי זאָל אויך מיטנעמען איר מיידל. שרה האָט געמוזט נאָכגעבן. דאָס וואָס די מוטער האָט געטון געצוווּנגען, האָט נעלי אויפגענומען מיט גרויסער צופרידנקייט. זי האָט הנאה געהאַט פון דעם, וואָס די ייִנגלעך דרייען זיך בסדר אַרום איר, זאָגן איר קאָמפּלימענטן, לאַדן זי איין צום טאַנצן, און דאָס וואָס אויף די עלטערע בייכיקע געסט האָבן זיך געריסן מיט איר צו טאַנצן, האָט איר פאַרשאַפט שפּאַס און געלעכטער; ס'איז געווען פריילעך.

ס'האָט זיך אָבער מיט דעם נישט געענדיקט. צי עמעצער פון דער שול ווי זי לערנט האָט דערציילט פון איר אויפטריט אויף דער פאַרשטעלונג, צי זי האָט

זיך אַליין אַרויסגעכאַפּט בעת אַ שׂמחה און אַ זונג־געטון — דער עולם האָט אַנטדעקט, אַז נעלי האָט אַ גוטע שטים צום זינגען. פון דעמאָלט אָן האָט מען איר נישט געגעבן קיין רו, מען איז כּסדר צוגעשטאַנען צו איר, אַז זי זאָל זינגען. זי האָט, סוף־כּל־סוף, איין מאָל געזונגען און געהאַט גרויס דערפאָלג.

דאָ האָט זיך שוין שׂרה אין גאַנצן איינגעבראָכן. וואָס וועט ווערן דערפֿון? ערשטנס האָט זי נישט געוואָלט, אַז די טאָכטער זאָל ווערן אַ זינגערין. מילא, זי אַליין איז שוין צו־אַלט, כּדי זיך צו נעמען צו אַן אַנדער באַשעפטיקונג, אָבער נעלי איז נאָך יונג. זי האָט נאָך אַ מעגלעכקייט זיך אויסצולערנען עפּעס אַ לייטישע אַרבעט און זיך פאַרשפּאָרן איר מאַמעס נחת. צווייטנס, וועט מען באַלד איינלאַדן צום זינגען נאָר איר טאָכטער. זי וועט מען אויסמיידן. שיין וועט עס אויסזען: די טאָכטער קאָנקורירט מיט דער מאַמען!

זי איז איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה, שׂרה. זי האָט ערגעץ אויסגעזוכט אַ דועט פון אַ מאַמען מיט אַ טאָכטער און באַשלאָסן אים צו זינגען צוזאַמען מיט נעלין. אָבער נישט מער ווי דעם איינעם דועט. אַלע איבעריקע לידער האָט זי אַליין אויסגעזונגען. צו איר גרויסן פאַרדרוס האָט זי אָבער באַמערקט, אַז בעת זי זינגט אַליין, צעגייט זיך דער עולם אין די שכנותדיקע צימערן פון זאַל, אָדער רעדט צווישן זיך, און ווי נאָר מען מעלדט דעם דועט — קומען אַלע צוריק אַריין און ס'ווערט שטיל, אַז מ'קען הערן אַ פליג דורכפליִען. דאָס הייסט, אַז זי איז געוואָרן נישט מער ווי אַן אומנייטיקע צוטשעפּעניש צו דער טאָכטער.

ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז דאָס אומגליק וועט אַרויסקומען פון איר אייגענער שטוב, פון איר אייגן בלוט און פלייש. ס'איז איר געווען שווער פריִער, ווען זי האָט געדאַרפט אויסהאַלטן איר קינד, נאָר ס'וועט איר זיין זיבן מאָל שווערער, אויב דאָס קינד וועט זי דאַרפן אויסהאַלטן. ניין, ניין, זי שטעלט זיך דאָס נישט פאָר!

שׂרה האָט גענומען צוגרייטן אַ ספּעציעלן פּראָגראַם. זי האָט אויסגעקליבן, דער עיקר, לידער פאָלקסטימלעכע, מיט הומאָר. אין אַזעלכע לידער איז זייער וויכטיק די מימיק, די זשעסטיקולאַציע. אַזעלכע לידער דאַרף מען מער אויסשפּילן, ווי זינגען. אַזוי אַרום האָט זי געפּרוווט איבערשטייגן איר טאָכטער. ווייל די טאָכטער, הגם זי האָט פאַרמאָגט אַ גוטע שטים, איז געווען נאָך יונג און נישט דערפאָרן, איז געשטאַנען אומבאַהאָלפן בעתן זינגען און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט די הענט: זי האָט זיך געראַנגלט, שׂרה, זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן, נישט דעם עולם און נישט דער טאָכטער און דערביי זיך באַנוצט מיט איר גאַנצער דערפאַרונג פון לאַנגע יאָרן שפּילן אויף דער בינע און מיט דעם רעשט פון איר אַמאָליקן טעמפּעראַמענט.

איין מאָל אין אַן אָוונט, ווען נעלי האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ שפּאַציר אַהיים, האָט זי געזאָגט דער מוטער:

— מאַמע, דו ווייסט מיט וועמען איך האָב מיך איצט באַקענט ?

— מיט וועמען ?

— מיט דעם זינגער לעאָ מאַרקין.

שרה איז געוואָרן צעמישט:

— ווי קומסטו פּלוצים זיך מיט אים צו באַגעגענען?

— איך האָב אים געטראָפן מיט מיינער אַ חברטע.

— דאָס איז אַ מיאוסע בריאה! מייד אויס מיט אים זיך צו טרעפן!

נעלי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ווי זי וואָלט געוואָלט, אַז די מאַמע זאָל זיך אַ ביסל באַרויִקן און איר געענטפערט:

— און איך האָב געהערט, אַז ער האָט גרויס דערפאָלג ביי פרויען.

— ס׳איז אַ פראַגע ביי וואָסערע!

מיט דעם האָט זיך דער שמועס פאַרענדיקט.

נאָך אַ געוויסער צייט האָט נעלי אין אַ שמועס מיט דער מוטער ווידער דערמאָנט מאַרקינען.

— וואָס איז? וואָס גייט ער דיך אָן? ווו האָסטו אים שוין ווידער געטראָפן? — האָט שרה געפרעגט אַן אויפגערעגטע איר טאָכטער.

די טאָכטער האָט זיך צוריקגעכאַפּט, ווי זי וואָלט באַגאַנגען אַ פאַרברעכן:

— איך האָב אים אַזוי צופעליק באַגעגנט...

ס׳איז, הפּנים, נישט געווען קיין צופאַל. אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דעם געשפּרעך, האָט שרה באַגעגנט אין גאַס איר טאָכטער צוזאַמען מיט מאַרקינען און דערזען האָט ער זי געהאַלטן פעסט אונטערן אָרעם. די טאָכטער האָט זיך, דערזעענדיק די מוטער, אין גאַנצן פאַרלוירן. אויך ער איז געוואָרן אַ ביסל מבולבל, האָט אָבער באַלד צוריקגעוווּנען דאָס גלייכגעוויכט, מיט אַ שמייכעלע זי באַגריסט און — נעלין אַ שלעפּ־געטאָן. נעלי האָט זיך געוואָלט אַ ריס־טאָן צו דער מוטער, נאָר אַן אָנמעכטיקע זיך געלאָזט פון אים פירן ווייטער.

שפּעט אין אָוונט איז נעלי געקומען אַהיים. די מוטער האָט שוין אויף איר געוואַרט אַ נערוועזע, אַ פאַרביטערטע. זי האָט געוואַרט, אַז נעלי זאָל אָנהייבן רעדן, זיך פאַרענטפערן, אָבער זעט אויס, אַז נעלי האָט באַשלאָסן אין גאַנצן נישט צו דערמאָנען דאָס באַגעגעניש, אויב די מוטער וועט זי פריִער וועגן דעם נישט פאַרטשעפּען. זענען זיי אַזוי ביידע געזעסן שווייגנדיקע, פאַרעקשנטע. די מוטער האָט נישט אויסגעהאַלטן און ענדלעך אַרויסגעפּלאַצט:

— אַ שיינעם נחת זיך דערלעבט פון דיר!

די טאָכטער האָט געענטפערט מיט רוגזה:

— און וואָס האָסטו געמיינט, אַז איך בין נאָך אַ קליין מיידעלע? אַז איך דאַרף זיך האַלטן אונטער דיין פאַרטעך?

— און אויב דו האָסט שוין געוואָלט גיין מיט עמעצן, האָסטו געמוזט דווקא אים אויסקלייבן? דווקא אים?

— און מיט וואָס איז ער ערגער פון אַן אַנדערן?

— דו פרעגסט נאָך?! וויפל מאָל האָב איך דיר דערציילט, אַז ער רודפט מיך און מאַכט פון מיר חוזק? איז דאָס אַ סיבה, צי איך טשעפּע זיך צו אים אומזיסט?

— איך ווייס נישט מיט וואָס ער רודפט דיך און מאַכט פון דיר חוזק.

די מוטער האָט זי אָנגעקוקט מיט חידוש:

— וואָס־זשע, איך דאַרף עס דיר נאָך אויפקלערן? — ער גייט אַרום און באַרעדט מיך, אַז איך בין שוין אַלט און אַז איך דאַרף שוין מער נישט אויפטרעטן און זינגען.

די טאָכטער האָט געענטפערט קאַלט:

— און איך האַלט אויך, אַז דו וואָלטסט נישט געדאַרפט מער אויפטרעטן און זינגען.

שרהן איז דאָס גאַנצע בלוט געקומען אין פּנים אַריין. זי איז געוואָרן ווילד. האָט זיך געוואָרפן אויף דער טאָכטער מיט די פויסטן און היסטעריש געשריגן:

— איך דאַרף אויפהערן זינגען, האַ?! איך דאַרף אויפהערן צו זינגען?! און ווו האָב איך גענומען געלט דיר צו געבן עסן, דיך אָנצוטאָן, דיך צו שיקן אין שול אַריין? אפשר פון דער ירושה, וואָס דיין טאַטע האָט מיר איבערגעלאָזט? איך בין געגאַנגען צו גראַבע יונגען און זיך געבעטן ביי זיי, אַז זיי זאָלן מיך נעמען זינגען, זיי געהנפעט, זיך דערנודעריקט פאַר זיי. פאַר וועמענס וועגן? אפשר בלויז פאַר מיר? דו האָסט דערפון גאַרנישט געהאַט, אַ?!

די טאָכטער האָט איר צוגעהאַלטן די הענט. זי אָפּגעשטופּט פון זיך און געשריגן:

— באַרויק זיך, מאַמע! גענוג, זאָל זיין גענוג!

די מוטער האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט און שטיל געהעשעט.

נעלי האָט זיך צורעכטגעמאַכט די פריזור אויפן קאָפּ און זיך דערנענטערט צו דער מוטער. איר שטים איז געוואָרן ווייכער:

— מיין נישט, מאַמע, אַז איך ווייס נישט, ווי שווער דיר איז אָנגעקומען אויסצוהאַלטן דיך און מיך. איך ווייס עס גוט.

— אויב אַזוי, ווי־זשע האָסטו געקענט אַזוי צו מיר רעדן?

— טאַקע דערפאַר, ווייל איך ווייס, ווי שווער ס׳קומט דיר אָן אַז מ׳זאָל דיך נעמען זינגען, האַלט איך, אַז דו דאַרפסט נישט מער אויפטרעטן.

שרה האָט געפרעגט גאַליק:

— און ווו וועלן מיר נעמען אויף צו לעבן, פאַרזאָרגערין מיינע?

— מיר וועלן אויפטרעטן און פאַרדינען.

— ווער איז פּלוצים דער „מיר"?
— איך און לעאַ.
שרה האָט זיך אַ ריס־געטון פון בעט:
— אהאַ! דאָס האָסטו געמיינט! דו ווילסט מיר שוין געבן פּרנסה! דו ווילסט מיך שוין האָדעווען! ס'איז נאָך צו־פרי! מען לאַדט מיך נאָך אין אויף פאַרשיידענע „אוונטן". איך קען נאָך זינגען, איך קען מיר נאָך פאַרדינען מיין ברויט! און זיין נאָמען זאָלסטו מיר מער נישט דערמאָנען, דו הערסט?!

די קריגערייען צווישן מאַמע און טאָכטער האָבן נישט אויפגעהערט, ביז אין איינעם אַ טאָג איז נעלי אַוועק פון דער שטוב און מער נישט צוריקגעקומען בעכטיקן. זי איז אַוועק מיט מאַרקינען אין זיין דירה.

שרה האָט עס בשום־אופן נישט געקענט באַנעמען. האָט טאַקע מאַרקין באמת ביי איר צוגענומען די טאָכטער? בעת איין מענטש גיט אַ קלאַפּ דעם צווייטן, קען דער געשלאָגענער רופן די פּאָליציי צוהילף. בעת איין מענטש נעמט אַרויס אַ בייטעלע מיט געלט פון צווייטנס קעשענע, איז ער אַ גנב און מען פאַרמשפּט דערפאַר, אָבער ווען ס'קומט עמעצער און נעמט צו ביי אַ מאַמען איר איינציקע טאָכטער, וואָס האָט איר געקאָסט אַזויפיל מי און געזונט ביז זי האָט זי געזען אַ גרויסע, אַ שיינע, אַ געבילדעטע — קען זי צו קיינעם זיך נישט ווענדן נאָך הילף, איז פאַרפאַלן, ווי משונהדיק ס'פירט זיך אין לעבן!

שרה האָט זיך אַרומגעדרייט אַליין איבער דער דירה. ווען דער מאַן איז איר געשטאָרבן, האָט זי זיך נישט געפילט אַזוי פאַרלאָזן און אַזוי איינזאַם ווי איצט. נאָכן מאַנס טויט איז זי דאָך געבליבן מיטן קינד. איצט, איז זי אין גאַנצן אַליין. און דערצו אַליין אויף די עלטערע יאָרן, ווען ס'איז שווערער אַריבער־צוטראָגן די איינזאַמקייט.

מען האָט זי זייער זעלטן איינגעלאַדן צו זינגען. מען האָט זיך פאַר די לעצטע חדשים צוגעוווינט זי צו זען אויפטרעטן מיט דער טאָכטער און די טאָכ־טער טרעט מער נישט אויף מיט איר, נאָר מיט מאַרקינען. לייט האָבן מסתמא געהאַלטן, אַז מען דערפילט שוין דעם חוב אויך לגבי איר, בעת מען לאַדט איין איר טאָכטער און דעם קומענדיקן איידעם.

שרה האָט נישט אויסגעהאַלטן און נאָכגעגעבן דער טאָכטער. ווי דער ערש־טער סימן פון שלום, האָט באַטייט דאָס פאַרבעטן די טאָכטער מיט מאַרקינען צו זיך אויף מיטאָג.

זיי זענען ביידע געקומען. מאַרקין האָט זיך גלייך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. ער האָט כסדר געשאָטן מיט וויצן, וועלכע ער האָט ליב צו דער־ציילן פאַרן עולם צווישן זינגען איין ליד און צווייטן. נעלי האָט געהאַלטן אין איין לאַכן, נאָר שרהן האָט עס אויפגערעגט: ווי דערציילט אַ מענטש אַזעלכע אַלטע, אויסגעדראָשענע וויצן? און ווי לאַכט מען פון זיי אַזוי שטאַרק?

שרה האָט דערלאַנגט צום טיש. נעלי האָט איר געוואָלט מיט עפּעס צו־העלפן, נאָר זי האָט זיך נישט געלאָזט:

— דו ביסט איצט אַ גאַסט ביי מיר — האָט זי געזאָגט. ס'איז אין דעם געווען אי ליבשאַפט, אי פּאַרדראָס.

זיי האָבן אָפּגעגעסן. נעלי האָט אַרומגעכאַפּט די מוטער און זי געקושט:

— מאַ, מאַמעלע! ס'איז געווען זייער געשמאַק. קיינער קען נישט אַזוי קאָכן ווי דו!

אויך מאַרקין איז נישט אָפּגעשטאַנען און געזאָגט:

— זייער געשמאַק! איך האָב שוין לאַנג נישט געגעסן מיט אַזאַ אַפּעטיט!

נעלי איז געווען גליקלעך, וואָס אויך איר חתן לויבט דער מאַמעס קאָכן און האָט זיך געווענדט צו דער מוטער:

— דו ווייסט דאָך מאַ, אַז איך טויג זיך נישט צו דער קיך. איך האָב נישט קיין געדולד, איך שמיר זיך צופיל אויס, איך צעברעך די כלים — מאַמעשי, נאָך דער חתונה וועסטו פאַר אונדז ביידע אויך קאָכן — יאָ! יאָ! דו ביסט די בעסטע קעכין אויף דער וועלט!

און זי האָט ווידער אַרומגעכאַפּט די מוטער און פאַר גרויס באַגייסטערונג פון איר איינפאַל — זי געקושט און געקושט.

שפּעטער אַ ביסל זענען נעלי מיט מאַרקינען געזעסן אין צימער, צווישן זיך געשעפּטשעט און זיך געקושט און שרה איז געשטאַנען אין קיך און געוואַשן די כלים. נאָך דעם וואַשן די כלים, האָט דאָס יונגע פּאָרל געוואָלט שרהן מיט־נעמען אין קינאָ אַריין, נאָר זי האָט זיך פון זיי אַרויסגעדרייט מיט אַ תירוץ.

שרה איז געבליבן אַליין. זי האָט זיך צוערשט אַרומגעדרייט אַ צעמישטע איבער דער שטוב, דערנאָך אָנגעהויבן צו טאָן אָן אַ שיעור זאַכן מעכאַניש, אָן אַ זין. ביז זי האָט זיך אַ וואָרף־געטון צום שאַפּקעלע מיט אַזאַ אימפּעט, ווי זי וואָלט ענדלעך זיך געכאַפּט וואָס זי דאַרף אייגנטלעך איצט טון. זי האָט פון שאַפּקעלע אַרויסגענומען אַן אַלבום מיט אויסשניטן פון צייטונגען: אַנאָנסן, ידיעות און רעצענזיעס פון אירע אויפטריטן. זי האָט איין פּאַפּירל נאָכן צווייטן צעריסן. ניין, זי איז נישט פון די זינגערינס, צי אַרטיסטינס, וואָס יאָרן נאָך דעם ווי זיי האָבן אויפגעהערט אויפצוטרעטן — שפּייזן זיי זיך מיט דעם אַמאָל. זי דאַרף די אַלע פּאַפּירלעך נישט האָבן. זיי וועלן זי בלויז כסדר רייצן, אויפרעגן, נישט געבן איר קיין רו.

זי האָט זיי געריסן, צעריסן אויף פּיצלעך. דערביי האָט זי איבערגעחזרט דער טאָכטערס ווערטער:

— מאַמעשי, דו ביסט די בעסטע קעכין אויף דער וועלט! די בעסטע קעכין אויף דער וועלט! די בעסטע קעכין — — — —

און טרערן זענען גערונען פון אירע אויגן.

די פאַנפאַרן־שפּילערס פון מאָן־דאָר

פאַראַיאָרן האָב איך פאַרבראַכט מיינע וואַקאַציעס אין מאָן־דאָר. דאָס איז אַ שטעטל אין צענטראַל־פראַנקרייך, וואָס ליגט צווישן בערג. די לופט איז דאָ זייער ריין און שאַרף. אינדערפרי און אין אָוונט איז דאָ, אַפילו אין מיטן זומער, קאַלט. אַהער קומען מענטשן פון גאַנצן לאַנד און אויך פון אויסלאַנד, וואָס ליידן אויף אַסטמע און בכלל אויף די אָטעם־וועגן.

די קראַנקע זענען כסדר פאַרנומען מיט דאָקטאָרישע וויזיטן און מיט בעדער. איך בין אָבער נישט געווען קראַנק, בלויז געקומען אויף אָפּרו און פרישע לופט. האָב איך אַ סך צייט. איך האָב שוין געזען דעם וואַסערפאַל. האָב אַרויפגעקלעטערט אויפן באַרג קאַפּוסין און בין אַרויפגעפאָרן מיטן טעלעפריק אויפן העכסטן באַרג — סאַנסי.

מ׳דאַרף אָבער אויך זען דאָס שטעטל גופא. איך האָב זיך געלאָזט אויף אַ לענגערן שפּאַציר און עס אויסגעמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט. באַקוקט דעם קאַסינאָ, דאָס באָד, דעם דענקמאָל לכבוד די געפאַלענע אין דער מלחמה, די פּאָסט און אויך דעם קלויסטער.

בעת איך בין אַריין אין קלויסטער, איז דאָרט גראָד אָפּגעריכט געוואָרן אַ תפילה. ס׳זענען דאָרט געווען אַ היפּשע צאָל מענטשן. אַפּנים אַז ס׳איז היינט חגא. איך האָב דעריבער זיך נישט געלאָזט ווייטער, געבליבן שטיין ביי דער טיר. שטייענדיק אַזוי עטלעכע מינוט, האָב איך דערווייל אָנגעהויבן צו לייענען די מודעות, וואָס זענען געהאַנגען אויף דער וואַנט. אויף איינער בין איך באַזונדערס געוואָרן אויפמערקזאַם. אין איר האָט מען אינפאָרמירט דער חשובער עדה, וואָס פאַר אַ פילמען מען שפּילט די וואָך אין די קינאָס און וועלכע ס׳איז דערלויבט צו זען, און וועלכע — פאַרבאָטן, ווייל זיי זענען נישט מאָראַלישע.

דאָס איז פאַר מיר געווען אַ נייעס. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז פּונקט ווי ס׳איז פאַראַן אין מאָן־דאָר אַ באָד מיט קוואַלן, צו העלפן די קראַנקע בעסער אָטעמען, אַזוי איז דאָ דער קלויסטער פאַראַן, כדי צו רייניקן די לופט. פאַרשטייט זיך, אַז נישט פאַר דעם גוף, נאָר פאַר דער נשמה. עס איז בלויז אַ וווּנדער

פאַרוואָס אויף אַלע אַפּישן און אין אַלע פּראָספּעקטן, וואָס מאַכן רעקלאַמע פאַר מאָן־דאָר, איז וועגן דעם גאָרנישט דערמאָנט געוואָרן.

איך האָב זיך דערנאָך געלאָזט ווייטער שפּאַצירן. בין אַרויסגעקומען אויפן וועג וואָס פירט צום שכנותדיקן בורבול און מיטאַמאָל זיך דערפילט מיד. איך האָב גענומען דעם וועג אויף צוריק. בעת איך בין צוגעקומען צום באָד, האָב איך זיך אָבער געמוזט פאַרהאַלטן. די מתפללים האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פון קלויסטער אין אַ פּראָצעסיע.

ס׳זענען געגאַנגען מענער, פרויען מיט קינדער ביי די הענט און אויך יוגנט: בחורים און מיידלעך. דער רוב — אין טונקעלע מלבושים. אַ טייל — אַפילו אין שוואַרצע. די פנימער ערנסטע. די טריט — פאַמעלעכע, פייערלעך. צווישן יעדע עטלעכע צענדליגג מענטשן, איז געגאַנגען אַ גלח. איין גלח האָט געהאַט אַ באַזונדערע אויפגאַבע: ער איז געגאַנגען האַלב־אויסגעדרייט צום עולם. די־ריגירט מיט די הענט און געזונגען: אַווע, אַווע, אַווע מאַרי! און אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט זיינע ווערטער און זיי איבערגעחזרט. מיידעלעך האָבן געטראָגן הייליקע בילדער, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך באַזונדערס אַרויסגעזען אַ סטאַטוע פון מאַריען באַהאָנגען מיט ווייסע רויזן. אָבער דעם גרעסטן רושם האָבן אויף מיר געמאַכט די פאַנפאַרן־שפּילערס, וואָס זענען געגאַנגען און געשפּילט בראש פון דער פּראָצעסיע.

דאָס זענען געווען זעקס מענער אָנגעטאָן אין הויכע שטיוול, אין ווייסע ענג־געפּאַסטע הויזן, אין סאַמעטענע רעק און אין קיילעכדיקע היטלען מיט דאַשיקעס. זיי האָבן געשפּילט אַ לויבליד לכבוד דער בתולה מאַרי, וואָס איז אין דעם טאָג אַרויף אין הימל אַריין. זיי האָבן געבלאָזן שטאַרק, די זעקס מענער. די לופט האָט אַזש געציטערט. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן נישט געליטן פון אַסטמע, אַז זיי האָט נישט געפעלט קיין אָטעם. זיי האָבן געשעפּט אָטעם נישט נאָר פון די אַרומיקע בערג און וועלדער, נאָר אויך פון קלויסטער, פון די גלחים, פון דעם עולם, וואָס איז געגאַנגען אַזוי פרום און פייערלעך אין דער פּראָצעסיע.

אָט און איך אַליין זע שוין ווי פיר מלאכים הייבן אויף די בתולה מאַרי צום הימל... זי וועט זיך דאָרט אין הימל באַהעפטן מיטן הייליקן גייסט, זי וועט אַפילו געבוירן אַ קינד, אָבער זי וועט פאָרט בלייבן אַ בתולה...

— אַ לויב דער צניעות!

— אַ לויב דער שניי־ווייסער טויבן־ריינער אומשולד!

— אַווע! אַווע! אַווע מאַרי!

***

נאָכמיטיק, ווען איך האָב זיך דערנענטערט צו דעם קאַסינאָ, האָב איך ווידער געהערט די פאַנפאַרן. די זעקס מענער זענען דאָרט געשטאַנען און גע־שפּילט. מעגלעך, אַז דאָס וואָס זיי האָבן איצטער געשפּילט איז נישט געווען

וויניקער קלויסטערדיקס, ווי דאָס וואָס זיי האָבן געשפּילט אינדערפרי אין דער פּראָצעסיע, — אָבער ס'האָט שוין אויף מיר נישט אַזוי שטאַרק געווירקט. איך מיין, אַז נישט זיי זענען אין דעם געווען שולדיק, נאָר דער אַרום.

אין דרויסן איז געוואָרן הייס און די מענער האָבן זיך איבערגעטאָן אין לייכטערע און העלערע מלבושים. די בחורים האָבן געטראָגן בלויז די העמדער און קורצע הייזלעך און די מיידלעך — לייכטע בלוזעס און שאָרטס. זיי האָבן זיך דערציילט וועגן די רעזולטאַטן פון די מאַטאָציקל-גרעיגן, וואָס זענען פאָרגע־קומען אין קלערמאָן-פעראַן. זיי האָבן נאָכגעמאַכט די ענגלענדער ווי זיי רעדן פראַנצויזיש. זיי האָבן געלאַכט, געזונגען, זיך געקושט. איצט האָט מען באַדאַרפט אַהער נישט די פאַנפאַרן מיט דער קירכן-מוזיק, נאָר אַ דזשאַז מיט אַ סאַקסאָפאָן, מיט אַ פּויק, מיט טאַצן און אַנדערע פּרימיטיווע אינסטרומענטן, אַז דער עולם זאָל אַוועק אין אַ ווילדן סווינג אָדער סאַמבאַ.

די פאַנפאַרן-שפּילערס האָבן געמאַכט אַ פּויזע. איך בין צו זיי נענטער צו־געגאַנגען און יעדן איינעם געקוקט בעסער זען. איך האָב געמיינט, אַז אַלע זענען זיי עלטערע מענטשן, נאָר ס'וויזט זיך אַרויס, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות. בלויז צוויי פון זיי זענען אויס צו זיין עלטער פון פערציק. פאַראַן אַפילו איינער פון עטלעכע און צוואַנציק. און פּנימער האָבן זיי אויך נישט אַזעלכע ערנסטע, ווי ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט בעת זייער שפּילן.

ווען איך האָב זיי געזען שפּילן צווישן דעם דאָזיקן טומלדיקן עולם, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי פילן זיך נישט גוט און געהאַט צו זיי מיטלייד. בעת דער פּויזע האָב איך אָבער באַקומען אַן אַנדערע מיינונג. זיי זענען גלייך גע־וואָרן היימיש מיט דעם עולם. דער יינגסטער פון זיי איז שוין געשטאַנען און גערעדט מיט אַ מיידל אין אַן ענגן סוועטער, וואָס האָט זייער בולט געמאַכט אירע בריסטן. אַ צווייטער האָט גענומען ביי אַ קינד דעם באַל און אים געוויזן ווי אַזוי מען קען מיט דער האַנט קלאַפּן דעם באַל צו דער ערד צען און פופצן מאָל און ער זאָל זיך נישט פאַרקייקלען. אַ דריטער, האָט זיך צוגעזעצט צו אַ טישל און געטרונקען עפּעס אַ ליקער אַא"וו.

בעת זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן צו שפּילן אויף די פאַנפאַרן, האָב איך שוין געהאַט פאַרלוירן די שרעק, וואָס איז אין מיר איינגעפלאַנצט געוואָרן אין משך פון לאַנגע דורות פאַר אַ פּראָצעסיע, וועלכע קען יעדע רגע זיך ענדיקן מיט אַ בילבול אויף ייִדן, מיט אַ גירוש אָדער מיט אַ שחיטה. איך בין מיר גע־מיטלעך געזעסן ביי אַ טישל און פאַמעלעך געזופּט דורך אַ שטרוי פון פלעשל לימאַנאַד...

***

נאָך דער וועטשערע, פאַרן שלאָפן-גיין, האָב איך זיך ווידער געלאָזט אי־בער דעם שטעטל. מיר איז אָבער באַלד געוואָרן קאַלט און איך האָב באַשלאָסן

אַריינצוגיין אין אַ רעסטאָראַן, צי אין אַ קאַפע, טרינקען עפּעס וואַרעמס.

איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ ביסטרא און גלייך געבליבן שטיין דער־שטוינט: איך האָב דערזען די פּאַנפּאַרן־שפּילערס. זיי זענען געזעסן אַרום אַ טיש אויף וועלכן ס'זענען געשטאַנען עטלעכע פלעשער ווייַן. אייגנטלעך זענען שוין דאָרט געשטאַנען בלויז די פלעשער. דער ווייַן מאַכט שוין איצט פאַרשיידענע וואַנדערונגען אין זיי: שטייגט אַרויף צום קאָפּ, נידערט אַראָפּ צו די פיס און פּלאָנטערט מיט זייער צונג.

איינער פון זיי וויזט, אַז נישט נאָר וואָס ער קען שפּילן, נאָר ער קען אויך זינגען. ער זינגט אַן אַלט פאָלקסליד וועגן אַ מיידל, וואָס איז געגאַנגען מיט סערפּ אין האַנט שניידן אַטשערעט. דאָרט האָט זי באַגעגנט פיר שיינע און יונגע בחורים. דער ערשטער איז געווען אַ שעמעוודיקער און זי בלויז געקיצלט אונ־טער דער גאָמבע. דער צווייטער ווייניקער שעמעוודיק און זיך געלייגט אויפן גראָז. דער דריטער, נאָך ווייניקער שעמעוודיק, און איר פאַרהויבן דאָס קליידל. וואָס דער פערטער האָט געטון — וועגן דעם דערציילט נישט דאָס ליד. און ווען דו וואָלסט דאָס געוווסט, מאַדאַם, וואָלסטו אויך געגאַנגען שניידן אַטשערעט אויף יענעם אָרט...

דער רעפריין: „לאַ רירעטאַ, לאַ רירעטאַ" חזרן אַלע איבער אין כאָר און קלאַפּן נאָך בשעת־מעשה צו אין טיש צום טאַקט.

ביים באַר זיצט אַ מיידל. אַריינגעקומען ווי איך, כדי עפּעס צו טרינקען?

— נייַן. זי זעט אויס צו זיין דאָ צופיל היימיש. זי איז דאָ געוויס אַן אָפטער גאַסט. זי גיט יעדעס מאָל אַ זופּ פון אַפּעריטיוו און צווישן איין זופּ און צווייטן — אַ צי דעם פּאַפּיראָס. און ס'קען אויך זיין, אַז פאַרקערט, אַז צווישן איין צי דעם פּאַפּיראָס און צווייטן — טוט זי אַ זופּ פון אַפּעריטיוו.

מיטאַמאָל שטייט אויף איינער פון די פּאַנפּאַרן־שפּילערס, לאָזט זיך מיט וואַקלדיקע טריט צום באַר און גיט אַ כאַפּ דאָס מיידל פאַר דעם נאַקעטן אָרעם:

— פאַרוואָס זיצטו אין אַ זייט? — קום צו אונדז!

זי לאָזט זיך מכלומרשט נישט. די חברים זיינע לאַכן און חוזקן פון אים, אַז ער טויג זיך נישט אויס, אַז ער האָט געליטן אַ מפּלה. דאָס טרייבט אים מער אַריין אין דער אַמביציע. ער גיט זי אַ כאַפּ מיטביידע הענט און באַלד זיצט זי שוין ביים טיש און נאָך דערצו אויף זיינע קני. אַ טריומפירנדיקער שרייט ער צו די חברים:

— פאַרוואָס שווייגט איר? באַגריסט זי!

דעמאָלט הייבן אויף אַלע חברים די פּאַנפּאַרן, וואָס זיי האָבן פריער אַוועק־געשטעלט ביי דער וואַנט און בלאָזן לכבוד איר אַ לויבליד. איך קען שווערן, אַז דאָס איז דאָס זעלבע ליד, וואָס זיי האָבן אינדערפרי געשפּילט לכבוד מאַרי דער בתולה...

דריי הינט

דער ערשטער הונט איז געווען אַן אָפּגעלאָזענער. זיין גוף איז געווען באַוואַקסן מיט קאָלטענעס האָר צו וועלכן ס׳האָבן זיך כסדר צוגעטשעפּעט שטרוי און דערנער. אויף זיין פעל האָבן זיך געמערט פליי און געביסן און גענאַגט זיין מאַגערן קערפּער. ס׳האָט געהייסן, אַז ער האָט אַ באַלעבאָס, אָבער, ווייזט אויס, אַז נישט דער באַלעבאָס און נישט ער אַליין האָבן דאָס גענומען ערנסט. ביידע האָבן באַשלאָסן איינער פון צווייטן נישט צופיל צו פאַרלאַנגען. אַמאָל, ווען מען פלעגט אים נאָר רופן, האָט ער געוויס געהאַט אַ נאָמען, אָבער שוין לאַנג, אַז קיינער דאַרף אים נישט און רופט אים נישט, איז זיין נאָמען פאַרגעסן געוואָרן. איצט, האָט מען אים גערופן: קלאשאר, דער קלאָשאַר.

דער צווייטער הונט — דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ צויג — האָט שוין דערפאַר געהאַט אַ באַלעבאָס און אַ באַלעבאָסטע, וואָס נישט נאָר זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר אירע באַלעבאַטים, נאָר זענען אויך געווען שטאָלץ אויף איר און זי געצערטלט און געפּוצט. זי איז געווען אַ הויכע און אַ שלאַנקע. געהאַט אַ ברוינע, גלאַטע הויט און גרויסע, מילדע אויגן. ווען זי וואָלט געהאַט הערנער, וואָלט מען זיך געקענט טועה זיין און זי אָננעמען פאַר אַ הירש. אויפן האַלדז האָט זי געטראָגן אַ רייפל און אויף אים איז געווען אָנגעגעבן דער נאָמען פון איר באַלעבאָס, דער אַדרעס און אויך איר אייגענער נאָמען. געהייסן האָט זי: ערנאַ.

און אין שכנות איז אויך געווען אַ דריטער הונט. ער איז געווען קלענער פון די ערשטע צוויי. געהאַט הויכע, געקרייזלטע האָר אויפן גוף. זיין באַלעבאָס האָט אים מסתמא כסדר גערייניקט און געפּוצט, ווייל ער איז שטענדיק געווען ציכטיק־ווייס. ער איז געווען אַ רירעווודיקער, אַ פריילעכער. מען האָט אים גע־רופן: גאָגאָ.

אַ צייט, האָט דער קלאָשאַר זיך געשדכנט צו ערנאַן. ער פלעגט איר נאָכגיין די פּיסטריט און זיך כסדר געהאַלטן אין איין דערקלערן איר אין ליבע. זי פלעגט אים הייסן, אַז ער זאָל זיך קודם־כל ווי געהעריק אויסקעמען די פעל. דערנאָך

זאָל ער איר זאָגן, ווי אַזוי ער הייסט און וווּ ער וווינט. זי וועט דאָך נישט גיין מיט עמעצן אַן אַ נאָמען און אַן אַ היים. האָט דער קלאָשאַר געענטפערט, אַז אויב מען האָט באמת ליב, פרעגט מען אויף גאָרנישט. האָט ערנאַ אים גלייך אָפּגע־ענטפערט, אַז זי האָט אים טאַקע נישט ליב, זאָל ער דאָס וויסן, און אַז איר האַרץ איז געפאַנגען אויף אייביק פון גאַגאַן. איצט, אויב ער ווייסט דאָס שוין, מעג ער זיך פון איר אָפּטשעפּען און זי לאָזן צורו.

און גאגא האָט אויך ליב געהאַט ערנאַן. ער האָט ליב געהאַט צו שטיפן, צו שפּרינגען, צו בילן פריילעך און זיך צו לאַשטשען. אַז ערנאַ האָט אים אָפּט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ס'איז נישט שיין, אַז ס'פּאַסט נישט פאַר לייטן, אַז אויב ער וויל מיט איר גיין, זאָל ער ווערן ערנסטער. אין דער ערשטער רגע האָט ער זיך דאָס גענומען צום האַרצן, געשווירן, אַז שוין, געענדיקט. פון איצט וועט ער שוין זיין לייטיש און סאָליד. אָבער ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און ער האָט זיין שבועה פאַרגעסן און איז געוואָרן ווידער אַ שטיפער. ערנאַ האָט אים געזאָגט מוסר, אָבער בשתיקה פלעגט זי אָפּט הנאה האָבן פון זיינע שקאָ־צרייען.

גאגא פלעגט ערנאַן גלעטן, לעקן, בייסן — געצערטלט זי אויף אַלע אופנים, און ערנאַ פלעגט אים אָפּענטפערן מיט צערטלעכקייטן. ווען זיי האָבן זיך שוין געהאַט גענוג געצערטלט, פלעגט ער אויף איר אַ שפּרונג־טון. ער איז אָבער געווען צו קליין און נישט געקענט דערלאַנגען. פלעגט ער ווידער און ווידער שפּרינגען, אָבער אַלץ דאָס זייניקע נישט געקענט דערגרייכן. ער איז אַזוי שעהן נישט מיד געוואָרן אויף איר צו שפּרינגען און אַראָפּפאַלן און זי האָט געדולדיק געוואַרט.

ערנאַ איז טייל מאָל געוואָרן צערייצט. זי איז אָבער געווען אַ גוט־דערצוי־גענע און אין זיך געצוימט די ליידנשאַפט, זי נישט אַרויסגעוויזן. זי איז אָבער צוליב דעם אַרומגעגאַנגען אַ טרויעריקע. גאגא האָט זיך אָבער נישט איבער־גענומען צופיל, ער האָט לחלוטין נישט פאַרלוירן דעם הומאָר. דאָס האָט שוין ערנאַן אויפגערעגט און זי איז אַרויס מיט אַ טענה:

— וואָס איז אויף דיר אַזוי די שמחה, וואָס?!

ער האָט איר נישט געענטפערט. ער האָט געוווּסט, אַז ס'וועט אין גיכן פאַר־גיין איר כעס. סוף־כל־סוף איז זי דאָך אַ גוטע, אַ שטילע און האָט אים זייער ליב. אין אַזעלכע פאַלן איז בעסער צו שווייגן. זאָל זיינס איבערגיין.

נאָר איין מאָל, נאָך דעם ווי ער האָט אומצייליקע מאָל געפּרוּווט און ס'איז אים נישט געלונגען, האָט זי זיך שוין מער נישט געקענט איינהאַלטן און אַ פרעג־געטאָן:

— וואָס איז מיט דיר? דו טויגסט נישט, אַ?

— איך בין נאָך צו־יונג, איך וועל אונטערוואַקסן — האָט ער זיך פאַר־ענטפערט.

ס׳זענען אָבער אַוועק טעג און וואָכן און ער איז נישט אונטערגעוואַקסן. ווייזט אויס, אַז ער איז פון אַזאַ קליינער ראַסע — האָט ערנאַ ביי זיך געטראַכט. זי האָט זיך נאָך ווייטער געלאָזט צערטלען פון דעם הינטל גאגא, אָבער אין אײי־נער אַ נאַכט האָט זיך איר געחלומט דער קלאַשאַר. ער האָט געהאַט אַ ריינע פעל און האָט געטראָגן אַ רייפל אויפן האַלדז. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און איז געווען זייער דערשטוינט אויפן חלום. אַפילו אין חלום האָט זי ביז איצט נישט אַריינגעלאָזט דעם קלאַשאַר. פון דעסטוועגן איז זי נייגעריק געווען אים צו זען. זי האָט אים שוין לאַנג נישט באַגעגנט. זי האָט אים גענומען זוכן און טאַקע געפונען. ווי ער האָט אויסגעזען! ער האָט געהונקען אויף אַ פוס און פון אַן אויג האָט אים געקאַפּעט. ס׳האָט אַ דראָזש אַרומגעכאַפּט איר לייב. ניין, פון אים וועט שוין קיין לייט נישט ווערן!

אין אַ וואָך־צוויי אַרום האָט זי אים ווידער באַגעגנט. ער איז געשטאַנען פאַר דער קיך פון אַ שכן און געוואַרט, אַז מען זאָל אים אַרויסוואַרפן אַ ביין. זי האָט אים באַטראַכט: ער זעט שוין אויס בעסער. פון אויג קאַפּעט אים נישט מער. ער הינקט נאָך אַ ביסל, אָבער מען זעט בפירוש, אַז אָט וועט ער שוין גיין ווי ס׳דאַרף צו זיין. וואָס פאַר אַ כוח ער האָט, —האָט ערנאַ זיך געחידושט. ער עסט נישט, ער שלאָפט אויפן רעגן און אויף דער קעלט, מע שלאָגט אים און מען פלאָגט אים און פון דעסטוועגן קומט ער יעדעס מאָל ווידער אויף און ס׳שאַדט אים גאָרנישט. זי וואָלט שוין לאַנג אַזעלכע צרות נישט אַריבערגעטראָגן.

זי האָט זיך דורכגעדרייט דורך אים, נאָר ער איז צו איר נישט צוגעג־גאַנגען. דאָס האָט איר זייער פאַרדראָסן. זי איז צוגעוווינט, אַז מען זאָל זי באַלד באַמערקן. זי האָט אָבער שפּעטער געטראַכט, אַז סוף־כל־סוף איז ער נישט שולדיק. זי האָט אים תמיד געטריבן פון זיך, דעריבער דערוועגט ער זיך נישט צו איר צו דערנענטערן.

זי ווייסט אַליין נישט ווי־אַזוי דאָס איז געשען — זי האָט צו אים געטון אַ פריינטלעכן ביל. דאָס האָט געדאַרפט הייסן: וואָס מאַכסטו? ער האָט זי אָנגעג־קוקט פאַרחידושט. נאָר אין דער זעלבער רגע האָט עמעצער פון דער קיך אַ וואָרף־געטון אַ ביין. ער איז אונטערגעשפּרונגען, אים אַ כאַפּ־געטון אין דער לופטן, און איז גלייך מיט אים נעלם געוואָרן.

— ער האָט מיך געזען, נאָר דער ביין איז אים בילכער פון מיר — האָט ערנאַ ביי זיך געטראַכט און איז אַ באַליידיקטע אַוועק צו זיך אין הויף.

אין איינער אַ נאַכט, בעת זי איז געשטאַנען פאַר דעם טויער פון איר הויף, האָט זי פּלוצים דערפילט, ווי עמעצער גיט אויף איר אַ שפרונג־אַרויף מיט אַ געוואַלדיקן אימפּעט. עפּעס אַזוינס האָט זי נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט. זי האָט דעם עמעצן פון זיך מיט כוח אָפּגעטרייסלט און דערזען פאַר זיך דעם קלאַשאַר.

— ווי וואַגסטו?! — האָט זי געשריגן אויף אים.

נאָר דער קלאַשאַר האָט אויף איר ווידער אַ שפּרונג־געטון, זיך גאָרנישט געמאַכט פון איר געשריי.

— ווי גראָב דו ביסט! ווי נישט דערצויגן! דו גיסט מיר אַפילו נישט קיין גלעט! דו זאָגסט מיר אַפילו נישט קיין איין ליב וואָרט! — איז ערנאַ אַרויס מיט טענות קעגן אים.

— גאגא האָט דיך שוין גענוג געגלעט און דיר גענוג ליבע־ווערטער גע־זאָגט.

— אָבער איך בין דאָך נישט קיין הונט פון דער גאַס!

— איך בין אָבער דערצויגן געוואָרן אויף דער גאַס! קיינער האָט מיך נישט געלערנט צו רעדן אַן אַנדערע שפּראַך.

ביז אַהער פלעגט ערנאַ כמעט יעדע נאַכט האָבן משונהדיקע חלומות און פלעגט אומרויק וואַלגערן פון שלאָף. די דאָזיקע נאַכט האָט זי אין גאַנצן נישט געהאַט קיין חלום און איז רויק געשלאָפן ביז צום באַגינען.

אינדערפרי האָט זיך באַוויזן גאַגאַ. ער האָט זי געוואָלט אַ פרעג־טאָן ווי זי איז געשלאָפן און וואָס איר האָט זיך געחלומט, נאָר ער האָט פלוצים דער־שפּירט פון איר עפּעס אַ מאָדנעם ריח: דעם ריח פון אַן אַנדערן הונט. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען וואָס ס׳איז געשען און איז צום ערשטן מאָל אין לעבן אויף אַן אמת טרויעריק געוואָרן.

פון דעמאָלט־אָן פלעגט ערנאַ מיטן קלאַשאַר זיך טרעפן אָפטער. זי האָט אַלץ געוואָרט אויף זיינע צערטלעכקייטן, אויף זיינע ליבעסרייד, נאָר ווי ער פלעגט זיך באַווייזן, האָט ער איר אַ זאָג־געטון האַסטיק:

— איך בין הונגעריק ווי אַ וואָלף! האָסט עפּעס נישט אַ ביין פאַר מיר?

דאָס האָט ערנאַן זייער געקרענקט, אָבער פון דעסטוועגן האָט זי נישט אויפ־געהערט מיט אים זיך צו פירן. איר באַלעבאָס האָט דאָס באַמערקט און איז גע־וואָרן אויפגערעגט: ווי לאָזט זי אים צו צו זיך? ער האָט מיטן רימען איר דער־לאַנגט, און ווען אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט ער גענומען און זי צוגע־בונדן מיט אַ קורצן שטריק צו אַ בוים אין הויף. די קלעפּ האָבן איר פריִער נישט אַזוי וויי־געטון, ווי איצט — די בושה. אַלע שכנישע הינט, קעגן וועלכע זי פלעגט זיך תמיד האַלטן מיט גאווה, האָבן אין איר דערלעבט אַ נקמה.

אין איינעם אַ טאָג האָט דער קלאַשאַר באַגעגנט גאַגאַן אין גאַס. גאַגאַ האָט אויסגעזען צו זיין זייער טרויעריק. דער קלאַשאַר האָט זיך געמאַכט ווי ער וואָלט אים נישט באַמערקט, נאָר גאגא האָט אים אָפּגעשטעלט און אים געפרעגט:

— פאַרוואָס מיידסטו מיך אויס? איך בין דיך אוודאי מקנא, אָבער איך בין נישט געוואָרן דורך דעם דיין שונא.

זענען זיי געגאַנגען און צווישן זיך גערעדט, ביז גאַגא האָט מיט עפּעס דערמאָנט ערנאַן.

— דו האָסט זי צופיל צעבאַלעוועט — האָט אים דער קלאַשאַר געזאָגט.

גאַגא האָט דאָס נישט געפּרוווט אָפּלייקענען. ער האָט זיך מודה געווען:

— איך ווייס, אַז איך האָב אַ שוואַכן כאַראַקטער. איך לאָז זיך צופיל פירן פון געפיל. ווי איך בין אַמאָל געווען אַ פריילעכער, אַזוי בין איך איצט געוואָרן אַן אומעטיקער, אַ מרה־שחורהדיקער. ווייזט אויס, אַזאַ ראַסע.

— מען דאַרף זיך פאַרהאַרטעווען.

— יאָ, דו ביסט גערעכט. ווען אַ מאַן לאָזט זיך אין גאַנצן באַהערשן פון דער בענקשאַפט צו אַ פרוי, ווערט מען מיט דער צייט אַליין ענלעך צו אַ פרוי. דאָס ווערט מיר אַליין אָפט נמאס; איך ווייס אָבער נישט ווי אַזוי מען באַפרייט זיך פון דעם.

— דו דאַרפסט איבערלאָזן דיין וואַרעמע, זאַטע היים און ווערן אַזוי פריי און אַזוי הפקר ווי איך. דאָס איז די איינציקע רפואה קעגן דיינע חולאתן.

— איך האָב ניט קיין מוט זיך צו לאָזן אַליין איבער דער וועלט. דו וואָלטסט געוואָלט ווערן מיין חבר אין וועג?

— גוט. איך בין גרייט!

אויף צומאָרגנס האָט זיך גאַגא אַרויסגעגנבעט פון זיין באַלעבאָס און זיך געלאָזט מיט דעם קלאַשאַר אין וואַנדער. ער האָט מיט גרויס חידוש געגלאָצט אויף אַלץ אין וועג. ביז איצט האָט ער זיך קיינמאָל נישט אַרויסגעלאָזט ווייט פון דער היים. ס'איז אים אַנגענעם געווען און ער האָט זיך צוגלייך געשראָקן פאַר דער פרייהייט. ער האָט געמיינט ביז איצט, אַז דער קלאַשאַר זעט אויס ערגער ווי אַלע הינט אויף דער וועלט, און דאָ האָט ער ערשט דערזען, אַז ס'זענען פאַראַן אַ סך הינט מיט נאָך אַ האַרבערן גורל. הינט אויסגעמאָגערטע, הינקנדיקע, צעבייליטע און צעקיילטע, מטורפע — אַ שרעק.

ער האָט שוין חרטה געהאַט אויף זיין באַשלוס זיך צו לאָזן אין הפקר. ער איז נישט צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ מין לעבן, ער וועט דאָ שנעל אונטערגיין. ער האָט זיך אָבער געשעמט אַרויסצוברענגען אויפן קול זיינע מחשבות פאַרן קלאַשאַר. יענער וועט חוזק פון זיין שוואַכקייט.

ווי זיי זענען אַזוי געגאַנגען איבער איינע פון די גאַסן אין שטאָט, דער קלאַשאַר — פאָרויס. און גאַגא — מיט עטלעכע טריט הינטער אים, האָט גאַגא פלוצים דערזען ווי אַ שטריק האָט אַ פלי־געטון אין דער לופטן, געפאַלן אויף דעם קלאַשאַרס קאָפּ און אים פאַרצויגן. גלייך האָט דער קלאַשאַר אָנגעהויבן מוראדיק צו בילן און זיך צו רייסן. ס'איז אָבער געווען אומזיסט: דער עק פון שטריק האָט פעסט געהאַלטן אין זיינע הענט — אַ מענטש.

גאַגא איז געוואָרן אין גאַנצן צעטומלט. נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז

פאַרגעקומען. ער האָט זיך ערשט אויסגעטשוכעט פון דער געפּלעפּטקייט, בעת ער האָט דערפילט ווי אַ שטריק פאַרציט מיט כוח זיין אייגענעם האַלדז.

באַלד האָבן זיך ביידע געפונען אין אַ פאַרמאַכטן וואָגן. דאָרט זענען שוין פון פריִער געווען נאָך אַנדערע הינט. זיי האָבן געבילט און געוואָיעט און זיך געוואָרפן, נאָר די ווענט האָבן פאַרהאַלטן; נישטאָ קיין רעטונג.

גאגא האָט זיך אַ דערשראָקענער געטוליעט צום קלאָשאר און אים געפרעגט:

— וואָס איז דאָ געשען? וואָס איז דאָס פאַר אַ וואָגן?

דער קלאָשאר האָט געענטפערט:

— ס׳האָט אונדז געכאַפּט דער הינטשלעגער.

— און וואָס קלערט ער מיט אונדז צו טון?

— הרגענען.

גאגא האָט אַ ציטער געטון:

— אוי־וויי!

— דו דאַרפסט נישט מורא האָבן. דיר וועט מען גאָרנישט טון. דיך וועט מען נישט הרגענען — האָט אים דער קלאָשאר באַרויִקט.

נאָר גאָגא האָט זיך נישט געלאָזט:

— פאַרוואָס זאָל מען דיך הרגענען און מיך לאָזן לעבן?

דער קלאָשאר האָט אים אויפגעקלערט:

— ס׳איז אַ פשוטע זאַך: איך בין נישט קיין ראַסאָווע הונט. דערצו בין איך אַן אויסגעמאָגערטער, מיט אַן אָפּגעקראָכענער פעל — דער הינטשלעגער קען שוין מיט מיר גאָרנישט מאַכן. מיך וועט שוין קיינער נישט נעמען אויסער דער מלאך־המות. אָבער אויף דיר וועלן זיך נאָך געפינען אַ סך אַנדערע בעלנים. דיין באַלע־באָס אַליין קען זיך נאָך אָפּזוכן און דיך אויסקויפן. ווער וועט זיך קימערן וועגן מיר?

— רעד נישט אַזוי! דו וועסט נאָך לעבן און לעבן!

— איך וויל זיך נישט לאָזן נאַרן. ס׳איז פאַרפאַלן. נישטאָ וואָס זיך אי־בערצונעמען!

— וואָס פאַר אַ שרעקלעכע ווערטער און ווי רויִק ער זאָגט זיי — האָט גאגא ביי זיך געטראַכט — ער האָט שוין שלום־געמאַכט מיט דער מחשבה וועגן טויט. מ׳דאַרף אים באַוווּנדערן!

דער קלאשאר איז געווען גערעכט. דער הינטשלעגער האָט אים נאָך אין דעם זעלבן טאָג דערהרגעט. גאגאן האָט ער אָבער נישט געטשעפּעט. ס׳האָט נישט גע־דויערט לאַנג און ס׳איז געקומען דער באַלעבאָס, און אים אויסגעלייזט.

ער איז געווען אויף אים בייז, דער באַלעבאָס. דערפאַר וואָס ער איז פון אים אַנטלאָפן, האָט ער אים געשלאָגן און פאַרמאַכט אין דער בודע אויפן הויף. סוף־כל־סוף איז ער אָבער ווייכער געוואָרן און אים אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי.

דאָס ערשטע, וואָס גאגא האָט באַשלאָסן צו טון, איז געווען צו גיין צו ערנאַן און איר דערציילן וועגן דעם קלאשארס טרויעריקן סוף. ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר זיין הייליקן חוב. ער האָט געזוכט די פּאַסיקע ווערטער. ער וועט איר די ידיעה נישט איבערגעבן מיטאַמאָל, נאָר צוביסלעך, כדי זי זאָל חלילה נישט חלשן, אָדער גאָר זיך אַ מעשה אָנטון. ער איז געגאַנגען אויפן וועג צו איר און זיך געחזרט די ווערטער:

— מאַדאַם!... ס'טוט מיר באמת לייד... איך בין פּשוט צעבראָכן... פאַרוואָס איך... דווקא מיר... איז צוגעפאַלן די אויפגאַבע איך איבערצוגעבן... איך איבער־צוגעבן די טרויעריקע בשורה...

זי וועט אוודאי גלייך בלייך ווערן. איר האַרץ פילט דאָך שוין מסתמא עפּעס. און ער וועט איר אַזוי דערציילן, ווי אַזוי זיי האָבן זיך ביידע אַרויסגעלאָזט צוזאַ־מען איבער דער שטאָט, ווי דער הינטשלעגער האָט זיי געכאַפּט, און דער סאַמע עיקר — דאָס וועט ער שילדערן מיט אַ סך התלהבות און באַוווּנדערונג — ווי בכבודיק און רויק ער האָט זיך געהאַלטן אין די לעצטע שעהן פאַר זיין טויט.

גאַגא האָט זיך דערנעענטערט צו איר הויז. אַריין אין הויף און פּלוצים זיך אָפּגעשטעלט: ער האָט דערזען פאַר זיך ערנאַן פאַרנומען מיט אַ פרעמדן הונט אַזוי, אַז ער האָט אַוש געמוזט גלייך אַראָפּלאָזן די בליקן פאַר בושה.

ער האָט זיך אָוועקגעדרייט, צוריקגעגאַנגען צו זיך אין הויף אַריין, זיך אַריינ־געררוקט אין דער בודע, פון וועלכער ער האָט ערשט אַזוי שטאַרק געבענקט אַרויס אויף דער פריי. צוערשט איז ער געלעגן שטיל־שטיל, נאָר דערנאָך האָט ער אָנ־געהויבן צו בילן און צו וואָיען אַלץ שטאַרקער קעגן דער אָנקומענדיקער נאַכט.

ס'איז אומזיסט דיין ווארטן

.1

דאָס ערשטע מאָל, אַז קערמאַן איז אין פּאַריז, נישט געקוקט אויף דעם, ווייסט ער שוין פון פריִער, וואָס דאָ איז כדאי צו זען. פאַר אים זענען דאָ געווען זיינע חברים און זיי האָבן אים איבערגעגעבן: פּאָלי בערזשער... טאַבאַרען... סאַקרע־קער... אייפל־טורעם...

ער האָט באַשלאָסן צו גיין מיטן ווייב אַדעלאַ אין קאַבאַרעט „טאַבאַרען". אין אַ געסל לעבן „טאַבאַרען" האָט זיי איבערגענומען עפּעס אַ יונגער מאַן מיט אַ מונדיר, ווי פון אַן אַדמיראַל. ער האָט געטענהט אַז דער בעסטער קאַבאַרעט אויפן מאָנטמאַרטר איז דווקא דער, ביי וועלכן זיי שטייען איצט: דער בעסטער אָרקעסטער, די שענסטע פרויען, די גרעסטע אַטראַקציעס. איידער זיי האָבן נאָך באַוויזן צו זאָגן יאָ אָדער ניין, איז ער מיטן ווייב שוין געווען אין קאַבאַרעט.

זיי האָבן זיך געפונען אין נישט קיין גרויסן זאַל. דאָרט זענען געשטאַנען אַ צוואַנציק טישלעך מיט בענקלעך אַרום זיי. קערמאַן האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אַרום די טישלעך זיצן כמעט בלויז פרויען און דערצו היפּשלעך דעקאָלטירטע און געשמינקטע. שפּעטער אַ ביסל האָט ער באַמערקט, אַז יעדעס מאָל, ווען ס'קומט אַריין אַ גאַסט, הייבט זיך אַ פרוי אויף און זי שטעלט זיך אַוועק לעבן באַר. הייסט עס, אַז די פרויען האָבן דאָ אַ באַזונדערע אויפגאַבע; זיי דאַרפן אויספולן די ליידיקע ערטער, ס'זאָל מאַכן דעם איינדרוק אַז דער זאַל איז פול. ווי זיי האָבן דאָס דורכגעפירט באַמיִען זיי זיך צו דינען דעם גאַסט אויף אַן אַנדערן אופן.

ס'זענען געקומען ווייניק געסט. אַרום דעם טיש ביי וועלכן ער איז געזעסן מיט זיין פרוי, האָבן זיך געפונען עטלעכע טישלעך מיט „אַזעלכע" פרויען. עס האָט אים דערמאָנט אַ געשעפט, אין וועלכן עס איז פאַראַן ווייניק סחורה, נאָר די פּאָליצעס זענען אויסגעפילט מיט ליידיקע שאַכטלען, כדי אָפּצונאַרן דאָס אויג. וויפיל אמתע געסט זענען דאָ פאַראַן, האָט ער זיך געפרעגט. נישט מער,

ווי פינף טישלעך. הייסט עס, אַז ער וועט דאַרפן דעקן אַ פינפטל פון די הוצאות פאַר דעם גאַנצן טאַראַראַם. ער דאַרף זיך היטן!

ס׳איז אַרויסגעקומען אַ פּרוי און אָפּגעזונגען אַ ליד מיט אַ הייזעריק קול. דערנאָך האָט זיך באַוויזן דער באַלעט: גאַנצע 6 מיידלעך. יעדע פון זיי האָט אויפגעדעקט, וואָס אין איר גוף האָט נאָך געהאַט אַ שטיקל ווערט. איינע — די פיס. אַ צווייטע — דעם בויך. אַ דריטע — די בריסטן. פון הינטן זענען געשטאַנען די מיאוסערע. פונקט אַזוי ווי ס׳מאַכט די אויבסט־פאַרקויפערין אויפן מאַרק. די שיינע עפל — פון פאָרנט און די קאַליע־געוואָרענע, די צוגעפוילטע — פון הינטן...

קערמאַן האָט זיך איינגעקוקט אין די טענצערינס, נאָכגעפאָלגט זייער יעדע באַוועגונג. ער איז געווען אַנטוישט. זענען דאָס די פאַריזער שיינע פרויען? ער האָט זיך געשעמט פאַר דעם ווייב, ווי ער וואָלט איצט געליטן אַ פּערזענלעכע מפּלה אַלס מאַן. ווי מען וואָלט אין פאַריז געהאַלטן, אַז ער פאַרדינט זיך נישט קיין שענערע. ער האָט אָבער אַלץ געוואַרט, געגלייבט, אַז באַלד, אָט באַלד, וועט זיך באַוויזן די יונגע, די שיינע, צוליב וועלכער עס האָט זיך געלוינט אַהער צו קומען. נאָר די יונגע, די שיינע האָט זיך נישט באַוויזן ביזן סוף פון פּראָגראַם.

ווען זיי זענען צוריקגעקומען אין האָטעל אַריין ווו זיי האָבן געוווינט, האָט אים אַדעלאַ —דאָס ווייב זיינס— געזאָגט:

— אויב דו ווילסט נאָך אַ מאָל גיין אין אַ קאַבאַרעט זען נאַקעטע פרויען — גיי דיר און האָב הנאה, נאָר צוליב וואָס דאַרפסטו מיך אַהין שלעפּן?

זי מיינט נאָך אַז ער האָט הנאה געהאַט! ער אַליין איז זייער אומצופרידן, פּשוט אַרויסגעוואָרפן דאָס געלט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געפילט לגבי איר שולדיק און געטראַכט מיט וואָס אויסצוקויפן די באַגאַנגענע זינד. ער ווייסט שוין! זי איז אַ מאָלערין. זי האָט אַמאָל געמאָלן אַ בוקעט בלומען, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס באַגייסטערונג ביי אַלע באַקאַנטע און וואָס איז טאַקע שפּעטער פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ גרויסער סומע אויפן באַל, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן לטובת דעם מושב זקנים.

— אויב דו ווילסט —האָט ער אים געזאָגט— וועלן מיר גיין מאָרגן זען די מאָלערס.

זי האָט אויפגעלעבט. ער האָט איר צוגעטראָפן. נאָך אַלעמען, קלערט ער נישט בלויז וועגן זיך. ער פּרוּווט זי אויך אַ מאָל פאַרשטיין.

אויפן אַנדערן טאָג, אין אָוונט זענען זיי צוגעפאָרן אויפן בולוואַר מאָנ־פּאַרנאַס. דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן פאַר דערוואַר־טונג. וויפל ביכער האָט זי שוין געלייענט וועגן מאָנפּאַרנאַס! דאָ דאַרפן ערגעץ זיין די קאַפע־הייזער „דאָם", „קופּאָל" און „ראָטאָנד". דאָ זענען אַרומגעגאַנגען די מאָלערס סעזאַן, דעגאַ, רענואַר, וואַן גאָג! דאָ פלעגן זיי זיצן און וואַרטן, אַז

עס זאָל עמעצער קומען באַצאָלן פאַר דער קאַווע, וואָס זיי האָבן געטרונקען און זיי אויסלייזן". זי האָט דערגרייכט דאָס אָרט פון אירע חלומות!

זיי שטייען פאַר דעם קאַפע־הויז „לע דאָם". אין גאַס, פאַר דעם קאַפע־הויז זיצן אַ סך מענטשן. זיי גייען אַריין אינעווייניק. פוסטלעך. דאָס לאָקאַל איז קליינס און נאָך דערצו געדרייט און געקרומט. נישטאָ וואָס צו זען. זיי קערן זיך צוריק אום צו די מענטשן אין דרויסן.

— ווער ווייסט וויפל גרויסע מאָלערס דאָ זיצן! — רופט אַדעלאַ אויס.

קערמאַן קוקט אויף די פרויען. זענען דאָס טאַקע אַלע מאָדעלקעס? טוען זיך אַלע אויס נאַקעט? פנימער האָבן זיי נישט אַזעלכע שיינע, אָבער די פיגורן — פיינע!

אַדעלאַס בליקן זוכן, נישטערן.

— דאָ דאַרף מסתמא זיין שאַגאַל. איך האָב אים שוין אַזויפיל מאָל געזען אין זשורנאַלן. דו וועסט זען, ווי איך וועל אים דערקענען!

נאָר זי קען אים נישט געפינען. זי איז שוין אויך געווען אין „קופּאָל" און אין „ראָטאָנד". זי וואָלט געוואָלט זיצן אין אַלע דריי קאַפע־הייזער גלייכצייטיק. קען מען דאָך נישט וויסן אין וועלכן ס'קען זיך פּלוצים באַווייזן פּיקאַסאָ... זי לויפט האַסטיק און קערמאַן שלעפּט זיך איר נאָך. ענדלעך ווערט אים נמאס דאָס לויפעניש און ער וויל אַז זי זאָל זיך אָפּשטעלן. זי מוז נאָכגעבן. זיי זעצן זיך אַוועק פאַר דעם „דאָם".

— אַ שאָד, וואָס מיר האָבן דאָ נישט קיין באַקאַנטן אַ פּאַריזער! — זאָגט אַדעלאַ מיט באַדויער — ער וואָלט אונדז געוויזן די גרויסע מאָלערס און אפשר זיי אויך פאַר אונדז פאַרגעשטעלט.

ביי אַ שכנותדיק טישל רעדט מען יידיש. זי קוקט זיך צו: דאָרט זיצן אַ מאַן מיט אַ פרוי. ער — אַ קליינער אַ מאָגערער. פון קאָפּ רינען אים אַראָפּ צוויי ריטשקעלעך מיט האָר אויף ביידע זייטן באַקן. דאָס פליושענע רעקל איז היפּשלעך אויסגעריבן. אויפן האַלדז — אַ קאָלירט שאַליקל. און זי — העכער פון אים, דיקער. די האָר זענען אַמאָל געווען געפאַרבט אויף בלאָנד, נאָר זענען איצט פאַרוועבט מיט שאַטין און גרוי. זי פאַרנעמט מיט זיך כמעט דאָס גאַנצע טישל. ער — אַ פאַרלוירענער, ווי ער וואָלט געזוכט פאַר זיך אַ שוץ, אַ ווינקל וווהין צו פאַרקריכן.

ווען דאָס פּאָרל האָט באַמערקט אַז פון שכנותדיקן טישל קוקט מען אויף זיי, איז זייער געשפּרעך אַריבערגעגאַנגען אויף פראַנצויזיש. אַדעלאַ האָט באַשלאָסן מיט זיי אָנצוהייבן אַ שמועס. לויט די שמאָלע לאַנגע באַקנבערד און דעם פליושענעם רעקל, זעט ער אויס צו זיין אַ מאָלער. זי האָט זיך צו אים געווענדט אויף יידיש:

— אַנטשולדיקט, איר זענט אַ מאָלער?

אַנשטאָט אים, האָט גלייך געענטפערט זיין ווייב:

— יאָ, מיין מאַן איז אַ מאָלער. צוליב וואָס פרעגט איר דאָס?

— מיר זענען טוריסטן... ערשט געקומען. — ענטפערט אַדעלאַ — איך האָב אַ גרויסן אינטערעס פאַר מאָלעריי...

די פרוי פון מאָלער פרעגט אַדעלאַן, וואָס זי טוט דאָרט אין איר לאַנד. זיך דערוויסנדיק, אַז איר מאַן איז אַ פאַבריקאַנט, לעבט זי מיטאַמאָל אויף און שלאָגט גלייך פאָר:

— אפשר וועלן מיר צונויפרוקן די טישלעך?

די טישלעך ווערן צונויפגערוקט און זי הייבט אָן גלייך צו רעדן גיך און הויך:

— איר אינטערעסירט זיך מיט מאָלעריי — דאָס איז זייער שיין! מיין מאַן, רייזבלום, איז אַ מאָלער, און נישט סתם אַזוי אַ מאָלער. אין פּאַריז זענען פאַראַן אפשר דרייסיק טויזנט מאָלער, וואָס זענען נישט מער ווי שמירערס. איר האָט דאָך מסתמא געהערט פון פּיקאַסאָן? ער מאָלט אייך פאַרזשאַווערטע טשוועקעס און הייסט אייך פאַר זיי באַצאָלן מיט גאָלד. מיין מאַן נאַרט נישט אָפּ. מיין מאַן ווייסט נישט פון רעקלאַמע!

יאָ, קערמאַן פאַרשטייט זי. ער ווייסט אַז נישט תמיד איז וויכטיק די גוטע סחורה. אָט גיט ער פאַר די קאָרסעטן אַ בעסערע סחורה ווי זיין קאָנקורענט, און פינדעסטוועגן האָט יענער מער קונים. דאָס איז אַן ענין פון רעקלאַמע. די קונים פאַרשמייען זיך נישט אָפּנים אַז אין אַלע בראַנזשעס קומט פאַר דאָס זעלבע.

— אפשר ווייסט איר פון אַ גוטער בילדער־אויסשטעלונג? — פרעגט אים אַדעלאַ.

— אין לוווּר זענט איר שוין געווען? — ענטפערט ער איר מיט אַ פראַגע.

— ניין.

— אויב אַזוי — גייט אין לוווּר. איר וועט דאָרט זען די אַלטע מייסטערס.

— און אויב איר ווילט זען מאָדערנע מאָלעריי — קומט אַרויף צו אונדז. איר וועט זען מיין מאַנס בילדער. איר וועט נישט האָבן קיין חרטה — זאָגט דעם מאָלערס פרוי.

אַדעלאַ איז זייער צופרידן. ענדלעך וועט זי זען די אַטעליע פון אַן אמתן מאָלער און זען זיינע בילדער. זי האָט מסכים געווען צו קומען. די פרוי פון מאלער איז אָבער נישט געווען זיכער צי זיי וועלן קומען און געבעטן איר געבן די אַדרעס פון האָטעל ווו זיי וווינען. זי וועט קומען זיי פון דאָרט נעמען.

אַדעלאַ האָט מיט גרויס בייגער באַטראַכט דעם מאָלערס אַטעליע. נאָך דער מאָלער האָט זיך געהאַט זיין פּראָגראַם. ער האָט גלייך געעפנט אַן אַלבום און אָנגעהויבן פאַר זיי פאַרצולייענען וואָס פאַרשיידענע קריטיקערס האָבן געשריבן

וועגן זיינע בילדער. ער האָט זיי אויך געוויזן באַריכטן אין דער פּרעסע פון זיינע אויסשטעלונגען. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן זיי צו ווייזן איין בילד נאָכן אַנדערן. זיין פרוי איז געשטאַנען באַלד לעבן קערמאַנען און גערעדט און געלויבט מיט גרויס התלהבות יעדעס געוויזענע בילד.

אַדעלאַ האָט מיט זיך מיטגענומען עטלעכע אירע בילדער וואָס זי האָט געמאָלן מיט קאָלירטע בליישטיפטן. זאָל זי זיי ווייזן? — זי האָט נישט דעם מוט... דאָס איז אָבער אַ זעלטענע געלעגנהייט אויף וועלכער זי האָט אַזוי לאַנג געוואַרט. זי מוז זי אויסנוצן.

— איר וועט מיר מוחל זיין — האָט זי אָנגעהויבן — איך אַליין מאָל אויך פון צייט צו צייט... איך האָב אַפילו מיט זיך מיטגענומען עטלעכע בילדער...

— דאָס איז אינטערעסאַנט! — האָט די פרוי פון מאלער אויסגערופן — ווייזט זיי.

די פרוי פון מאלער האָט באַטראַכט אַדעלאַס אַ בילד און אויסגערופן:

— פּרעכטיק!

זי האָט דאָס בילד געוויזן איר מאַן. יענער האָט געקוקט און אַ זאָג־געטון:

— אוודאי.

אַדעלאַ האָט זיך געווענדט צום מאַן:

— דו הערסט? און דו האַלסט אַז איך מאַך זיך נאַריש.

קערמאַן האָט זיך פאַרטיידיקט:

— דאָס האָב איך קיין מאָל נישט געזאָגט. איך האָב נאָר געהאַלטן, אַז דיר לוינט זיך נישט צופיל צו פאַרנעמען. אַז דאָס רייסט דיך אָפּ פון געשעפט.

די פרוי פון מאלער האָט געהערט דאָס וואָרט „געשעפט" און זיך אָנגערופן:

— מענטשן קויפן זיך הייזער, גאָלד און בריליאַנטן. זיי פאַרשטייען אָבער נישט, אַז דאָס בעסטע געשעפט איז צו קויפן בילדער. יאָ, חידושט אייך נישט: צוליב געשעפט! היינט, איז דער מאלער אומבאַקאַנט. מען קען קויפן האַלב־אומזיסט זיין בילד און מאָרגן — קען ער ווערן באַרימט און מען זאָל צאָלן פאַר זיינס אַ בילד — הונדערטער טויזנטער פראַנק, מיליאָנען! אָט איז געווען אַ מאלער: מאָדיליאַני — — —

אמת, קערמאַן האָט טאַקע אַ מאָל געלייענט אין אַ צייטונג וועגן אַזעלכע מאָלערס וואָס האָבן ביים לעבן געהונגערט און נאָכן טויט, איז זייער יעדעס בילד ווערט אַ פאַרמעגן. ער האָט אַזוי זיך אַ פרעג־געטון, ווייזנדיק אויף אַ בילד?

— וויפל, למשל, דאַרף קאָסטן דאָס דאָזיקע בילד?

דער מאלער האָט געענטפערט מיט געמאַכטער תמימות:

— איך מאָל נאָר בילדער, מער גייט מיר נישט אָן.

די פרוי פון מאלער האָט זיי איינגערוימט אַ סוד:

— ער ווייסט אַפילו נישט ווי אַזוי אַ מטבע זעט אויס. איך מוז זיך מיט

דעם פּאַרנעמען. איך וועל רעכענען דאָס בילד פאַר אייערטוועגן (דעם „אייערט וועגן" האָט זי באַטאַנט) בלויז פופציק טויזנט פראַנק.

— צופיל! — האָט אַ טראַכט געטון קערמאַן.

אַדעלאַ איז געשטאַנען און באַטראַכט דאָס בילד. ס'איז איר געפעלן מער ווי אַנדערע. ס'איז צו איר צוגעקומען דער מאלער און אָנגעהויבן איר אויס־טייטשן דאָס בילד:

— דאָס איז אַ יונגע אַרטיסטקע, וואָס שטייט הינטער די קוליסן און וואַרט מיט גרויס פּחד און גליקזעליקייט מיט גרויס התלהבות אויף איר ערשטן אויפ־טריט פאַרן עולם.

— קויף דאָס בילד! — האָט אַדעלאַ זיך געווענדט צום מאַן — מיר געפעלט עס!

קערמאַן האָט אומשולדיק אַ פרעג־געטון אויפן פּרייז פון בילד. ער האָט בכלל נישט בדעה געהאַט דאָס צו קויפן, נאָר דאָס ווייב פון מאלער האָט אים געשטעלט כמעט זוי פאַר אַ געשעענעם פאַקט. ווען ער וואָלט שוין געוואָלט קויפן אַ בילד, איז פאַרוואָס דווקא קויפן דאָס דאָזיקע בילד פון נישט איבעריק־שיינעם מיידל? נאָר אַדעלאַ האָט זיך איינגעעקשנט: נאָר דאָס דאָזיקע בילד זאָל ער קויפן! זי וועט אים דערפאַר מוחל זיין אַנדערע מתנות, וואָס ער האָט איר צוגעזאָגט צו קויפן אין פּאַריז. ער האָט נאָכגעגעבן און דאָס בילד געקויפט.

פון מיטיק האָט שוין קערמאַן נישט געהאַט קיין הנאה. ער איז געווען ברוגז אויף דעם ווייב, וואָס זי האָט אים אויסגעבראַכט אַזויפיל געלט. אויב זי האָט אין זינען בלויז איר מאלעריי, וועט ער אין זינען האָבן זיינע קאָרסעטן. ער וועט גיין אַ ביסל איבער דער שטאָט און אַ קוק־טון אין די געשעפטן, ווי אַזוי די פראַנצויזן מאַכן קאָרסעטן. צו ווייבערישע זאַכן טויג ער זיך אויס. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער איז געגאַנגען אַליין, אָן דעם ווייב. ער האָט זיך געפילט אי פריי, אי נישט זיכער. אים האָט זיך געדאַכט אַז יעדע פרוי וואָס גייט דורך אים פאַרביי, וויל אים פאַרטשעפען און ער האָט זיך געפילט גוט און גליקזעליק זיך געשראָקן.

ביי עפּעס אַ געסל איז אים אָקעגנגעקומען אַ יונגער בחור, אַ טונקל־הויטי־קער, מיט געקרייזלטע האָר אויפן קאָפּ און אים בגנבה געוויזן עפּעס אין דער האַנט. קערמאַן האָט קודם נישט פאַרשטאַנען, וואָס יענער וויל פון אים. ענדלעך האָט ער זיך געכאַפּט: ער לייגט אים פאָר צו קויפן אַ קאָנווערט מיט פאָטאָ־גראַפיעס פון נאַקעטע פרויען. קערמאַן האָט ביי אים געקויפט די פאָטאָגראַפיעס און זיך געלאָזט שנעל גיין. שפּעטער האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט אין אַ טויער אין זיי געגומען באַקוקן: אַ נאַקעטע פרוי מיט אַ סאַטיר. אַ פרוי, וואָס גייט אַרויס פון אַ טייך אַ נאַקעטע. אַ נעגערטע וואַשט אַ ווייסע פרוי און אַנדערע נאַקעטע פרויען, און דאָס אַלץ פאַר 200 פראַנק. ס'וועט זיין וואָס צו ווייזן אין

דער היים די חברים. אים פאַלט מיטאַמאָל איין: מיט אים צוזאַמען אין קאַ־מיטעט זיצט דער מזרחיסט לערמאַן. בעת אַ זיצונג וועט ער אים אַריינשטעקן אין קעשענע אַזאַ בילדל. ער קען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ מינע יענער וועט מאַכן, ווען ער וועט געפינען ביי זיך אַזאַ נאַקעטע בתולה!

אויף איינער אַ גאַס, האָט ער דערזען אַ געשעפט פון קאַרסעטן. די קאַר־סעטן אין שויפענצטער זענען גאַנץ פיינע. מ׳דאַרף נאָר אַ קוק־טון פון אינע־ווייניק. ער איז אַריינגעגאַנגען אין געשעפט און איז געוואָרן פאַרגאַפט. עפּעס אַזוינס האָט ער זיך נישט פאָרגעשטעלט. אויב ער וועט קומען צו זיך אַהיים מיט אַזעלכע מוסטערן — לייגט ער אַוועק אַלע קאָנקורענטן. ער האָט געקויפט עטלעכע מוסטערן און זיך געלאָזט צוריק אין האָטעל אַריין. ער האָט זיי געוויזן דעם ווייב און דערביי אין גאַנצן געפיבערט. ער וועט נישט מער פאָרן קיין אי־טאַליע, ווי ס׳איז געווען אין פּלאַן. זיי מוזן ביז אַ וואָך צוריקקערן אַהיים. ער מוז באַווייזן צו קומען פריצייטיק, כדי צוצוגרייטן דעם סעזאָן. מיט אַזעלכע מוסטערן נעמט ער איין די גאַנצע שטאָט, דאָס גאַנצע לאַנד!

נאָר זי האָט זיך אַקעגנגעשטעלט. ס׳איז נישט כדאי געווען צו מאַכן אַזאַ ווייטע רייזע בלויז צוליב אַזאַ קורצע צייט אין פּאַריז. זי וויל נאָך פאָרן קיין איטאַליע און טאַקע דאָ אין פּאַריז נאָך זיצן עטלעכע וואָכן. ער האָט זי גע־פּרוווט איבעררעדן מיט אַלע מיטלען נאָר ס׳איז אים נישט געלונגען. ענדלעך האָט ער מסכים געווען, אַז זי זאָל נאָך דאָ בלייבן עטלעכע וואָכן. ער אַליין פאָרט אָבער באַלד צוריק.

פאַרן אַוועקפאָרן, בעת ער האָט געהאַלטן אין פאַרפּאַקן די זאַכן, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ס׳פעלט אים די קאָנווערט מיט די פאָטאָגראַפיעס פון די נאַ־קעטע פרויען. ער האָט געזוכט אין אַלע קעשענעס, איבערגעוואָרפן די זאַכן אין דער וואַליזע — נישטאָ. אַדרבא האָט באַמערקט, אַז ער זוכט עפּעס און איז זייער צעטראָגן, האָט זי אים געפרעגט:

— וואָס פעלט דיר? וואָס זוכסטו אַזוי?

נאָר ער האָט זיך געשעמט איר צו זאָגן, וואָס ער זוכט. און אפשר האָט זי דאָס געפונען און צעריסן? — קען זיין. זי האָט פאַרפּאַקט דאָס בילד, וואָס זיי האָבן געקויפט ביים מאָלער און געוואָלט, אַז ער זאָל עס מיטנעמען אַהיים, נאָר דאָ האָט אין אים פּלוצים אויפגעפלאַקערט אַ געפיל פון נקמה און ער האָט געטראַכט:

— איך נעם נישט מיט מיינע פאָטאָגראַפיעס, וועל איך אויך נישט מיט־נעמען דיין בילד!

און ער האָט עס טאַקע נישט מיטגענומען.

2

אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך דעם מאַנס אַוועקפאָרן, האָט אַדעלאַ באַשלאָסן ווידער צו גיין צום מאָלער רייזבלום מיט דער פרוי. זענען זיי דאָך אירע איינציקע באַקאַנטע אין פּאַריז. ווי פיין האָט מען זי דאָרט אויפגענומען. אויסער דעם האָט זי געהערט אַ סך לויבווערטער אויפן חשבון פון אירע בילדער. זי וועט זיך מיט זיי טאַקע באַראַטן וועגן איר ווייטערדיקן וועג אין דער קונסט.

זי האָט זיי באַזוכט, נאָר מען האָט זי שוין נישט אויפגענומען אַזוי פריינטלעך, ווי דאָס ערשטע מאָל. אפשר איז עס געווען דערפאַר, וואָס דעמאָלט איז אין שטוב ביי זיי געווען נאָך אַ גאַסט און מען האָט זיך נישט געקענט מיט איר ווי געהעריק פאַרנעמען. דאָס איז געווען וויניק, אַ יונגער און שיינער מאָלער, מסתמא אַ געגנוג־באַוווסטער, ווייל הן רייזבלום, הן זיין ווייב האָבן אים אַרויסגעוויזן אַ סך אויפמערקזאַמקייט. אַדעלאַ איז געווען אייפערזיכטיק אויף דעם גאַסט. יענער האָט אַפילו געפּרוווט זי פאַרטשעפּען מיט אַ וואָרט, אָבער זי האָט אים געענטפערט אויסמיידנדיק.

זי איז נאָך געווען אַ דריט מאָל ביי רייזבלומען, נאָר די אויפנאַמע איז געווען נאָך אַ קילערע. רייזבלום איז אַפילו נישט אַרויסגעקומען פון זיין אַטעליע אין צימער אַריין ווו זי איז געזעסן. זיין ווייב האָט אַדעלאַן געזאָגט מיט גרויס חשיבות:

— מיין מאַן מאָלט איצט. דאָס זענען פאַר מיר הייליקע שעהן. איך באַמי זיך, אַז אַרום זאָל זיין אַבסאָלוט שטיל.

און זי האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַ שעפּטשנדיקן קול. אַדעלאַ האָט דאָס לאַנג נישט אויסגעהאַלטן. זי האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דער פרוי און איז אַרויס מיט דעם באַשלוס מער נישט אַרויפצוקומען אין דער דאָזיקער שטוב.

אַדעלאַ האָט באַזוכט דעם לוווּר, דעם מוזיי פון די אימפּרעסיאָניסטן. זי האָט געמיינט אַז נאָך דעם ווי זי וועט זען די בילדער פון די גרויסע מייסטערס, וועט זי ערשט קומען אין דער שטימונג און מיט פאַרשטאַרקטע כוחות נעמען זיך צום מאָלן. געשען איז אָבער דאָס פאַרקערטע: זי איז געוואָרן צעמישט, אָפּהענטיק. אַזוי פיל גרויסע ווערק זענען שוין געשאַפן געוואָרן, ווי קען זי וואַגן מיט זיי זיך צו פאַרמעסטן?

איין מאָל, בעת זי איז געגאַנגען אויף די גרויסע בולוואַרן, האָט זי באַמערקט וויניקן, דעם מאָלער, וואָס זי האָט באַגעגנט ביי רייזבלומען. ער איז געשטאַנען ביי אַ זייל באַקלעפּט מיט אַפישן און געקוקט אויפן פּראָגראַם פון די קומענדיקע קאָנצערטן. ווען זי האָט אים דעמאָלט געטראָפן, האָט זי געפילט צו אים קנאה, געהאַט פאַרדרוס אויף אים פאַרוואָס ער ווענדט אָפּ די אויפמערק־

זאַמקייט פון רייזבלומען מיט דער פרוי פון איר אויף זיך. נאָר איצט האָט זי דערפילט אַ באַדערפעניש מיט אים צו רעדן. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אים, גלייך ווי זי וואָלט אויך געוואָלט זיך דערוויסן דעם פּראָגראַם. זיי זענען אַזוי געשטאַנען איינער לעבן צווייטן אַ רגע־צוויי. ענדלעך האָט ער זיך געלאָזט גיין ווייטער, נישט האָבנדיק זי באַמערקט. אַדעלאַ האָט זיך איינגעקשנט: ער מוז זי זען! זי האָט אים אָנגעהויבן שנעל נאָכצוגיין, בעת זי האָט אים דער־גרייכט, האָט זי זיך צו אים געווענדט מיט עטלעכע ווערטער פראַנצויזיש, וואָס זי האָט געקענט:

— פּאַרדאָן מ׳סיע, או ער לאַ רי...

וויניק האָט זיך צו איר אויסגעדרייט, געוואָלט שוין ענטפערן, נאָר פּלוצים האָט ער זי דערקענט און אַ זאָג־געטון אויף יידיש:

— דאַכט זיך, אַז מיר קענען זיך?

אַדעלאַ האָט זיך ווי אויך דערמאָנט:

— אַ, יאָ... ביים מאָלער רייזבלום...

— דאַרפט איר די גאַס? זי איז נישט ווייט פון דאַנען. דערלויבט מיר אייך אונטערצופירן.

ער האָט זי באַגלייט ביז צו איר האָטעל. אויפן וועג האָט ער זי געפרעגט, ווי ס׳געפעלט איר פּאַריז. וואָס זי האָט שוין באַוויזן צו זען. אים איז זייער גע־פעלן געוואָרן, וואָס זי האָט באַזוכט דעם לוווּר און די אימפּרעסיאָניסטן.

— און דעם מוזיי פון מאָדערנער מאָלעריי האָט איר באַזוכט? — האָט ער זי געפרעגט:

— ניין. איך שרעק זיך, אַז איך וועל דאָרט גאָרנישט פאַרשטיין.

ער האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— דער טייוול איז נישט אַזוי שוואַרץ, ווי די נישט־מאָלער מאָלן אים. שטעלט איין! זענט איר אויף אַנדערע זאַכן אויך אַזאַ שרעקעוודיקע?

זי האָט זיך פאַררויטלט און געענטפערט:

— איך האָב פון דעסטוועגן געקלערט אַהין צו גיין, אָבער נישט אַליין, נאָר מיט אַ מענטשן וואָס פאַרשטייט זיך...

— אַזוי ווי איך האַלט זיך פאַר אַ מענטשן וואָס פאַרשטייט זיך אויף קונסט, בעם איך עס אַן פאַר אַ בקשה צו מיר אייך אַהין צו פירן. איך בין גרייט!

ווי דרייסט ער איז! ווי זיכער ער פילט זיך! מען טאָר זיך נישט אונטער־געבן. זי האָט אים געענטפערט:

— איך דאַנק אייך. איך קען אָבער היינט נישט גיין, איך האָב נישט קיין צייט.

זי האָט דאָס געזאָגט און עס האָט איר גלייך באַנג־געטאָן, פאַרוואָס זי לייגט אָפּ מיט אים דאָס באַגעגעניש.

— אויב אַזוי, וועלן מיר גיין מאָרגן.

— ניין, איבערמאָרגן. — האָט זי זיך געפּרוּווט האַלטן פעסט.

זיי זענען געגאַנגען איבער דעם מוזיי פון מאָדערנער קונסט. אַ סך ביל־דער זענען איר דאָרט געפעלן געוואָרן. אַ סך — האָט זי נישט פאַרשטאַנען און זענען איר נישט געווען צום האַרצן. ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ סך פון די דאָרטיקע בילדער געפעלן אויך נישט וויניקן. ביי אַ געלעגנהייט האָט ער זיך פאַר איר אויסגעדריקט:

— כדי מ׳זאָל קויפן די בילדער פון אַ מאָלער, דאַרפן זיי זיין אַזוי באַנאַל, ווי די וואָס מ׳פאַרקויפט אויפן בולוואַר סעוואַסטאָפּאָל, אָדער מען דאַרף זיי נישט פאַרשטיין, ווי די בילדער, וואָס פּיקאַסאָ מאָלט פאַר די לעצטע יאָרן.

— און ווי אַזוי מאָלט איר? — האָט זי אים געפרעגט.

— איך? — איך האַלט, אַז אַלץ הייבט זיך אָן פון דער ערד. דאָס איז דער ערשטער תנאי. נאָר דאָס אַלץ, וואָס טוט זיך אָנהייבן פון דער ערד, דאַרף די קונסט קענען אויפהייבן איבער דער ערד. נישט אייביקע פּראָבלעמען גיבן די גרויע פאַרב פון דער טאָג־טעגלעכקייט, נאָר טאָג־טעגלעכע — גיבן די פאַרב פון דער אייביקייט.

— איך בין שוין נייגעריק צו זען אייערע בילדער! — האָט זי אויסגערופן.

— נאָך דעם, ווי איר האָט באַזוכט דעם מוזיי פון דער מאָדערנער קונסט וועט איך שוין מסתמא לייכטער זיין צו פאַרשטיין מיינע בילדער. נאָר איילט זיך נישט. רוט איך אָפּ עטלעכע טעג, פאַרדייעט אַ ביסל דאָס, וואָס איר האָט היינט געזען. לאָמיר מאַכן אַ מוזיקאַלישן אַנטראַקט. פאַראַן היינט אין אָוונט אַ גוטער קאָנצערט.

ווי אָנגענעם ס׳איז צו פאַרברענגען מיט אָט־דעם מענטשן! אינדערפרי — מאָלעריי, אין אָוונט — מוזיק. ער איז נישט ווי איר מאַן, וואָס איז שטענדיק פאַרנומען מיט מסחר. וואָס אויב זי שלעפּט אים אַ מאָל יאָ אויף אַ קאָנצערט — כאַפּט ער אַ דרימל. דער מאַן טענהט, אַז רק זי זוכט זיך כסדר, ווייסט אַליין נישט וואָס זי וויל. זי ווייסט שוין יאָ וואָס זי וויל!

זי איז צו אים געקומען אין זיין אַטעליע, וואָס איז אויך גלייכצייטיק געווען זיין דירה. דאָס איז געווען אַ גרויס דאַך־צימער, וואָס אַ טייל פון דעם איז גע־ווען פאַרהאַנגען מיט אַ פאָרהאַנג. מסתמא איז דאָרט געשטאַנען זיין בעט. די ווענט זענען געווען באַהאַנגען מיט פאַרשיידענע בילדער, דורך די צוויי גרויסע פענצטער האָבן זיך געזען אַ סך דעכער מיט קוימענס. ערגעץ ווייט האָט זיך געגרינט אַ פּאַרק מיטביימער. בעת זי האָט באַטראַכט די בילדער האָט זי גע־זען צווישן זיי אַ סך פרויען־אַקטן.

— דאָס האָט איר די פרויען געמאָלן פון דער פאַנטאַזיע? — האָט זי געפרעגט.

— אָ, — ניין! צו אַ קאָמפּאָזיציע, אויב ס׳פעלט מיר אויס אַ פרויען־געשטאַלט, קען איך נאָך מאָלן פון זכרון, אָבער אַן אַקט — מאָל איך מיט אַ מאָדעל. פאַרשטייט זיך, אַז איך האַלט זיך נישט שטרענג ביי דער ווירקלעכקייט. איך גיי אָפּט אַוועק ווייטער.

זי האָט געקוקט אויף די בילדער אַ צעמישטע: אָ, גאָט, וויפל פרויען זענען דאָ אין צימער פאַר אים געשטאַנען נאַקעט!

אויסער די בילדער פון די ווענט, האָט ער איר נאָך געוויזן אַנדערע, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פון קליינעם באַלקאָן. ביי איין בילד האָט ער זי אַ פרעג־געטון:

— וואָס פילט איר, בעת איר קוקט אויף דעם בילד?

— צי האַלט איר מיין מיינונג פאַר אַזוי וויכטיק?

— די מיינונג פון אַ קונסט־קריטיקער צי אַ מאָלער, איז אַוודאי וויכטיקער, אָבער פון צייט צו צייט דאַרף מען אויספּרווון אַ בילד דורך די אויגן פון סתם מענטשן — מ׳זאָל נישט צו ווייט פאַרפליען...

זי האָט זיך געקווענקלט אַ ווײַלע און סוף־כל־סוף געזאָגט:

— איך בין נישט סתם אַ מענטש — איך מאָל אויך...

ס׳האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז ער איז געבליבן אַן אַנטוישטער פון איר ענטפער און זי האָט געפּרווט צוריקכאַפּן:

— אַזוי — פאַר זיך...

— אָ... דאָס איז טייל מאָל אַ מעלה. מענטשן וואָס שרייבן טאָג־ביכער, זענען אָפּט גוטע לייענער פון שיינער ליטעראַטור, און מענטשן וואָס מאָלן פאַר זיך, זענען אָפּט גוטע באַזוכערס פון בילדער־אויסשטעלונגען און אויב זיי האָבן געלט — אויך קויפערס.

ווייטער האָט זיך דער שמועס עפּעס נישט געקלעפּט. ס׳האָט אָנגעהויבן צו ווערן טונקל. ער האָט איר פאַרגעשלאָגן צו גיין מיט אים עסן אין אַ רעסטאָראַן. מיטאַמאָל האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי קען מיט עפּעס אַנדערש פאַר אים זיך אַרויסווייזן נוצלעך.

— צו וואָס גיין אין רעסטאָראַן? איך וועל דאָ עפּעס צוגרייטן! — האָט זי פאַרגעלייגט. — איך האָב ביי אייך באַמערקט אַ ביסל געשיר.

— יאָ, פרישטיק און נאַכטמאָל מאַך איך מיר אָפּט אַליין. אָבער בכלל האָב איך דערצו נישט קיין געדולד. און איר האָט ליב צו קאָכן?

— ניין! איך האָב אין דער היים אַ דינסט, וואָס קאָכט. נאָר טייל מאָל האָב איך אַ פאַרגעניגן צו עסן דאָס, וואָס איך גרייט מיר אַליין צו.

ער איז אַראָפּגעלאָפן אין גאַס און איינגעקויפט שפּייז אויף נאַכטמאָל, בעת זי האָט צוגעגרייט מאכלים, האָט ער דערציילט:

— פאַראַן פרויען, וואָס קלערן בלויז פון קאָכן. אויף איינער אַן אויס־

שטעלונג פון אַ גרויסן מאָלער, האָב איך געזען שטיין אַ פּאָרפּאָלק ביי אַ שטיל־לעבן, וואָס האָט פאַרגעשטעלט פאַרשיידענע פרוכטן. פּלוצים הער איך, ווי די פרוי זאָגט צום מאַן:

— פון דעם ביסעלע פרוכטן וואָלט איך געמאַכט אַ גוטן קאָמפּאָט!

אַדעלאַ האָט זיך צעלאַכט און אויך ער האָט געלאַכט.

נאָכן עסן, האָט ער זי באַגלייט צום האָטעל און ביים געזעגענען זיך איר געזאָגט:

— איך האָב עפּעס געפונען אין אייער פּנים. ווילט איר פּאָזירן פאַר אַ פּאָרטרעט?

זי האָט מסכים געווען. ווען זי איז אָבער שפּעטער געזעסן ביי זיך אין האָטעל־צימער, האָט זי חרטה באַקומען קודם־כל אויף דעם וואָס זי האָט זיך אַזוי שנעל אים אונטערגעבן און געוואָרן פון אַ מאָלערין אַ קעכין. און אויך פאַר דעם וואָס זי איז איינגעגאַנגען פאַר אים צו פּאָזירן. ער מיינט מסתמא אַז זי איז איינע פון די צענדליגער מאָדעלקעס זיינע. זי האָט זיך געלייגט שלאָפן מיט דעם באַשלוס מער צו אים נישט צו גיין, נאָר אינדערפרי האָט זי זיך באַרעכנט, אַז גיין וועט זי יאָ, נאָר נישט פּאָזירן פאַר אים.

ווי זי האָט נאָר געעפנט די טיר פון זיין אַטעליע, איז ער איר אַקעגנגע־קומען און אויסגערופן מיט פרייד:

— איך האָב שוין אַלץ צוגעגרייט צום מאָלן. איך פיל זיך היינט עפּעס באַזונדערס יום־טובדיק געשטימט!

ווי אַזוי האָט זי זיך שוין געקענט אַקעגנשטעלן? — זי האָט זיך אוועק־געזעצט פּאָזירן. ווי לאַנג וועט דאָס דען דויערן? ס'האָט זיך אָבער געצויגן לאַנגע טעג. ערשט איצט האָט זי געזען, אַז אַפילו אַ מענטש האָט אַ סך טאַלאַנט, מוז ער פיל אַרבעטן, אין גאַנצן זיך אָפּגעבן דער אַרבעט. ווי ער ראַנגלט און מאַ־טערט זיך צו געפינען דעם ריכטיקן אויסדרוק! דאָס בילד איז פּאַרט געוואַקסן, און איין מאָל, ווען זי האָט אויף זיך אַ קוק־געטאָן, האָט זי דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס קיין שפּיגל און קיין שום פאָטאָגראַפיע האָט איר ביז איצט נישט געוויזן. זי האָט אים געזאָגט:

— איר ציט אַרויס דורכן פּנים מיין נשמה און איך האָב פּשוט מורא, אַז בעת איר וועט ענדיקן דאָס בילד, וועט פון מיר בלייבן בלויז אַ הויפן ליים.

ער האָט אויפגעהערט צו מאָלן. צוגעגאַנגען צו איר, זי אַנגענומען פאַרן קין און געזאָגט:

— די קונסט איז נישט דאָ דערפאַר, כדי צו פאַרניכטן דאָס לעבן און פאַרנעמען זיין אָרט. דורכן מאָלן וויל איך אייך נישט פאַרלירן, נאָר ערשט אויף אַן אמת געפינען.

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן נענטער, נענטער צו איר פּנים. אָט באַרירט ער

שוין אירע ליפּן. פאַר אירע אויגן האָבן אַ שווינדל־געטון די בילדער פון די מאַדעלקעס אַרום.

— ניין! ניין! — האָט זי אויסגעשריען מיט פחד.

נאָר ער האָט זי שוין געהאַלטן פעסט אין זיינע אָרעמס און הייס געקושט.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און אים צוריקגעקושט. זי האָט געפילט אַז זי וועט שוין צום מאַן מער נישט צוריקקומען.

3.

ס׳זענען אַוועק עטלעכע חדשים זינט אַדעלאַ איז געקומען קיין פּאַריז און זי האָט נאָך אַלץ נישט בדעה געהאַט צו פאָרן אַהיים. דאָס געלט, וואָס דער מאַן האָט איר איבערגעלאָזט, איז שוין לאַנג אַוועק. זי האָט פאַר דער צייט פון אים דערהאַלטן נאָך אַ סומע, אָבער זי איז שוין אויך צערונען געוואָרן. וויניק פאַרדינט לעצטנס כמעט ווי גאָרנישט און זי צאָלט פאַר דעם עסן, פאַר קאָנצערטן און טעאַטער. זי האָט אים אויך געקויפט עטלעכע מתנות: פאַרבן, אַ העמד, קראַוואַטן. אָפט בלייבט זי ביי אים נעכטיקן. דער וועכטער פון הויז קען זי שוין גוט. ער באַקומט יעדעס מאָל פּאַפּיראָסן.

וויניק האָט זיך געגרייט צו אַן אויסשטעלונג. אייגנטלעך, גרייט ער זיך שוין צו איר היפּשע עטלעכע יאָר. אַן אויסשטעלונג מאַכן קאָסט אַ סך געלט, אָבער דאָס פעלן פון געלט איז נישט געווען דער איינציקער אָפּהאַלט. ס׳האָט זיך אים רק געדאַכט, אַז ער איז נאָך נישט פאַרטיק כדי זיך צו ווייזן פאַר דער וועלט. יעדעס מאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז דאָס לעצטע בילד, וואָס ער האַלט אין מאָלן, וועט זיין דאָס בעסטע.

ער האָט געמאָלן פּרויען־אַקטן. אַדעלאַ פלעגט זייער נישט גערן זען די מאָדעלקעס. בעת זי האָט געוווּסט, אַז ביי אים אין אַטעליע געפינט זיך אַ מאָדעלקע, האָט זי נישט געקענט איינזיצן רויק ביי זיך אין האָטעל. זי איז צו אים אַרויפגעגאַנגען און זיך אַוועקגעזעצט קוקן ווי ער מאָלט. איין מאָל־צוויי מאָל האָט ער געשוויגן, נאָר דערנאָך האָט ער זי געבעטן מער נישט אַרויפצוקומען בעת ביי אים געפינט זיך אַ מאָדעלקע. דאָס שטערט אים צו מאָלן. אויסער דעם מאַכט עס דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט דאָ געזעסן און אים געהיט.

אַדעלאַ האָט געהאַט אַ חשד אַז מיט איין מאָדעלקע איז ער צו נאָענט. זי איז געוואָרן אייפערזיכטיק. פלעגט זיך שעהן דרייען פאַרן הויז וווּ ער וווינט, כדי צו זען ווען זי קומט און גייט אַוועק. זי האָט זיך מיט וויניקן זעלטענער געזען. ער האָט איר געזאָגט, אַז עטלעכע חדשים וויל ער זיין פריי. זיך אין גאַנצן אָפּגעבן דעם מאָלן. מיט דער קומענדיקער אויסשטעלונג מוז ער איינעמען פּאַריז.

אין דער איינזאַמקייט האָט זיך ביי אַדעלאַן ווידער אויפגעוועקט די באַדער־פעניש צו מאָלן, וואָס ער האָט געהאַט אין איר אַן רחמנות דערשטיקט. ס׳האָט זיך איר אויך געדאַכט, אַז דורך דעם הייבט זי זיך אויף. זי איז נישט סתם איינע פון זיינע פילע פרויען־מאָדעלקעס. זי איז אַליין אַ מאָלערין. אַ שעפערין.

אַיין מאָל איז זי געקומען צו וויניקן אַ טריומפירנדיקע: די באַלעבאָסטע פון האָטעל ווו זי וווינט, האָט ביי איר באַשטעלט אַ פּאָרטרעט. דערפאַר וועט זי קענען וווינען עטלעכע חדשים בחינם. אין אַ צוויי וואָכן אַרום איז זי געקומען מיט אַ צווייטער נצחון־ידיעה: עפּעס אַ פּרוי, מיט וועלכער זי האָט זיך באַקענט אין האָטעל, האָט ביי איר געקויפט אַ בילד — אַ בוקעט בלומען און איר באַצאָלט פופצן טויזנט פראַנק.

זי האָט גאַרנישט געוווסט אויף וויפל די דאָזיקע ידיעות רעגן אויף וויניקן. געוועזן צייטן, ווען ער האָט וואָכן לאַנג געמאַכט באַמיונגען כדי צו פאַרקויפן אַ בילד און עס איז נישט געלונגען. און־דאָ האָט זי אין משך פון איין חודש פאַרקויפט צוויי בילדער. זי האָט דורך די נייעסן געוואָלט ביי אים ווערן חשובער אין די אויגן, אָבער אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס רייצט זי זיך מיט אים.

— איך בעט דיך, קום וויניקער דערציילן פון דיינע מאָראַלישע דערפאָלגן — האָט ער איר געזאָגט — איך קען דיין אַרבעט און דו ווייסט מיין מיינונג וועגן איר. אויב ס׳גייט אין פאַרדינען — ביי מאַכן קאָרסעטן וואָלסטו געוויס מער פאַרדינט.

זי האָט זיך געפילט באַליידיקט:

— איך מאָל נישט בלויז צוליב געלט. איך וויל עפּעס איבערלאָזן נאָך זיך, וואָס זאָל דערציילן אַז ס׳איז אַ מאָל געווען אַן אַדעלאַ.

ער האָט אַ שמייכל געטון:

— ווער ווייסט היינט פון די צענדליגער מאָלערס וואָס האָבן געלעבט אין לעאָנאַרדאָ דאַ וווינטשיס צייטן, אָבער מאָנאַ ליזאַ איז באַקאַנט אויף דער גאַנצער וועלט. איידער צו זיין אַ שוואַכע מאָלערין, איז שוין גלייכער צו זיין אַ מאָדעלקע ביי אַ גוטן מאָלער. אויף אַזאַ אופן האָט זי גיכער אַ שאַנס צו דערגרייכן די אייביקייט.

נאָר זיינע רייד האָבן אויף איר נישט געווירקט, ווייל ס׳איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט צו איר גאָר אַנדערש גערעדט. דאָס איז געווען דער קונסט־קריטיקער שיבעש, מיט וועלכן זי האָט זיך באַקענט אויף אַ בילדער־אויסשטעלונג. ער איז שוין געווען אין די פופציקער. געהאַט אַמאָל אַ ווייב, נאָר זי האָט אים אַוועקגעוואָרפן, אַ קליינער, אַ דאַרער, מיט אַ פּליך איבער וועלכן ער האָט פאַרצויגן שיטערע, לאַנגע האָר פון לינקס אויף רעכטס. אַפּגעלאָזן, זעלטן אָפּראַזירט, נאָר געהאַלטן האָט ער זיך דווקא פאַר אַ גרויסן עסטעט און אייראָפּעער. מחמת זיין בע־

בעכדיקן אויסזען, האָט ער געפּרוווט צו זיך אַרויסרופן חשיבות און אַפילו פּחד דורך זיינע גרויסע, דיקע ברעמען.

צו אַדעלאַן האָט ער, פון דער ערשטער רגע, ווי זיי האָבן זיך באַקענט, אַרויסגעוויזן אַ סך פריינטלעכקייט. זי האָט אים איינגעלאַדן צו זיך און אים געוויזן אירע בילדער. ער האָט די בילדער געלויבט, באַנוצט זיך מיט אַ סך פאַכמענישע אויסדרוקן. געהאַלטן אַז אויב זי וועט זיך לערנען, דאָס הייסט, נישט אין אַ שול, נאָר פון אים, וועט זי מיט דער צייט אַ סך דערגרייכן.

זי האָט דאָס דערציילט וויניקן. ער האָט זיך אויפגערעגט:

— וואָס דרייט ער דיר אַ קאָפּ, דער זשוליק?!

— דערפאַר ווייל ער לויבט מיינע בילדער, איז ער אַ זשוליק?

— יאָ. גוטע מאָלערס פאַרשווייגט ער און דיך האָט ער גענומען פלוצים לויבן!

— איך זע אַז פון פרעמדע קען איך דערוואַרטן מער אויפמערקזאַמקייט ווי פון דיר.

— אַדעלאַ, איך וויל, אַז דו זאָלסט מיך פאַרשטיין. ס׳קען אַזוי ווייטער נישט גיין. איך מוז מיט דיר רעדן אָפן: מיר איז נישט צום האַרצן וואָס דו מאָלסט. און נאָך מער, וואָס דו טראַגסט דיך מיט דעם אַרום ווייזן אַנדערע. איך האָב מיין גאַנץ לעבן געקעמפט קעגן דילעטאַנטן אין דער קונסט, קעגן די שמירערס. געהאַט דערפון אויסצושטיין אַ סך צרות. איך האַלט, אַז זיי דאַרפן גיין מאָלן הייזער, שילדן, נאָר נישט קיין בילדער. זיי מאַכן אַ תל פון געשמאַק ביים פאָלק. זיי זענען שעדלעך. נאָך מער, ווי ביי אַנדערע, פאַרטראָג איך דאָס נישט ביי דיר. דאָס שטערט פשוט אונדזער צוזאַמענלעבן.

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט דערצו מיין מאָלן, אַפילו ווען איך זאָל זיין, לויט דיר, אַ שוואַכע מאָלערין?

— ס׳האָט אַ שייכות. ווי אַזוי וועל איך פון איצט קענען קעמפן קעגן דילעטאַנטיזם, ווען יעדער פון זיי וועט מיך קענען אַ פרעג־טון: נו, און דיין ווייב?

— איך וועל מוזן שווייגן. און נאָך עפּעס: ווען איך נעם דיך אַרום און קוש דיך

— און דו ביסט דאָך אַ שיינע, דו האָסט אַ שלאַנקע פיגור, געלאָקטע האָר, גרויסע, שוואַרצע אויגן, אַ קליין מויל — אַלע מעלות. נאָר פלוצים קומט מיר פאַר די אויגן אַ פּרווי פון דיינעם אַ פּאָרטרעט. איך דערזע אירע פעלערן אין דיין גוף און ס׳ווערט מיר שלעכט און ס׳שטויסט מיך אָפּ פון דיר.

זי איז געוואָרן טרויעריק:

— ווי אַזוי איז מעגלעך, אַז איך זאָל שלעכט מאָלן? איך לעב דאָך אַזוי שטאַרק איבער דאָס וואָס איך מאָל. איך לייג דאָך אין יעדן בילד אַריין אַזויפיל געפיל און ליבשאַפט.

— מעגלעך. ס׳קען אַ מאָל אַ פּשוטער מענטש מער ליב האָבן די נאַטור פון אַ מאָלער און פון דעסטוועגן נישט קענען אַפילו אויפמאָלן אַ בלעטל פון אַ בוים.

אין אָוונט, איז צו איר געקומען שיבעש. ער האָט געקראָגן צוויי בילעטן אין דער אָפּערע און איר פאָרגעלייגט, אַז זי זאָל מיט אים צוזאַמען אַהין גיין. זי האָט זיך אַנטשולדיקט:

— ליידער קען איך נישט גיין. איך בין היינט נישט ביי דער שטימונג.

— שטימונגען, דאָס איז אַן אָפּטע דערשיינונג ביי אַ קינסטלער, נאָר אפשר וועט איר די שטימונג קענען פאַרטרייבן?

זי איז צו אים צוגעגאַנגען נענטער, אַריינגעקוקט אים אין פּנים און געפרעגט:

— און איר האַלט מיך באמת פאַר אַ קינסטלערין?

די פראַגע איז געקומען אין גאַנצן אומגעריכט פאַר אים. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך געזאָגט מיט אַ מינע פון אַ באַליידיקטן:

— צי דאַרף איך דאָס יעדעס מאָל אײַך איבערחזרן? איר גלייבט מיר נישט?

— פון דעסטוועגן איז פאַראַן עמעצער, וואָס האַלט נישט פון מיין מאָלן — האָט זי געזאָגט מיט ביטערקייט.

— צי קען איך וויסן, ווער דאָס איז?

— וויניק! — האָט זי אַרויסגעשטויסן.

— אַזוי, וויניק... ער איז נישט גערעכט. נאָר ס׳איז אַ באַקאַנטע זאַך: איין מאָלער פאַרגינט נישט דעם צווייטן.

ער איז ממש געווען גליקלעך וואָס ס׳האָט זיך ענדלעך געמאַכט אַ געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן קעגן וויניקן.

— די מאָלערס האָבן אַ טבע נאָר זיך אַליין צו זען, נישט מער קיינעם!

— האָט ער געשריגן — אַנשטאָט אַ יונגן טאַלאַנט צו דערמוטיקן — שטויסן זיי אים אָפּ. גיט זיך נישט אונטער! צום טאַלאַנט מוז מען אויך האָבן אַ סך עקשנות.

זי האָט אויפגעלעבט. באַשלאָסן מיט אים צו גיין אין דער אָפּערע. אין דער לאָזשע איז ער געזעסן ביי איר זייט, גאָר נאָענט צו איר זיך צוגעטוליעט. ווען ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר אַקסל, האָט זי די האַנט נישט אַראָפּגענומען. איז ער דאָך אַזאַ ווילער און אַזאַ איינזאַמער מענטש. מען דאַרף אים אַרויסווייזן אַ ביסל וואַרעמקייט.

בײַנאַכט איז זי נישט געשלאָפן. זי האָט באַשלאָסן שאַרף צו רעאַגירן אויף וויניקס ווערטער וואָס ער האָט איר געזאָגט אינדערפרי און אַלץ געזוכט אַן אופן ווי אַזוי דאָס זאָל קומען צום אויסדרוק. קודם האָט זי בדעה געהאַט גיין צו אים און דאָס זאָגן, נאָר שפּעטער האָט זי חרטה געהאַט. ס׳וועט איר פעלן מוט. זי דאַרף עס טון דורך אַ בריוו.

זי האָט אים געשריבן, אַז זיינע ווערטער האָבן זי שטאַרק באַליידיקט. ער

טוט אַלץ, כדי זי צו פֿאַרשקלאַפֿן, כדי נישט צו דערלאָזן אַז זי זאָל ווערן זעלבשטענדיק; ער וויל אַז זי זאָל ווערן זיין שאָטן. ער פּענטעט זי. זי איז נישט אַזוי טאַלאַנטירט ווי ער, אָבער זי האָט אויך אַ רעכט צו עקסיסטירן. זי וויל זיך באַפֿרייען פֿון אונטער זיין רשות. זוכן אַן אייגענעם וועג אין דער קונסט.

זי האָט געהאָפֿט אַז באַלד ווי ער וועט נאָר דערהאַלטן דעם בריוו וועט ער צו איר אַרויפֿקומען, זי איבערבעטן. נאָר ס'איז אַוועק אַ טאָג, עטלעכע, אַ וואָך — ער האָט זיך נישט געוויזן.

דערפֿאַר האָט שיבעש זיך אָנגעהויבן אָפּטער צו ווייזן. ער האָט דערשמעקט, אַז זי האָט איבערגעריסן מיט וויניקן. ער האָט מסתמא אין דעם נישט קיין קליינעם חלק. זאָל וויניק נישט מיינען, אַז ער טויג שוין צו גאָרנישט. נישט נאָר וויניק, אויך אַלע אַנדערע מאָלערס. זיי מיינען אַז ער עקסיסטירט אויף דער וועלט בלויז כדי זיי צו מאַכן רעקלאַמע, זיי צו העלפֿן באַקומען געלט, כבוד און פּרויען. ער וועט זיי נאָך ווייזן וואָס שיבעש קען. אויב ער וועט וועלן, וועט ער אַפֿילו פֿון אַזאַ אַדעלאַ מאַכן אַ מאָלערין.

ער האָט זיך געפֿילט שטאַרקער, שיבעש. שוין מער נישט געווען אַזוי אונטערטעניק און נאָכגיביק צו אַדעלאַן ווי פֿריִער. ער האָט דאָך שוין נישט קיין קאָנקורענט און קען זיך פֿילן זיכערער. אין אַ קורצער צייט איז זיין פֿריִערדיקע אונטערטעניקייט און ווייכקייט צו איר אַריבער אין אַ צווייטן עקסטרעם: אין הערשערישקייט און אין גראָבקייט. דאָס איז געווען אַ געפֿיל פֿון ליבע און גלייכציטיק פֿון נקמה — נקמה אין אַ פֿרוי פֿאַר איר גאַנצן געשלעכט, וואָס האָט זיך איבער אים איזדיעקעוועט. אַדעלאַ האָט נאָכגעפֿאָלגט מיט שטוינונג און שרעק זיין פֿאַרוואַנדלונג. דאָס איז געווען עפּעס אַזוי משונהדיק ווי אַ פֿליִענדיקער, פֿאַרביקער אינזעקט וואָלט דורכגעמאַכט אַ וועג אויף צוריק — צוריק צו דער מיאוסער, קריכנדיקער לאַרווע.

אין איינעם אַן אָוונט איז ער געווען זייער אָנגרייפֿעריש. זי האָט זיך מיט אים געראַנגלט און אים יעדעס מאָל פֿון זיך אָפּגעשטויסן.

— אַנטשולדיקט, מסיע שיבעש —האָט זי געזאָגט— איר פֿאַרגעסט, אַז איך האָב אַ מאַן.

— און וויניק וואָס איז געווען?

— וויניקן האָב איך ליב געהאַט...

אין אים האָט אויפֿגעפֿלאַקערט אַווילדער כעס. ער האָט שוין פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז אויס מיט זיינע חלומות. ער וועט אָבער אַזוי סתם נישט אַוועקגיין אַ באַליידיקטער און אַ פֿאַרשעמטער. ער קען זי נישט באַקומען דורך ליבע, וועט ער זי באַצווינגען דורך גוואַלט. אויב ער וועט זי כאָטש איין מאָל האָבן, וועט ער זיך שטילן. ער האָט זיך אויף איר אַ וואָרף־געטון, זי געדריקט צו זיך מיטן גאַנצן כוח. זי האָט געזען זיינע וואַנזיניקע אויגן און האָט אויפֿגעשוידערט. ער

האָט זי שוין געשלעפּט צום בעט, נאָר פּלוצים האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אין אַ בענקל, אויסגעגליטשט זיך און געפאַלן.

שיבעש האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך אַדעלאַן בעתן פאַלן, נאָר זי האָט זיך גלייך אויפגעהויבן. ער אָבער איז געפאַלן אומגעלומפּערט און אַפּנים זיך גוט צעקלאַפּט, ווייל קוים מיט מי האָט ער זיך באַוויזן אויפצושטעלן. די לאַנגע, שי־טערע האָר, וואָס ער ציט איבערן קאָפּ פון לינקס צו רעכטס, כדי אַ ביסל צו פאַרדעקן דעם פּליך, זענען אים אַראָפּגעפאַלן אויף דער לינקער זייט איבערן אויער. דער קראַוואַט איז אים פאַרפאַרן אויפן אַקסל. די ברילן זענען אים אַראָפּ־געפאַלן, זיך ערגעץ פאַרוואַלגערט און ער האָט איצט געקוקט צעטומלט, מיט האַלב־בלינדע אויגן אַרום זיך.

אַדעלאַן האָט אַנגעכאַפּט אַ געלעכטער בעת זי האָט אויף אים אַ קוק־געטון. אַזוי שלימזלדיק האָט ער אויסגעזען. נאָר פון דער צווייטער זייט האָט זיין הילפלאָזיקייט און פאַרלוירנקייט אַרויסגערופן צו אים רחמנות. זי האָט זיך גע־נומען מיט אים באַשעפטיקן. אים אויפגעזוכט די ברילן, אים פאַרריכט דעם קראַוואַט. ער איז געשטאַנען, ווי אַ קינד, צי אַ קראַנקער און געלאָזט מיט זיך טון, וואָס זי האָט געוואָלט.

אַדעלאַ האָט געשטאַמלט:

— איר וועט מיר מוחל זיין... ס׳איז מיר באמת פיינלעך... איך פיל אייך מיט, איך באַדויער אייך.

שיבעש האָט מיטאַמאָל דערוואַכט און אָנגעהויבן צו שרייען:

— איך דאַרף נישט אַז איר זאָלט אויף מיר רחמנות האָבן! האָט רחמנות אויף זיך אַליין! איך בין אַ קונסט־קריטיקער, וועמען פאַריז קען שוין צוואַנציק יאָר! און איר, ווער זענט? ווער זענט איר — אַ שמירערין!

4.

אַדעלאַ איז אין גאַנצן צוזאַמענגעבראָכן. שיבעש האָט נישט געגלייבט אין איר טאַלאַנט און געלויבט איר מאָלן בלויז צוליב דעם, כדי זיך צו איר צוצו־שמייכלען, כדי זי צו באַקומען ווי אַ פרוי. אויב אַזוי איז דאָך גערעכט געווען וויניק. ער האָט מיט איר גערעדט אָפן און ערלעך. אפשר איז עס טאַקע ביי איר נישט מער ווי אַן איינרעדעניש? זי האָט געוואָלט זיין עפּעס מער, ווי די פרויען פון די אַנדערע מענער. דערצו איז אָבער וויניק דער ווילן אַליין. מען דאַרף נאָך זיין געבענטשט מיט טאַלאַנט.

אויב זי האָט שוין געוואָלט פּרוּוון איר כוח, האָט זי דאָס גערדאַרפט טון

צוריק מיט צען יאָר. אַ פּרוי טאָר נישט מאַכן קיין עקספּערימענטן, ווען זי איז שוין איבער די דרייסיק. ביי דעם עלטער דאַרף זי זיך איינקלאַמערן אין דעם וואָס זי האָט ביז אַהער דערוואָרבן. נישט זוכן צו דערגרייכן מער, נאָר היטן דאָס ביז איצט דערגרייכטע זאָל איר נישט גיין פאַרלוירן.

דערווייל דאַרף מען לעבן. זי מוז גיין זוכן אַרבעט. אומגעריכט האָט זי באַקומען אַ באַשעפטיקונג. בעת זי איז איין מאָל דורכגעגאַנגען דעם בולוואַר סע־וואַסטאָפּאָל, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט כדי אַ קוק צו טון אויף די בילדער וואָס זענען דאָרט אויסגעשטעלט אויף דער גאַס צום פאַרקויפן. זי האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט איינער אַ פּרוי דאַניאַן. וויזט זיך אַרויס אַז יענע פאַרקויפט איצט דאָ די בילדער פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. דאָס זענען שוין די לעצטע בילדער, וואָס זענען נאָך אים פאַרבליבן. ווי די פּרוי האָט געהערט אַז אַדעלאַ איז אַ מאָלערין, האָט זי איר פאָרגעלייגט צו מאָלן פאַר איר בילדער. אַדעלאַ האָט מסכים געווען.

פון דעמאָלט אָן האָט אַדעלאַ איר צוגעשטעלט בילדער. די פּרוי דאַניאַן האָט זיך נישט באַנוגנט בלויז מיטן פאַרקויפן נאָר האָט אויך, יעדעס מאָל גע־געבן אַדעלאַן עצות וואָסערע בילדער צו מאָלן, כדי זיי זאָלן דעם עולם געפעלן. דאָס דאַרפן זיין, דער עיקר, לאַנדשאַפטן. עטלעכעביימער, אַ טייך און אַ הירש, וואָס טרינקט פון אים וואַסער. אַ שיינער זון־פאַרגאַנג. אַ פעלד מיט תבואה און פון דער ווייטנס, אויף אַ באַרג — אַ ווינטמיל מיט פליגל. פון צייט צו צייט קען זי אויך מאָלן אַ פּרויען־אַקט: אַ פּרוי, וואָס ליגט נאַקעט אויפן בעט און די לאַנגע האָר צעוואָרפן אויפן קישן, אָדער אַ פּרוי וואָס ליגט נאַקעט אויפן זאַמד ביים ברעג ים. דאָס וויכטיקסטע איז: מען זאָל דאָס בילד פאַרשטיין. עס זאָל רעדן צום האַרצן. צוליב די דאָזיקע טעמים, האָט זי טייל מאָל אָפּגעוואָרפן אַדעלאַס אַ בילד. דאָ איז נישט קיין אויסשטעלונג פון קונסט, וואָס יעדער מאָלער וויל זיין אַנדערש —האָט זי געטענהט— דאָ האָט יעדעס בילד נאָר איין ציל: פאַרקויפט צו ווערן.

אַדעלאַ האָט זיך באַמיט צוצופּאַסן צו אירע פאָדערונגען און עצות. זי האָט געמאָלן די בילדער און ס'האָט זי געעקלט. אַנשטאָט, ווי זי האָט געהאָפט, אין פאַריז זיך צו לערנען און צו וואַקסן, ווערט זי געשטויסן אַלץ נידעריקער און נידעריקער: זי שענדט אַליין אירע הייליקסטע חלומות. מיט וואָס, למשל, איז דאָס מאָלן אַזעלכע בילדער בעסער ווי צו פאַרקויפן קאָרסעטן? צוליב דעם מאָלן די דאָזיקע בילדער האָט זיך נישט געלוינט איבערצורייסן מיט דער גאַנצער פאַרגאַנגענהייט. זי האָט נישט קיין ברירה און מוז זיך צוריקקערן צום מאַן, צו איר פרידיקן לעבן.

זי האָט געשריבן אַ בריוו צום מאַן, אַז זי וויל צו אים קומען. דער מאַן האָט געענטפערט אַז ער איז גרייט זי ווידער אויפצונעמען, הגם זי האָט אים במשך פון אַזאַ לאַנגער צייט פאַרלאָזט. ער האָט זיך פון דער ווייטנס פאַראינטע־

רעסירט מיט איר גורל און ער ווייסט פון דעם אַז זי האָט אַ געוויסע צייט געלעבט מיט אַ מאָלער. ווי ער האָט געהערט, האָט זי זיך מיט אים צעשיידט און ער האָפט, אַז אויף תמיד. צום סוף האָט ער נאָך מוסיף געווען אַז ער האָפט דאָס זי וועט פון איצט אָן קוקן ניכטערער אויפן לעבן און פאַרשטיין ווי געהעריק אָפּצושאַצן די אַלע באַקוועמלעכקייטן וואָס ער האָט פאַר איר אָנגעגרייט, אַ דאַנק זיינע מי און פּליס. גלייכצייטיק האָט ער איר צוגעשיקט אַ טשעק אויף אַ גרעסערער סומע געלט, כדי צו קענען קויפן אַ שיפסקאַרטע און אויך עטלעכע קליידער, ווייל די פּריִערדיקע זענען שוין מסתמא אָפּגעטראָגן און אַרויס פון דער מאָדע.

אַדעלאַ האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער רייזע. זי איז געגאַנגען זיך געזעגענען מיט דער פרוי דאַניאַן. יענע האָט זייער באַדויערט איר אַוועקפאָרן. זי וויל אַדעלאַן נישט סתם אַזוי אַוועקלאָזן. זי וויל איר מאַכן אַ געזעגענונגס־אָוונט אין אַ רעסטאָראַן. זי וועט אויך פאַרבעטן אירע פריינד. פאַראַן צווישן זיי פיינע לייט. ס'וועט זיין היימיש און אויך פריילעך. אַדעלאַ קען ברענגען אירע פריינד און באַקאַנטע.

אַדעלאַ האָט געקלערט: זי פאַרלאָזט אפשר אויף תמיד פאַריז, וועט זי אויסנוצן די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט פאַרשיידענע פאַריזער טיפּן. דאָס איז אייגנטלעך געווען מער אַ ביסטרא, ווי אַ רעסטאָראַן. ער האָט זיך געפונען אין דער געגנט פון שאַטלע. אַדעלאַ איז אַהין געקומען אַליין. וועמען האָט זי דען געהאַט מיטצונעמען? די פרוי דאַניאַן האָט דערפאַר געבראַכט אַ היפּש ביסל פון אירע מענטשן. עטלעכע פון זיי האָבן נאָך געהאַט אַ מענטשלעך פּנים און געווען נישקשהדיק אָנגעטאָן. די אַנדערע האָבן שוין אויסגעזען ווי קלאָשאַרן. אויסער דעם האָט זיך אַדעלאַן אויסגעדאַכט, אַז דאָ זיצן אויך נישט פאַרבעטענע געסט, נאָר סתם מענטשן, סטאַבילע איינגייערס אין ביסטרא, וואָס זענען שטענדיק גרייט צו נעמען אָנטייל אין יעדער שמחה אָדער אין יעדן סכסוך, וואָס זאָל דאָ נישט פאָרקומען.

דאָס זענען געווען מענטשן, אָנטוישטע דערדריקטע, באַליידיקטע. זיי האָבן אין זיך אַריינגעגאָסן די ביטערקייט פון פלעשער, כדי צו קענען פון זיך פריי אויסגיסן די ביטערקייט פון זייערע הערצער. תחילת איז געווען שטיל, נאָר מיט דעם טרינקען זענען די צונגען לויזער געוואָרן. ס'האָט זיך יעדעס מאָל אויפגעהויבן דאָ און דאָרט אָן אַנדערער און אָנגעהויבן רעדן פאַרן גאַנצן עולם, אָבער זעלטן איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז אַלע זאָלן אים באמת קענען הערן. כסדר האָט נאָך אַ טייל צווישן זיך גערעדט, אָדער געזונגען. צווישן זיך האָט מען גערעדט וועגן פאַרשיידענע ענינים, נאָר אויפן קול פאַרן עולם האָט מען גערעדט עפּעס וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום היינטיקן אָוונט, צו אַדעלאַן. אַדעלאַ האָט פון צייט צו צייט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר דער פרוי דאַניאַן. איין

פרוי וועט אפשר פאַרשטיין די אַנדערע, זאָל דאָס אַפילו זיין אַ פרוי אַ פרעמדע, אַ פשוטע. די פרוי דאַניאַן האָט עס, ווייזט אויס, ווייטער דערציילט איר̈ע פריינד, ווייל פון זייערע רייד איז געווען צו זען אַז זיי קענען איר לעבן.

ס׳האָט זיך אויפגעשטעלט איינער מיט אַ צעשטערט פנים, מיט אַ רויט־לעכער נאָז, קענטיק מחמת גרויס ליבשאַפט צו דער כוסה און אָנגעהויבן צו רעדן מיט אַ הייזעריק קול, וואָס האָט, ווי אַ קנויט אין אַ לאָמפּ מיט צו ווייניק נאַפט — טייל מאָל אַרויפגעזעצט מיט אַ צו־שטאַרקן פלאַם, טייל מאָל, כמעט אין גאַנצן אַראָפּגעזונקען:

— די מאַדאַם אַדעלאַ איז דאָ אַהערגעקומען מיט אַ סך האָפענונגען צו דערגרייכן עפּעס אין דער מאָלעריי, נאָר איצט פאַרט זי צוריק צו איר מאַן. זי טוט גוט! צו וואָס זאָל זי זיצן דאָ און זיך מאַטערן. ס׳איז נישט כדאי זיך מקריב צו זיין פאַר דער קונסט! אין פּאַריז זענען דאָ עטלעכע צענדלינג טויזנט מאָלערס און מער־ווייניקער אַזויפיל זונות... און ס׳איז זייער גורל אַן ענלעכער: דער רוב ענדיקט אין שפּיטאָל, צי אונטער אַ בריק. אַ קליינער טייל לעבט זיך ווי עס איז אויס די יאָרן. בלויז 5 פּראָצענט פון מאָלערס מאַכן אַ קאַריערע — ווערן באַרימט, פאַרדינען אַ סך געלט, און מער ווייניקער אַזאַ פּראָצענט פון זונות — געפינען אַ רייכן מאַן פון דער פּראָווינץ, ווערן באַרימטע אַרטיסטקעס פון קינאָ... דער־פאַר זאָג איך: פאַר אַהיים צו דיין רייכן מאַן. עס און טרינק און טו זיך אָן וואָס שענער. און אויב דו האָסט נישט ליב דיין מאַן — שלאָף מיט אַנדערע!

צווישן עולם איז אויסגעבראָכן אַ געלעכטער. מען האָט געקלאַפּט בראַוואָ מיט די הענט, מיט די פיס, מיט פלעשער אויפן טיש.

עפּעס אַן אַלטיטשקער, אָרעם אָנגעטון, אָבער זויבער, מיט אַ גרוי בערדל און בלויע קינדערישע אויגן האָט זיך אויפגעשטעלט:

— איך האָב נישט בדעה געהאַט צו רעדן — האָט ער אָנגעהויבן — איך בין נישט קיין רעדנער. איך בין אָבער אויפגעשטאַנען, כדי אייך צו זאָגן אַז איך בין נישט מסכים מיט די רייד פון מיין חבר. די מאַדאַם אַדעלאַ קען טאַקע צוריק־פאָרן צו איר מאַן, אָבער די בענקשאַפט צו פּאַריז און צו דער מאָלעריי, וועט איר שוין קיין מאָל קיין רו נישט געבן. וואָס פאַר אַ רייך לעבן דער מאַן זאָל איר נישט צוגרייטן, וועט זי שוין פון דעם קיין הנאה נישט האָבן. אַזאַ איז דער גורל — דאָ איז ער געבליבן שטעקן, נישט געקענט גיין ווייטער.

— וואַלואַ! — האָט ער אַ זאָג־געטאָן און זיך אַוועקגעזעצט אויפן אָרט.

פּלוצים האָט אַדעלאַ דערזען ביים באַר שטיין וויניקן. זי האָט אַזש אַ ציטער געטון. ער שטייט דאָרט און טרינקט. ווי בלייך ער זעט אויס און מיד. וואָס איז מיט אים? איז ער קראַנק? ווי קומט ער בכלל אַהער אין ביסטראָ? זי האָט נישט געוואָלט, אַז ער זאָל זי באַמערקן אין דער דאָזיקער סביבה, אָבער אויף אים האָט זי געוואָלט קוקן און קוקן. זי האָט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגענומען.

נאָכגעשפּירט זיין יעדע באַוועגונג. איר שכן האָט באַמערקט, אַז זי קוקט צופיל אין זיין ריכטונג און איז געוואָרן אייפערזיכטיק:

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף דעם מענטשן? — האָט ער זי געפרעגט — וואָס איז ער דיינער? האָסט נישט וואָס צו קוקן אויף אים. ער קוקט תמיד אויף אונדזער איינעם מיט ביטול. ער האַלט זיך פאַר אַ גרויסן מאָלער. אַפילו אין „דאם״ ווייזט ער זיך זעלטן, און אויב ער קומט שוין, זיצט ער בלויז מיט זיינע מענטשן. ער האָט איצט געהאַט דעם בראָך. געהאַט אַן אויסשטעלונג — און דאַכט זיך, אַפילו קיין איין בילד נישט פאַרקויפט. און די קריטיק — אויך נישט אַזאַ אויסערגעוויינלעכע.

איצט האָט שוין אַדעלאַ פאַרשטאַנען אַלץ. דערפאַר זעט ער אַזוי אויס און דערפאַר זיצט ער דאָ אין ביסטראָ און טרינקט. גאָט! וואָס פאַר אַ האָפענונגען ער האָט דאָס געלייגט אויף דער אויסשטעלונג! ער האָט זיך דאָך צו איר גע־גרייט יאָרן!

וויניק האָט באַצאָלט און זיך געלאָזט אַרויסגיין. אַדעלאַ האָט מער נישט געקענט איינזיצן אויפן אָרט. ער איז אומגליקלעך. ער איז אַליין. זי טאָר אים אַזוי אַליין נישט לאָזן. זי מוז מיט אים רעדן. זי מוז אים באַגלייטן. זי איז אויפ־געשטאַנען, האָט זיך אַ לאָז־געטון צו דער טיר און איז אַרויס אין גאַס. דאַכט זיך, אַז ער גייט דאָרט ביי דער סען. זי האָט אָנגעהויבן צו לויפן אַהין. דאָס איז ער, יאָ. זי האָט אַ געשריי געטון:

— וויניק!

ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. האָט זי זיך טועה געווען? זי איז צוגע־גאַנגען נענטער. ס׳איז פאָרט ער. זי איז שוין געגאַנגען ביי זיין זייט. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אויף איר אַ קוק־געטאָן און ווייטער שווייגנדיק געגאַנגען.

זי איז געווען פאַרצווייפלט:

— וואָס איז מיט דיר? דו דערקענסט מיך נישט!?

ער האָט אַ שיכורלעכן ברום געטון:

— וואָס ווילסטו?

— איך האָב געהערט, אַז די אויסשטעלונג האָט דיר נישט געבראַכט דעם געהעריקן דערפאָלג.

ער האָט איר איבערגעריסן אינמיטן:

— האָסטו שאַדנפרייד, האַ?

אַדעלאַן האָט פאַרפעלט אָטעם:

— אָבער וואָס רעדסטו? איך האָב דיר געווונטשן אַ סך דערפאָלג. איך וואָלט זיך זייער געפרייט, ווען דו ווערסט באַרימט!

— דעמאָלט וואָלטן זיך אַלע מיט מיר געפרייט. אַלע וואָלטן געוואָרן מיינע פריינד!

— איך בין אויך איצט דיר אַ פריינד.

— איצט דאַרף איך קיינעם נישט מער, קיינעם נישט!

זי האָט געזען, ווי ער גייט אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער. זי האָט אים געוואָלט נאָכלויפן, נאָכשרייען, נאָר זי איז געשטאַנען שווייגנדיק־פאַרגליווערט אויפן אָרט. ווי לאַנג איז זי אַזוי געשטאַנען? — אַ פערטל שעה? אַ האַלבע? זי האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך צוריקצוגיין און דאָס אַפילו נישט געפילט. זי איז ערשט געקומען צו זיך, ווען זי האָט זיך געזען ווידער פאַרן ביסטראָ.

ווי אַזוי מען האָט זי דאָרט דערזען, איז געוואָרן אַ שמחה. מען האָט נישט געוווּסט וווהין זי איז אַהינגעקומען און מען האָט זי שוין אַרומגעזוכט. ווייזט זיך אַרויס, אַז קיינער פון די געסט האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן פאַר דעם וואָס ער האָט געטרונקען אָדער ער האָט נישט געהאַט בדעה דאָס צו טון. אַלע האָבן געוואַרט, אַז זי זאָל קומען און זיי אויסלייזן.

אַדעלאַ האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט: זי האָט נישט דאָס טעשל! אין טעשל ליגט איר גאַנץ געלט. ווו האָט זי דאָס געלייגט — האָט זי דאָס איבערגעלאָזט דאָ, אָדער זי האָט עס מיטגענומען מיט זיך בעת זי איז נאָכגעלאָפן וויניקן? — מען האָט איר געהאָלפן זוכן. ס'איז נישט געווען.

ס'איז צוגעקומען דער קעלנער אין דער באַגלייטונג פון באַלעבאָס. זיי האָט מען געזאָגט פריִער, אַז דעם גאַנצן חשבון וועט דעקן די רייכע פרוי, וואָס מען געזעגנט. אויב זי צאָלט נישט פאַר אַלע, זאָל יעדער צאָלן פאַר זיך. דער עולם האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעניכטערט. געקוקט מיט פיינטלעכע בליקן אויף אַדע־לאַן, ווי זי וואָלט זיי בכיוון אַריינגעפירט אין אַ שווערן מצב און זיי דערנאָך איבערגעלאָזט הפקר פאַר דער סכנה.

אַדעלאַ האָט אַראָפּגענומען דאָס זייגערל פון דער האַנט און עס דערלאַנגט דעם באַלעבאָס:

— נעמט עס דערווייל אויפן חשבון. איך וועל עס נאָך קומען אויסלייזן.

די געסט האָבן אָנגעהויבן זיך אַרויסצורוקן פון ביסטראָ. איינער נאָכן אַנ־דערן איז פאַרשוווּנדן; אַדעלאַ האָט זיך געוואָלט געזעגענען מיט דער פרוי קאַ־ניאַן, נאָר יענע איז געווען אין גאַנצן שיכור. איינער פון די געסט, אירער אַ געליבטער אָדער סתם אַ באַקאַנטער, האָט זי מיט גרויס מי אַרויסגענומען פון ביסטראָ, צוגערופן אַ טאַקסי און מיט איר אַוועקגעפאָרן. אַפנים, זי אָפּגעפירט אַהיים.

אַדעלאַ איז געשטאַנען אַליין אין גאַס פאַרן ביסטראָ. ס'איז עפּעס אַזוי שנעל געקומען, אַז איר איז שווער נאָך איצט זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון פון געשעענעם. דאָס גאַנצע געלט, וואָס דער מאַן האָט איר געשיקט און אַפילו אירע פאַר פראַנק — אַלץ איז פאַרשוווּנדן. זי האָט אַפילו נישט אויף קיין מעטראָ־בילעט צו פאָרן אין האָטעל אַריין. יאָ, זי האָט פאַרן אַוועקגיין געזאָגט מען זאָל איר צוגרייטן

דעם חשבון, ווייל זי וויל אָוועקפֿאָרן. דער חשבון איז מסתמא גרייט, נאָר וווּ וועט זי איצט נעמען צו באַצאָלן? זי שרעקט זיך אַהין צו גיין.

פֿאַר איר איז געשטאַנען דער אַלטיטשקער מיט דעם גראָען בערדל און די בלויע קינדערישע אויגן.

— אַלע זענען אַוועק און דיך געלאָזט אַליין —האָט ער געזאָגט— ס'איז שוין שפּעט. וווּהין וועסטו איצט גיין? — קום מיט מיר. דו וועסט ביי מיר נעכטיקן.

זי איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ לונאַטיקערין. ער האָט זי געפֿירט דורך גאַסן און געסלעך מיט דער סען, ביז הינטער דער שטאָט.

— קוק דיך אַרום — האָט געזאָגט דער אַלטיטשקער צו אַדעלאַן — דאָ וווינען מענטשן, וואָס די בעסטע אָרדענונג וועט זיי שוין נישט ענדערן. און אויב זי וועט זיי וועלן ענדערן וועט עס נישט זיין די בעסטע אָרדענונג. וועט עס זיין אַן אָרדענונג ווו ס'פֿעלט פֿרייהייט. בעת אַנדערע האָבן געהאַנדלט מיט גאָלד, מיט זייד, מיט נאַפֿט, גוט געגעסן, געטרונקען און געהולטאַיעוועט, האָבן זיי דאָ געמאָלן בילדער, געשריבן לידער, צי געזעסן ביים ברעג פֿון דער סען, געוואַרימט זיך אויף דער זון, זיך צוגעקוקט צום שפּיל פֿון די כוואַליעס און צום דויך פֿון די שיפֿן, וואָס גייט אַרויף און צעגייט זיך מיט די וואָלקנס. אַ סך מענטשן, וואָס וווינען דאָרט — ער האָט געוויזן מיט דער האַנט אויף דער שטאָט — גרויסע מענטשן, באַרימטע — זענען צו־שוואַך און נעבעכדיק, כדי דאָס צו טאָן, בלייב דאָ, ווי מיר אַלע.

— ניין! ניין! —האָט זיך אַדעלאַ געוועדט— איך וועל בלייבן בלויז נעכ־טיקן. ס'איז נאָר אַ צופֿאַל.

— ס'איז נישט קיין צופֿאַל. ס'האָט אַנדערש נישט געקענט זיין. וואָלט נישט געווען די מעשה מיטן טעשל, וואָלט געווען געקומען עפּעס אַנדערש. דו האָסט דיך איין מאָל אַרויסגעריסן פֿון מאַנס וועלט, איז שוין פֿאַר דיר נישטאָ קיין וועג אויף צוריק.

ער האָט זי צוגעפֿירט צו אַ האַלב־הרובן באַראַק. זיי זענען אַריינגעגאַנ־גען. ער איז געווען כמעט פּוסט. בלויז אַ בעטל און אַ קליין טישל. ער האָט זיך געלייגט אויפֿן דיל און זי — אויפֿן בעטל. ער איז באַלד אַנטשלאָפֿן געוואָרן, נאָר זי האָט זיך איבערגעדרייט פֿון איין זייט אויף דער צווייטער. זיך געלאָזט פֿאַרשווענקען פֿון מחשבות. צי איז נישט גוט, וואָס ס'איז אַזוי געשען? זי וואָלט אפֿשר ווידער אַרויסבאַקומען פֿון מאַן געלט, נאָר צו וואָס פֿאָרן צום מאַן? נאָך דעם וואָס ס'איז געשען, וועט זי שוין מוזן ווערן אונטערטעניק און אין גאַנצן פֿאַרשקלאַפֿט צו אים און צום געשעפֿט. ער איז אַ סוחר און אויב ער לייגט אַריין אין עפּעס קאַפּיטאַל, דאַרף עס טראָגן ריווח. ווי וועלן דערצו אויף איר קוקן די ווייבער פֿון די אַנדערע סוחרים? — זיי וועלן זי באַרעדן און טרייבן רכילות.

זיי האָבן דערלעבט אַ נקמה: האָסט געוואָלט עפּעס בעסערס זיין פון אונדז, האַ? האָסטו געליטן אַ מפּלה!

ניין! זי וועט צום מאַן נישט צוריקפאָרן. זי וועט אויך שוין מער נישט צוריקגיין אין האָטעל אַריין. זי האָט נאָך דאָרטן אַפילו זאכן — זאָלן זיי בלייבן פאַרן חוב. פּלוצים האָט זי זיך דערמאָנט אין בילד, וואָס זי האָט געקויפט ביי רייזבלומען און ס׳איז געבליבן אין האָטעל. ס׳האָט איר באַנג־געטון אויף דעם מיידל, וואָס שטייט דאָרט הינטער די קוליסן און וואַרט מיט פּחד און באַגייס־טערונג מען זאָל איר געבן אַ צייכן אַרויסצוטרעטן אויף דער בינע פאַר דעם עולם. ס׳איז אומזיסט, מיידל, דיין וואַרטן. מען האָט אין דיר פאַרגעסן. דו וועסט שוין קיין מאָל נישט אויפטרעטן אויף דער בינע פאַרן עולם.

אויף דער שיף

די שיף האָט זיך דערנעענטערט צום עקוואַטאָר. צוליב דעם האָט מען זיך אויך איר געגרייט צו פֿייערן די געשעעניש מיט אַ יום־טוב. די מאַטראָזן האָבן אָפּגעוואַשן דעם דיל פֿון דעק, געצויגן שטריק דורך דער לופֿט אונטערן סופֿיט און אויף זיי אויפֿגעהאַנגען קאָלירטע לעמפּלעך, פֿאַרשיידענע פּאַפּירענע באַצירונגען אין דער פֿאָרעם פֿון לאַמטערנעס, שלאַנגען און בלומען. עטלעכע מאַטראָזן האָבן געהאַט זייערס אַ פֿיל מאָל אויסגעפּרוּווטן פּראָגראַם. זיי האָבן זיך אָבער נישט באַנוגנט מיט דעם, נאָר אויסגעפֿאָרשט און אויסגעפֿונען אויך צווישן די פּאַסאַזשירן אַזעלכע, וואָס קענען אָנטייל נעמען אין אַרטיסטישן טייל דורך שפּילן אויף אַן אינסטרומענט, דורך זינגען אַ ליד, צי סתּם דורך דערציילן וויצן און פֿריילעך מאַכן דעם עולם.

באַלד נאָכן אָוונט־ברויט האָט זיך אָנגעהויבן די שׂמחה. אַלע זענען אַרויס פֿון זייערע קאַבינעס אויפֿן דעק. דער רוב איז געווען אָנגעטאָן אין יום־טובדיקע מלבושים און אויפֿן קאָפּ געטראָגן פּאַפּירענע מיצלעך, וועלכע האָבן זיך דאָרט געהאַלטן אַ דאַנק די גומענע שטריקלעך, וואָס מען האָט אַראָפּגעלאָזט און פֿאַרצויגן אונטער דער גאָמבע. די עלטערע האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די בענק און זיך געגרייט צו זיין צושויער פֿון ספּעקטאַקל. אָבער די ייִנגערע האָבן נישט געקענט איינשטיין אויף די ערטער, זיך כּסדר באַוועגט. גרופּעס האָבן זיך געשאַפֿן און זיך אויפֿגעלייזט. ס׳האָבן זיך געהערט געלעכטערס און אויסגעשרייען אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן. מערסטנטייל אויף שפּאַניש און איטאַליעניש.

צווישן עולם זענען אַרומגעגאַנגען מיידלעך, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך נומערן. דאָס זענען געווען די קאַנדידאַטקעס אויף דער קעניגין פֿון שיינקייט, וועלכע האָט געדאַרפֿט אויסגעוויילט ווערן היינטיקן אָוונט. זיי האָבן צו יעדן געשמייכלט, אַרויסגעוויזן וואָס מער העפֿלעכקייט, כּדי צו געווינען שטימען, ווען די גורל־שעה וועט קומען.

די קינדער האָבן אויך געטראָגן מיצלעך אויף זייערע קעפּ. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן ווייסע, רויטע, בלאָע באַלאָנען, און ווי די באַלאָנען האָבן זיך

געריסן פון זייערע הענט, אַזוי האָבן זיי זיך געריסן פון די הענט פון זייערע מאַמעס. געוועזן גייגעריק, געוואָלט אומעטום זיין און אַלץ זען.

די פּאַסאַזשירן־איטאַליענער האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן ביז מען וועט אָנהייבן דעם אָפיציעלן פּראָגראַם. זיי האָבן זיך צונויפגעקליבן אין אַ גרופּע און אָנגעהויבן צו זינגען זייערע לידער, וואָס זענען האַלב־פאָלקסלידער און האַלב־אַריעס פון אָפּערעס. זיי זענען די בעסטע זינגערס אויף דער שיף. די שפּאַניערס זינגען אויך, אָבער זייערע לידער זענען טרויעריק־צעצויגענע און נאָכן צוזייטן, צי דריטן ליד, הייבט אָן צו לאַנגווייליקן. דערפאַר זענען זיי גוטע טענצערס. זיי טאַנצן מיט גרויס טעמפּעראַמענט. קלאַפּן צו צום ריטעם פון דער מוזיק מיט די קאַסטאַניעטן, און אויב דאָס איז נאָך ווייניק — טופּען זיי צו שטאַרק מיט די פיס. ס'דאַכט זיך, אַז אָט ברעכן זיי איין דעם דיל פון דער שיף, פאַלן אַריין אין ים און די ברויזנדיקע כוואַליעס טראָגן אויף זיך אַלץ ווייטער און ווייטער דעם טאַנץ.

אויף אַ באַנק זיצן צוויי מענער און רעדן צווישן זיך אויף ייִדיש. שמואל ווייסמאַן, דער עלטערער, פרעגט ביי סיגאַלן, דעם ייִנגערן:

— מען האָט דיר שוין צוריקגעגעבן דעם פּאַספּאָרט?

— ניין, און דיר?

— מיר זענען נישט די איינציקע. אַזוי פירט זיך אויף אַלע שיפן.

— און מיר דאַכט זיך נאָר, אַז זיי האָבן אויף אונדז אַ חשד. וואָס ווייניקער זיי וועלן אַריינקוקן אין די פּאַפּירן, אַלץ געזינטער וועט זיין.

— דו האָסט מורא?

— מען קען קיין מאָל נישט זיין זיכער. מען זאָגט, אַז אין דער לעצטער נאַכט פאַרן אַראָפּגיין פון דער שיף, קומט אַרויף אַ גאַנצע קאָמיסיע און קוקט איבער אַלע דאָקומענטן. אויב ס'געפעלט זיי עפּעס נישט ביי אַ פּאַסאַזשיר, לאָזן זיי אים נישט אַראָפּ אויף דער יבשה.

— איך בין גאָרנישט אומרויִק צוליב זיי — האָט סיגאַל געענטפערט — נאָר צוליב זיך אַליין. איך קען עס מיר ביז היינט נישט מוחל זיין, פאַרוואָס איך האָב דיך געפאָלגט צו פאָרן ווי אַ גוי.

ווייסמאַן האָט זיך געפילט געקריוודעט:

— אַנשטאָט מיר אָפּצודאַנקען האָסטו נאָך טענות. דו ווייסט דאָך וויפיל געלט און מי דאָס האָט מיך געקאָסט. איך האָב עס געטון נאָר צוליב דיר, ווייל דו ביסט פון דעם זעלבן שטעטל ווי איך און איך ווייל האָבן אַן אייגענעם מענטשן לעבן זיך אין דער פרעמד.

— איך האָב אַזויפיל געליטן אין געטאָ און אין לאַגער צוליב מיין ייִדישקייט און דאָ — פלוצים נעם איך און ווער אַ גוי.

— וואָס — גוי, ווער — גוי? האָסט זיך געשמדט?

— אָבער איך פאַרלייקן נישט מיין ייִדישקייט. ווילן זיי מיך דאָרט אין לאַנד נישט האָבן ווי אַ ייִד, צו וואָס־זשע זאָל איך מיך פאַרמאַסקירן? צו־וואָס זיך אַהין בגנבה אַריינכאַפּן?

— לייג אַוועק דעם כבוד אין אַ זייט. קלער נאָר דערפון, אַז דו האָסט זיך אַרויסגעכאַפּט פון אייראָפּע. דאָ וועסטו פאַרגעסן וואָס ס'הייסט אַזוינס מלחמה. איך מיין, אַז גענוג גערעדט וועגן דעם. מיין ליזאַ האָט געדאַרפט אַרויסקומען און מען זעט זי נישט. איך וועל צוגיין צו איר קאַבינע זען וואָס זי טוט. דו גייסט מיט?

— ניין. איך גיי אין דער קאַבינע. איך האַלט אין מיטן לייענען.

סיגאַל איז אַוועק צו זיך אין קאַבינע. ווייסמאַן האָט זיך געלאָזט גיין צום ווייב. ער האָט זי שוין געטראָפן אויפן וועג צום דעק, ווו די שמחה איז פאָרגעקומען. זי האָט אויף זיך געטראָגן דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס זי האָט געהאַט דאָ אָנצוטאָן. אויפן אַרבל האָט זי געהאַט צוגעטשעפּעט אַ צעטעלע מיט אַ נומער.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נומער? — האָט ער זי געפרעגט.

— אַ מאַטראָז האָט אים מיר געגעבן. דאָס הייסט, אַז איך בין אַ קאַנדידאַטקע אויף צו ווערן די שיינהייטס־קעניגין, וואָס מען דאַרף היינט אויסוויילן.

ווייסמאַן האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— איך האָב דיך שוין אויסגעקליבן...

מיטאַמאָל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה: עטלעכע פּאַסאַזשירן פון די אויבערשטע קלאַסן זענען אַראָפּגעקומען אַהער. זיי ווילן זען ווי „דאָס פאָלק" ווײַלט זיך. וואָלט ווער פון דאַנען חשק געהאַט אַ קוק צו טון וואָס ס'טוט זיך „דאָרטן", וואָלט עס אים אַזוי לייכט נישט אָנגעקומען. ביי די טרעפּלעך, וואָס פירן אַרויף, שטייען מאַטראָסן און היטן, אַז ס'זאָל זיך ווער פון דאַנען נישט פּרווון דורכשמוגלען אין דער צווייטער, צי טאַקע אין דער ערשטער קלאַס, ווייל אָבער עמעצער פון די העכערע קלאַסן אַראָפּגיין אַהער, איז נישטאָ קיין שום אָפּהאַלט.

נישט נאָר וואָס קיינער האָט זיי נישט געשטערט דאָ אַרומצוגיין, נאָר די פּאַסאַזשירן פון דריטן קלאַס האָבן נאָך געהאַלטן, אַז ס'איז זייער שיין און איידל פון זייער זייט, וואָס זיי פאַרלאָזן די בכבודיקע קלאַסן און קומען אַהער. דאָס איז דאָך אַ קרבן פון זייער זייט. מיט זייער קומען טוען זיי דאָ אַלע אָן אַ כבוד.

הגם ס'איז געווען זייער ענג אויפן דעק, האָבן די מענטשן כסדר זיך באַמיט זיי צו מאַכן אַ וועג וווהין זיי האָבן זיך נאָר געווענדט. איינער האָט דעם צווייטן גלייך איבערגעגעבן, אַז זיי קומען פון „אויבן" און ס'האָט זיך באַלד געעפנט אַ שפּאַרע אין דער געדיכטעניש. מען האָט זיי טאַקע צוגלייך באַטראַכט, ווי

מען וואָלט דערוואַרט, אַז זיי זאָלן אויסזען אַנדערש ווי אַלע דאָ און אויך זייערע מלבושים זאָלן זיך אונטערשיידן פון אַלעמענס.

דאָס זענען געווען דריי מענער און איין פרוי. אַלע פיר האָבן געהאַט אַן אויסזען ווי זיי וואָלטן נישט געקומען אַהער כדי דאָ אָנצוהייבן די שמחה, נאָר כדי זי פאַרצוזעצן נאָך פריילעכער און הפקרדיקער. מען קען זיך דאָך דאָ מער דערלויבן, ווי „דאָרט". דאָ קען מען דערוואַרטן מער איבעררעשונגען ווי ביי זיך.

באַזונדערס איז דאָס געווען צו באַמערקן ביי דער פרוי. זי האָט שוין נישט אויסגעזען צו זיין פון דער ערשטער יוגנט. די פאַלדן אויף איר האַלדז האָבן פאַרראַטן איר עלטער. אויפן פנים האָט זי געטראָגן אַ מאַסקע פון כלערליי פאַרבן. דער דעקאָלט פון פאַרנט איז געווען טיף אויסגעשניטן, נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין סך צו ווייזן. אויף די הענט האָט זי געטראָגן שוואַרצע הענטשקעס כמעט ביז צו די עלנבויגנס. אויף דעם קאָפּ — אַ פּאַפּירן מיצל. זי האָט גערעדט מיט אַ הייזעריק קול און פון צייט צו צייט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ קוויטשעדיק געלעכטער.

מען האָט אָנגעהויבן צו טאַנצן. ביי יעדן טאַנץ האָט אַן אַנדערער פון די דריי מענער פאַרבעטן די פרוי צום טאַנצן. די אַנדערע צוויי האָבן זיך יעדעס מאָל צוגעזוכט פרויען צווישן עולם. איין מאָל איז די פרוי נישט איינגעלאַדן געוואָרן פון קיין איינעם פון די דריי מענער. זי האָט באַשלאָסן אַרויסצוווייזן העפלעכקייט און טאַנצן איין מאָל מיט אַ מאַן פון דער דריטער קלאַס. ס'האָט זיך אָבער נישט געפונען אויף איר קיין בעלן. זי האָט עס אויסגעטייטשט, אַז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס קיינער וואָגט נישט, מחמת גרויס דרך־ארץ, זי צו פאַרבעטן טאַנצן. נישט געקוקט אויף דעם האָט עס איר זייער פאַרדראָסן און זי איז שוין געווען גרייט זיך אויפצוהייבן צוריק אין די העכערע קלאַסן. אָבער אירע באַגלייטער, נאָך דעם ווי זי האָט זיי איין מאָל מיטן אייגענעם ווילן פריי געלאָזט, האָבן זיך שוין געפילט ווי אויפגעבונדן, זיך יעדעס מאָל אויסגעקליבן די שענסטע מיידלעך צום טאַנץ און זיך מיט איר נישט גערעכנט, ווי זי וואָלט מער נישט עקזיסטירט. זי איז נאָך אַ ביסל געשטאַנען צווישן עולם און דערנאָך זיך געלאָזט צום ראַנד פון דעק, געשטאַנען מיטן פנים צום ים, ווי זי וואָלט דאָ אַהער צוגעגאַנגען מיט דער איינציקער כוונה זיך אַ ביסל אָפּצופרישן.

ווייסמאַן מיט דער פרוי זענען געשטאַנען און זיך צוגעקוקט צום טאַנץ. ער האָט נישט געקענט טאַנצן. דאָס ווייב — יאָ, יעדעס מאָל, ווען ס'איז פאַרגעקומען עפּעס אַ שמחה ביי זיי, האָט ער זיך שלעכט געפילט. ער האָט געדאַרפט זיך צוקוקן, ווי דאָס ווייב טאַנצט מיט פרעמדע מענער, ווי זיי דריקן זי צו זיך, ווי זייער פנים איז נאָענט צו אירס. זי האָט זייער ליב צו טאַנצן און ער קען עס איר דאָך נישט פאַרווערן. זי איז גרייט צו טאַנצן מיט אים. קען ער נישט האָט ער נישט קיין רעכט איר צו שטערן אין פאַרגעניגן.

די מוזיק האָט אויפגעשפּילט אַ וואַלס. איינער פון די מענער, וואָס איז געקומען פון אויבן, האָט זיך מיט אַ מאָל דערנענטערט צו זיי, זיך פאַרנייגט פאַר ליזאַן און זי פאַרבעטן צום טאַנץ. דאַכט זיך, אַז ער האָט ביי אים פריִער געבעטן דערלויבעניש און ער האָט אַפילו אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ. ער געדענקט דאָס נישט אויף זיכער, אַזוי צעטומלט איז ער דעמאָלט געווען.

זיי זענען אים באַלד פאַרשווונדן געוואָרן פון אויג, פאַרשלעפּט געוואָרן פון אַ סך טאַנצנדיקע פּאָרלעך. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און ער האָט זיי געזען פאַר זיך פאַרבייטאַנצן. זי האָט אַפילו אַ גרוס־געטאָן מיט דער האַנט. דערפון איז אים אַ ביסל לייכטער געוואָרן. שפּעטער, ווען די מוזיק האָט אויפגעהערט צו שפּילן דעם וואַלס, האָט ער שוין געמיינט, אַז זי וועט זיך באַלד צו אים צוריקקערן. אָבער ס'איז אַזוי נישט געשען. זיי האָבן זיך, ווייזט אויס, דערמאָלט געפונען ווייט פון אים, פון דער אַנדערער זייט דעק, און בעת די מוזיק האָט גלייך ווידער אויפגעשפּילט, האָט ער פאַרגעזעצט מיט איר צו טאַנצן.

ווען דער צווייטער טאַנץ האָט זיך געענדיקט, איז ער מיט איר צוגעקומען, יענער האָט אויסגעלויבט ליזאַן, אַז זי איז אַ פּרעכטיקע טענצערין, אַז זי שוועבט ממש בעת דעם טאַנצן. ליזאַ האָט זיך געפילט איבערגליקלעך. ווייסמאַן האָט שוין אויך געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דאָ האָבן זיך צו זיי דערנענטערט די צוויי הערן און די פרוי, וואָס זענען געקומען פון אויבן. אַפּנים, אַז זיי האָב זי נאָך פריִער איבערגעבעטן. זיי האָבן זיך שוין געגרייט צו גיין צוריק ארויף און אים, דעם פּערטן, געוואָלט מיטנעמען. ער האָט אָבער דערקלערט, אַז ער בלייבט נאָך דאָ. די פרוי האָט אויף אים געוואָרפן אַ דערצאָרנטן בליק און איז אַוועק מיט אירע צוויי באַגלייטערס.

ליזאַ האָט, דערזעענדיק די פרוי, זיך אַ ביסל פאַרלוירן, נאָר באַלד איז זי צו זיך געקומען און דערציילט דעם מאַן אַ באַגייסטערטע:

— ווי מיר האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן, זאָגט צו מיר דער הער שולקע עטלעכע ווערטער אויף ענגליש, אָבער איך דערקען, אַז דאָס איז נישט זייער שפּראַך. פרעג איך אים גלייך: זענט איר נישט קיין דייטש? צעלאַכט ער זיך אויפן קול און גיט צו, אַז יאָ.

דער הער שולקע האָט אויסגערופן:

— איר האָט אַ וואונדערבאַרע פרוי! זי אָריענטירט זיך אויף דער מינוט!

ליזאַ האָט אַ קניקס געמאַכט צום הער שולקע:

— איך דאַנק אייך פאַרן קאָמפּלימענט — און זי האָט ווייטער גענומען דערציילן: — דערנאָך בעת דעם טאַנצן, האָבן מיר צווישן זיך גערעדט. דער הער שולקע שטאַמט דאָך פון בייערן, ווי מיין פּאַפּאַ. איז דאָס נישט שיק ?! דער הער שולקע האָט מיט מיר גערעדט אויף דעם בייערישן דיאַלעקט און איך בין געווען גליקלעך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פּאַפּאַ רעדט צו מיר!

— אפשר וועלן מיר גיין צום באַר? — האָט הער שולקע געפרעגט — ס׳איז זייער הייס. איך וואָלט איצט מיט פאַרגעניגן געטרונקען אַ קאַלטן ביר.

— דאָס איז אַ גוטער געדאַנק! — האָט ליזאַ אויסגערופן און גלייך דעם מאַן אַ צי־געטאָן פאַר דעם אָרעם — מיר וועלן גיין.

זיי זענען געגאַנגען צום באַר, זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און באַשטעלט ביר. בעת דעם טרינקען האָט ליזאַ געפרעגט דעם הער שולקע, צי ער פאָרט ווי אַ טוריסט, אָדער ווי אַן עמיגראַנט. ער האָט געענטפערט, אַז ער פאָרט דערווייל ווי אַ טוריסט, אָבער מיט דער כוונה זיך שפּעטער צו באַזעצן אין לאַנד. באַלד ווי די מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז זיינער אַ חבר אַנטלאָפן אין איינעם פון די דאָזיקע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. ער האָט אויך מיטגענומען אַ געוויסע סומע געלט און האָט פאַרלייגט אַ גרעסערע פאַבריק. די געשעפטן זענען נישט שלעכט אַוועק. איצט פאָרט ער אַ קוק־טאָן, ווי ס׳זעען אויס די מעגלעכקייטן צו פאַרגרעסערן די פאַבריק און זיך אויך דאָרט צו באַזעצן. פון איצטיקן דייטשלאַנד איז ער נישט איבעריק צופרידן. אויב די לאַגע וועט זיך אַ מאָל ענדערן, וועט ער צוריקפאָרן.

זי האָט אים נאָך געשטעלט אַנדערע פראַגן און ער האָט געענטפערט. ער אַליין האָט אָבער נישט געשטעלט קיין שום פראַגן, נישט איר און נישט ווייסמאַנען. ווייסמאַן האָט ביי זיך געקלערט, אַז ליזאַ האָט אים שוין דערציילט, אַז זי האָט אַ יידן פאַר אַ מאַן, וויל ער צוליב דעם נישט אויפרירן דעם ענין.

פלוצים האָט ליזאַ אַ פרעג־געטאָן:

— און ווי זעט עס אויס ביי אייך אין דער ערשטער קלאַס?

— זייער שיין, נאָר אַ ביסל לאַנגווייליק.

— און דער באַר ווי זעט דאָרט אויס?

— גאָרנישט צום פאַרגלייכן מיט דעם. גרעסער, לופטיקער און דער בופעט — ווונדערבאַר.

— איך בין נייגעריק דאָרט אַ קוק צו טאָן.

ווייסמאַן האָט אַ קוק־געטאָן מיט פאַרוואורף אויף דער פרוי און געזאָגט:

— מען וועט אונדז אַהין נישט אַרויפלאָזן.

דער הער שולקע האָט דערקלערט:

— אויב איר גייט מיט מיר און איך זאָג דעם מאַטראָז, אַז איר זענט מיינע געסט, וועט מען אייך יאָ דורכלאָזן.

ווייסמאַן האָט אַ ווײַלע געשוויגן. דערנאָך האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט:

— ניין. איך האָב נישט בדעה אַהין צו גיין.

— וואָס איז? פאַרוואָס? — האָט אים ליזאַ געפרעגט.

— ווייל איך... איך בין מיד.

— וועל איך אַליין גיין מיטן הער שולקע. דו וועסט דאָך דערלויבן... נישט ברוגז זיין... איך וועל זיך נישט לאַנג זאַמען... נאָר אַ קוק־טאָן... דו וועסט דאָ צוואַרטן אויף אונדז... טאַקע דאָ ביי דעם טישל...

זי האָט אים אַ קוש־געטאָן. ער האָט צוגעזאָגט דאָ צוואַרטן. נאָר ווי ער האָט זיי געזען פאַרשווינדן, האָט ער זיך גלייך אויפגעהויבן און איז אַרויס פון באַר. דער כעס האָט אין אים געזאָטן. ער איז ווידער אַרויס אויפן דעק, זיך געשטופּט צווישן די טאַנצנדיקע, ווי ער וואָלט געדאַרפט ערגעץ שנעל אָנקו־מען. ער האָט אָבער דאָרט נישט געקענט לאַנג איינשטיין. ער האָט באַשלאָסן צו גיין צו סיגאַלן אין דער קאַבינע. ער האָט אים געטראָפן ליגן אויפן בעטל און לייענען אַ בוך. בעת סיגאַל האָט אים געזען אַריינקומען, האָט ער זיך אויפ־געהויבן און אָוועקגעלייגט דאָס בוך אין אַ זייט, נישט פאַרמאַכנדיק עס, ווי ער וואָלט נאָך בדעה געהאַט באַלד ווידער צו לייענען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ בוך? — האָט וויסמאַן געפרעגט.

— פון „יענע" יאָרן. איינער באַשרייבט דאָ זיינע איבערלעבענישן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער.

— איז דיר נאָך ווייניק, וואָס דו ביסט דאָרט אַליין געווען, מוזסטו נאָך לייענען, וואָס אַנדערע האָבן דאָרט דורכגעמאַכט?

— איך וויל אָפּט פאַרגלייכן דאָס אַליין־איבערגעלעבטע מיט די איבער־לעבענישן פון אַנדערע. טייל מאָל קען מען די אייגענע איבערלעבענישן אַזוי אַרום ערשט אויף אַן אמת פאַרשטיין.

— און איך מיין, אַז דו דאַרפסט זיך וואָס מער באַמיִען צו פאַרגעסן אין דעם, וואָס מיט דיר איז געשען. דו דאַרפסט לייענען אַנדערע ביכער, פריילע־כערע. מ׳איז אַפילו דאָ אויף אַ שיף, אָבער אויך דאָ קען מען גוט פאַרברענגען.

— איך זע גאָרנישט, אַז דו זאָלסט אַזוי גוט דאָ פאַרברענגען.

— איך בין טאַקע איצט געקומען דיך רופן, אַז דו זאָלסט מיט מיר צוזאַ־מען אַרויסגיין אויפן דעק. דאָרט איז איצט זייער פריילעך. פאַרמאַך דאָס בוך און קום. נישט יעדן טאָג קומען פאַר אַזעלכע שמחות. שטיי־אויף!

סיגאַל האָט פאַרמאַכט דאָס בוך. אַ ווײַלע צוגעמאַכט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך נאָך געוואָלט אָפּגעזעגענען מיט יענע העלדן, אָדער בעטן ביי זיי אַנטשולדיקונג, פאַרוואָס ער לאָזט זיי איבער און גייט זיי פאַרבייטן מיט אַנ־דערע. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— גייען מיר.

זיי זענען אַרויס אויפן דעק. דאָ האָט עס שוין געהאַלטן נאָענט צום סוף. די עלטערן האָבן זייערע קינדער געשלעפּט אין די קאַבינעס שלאָפן. ס׳האָבן שוין איצט נישט געטאַנצט אַזויפיל פאַרלעך ווי פריִער. ס׳איז שוין געווען שי־טערלעכער. ס׳זענען איבערגעבליבן ביים טאַנץ די יונגע און די, וואָס האָבן

זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין טאַנצן. פריִער, אין דער געדיכטעניש, איז געווען שווער אונטערצושיידן פון אַ גוט טאַנצנדיק פּאָרל צו אַ שלעכטן. אַלע האָבן זיך געדרייט און אָנגעשלאָגן איינס אין צווייטן. איצט האָבן שוין די שלעכטע טענצער נישט געוואַגט אַרויסצוגיין. די, ביי די זייטן, זענען געשטאַנען און זיך אָפּגעגעבן מיט מבינות.

ס'האָבן זיך אויך אַרומגעדרייט די קאַנדידאַטקעס אויף קעניגינס פון שיינ־קייט. אַ טייל פון זיי זענען געווען אַרומגערינגלט פון די פאַרערערס. יעדעס מאָל, ווען זיי האָבן באַמערקט עמעצן אַוועקגיין שלאָפן, האָבן זיי אין האַרצן זיך געווונטשן, אַז יענער זאָל האָבן געוואָלט שטימען אויף אירער אַ קאָנקורענטקע. אירע אָנהענגער זאָלן אַלע בלייבן און זי אויסוויילן.

— ווו איז דיין פרוי? — האָט סיגאַל געפרעגט ווייסמאַנען — זי פילט זיך נאָך אַלץ נישט גוט?

ווייסמאַן האָט געענטפערט אַן אָנגעכמורעטער:

— זי פילט זיך דווקא זייער גוט.

סיגאַל האָט חושד געווען, אַז צווישן אים און ווייב איז פאָרגעקומען אַ קריג־עריי און זי האָט זיך אָנגעברוגזט און וויל נישט אַרויסגיין אויפן דעק. האָט ער ווייטער נישט געוואָלט פרעגן. ווייסמאַן האָט אָבער געוואָלט זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. צוליב דעם טאַקע איז ער דאָך אייגנטלעך געגאַנגען צו אים און אים אַרויסגעשלעפּט פון דער קאַבינע.

— מיין פרוי האָט פּלוצים געפונען איינעם, וואָס האָט מיט איר געטאַנצט — האָט ווייסמאַן אָנגעהויבן דערציילן. — האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים. ער איז אַ דייטש און נאָך דערצו פון דעם זעלבן שטעטל ווי איר פאָטער.

— וואָס־זשע ווילסטו פון איר? ווען דו וואָלסט געטראָפן וועמען, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דעם זעלבן אָרט, ווו דיין טאַטע?

— וואָס פאַרגלייכסטו?

— און דו האָסט געמיינט, אַז דערמיט, וואָס דו האָסט מיט איר חתונה־געהאַט, האָט זי שוין איבערגעריסן מיט אירע עלטערן, מיט איר פאָלק? ס'וועט זי שטענדיק ציִען צו זיי.

— איך האָב דען פאַר איר פאַרלייקנט, אַז איך בין אַ ייִד? — זי האָט גע־ וווּסט וואָס זי טוט. און ווען איך וואָלט געווען דעמאָלט געפאָדערט פון איר, אַז זי זאָל זיך מגייר זיין, וואָלט זי עס אפשר אויך געווען געטאָן.

— מען האָט בעת די לעצטע צוויי וועלט־מלחמות טאַקע באַזיגט די דייטשן, אָבער מען האָט זיך געמוזט פריִער מיט זיי שווער שלאָגן. ווי די דייטשע מענער זענען האַרט און עקשנותדיק, אַזוי זענען זייערע פרויען נאָכגיביק. זיי איינצו־נעמען איז זייער לייכט. נאָך דער ערשטער און דער צווייטער מלחמה האָט מען

זיי געקענט קויפן פאר פאפיראסן. נעם דיך נישט איבער. זיי זענען נישט בלויז געשלאפן מיט יידן, נאר אויך מיט נעגערס...

— איך זע, אז דו קענסט מיר אלץ נישט פארגינען, וואס איך האב א פרוי, וועלכע איז אויף א העלפט יינגער פון מיר. לויט דיר האב איך געדארפט נעמען איינע, וואס איז ארויס פון א קאנצענטראציע־לאגער, א קראנקע און א נערווועזע, אדער גאר אן אלטע אלמנה. דו ביסט יינגער פון מיר, דו קאנסט נאך געפינען אויף אן אנדער וועג א פרוי, איך — נישט.

— איך וועל דיר זאגן דעם אמת: ווען דו וואלסט דיר געוועזן געבראכט פון רוסלאנד א רוסישע פרוי, ווי א סך אנדערע האבן עס געטאן, וואלט מיך די זאך נישט אנגעגאנגען. אבער א דייטשקע? איז דאך מעגלעך, אז איר טאטע אדער ברודער, האט געהרגעט דיין טאטן און דיין ברודער.

— זיי האבן ביי אונדז אזויפיל צוגענומען! — האט וויסמאן אויסגערופן.

— א ווייב איז נישט א כלי, נישט א מלבוש און נישט א בהמה, וואס מען קען איבערנעמען פון א צווייטן און זיי באנוצן. א ווייב דארף זיין א שותף צו דיין הויז, א מאמע פאר דיינע קינדער.

וויסמאן האט אים אויף דעם נישט באלד געענטפערט. געשוויגן א ווילע, געטראכט, נאר דערנאך האט ער געזאגט דעם חבר:

— פון דעסטוועגן, נאך דעם ווי איך האב מיט איר חתונה געהאט און פאר מיט איר צוזאמען אין נייעם לאנד אריין, וואלסטו מיר נישט געדארפט זאגן, וואס דו האסט געזאגט.

איצט האט שוין סיגאל זיך נישט געאיילט מיט אן ענטפער. זענען זיי געזעסן ביידע און געשוויגן. מיטאמאל האט וויסמאן באמערקט זיין פרוי מיטן דייטש אנקומען און ער איז זייער צופרידן געווען. צום אומאנגענעמען שמועס וועט אזוי ארום נעמען א סוף.

— מיין פרוי קומט! — האט ער אויסגערופן און זיך געלאזט אין איר ריכטונג.

ס׳האט זי אויך דערזען סיגאל. ער האט זי געזען מיט דעם מאן, דעם דייטש, און פלוצים איז ער בלייך געווארן און אנגעכאפט וויסמאנען קראמפהאפט פארן ארעם!

— דאס איז דאך — ער! ער! — האט ער געשריגן.

— ווער איז ער? ווער? — האט וויסמאן געפרעגט א דערשראקענער.

— שולקע פון קאנצענטראציע־לאגער... דאס האט ער פארשמיסן יידן צום טויט... ער!

— ביסטו זיכער אין דעם, אז דאס איז ער?

— זיכער, זיכער. — האט סיגאל געענטפערט און האט זיך האסטיק א לאז געטאן אין דער ריכטונג פון דייטש. — איך וועל אים, דעם מערדער...

וויסמאַן האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די אַקסלען און פאַרהאַלטן:
— באַרויִק זיך, באַטראַכט זיך, וואָס קלערסטו צו טאָן.
— וואָס האָב איך דאָ נאָך צו קלערן?
— דו וועסט אַרויסרופן אַ סקאַנדאַל. מען וועט זיך צונויפלויפן. מען וועט נעמען פאַרשן.
— וואָס־זשע האָב איך דערפאַר מורא? זאָל ער זיך שרעקן. דער רוצח וועט זיך פאָרן ערשטע קלאַס, לעגאַל, און איך, דער געליטענער, וועל פאָרן דריטע קלאַס און דערצו נישט כשר?
— אַט טאָקע דערפאַר דאַרפסטו זיך היטן אים נישט צו טשעפּען. ער איז דאָ אַן אָנגעזעענער פּאַסאַזשיר — און דו? און איך? מיר האָבן געקויפט די וויזעס. מיר פאָרן ווי קריסטן און נישט ווי ייִדן. דורך דיין אַרויסטריט וועט מען זיך דאָך דערוויסן, אַז דו ביסט אַ ייִד. דאָס קען פירן דערצו, אַז מען זאָל אונדז צוריקשיקן פון וואַנען מיר זענען געקומען.
— הייסט עס, אַז איך דאַרף שווייגן?
— אַוודאי. די טויטע וועסטו שוין נישט העלפן, דו וועסט נאָר אַנדערע ייִדן, לעבעדיקע, ברענגען שאָדן. וואָס נעמסטו זיך סוף־כל־סוף איבער? איז ער דער איינציקער מערדער אויף דער פריי?
סיגאַל איז געבליבן שטיין אַן אָפּהענטיקער. ווי שרעקלעך דאָס איז: וויסמאַן איז דאָך גערעכט. וויסמאַן האָט דערקענט, אַז זיין חבר איז שוין נישט אַזוי פעסט ביי זיך, האָט ער צו אים געזאָגט מיט אַ ווייכער שטים, ווי מען וויל באַרויִקן אַ קינד:
— גיי צו זיך אין דער קאַבינע. לייג זיך צו אַ ביסל. ס'וועט אַוועק.
דערנאָך האָט ער זיך געאיילט צוצוגיין צום ווייב מיטן הער שולקע. זיי קענען אים נאָך פריִער דערזען מיטן חבר און צוקומען. דעמאָלט איז ער שוין מיט גאַרנישט זיכער. ווי דאָס ווייב האָט אים דערזען, האָט זי געפרעגט:
— מען האָט נאָך נישט געוויילט די קעניגין?
— ניין.
זי האָט זיך אָבער נישט באַרויִקט און ווייטער געפרעגט:
— און וועלכע האָט שאַנסן געוויילט צו ווערן?
— מען זאָגט, אַז נומער 4.
— דאַרף מען זי זען! קומט! — האָט זי אָנגענומען דעם מאַן פון דער רעכטער זייט און דעם הער שולקע פון דער לינקער און זיך געלאָזט צווישן עולם. אירע בליקן האָבן געזוכט, גענישטערט, ביז זי האָט ענדלעך דעם נומער געפונען. ליזאַ האָט זי באַטראַכט און געזאָגט:
— אָט דאָס איז זי די שיינקייט? — איך בין אַ סך שענער פון איר!
וויסמאַן האָט געקוקט אויף דעם מיידל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון

אַ גרופּע אירע פּאַרערער. זי איז נישט קיין ליאַלקע־שיינקייט, זי איז אָבער מלא חן. באַזונדערס איצט, אין דער מינוט, ווען אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר פּנים. אַ פרייד האָט אים אַרומגעכאַפּט: ס׳איז אַ ייִדיש מיידל!

דעם הער שולקע איז דאָס מיידל אויך נישט איבעריק געפעלן:

— אָיב זי דאַרפט זיין אייער קאָנקורענטקע — האָט ער געזאָגט ליזאַן — דאַן וועט איר זיכער געווילט ווערן ווי די קעניגין.

פלוצים איז שטיל געוואָרן. אויף דער טריבונע איז אַרויף אַ מאַטראָס און נאָך אים — אַ צווייטער מיט אַ קעסטל אין דער האַנט. דער מאַטראָז האָט געמאָלדן, אַז ס׳הייבט זיך אָן דאָס ציילן די שטימען. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצונעמען די צעטלען און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אויסגערופן אַ נומער, האָט זיך געהערט אַ קלאַפּן „בראַוואָ" פון דעם נומערס פּאַרערער. אויף ליזאַס נומער האָבן זיך שוין געפונען עטלעכע שטימען, אָבער דער נומער איז געגאַנגען פאָרויס, אייבערגעיאָגט אַלע. ענדלעך האָט זיך דאָס ציילן געענדיקט. דער מאַטראָז האָט פייערלעך פּראָקלאַמירט דעם נומער 4 אַלס שיינהייטס־קעניגין. ס׳האָט זיך געהערט אַ שטאַרק „בראַוואָ"־קלאַפּן. אויף דער טריבונע האָט זיך באַוויזן דאָס מיידל, זיך פאַרנייגט און געדאַנקט אירע ווײַלער און צוגלייך שוין אירע „אונטערטאַנען". דער מאַטראָז האָט ביי איר געפרעגט דעם נאָמען און דערנאָך האָט ער אויסגעשריגן:

— זאָל לעבן די קעניגין ראָזאַ ברענער!

ס׳איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון „הוראַ" און „זאָל לעבן".

שפּעטער איז געקומען עפּעס אומדערוואַרטס. דער מאַטראָז האָט געזאָגט:

— די קעניגין דאַרף מען אָנטאָן די קרוין. אַזוי ווי מיר האָבן דאָ אַ גאַסט פון דער ערשטער קלאַס, וועלן מיר זיין אַזוי פריינטלעך און אים איבערגעבן די אָנגענעמע ראָל צו קרוינען די מלכה.

אַ ווײַלע איז הער שולקע געשטאַנען צעמישט. באַלד האָט ער זיך אָבער געכאַפּט וואָס מען וויל פון אים און מיט מיליטערישע שריט, ווי אויף אויסצופירן אַ באַפעל, האָט ער זיך געלאָזט צו דער טריבונע. דער מאַטראָז האָט אים דערלאַנגט די קרוין און אים געהייסן זי אָנטאָן דעם מיידל אויף דעם קאָפּ און דערנאָך פאַר איר זיך שטעלן אויף די קני. דער דייטש האָט עס אויסגעפירט פּינקטלעך.

ווייסמאַן איז געשטאַנען לעבן זיין ווייב, וואָס האָט געקוקט אַ פאַרוויי̆טע אויף דער טריבונע. ער האָט דווקא גרויס הנאה געהאַט דערפון. נאָר פלוצים האָט ער דערזען לעבן זיך סיגאַלן, וואָס האָט אויך געקוקט אויפן אויסטערלישן בילד און ער האָט דערפילט אַ פּחד פאַר דעם, וואָס ס׳קען דאָ נאָך פאָרקומען. ס׳איז שוין שפּעט צו רעאַגירן און אויסמיידן די באַגעגעניש. הער שולקע האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען זיך דערנענטערן צו זיי.

ווי ער איז צוגעקומען, האָט סיגאַל בליץ־שנעל זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן און איז אַוועקגעגאַנגען אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. ליזאַ איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטע פון סיגאַלס מאָדנעם אַוועקגיין. ס'איז איר געווען אַ בושה פאַר דעם הער שולקע און זי האָט געפּרוווט סיגאַלן און צוגלייך זיך אַליין פאַר־טיידיקן:

— דאָס איז מיין מאַנס אַ פריינד... אין דער צייט פון קריג איז ער געווען אין אַ לאַגער... איז ער אַ ביסל נישט אין אָרדענונג מיט די נערוון...

דער הער שולקע האָט געענטפערט:

— אַך יאַ... איך פאַרשטיי... בעת דעם לעצטן קריג האָבן מיר אַלע אַ סך דורכגעמאַכט...

די טובה

1.

וואקסער פאָרט צו זיך אין דערווילע. ער זעט פאַר זיך אַן אויטאָ. יענער פאָרט פאָרויס פאַר זיינעם אַ הונדערט מעטער, צי וועט ער פאָרן פון הינטן? — ניין. ער יאָגט אים איבער. דאָס זעלבע געשעט אויך בעת ער באַגעגנט אַנ־דערע אויטאָס. איז נישט מיטן געשעפט אַזוי? ווען ער שלאָגט זיך אָן אויף זיין וועג מיט אַ קאָנקורענט — וויל ער אים איבעריאָגן. שוין אַזאַ טבע ביי אים.

אויב מען וויל, איז עס ביי אים אַ ירושה פון זיין טאַטן. זיין טאַטע איז אין שטעטל געווען אַ בעל־עגלה. פון דער באַן אין שטעטל אַריין איז געווען אַ מהלך פון פינף קילאָמעטער. פלעגט זיך אָפט טרעפן אַז פון דער באַן זענען געפאָרן עטלעכע בעלי־עגלות מיט זייערע פורן און דעם טאַטן האָט זיך דווקא פאַרוואָלט זיי אַלע איבעריאָגן. די בייטשלעך האָבן געקנאַקט, די פערדלעך גע־הירזשעט, די פאַרשוינען האָבן געשריגן געוואַלד, אַז זיי פאַלן אַרויס פון די פורן, אַז זיי וועלן געהרגעט ווערן — נאָר ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. ביז דער טאַטע האָט זיינס נישט דערגרייכט, איז ער נישט אָפּגעשטאַנען. ער האָט זיך ערשט באַרויקט, בעת ער איז געפאָרן דער ערשטער, בראש פון אַלע בעלי־עגלות.

דעם טאַטנס השגות, משטיינס־געזאָגט, ווי ווייט איז ער אַזוינס געפאָרן — זיין גאַנץ לעבן האָט ער אָפּגעגעבן אויפן וועג אַהין און צוריק צו דער באַן. האָט זיך אים אַ מאָל געמאַכט אַ נסיעה אויף עטלעכע מייל פון שטעטל, איז עס שוין געווען אַ געשעעניש פון וועלכן מען האָט דערנאָך געהאַט צו דערציילן און דערציילן. ווען דער טאַטע זאָל אים אַזוי זען פירן דעם אויטאָ? — דער טאַטע האָט וועגן אים קיין גוטע מיינונג נישט געהאַט. ער איז געווען אַ קליינער, אַ שוואַכער. טאַקע דעריבער האָט אים דער טאַטע אָפּגעגעבן צו אַ שניידער. ס׳איז אָבער אַרויס אים לטובה. אַ דאַנק דעם האָט ער זיך דאָ גענומען צו קאָנפעקציע פון מענער מלבושים און זיך אַרויפגעאַרבעט.

נאָך פאַר דער מלחמה האָט אים שוין אָנגעהויבן צו גיין גוט. דעמאָלט האָט

ער בדעה געהאַט צו מאַכן אַ באַזוך אין שטעטל, ווו ער איז געבוירן. דער טאַטע זיינער האָט שוין נישט געלעבט, אָבער ס׳האָבן נאָך געלעבט די מאַמע, די ברידער און די גאַנצע משפחה. דאָס גאַנצע שטעטל איז נאָך געשטאַנען. ער וואָלט זיי דאָרט געוויזן, ווי ער איז געוואָרן אַ מענטש. וויפל כבוד מען וואָלט אים דאָרט צוגעטיילט. האָט ער זיך אָבער געקליבן צו לאַנג. ס׳איז אויסגע־בראָכן די מלחמה און היטלער האָט אָפּגעווישט דאָס גאַנצע שטעטל מיט אַלע יידן.

ער איז מלא כעס אויף היטלערן, וואַקסער. איצט, מער ווי תמיד. ער האָט אים אַ תל געמאַכט פון אַזאַ רייזע. וואָס שייך די יידן פון די אַנדערע שטעטלעך, וואָס היטלער האָט אויסגעהרגעט, זענען זיי צופיל פאַר אים, ער איז נישט בכוח וועגן אַזוי פיל צו טראַכטן. אָבער וואָס אַנבאַלאַנגט די יידן פון זיין שטעטל — ווי היטלער וואָלט אים פּערזענלעך געטון אַן עוולה. ווי ער וואָלט צוריקבאַקומען אַ נישט־באַצאָלטן וועקסל פון אַ קונה, וואָס איז געשטאָרבן פריער איידער דאָס וועקסל איז געוואָרן פעליק. דאָס איז אַ סך ערגער, ווי עמעצער וואָלט באַנקראָ־טירט. ביי אַ לעבעדיקן איז נאָך שטענדיק פאַראַן אַ האָפענונג אַ מאָל אָפּצו־פאָרדינען זיך דעם שאָדן. אָבער טויט, איז טויט, — געענדיקט.

דאָ אין שטאָט איז אַפילו פאַראַן זיינע אַ לאַנדסמאַנשאַפט. דאָרט געפינען זיך אַ טייל מענטשן, וואָס האָבן אים און זיין משפּחה געקענט אין שטעטל, אָבער ווער זענען זיי? — דער רוב איז פון געמיינעם פאָלק, פון בעלי־מלאכות און פון סתם אָרימעלייט. זיי האָבן זיך דאָ פונקט ווי ער אַרויפגעאַרבעט. פאַר וועמען־זשע זיך באַרימען? אַלע זענען אַזעלכע ווי ער.

ניין, נישט אַלע. ס׳איז פאַראַן איינער אַן אויסנאַם. ער איז דאָ אַהער גע־קומען מיט זיין ווייב שוין נאָך דער מלחמה. בעת דער מלחמה האָט ער זיך געפונען אין אַ געטאָ און שפּעטער אין אַ לאַגער. ווי ער איז געקומען, האָט אים די לאַנדסמאַנשאַפט צונויפגעמאַכט אַ ביסל געלט. מען איז אויך צו אים געקו־מען און ער האָט געגעבן זיין חלק.

דער דאָזיקער שיינער, אַזוי הייסט ער, האָט זיך אין דער זעלבער צייט מיט אים געלערנט דאָס פאַך, נאָר ביי אַן אַנדערן שניידער. ער אַליין האָט זיך געלערנט שלעכט, אָבער יענער האָט געשמט אין שטעטל פאַר אַ גוטן בעל־מלאכה. דער פאָטער פלעגט יענעם כסדר אים שטעלן פאַר אַ מוסטער, אים מוסרן און זאָגן:

— זע, וואָס פאַר אַ לייטיש יינגל משה שמואל הערשס איז! גאָלדענע הענט! לייט האָבן מזל!

ער פלעגט אויסהערן די שטראָף־רייד און אין האַרצן איז אים געוואַקסן אַ שנאה און כעס אויף דעם דאָזיקן משה. ער האָט אים טאַקע אויך מקנא געווען. איצט איז ער אָבער צופרידן, וואָס ס׳איז אַזוי געשען. ווען ער וואָלט געווען אַ

גוטער בעל־מלאכה, וואָלט ער זיך נישט געווען געגומען צו דער קאָנפעקציע פון מענער־מלבושים. יענער איז זיין גאַנץ לעבן געווען און געבליבן אַן אָרעמאַן.

ער האָט אים בסך־הכל געזען אַ צוויי מאָל. נישט מער. נאָר געהערט האָט ער פון אים מער. יענער אַרבעט ביים פאַך. איז געווען אַ צייט קראַנק. מען דאַרף אים זען. פאַר אים זיך ווייזן. אַמאָל איז יענער געווען דער, מיט וועמען מען האָט זיך באַרימט. איצט האָט ער זיך מיט וואָס צו באַרימען. טאַקע נאָר יענער וועט קענען אָפּשאַצן זיין איצטיקן מעמד, זיין עשירות.

ער מוז אים זען. ער וועט נישט וואַרטן אויף קיין צופאַל ביז זיי וועלן זיך אַ מאָל באַגעגענען. דאָס קען צו לאַנג דויערן. נאָר ער וועט זיך אַליין צו אים אַריבערכאַפּן אין שטוב אַריין. ביי דער געלעגנהייט וועט ער טאַקע אים ברענגען עפּעס אַ מתנה. פאַרט אַ געליטענער, געווען אין אַ לאַגער, אין אַ געטאָ, ניט, נישט סתם אַ מתנה וועט דאָס זיין — ער וועט אים טון אַ טובה, אים שטעלן אויף די פיס. ווי אַזוי? מיט וואָס? — דאָס ווייסט ער נאָך אַליין נישט. ער וועט וועגן דעם נאָך אַ טראַכט טון. ער וועט זיין ביי אים אין שטוב, מיט אים רעדן, זען וואָס אים פעלט און וועט דעמאָלט שוין וויסן מיט וואָס ער דאַרף אים העלפן.

.2

פון דער רגע ווי ער האָט אָנגענומען דעם באַשלוס, האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן חשובער ביי זיך. געהאַט פון זיך הנאה. ער איז נישט ווי יענע גבירים, די חזירים, וואָס לעבן בלויז פאַר זיך אַליין און מער גייט זיי גאָרנישט אָן. דער מענטש נעמט דאָך נישט מיט זיין פאַרמעגן אין קבר אַריין. ער איז אַמאָל געווען אין יידישן טעאַטער, געזען דאָרט אַ שטיק, וואָס האָט געהייסן „אַ מענטש זאָל מען זיין". יאָ, מען דאַרף זיין אַ מענטש! ער דערמאָנט זיך טאַקע אין אַ ליד פון יענעם שטיק, וועגן געלט, אַז „היינט איז עס ביי מיר, מאָרגן — ביי דיר, און איבערמאָרגן — ביי אַן אַנדערן". נו, אַזוי שנעל גייט עס אַפילו נישט. ער איז נישט אַזוי גיך געוואָרן אַ גביר און אַזוי גיך וועט ער נישט ווערן אַ קבצן. די שרייבערס זענען פאָרט בטלנים.

ער איז אָנגעקומען. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס ווייב ווייסט שוין פון זיין גוטן באַשלוס און וועט אים אָנטקעגן גיין מיט אַ פריינטלעכן שמייכל, אַז דער זון וועט איבערלאָזן די פילקע מיט וועלכער ער שפּילט זיך און אים אַקעגנלויפן מיט אַ פריידיקן אויסגעשריי: דער פּאַפּאַ איז געקומען! ס'האָט אָבער קיינער פון דער ווילע נישט פאַרגעפילט זיין גוטן טאַט וואָס ער גרייט זיך צו טאָן. נאָר דער הונט האָט אים אויפגענומען. ווי ער האָט געעפנט דאָס טירל פון אויטאָ, איז ער אַ שפּרונג געטון מיט די צוויי לאַפּעס אויף זיין ברוסט

און אַ פריילעכן ביל געגעבן. אַ ווױלער הונט. דער טאַטע זיינער האָט נישט געהאַט צו טון מיט אַ מאַשין, נאָר מיט אַ לעבעדיק פערד, איז אים געבליבן פון פאָטער בירושה אַ ביסל ליבשאַפט צו אַ שטוב־באַשעפעניש.

פאַרבייגייענדיק די קיך, האָט ער געהערט הויכע קולות. ער האָט געעפנט די טיר. אין קיך איז געשטאַנען זיין ווייב און געשריגן אויף דער דינסט. אַרום די דינסטן גייט ביי זיי כסדר אַן אַ מחלוקת. זי נעמט צו תמיד נאָר מיאוסע דינסטן. זי האַלט, אַז אַ שיינע איז נישט קיין באַלעבאָסטע, איז נישט פלייסיק, ווייל איר קאָפּ ליגט נאָר אין פוצן זיך און אין געפעלן ווערן. ער אָבער האַלט, אַז אַ מיאוסע איז צוליב איר חסרון פאַרביטערט און שלעכט. אַ שיינע האָט אָבער אַ גוט האַרץ צו זיך און צו יענעם. זי וויל אים אָבער קיין שיינע דינסט נישט אַריינברענגען אין שטוב. זי פאַרגינט עס אים נישט.

ווי דאָס ווייב זידלט די דינסט! און אַלץ צוליב וואָס? ווייל זי האָט אַ גלאָז צעבראָכן. און אַז זי צעברעכט אַ מאָל עפּעס אַ כלי, איז וואָס? מען רעכנט איר אַראָפּ ענדע חודש פון לוין און גענוג. מען דאַרף זיך נישט אויפרעגן. די דינסט שטייט און כליפּעט און ווישט די טרערן. אים גלוסט זיך צו זאָגן דעם ווייב עפּעס האַרבס און גראָבס, וואָס ער געדענקט נאָך פון זיין טאַטן דעם בעל־עגלה, אַז ס׳זאָל איר אַ ציפּ־טון אין דער זיבעטער ריפּ, נאָר ער דערמאָנט זיך מיטאַמאָל אין דער טובה וואָס ער קלייבט זיך צו טון דעם לאַנדסמאַן. צו פרעמ־דע זיין אַזוי גוט און אַן אייגן ווייב — באַליידיקן? — ניין. קיין שום זאַך איז נישט אין שטאַנד אים קאַליע צו מאַכן זיין גוטע שטימונג.

נאָכמיטיק זענען געקומען צו אים געסט פון דער שטאָט. מען האָט קודם געשפּילט אין קאָרטן, דערנאָך האָט מען געטרונקען טיי און צוגעביסן. בעת ד׳ער גאַנצער צייט האָט געשפּילט דער ראַדיאָ. ס׳איז קיינעם נישט אָנגעגאַנגען וואָס ער האָט געשפּילט. מען האָט נאָך געדאַרפט אַז עפּעס זאָל רוישן. דער ראַדיאָ האָט איצט געגעבן עצות פאַר לאַנדווירטן. וואָקסער האָט זיך געכאַפּט און פאַר־מאַכט דעם ראַדיאָ. ער האָט אים נישט ליב. עס איז אַן ענין פאַר דער דינסט. ליב האָט ער דערפאַר דעם גראַמאָפאָן. דער ראַדיאָ קען שפּילן אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ביז ער טרעפט אים עפּעס צו צום טעם. אַ גראַמאָפאָן איז אָבער אַ באַקוועמע זאַך. מען באַקומט גלייך וואָס מען וויל. מען דאַרף אויף דעם נישט וואַרטן. ווידער איז נישטאָ מיט אַ ראַדיאָ זיך צו באַרימען. ביי אַ גראַמאָפאָן קומען צו יעדעס מאָל נייע פּלאַטן, וואָס דער שכן האָט זיי נאָך נישט און ער האָט זיי שוין באַוויזן צו קויפן. אַ חוץ דעם זענען דאָ ידישע פּלאַטן. ידישע לידער און ידישע וויצן, ווייסט ער, זענען די בעסטע אין דער וועלט. טאַקע איצט, נאָך דעם ווי ער האָט באַשלאָסן צו העלפן דעם לאַנדסמאַן, פּאַסן זיך צו די ידישע פּלאַטן, ווייל וואָלט ער נישט געהאַט אַ ידיש האַרץ, וואָלט ער זיכער נישט בכוח געווען צו טון אַן אַנדערן אַזאַ טובה.

שפעטער, ווען מען האָט זיך צערעדט וועגן פאַרשיידענע ענינים איז אַרויס א ייִד, וואָס געהערט מיט וואַקסערן צו דער זעלבער לאַנדסמאַנשאַפט, מיט אַ טענה קעגן אים:

— אַ ווייב איז טאַקע אַ ווייב און קינדער זענען קינדער, און אַ געשעפט איז אויך גאָר אַ וויכטיקע זאַך, אָבער מען דאַרף אַ מאָל אויך אַ קלער טאָן וועגן כּלל.

וואַקסער האָט אים געענטפערט:

— די אַלע ייִדן וואָס זאָרגן וועגן כּלל — מיינען בלויז כּבוד. איך דאַרף נישט דעם כּבוד און נישט דאָס בענקל.

— קומט איר און טוט נישט צוליב כּבוד!

— איך זוך טאַקע נישט דעם כּבוד. איך וויל אָבער נישט, אַז מיין גוטער נאָמען זאָל באַשמוצט ווערן. אין אַלע חברות גנבעט מען. ווער ווייסט, וויפל פון דעם געלט, וואָס מענטשן גיבן — קומט טאַקע אויף אַן אמת אָן צו די, וואָס דאַרפן עס. דערפאַר — דאָ האָט ער אַ קלער־געטון פון לאַנדסמאַן זיינעם, וואָס ער גרייט זיך אים צו העלפן — דערפאַר האַלט איך, אַז מען דאַרף געבן דעם וואָס נייטיקט זיך — גלייך, אָן פאַרמיטלערס. אָט האָב איך פאַר איינעם עפּעס געטון אַזוינס, וואָס האָט אים ממש געשטעלט אויף די פיס — נו, ווייסט עמעצער דערפון?

ער האָט טאַקע נאָך נישט געטון, אָבער ער וועט עס דאָך טון און נאָך דערצו היינט. ער קען דאָס שוין האַלטן פאַר אַן אָפּגעטוענע זאַך.

אָפּגעזאָגט, האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף די געסט מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט זיי אַלע בייגעקומען. ער איז אָבער נישט פון די, וואָס באַציִען זיך שלעכט צו די באַזיגטע. ער האָט זיך דווקא באַמיט וואָס מער פריינטלעכקייט זיי אַרויס־צווייזן. ער האָט זיי אויפגעשפּילט נייע פּליטעס. ער האָט זיי געפירט אין גאָרטן אַריין און זיך געמאַכט נישט זעענדיק, ווען אַ קינד פון די געסט האָט דאָרט אָפּגעריסן עטלעכע בלומען. וואָס נאָך מער: ער האָט אַ טייל פון די געסט פאַרבעטן צו זיך אין אויטאָ און איז גרייט זיי אָפּצופירן אין שטאָט אַריין. פאַר־שטייט זיך, אַז ער האָט געהאַט נאָך אַ מיין דערביי. ער האָט געוואָלט באַזוכן דעם לאַנדסמאַן, ווייל אין אַ וואָכעדיקן טאָג האָט ער נישט קיין צייט דאָס צו טון.

נאָך איידער ער איז אַריין צו שיינערן אין דער וווינונג, אויף די טרעפּ, האָט ער געהערט אַ קלאַפּן פון מאַשינען. בעת ער האָט געעפנט די טיר, האָט ער געזען זיצן דעם מאַן ביי איין מאַשין און דאָס ווייב — ביי דער צווייטער. ביידע האָבן אָפּגעשטעלט דאָס נייען און ער האָט געזאָגט:

— האַ, אַ גאַסט!

גאָר ער האָט זיך נישט אויפגעהויבן פון אָרט. דאָס ווייב האָט זיך אויפ־

געהויבן. ער האָט דערזען, אַז זי שוואַנגערט. זי איז שוין מסתמא אין זעקסטן, צי אין זיבעטן חודש. זי האָט אים דערלאַנגט אַ בענקל:

— זעצט אייך, ביטע.

— ער אַרבעט זונטיק אַפילו און דאָס וויב אויך, דערצו ווען זי איז אין די הויכע חדשים — האָט וואַקסער אַ טראַכט געטון און זיין שטימונג איז אים גלייך קאַליע געוואָרן.

ער האָט געזען, אַז זיי ווילן וויסן וואָס ס׳האָט אים אַהער געבראַכט, אָבער פון דעסטוועגן פרעגן זיי נישט. ער מוז עס אַליין זאָגן. דערציילן די סיבה? די סיבה? אפשר שפּעטער. איצט האָט ער געזאָגט:

— איך בין דורכגעפאָרן מיט דעם אויטאָ... קלער איך מיר: מען דאַרף אַריינגיין אַ קוק־טון וואָס איר מאַכט... איר זענט דאָך געווען קראַנק...

— יאָ, צוריק מיט צוויי חדשים.

— מען האָט מיר דערציילט, דאַכט זיך, עמעצער פון דער לאַנדסמאַנ־שאַפט.

— זיי האָבן מיר געבאָרגט אַ ביסל געלט. איך האָף עס בקרוב זיי צוריק־צוגעבן.

— ווי גאַווהדיק ער רעדט דאָס —האָט וואַקסער געטראַכט— ער וועט בקרוב אָפּגעבן דאָס געלט. און געזאָגט האָט ער הויך:

— ווי איך זע, מאַכט איר עס בעסער פון מיר. ווען איך בין אַהער גע־קומען, האָט מיר קיינער אַפילו אַ טרונק וואַסער נישט געגעבן. איך האָב גע־בידעוועט, געהאָרעוועט. איר האָט שוין מאַשינען, אַ דירה!

זי האָט זיך אָנגערופן:

— אַ שטוב מיט אַ קיך... מילא, איצט איז נאָך נישקשה, אָבער אַז ס׳וועט געבוירן ווערן דאָס קינד — ווי אַזוי וועט עס שלאָפן, ווען די מאַשינען וועלן קלאַפּן?

ער האָט מיטאַמאָל האַרב אַ פרעג געטון:

— פאַרוואָס אַרבעט איר זונטיק און דערצו נאָך אין די הויכע חדשים?

אַ רויטקייט האָט פאַרגאָסן איר פּנים. זי האָט זיך געפילט פאַרשעמט, אומ־באַהאָלפן און זי האָט גענומען זיך פאַרענטפערן:

— מיר האָבן אַ סך חובות... און דער הער גראָס וויל נישט וויסן פון גאָרנישט... מיר מוזן צושטעלן די אַרבעט... ס׳איז סעזאָן...

— אָ, דאָס אַרבעט איר נישט פאַר פּריוואַטע קונים, נאָר פאַר אַ געשעפט, פאַר דער פירמע גראָס — האָט ער זיך געחידושט און האָט גענומען אַ פּאָר הויזן אין די הענט אַריין. ער האָט די הויזן באַקוקט און דערנאָך געזאָגט מיט פאַרדראָס:

— איר גיט זיך צופיל אָפּ מיטן נייען. ס'איז צו גוטע אַרבעט פאַר קאָנ־פעקציע. גראָס איז נישט קראַנק צו נעמען ערגערע סחורה!

די פרוי האָט זיך ווי פאַרענטפערט:

— מיר אַרבעטן נישט פאַר גראָסן.

— פאַר וועמען נאָך?

— מיר אַרבעטן אויך פאַר איינעם אַ ייִד, וואָס פאַרקויפט מלבושים אויף אויסצאָלן.

מיטאַמאָל האָט ער זיך עפּעס דערמאָנט. צוריק מיט עטלעכע חדשים האָט ער באַקומען פאַרשיידענע שטאָפן פון דער פאַבריק. ער האָט זיי איבערגעקוקט און באַמערקט אַז איין מין איז נישט ווי געהעריק אויסגעאַרבעט. אַ ביסל שי־טערער געוועבט. ער האָט פאַרלאַנגט פון דער פאַבריק, אַז זי זאָל אים אַראָפּ־לאָזן צוואַנציק פּראָצענט פון פּרייז און זי האָט געמוזט נאָכגעבן. ער וועט דעם לאַנדסמאַן זיינעם פאַרשלאָגן צו קויפן די סחורה.

זיין שטים איז געוואָרן ווייכער:

— אויב איר אַרבעט אויס מלבושים פאַר דעם ייִד וואָס פאַרקויפט אויף אויסצוצאָלן — דאַרפט איר דאָך האָבן שטאָף. בין איך גרייט אייך אונטערצוקומען און אַרויסהעלפן. פאַרט אייגענע מענטשן. ווייל איך קויף אַ סך סחורה, באַקום איך פון דער פאַבריק אַ געהעריקע הנחה. וויל איך אייך אָפּגעבן אַ הונדערט מעטער סחורה צום קאָסטן־פּרייז. נוצט אויס אַזאַ גוטע געלעגנהייט!

שיינער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דער פירמע, אויף דער סחורה. יאָ, ער דאַרף טאַקע איצט האָבן אַזאַ שטאָף. וואָקסער קען אים די סחורה צושיקן. וואָקסער האָט מסכים געווען שוין אַפילו מאָרגן אינדערפרי אים צושיקן די סחורה, נאָר ער בעט אים איין זאַך: גלייך איבערצוגעבן דעם באַטרעף דעם מענטשן וואָס וועט ברענגען די סחורה, ווייל ער איז איצט פּונקט געענגט אין געלט.

שיינער האָט צוגעזאָגט דאָס געלט גלייך צו באַצאָלן. ער האָט אַפילו נישט ביי זיך אַזאַ סכום. ער האָט אָבער ביי וועמען זיך צוצובאָרגן.

פון דער רגע איז וואָקסער געוואָרן אומגעדולדיק, נערוועז. ער האָט וואָס פריִער זיך שוין געוואָלט זען אין דרויסן ווי ער וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פאַרשפּעטיקן. ער איז נאָך דאָ געזעסן אַ פערטל שעה, עפּעס געפרעגט, געענט־פערט, אָבער דער קאָפּ איז אים שוין געווען ביי עפּעס אַנדערש. סוף כל סוף האָט ער זיך אָפּגעזעגנט און איז אַרויס.

בעת ער איז אַראָפּגעפאָרן אויף דער ווינדע, האָט ער צו זיך אַליין הויך אויפן קול גערעדט און געשריגן מיט כעס, מיט ביטול:

— ער האָט געקויפט די סחורה און האָט זי אַפילו נישט אָנגעקוקט — און אַז ער וועט זי אָנקוקן, וועט ער דען עפּעס וויסן! אַ סוחר וויל ער ווערן!

אַרויפאַרבעטן וויל ער זיך. דו וועסט שוין בלייבן אַ שניידער דייַק גאַנץ לעבן און אַ קבצן! אַ קבֿ־צן!

ער האָט דאָס ווייב געטראָפן זיצן אין גערטנדל פאַר דער ווילע.

— וואָס איז געשען? פאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג געזאַמט? — האָט זי אים געפרעגט.

— ס׳האָט זיך אָבער געלוינט.

— וואָס איז, פּלוצים?

— דו געדענקסט די בבל־סחורה וואָס מיר האָבן אַנומלט באַקומען פון דער פאַבריק און זי האָט אונדז געמוזט אָפּלאָזן 20 פּראָצענט?

— וועלכע סחורה?

— אַ זכרון פון אַ קאַץ! אַ מענטש שטייט שוין אַזוי פיל יאָרן אין געשעפט און ווייסט נישט וואָס ס׳טוט זיך דאָרט! אַבי דעות קענסטו מיר זאָגן!

ער האָט דורכויס געוואָלט אַז זי זאָל וויסן וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך און איר דערמאָנט די מעשה.

— וואָס־זשע איז געשען מיט דער סחורה? — האָט זי געפרעגט.

ער האָט געזאָגט מיט טריומף:

— איך האָב זי איצט פאַרקויפט מיט גרויסן ריווח!

זי האָט געענטפערט:

— איך האָב אָבער געזען אַ גאַנצן טאָג, אַז דו ביסט עפּעס אויפגעלייגט. זוייזט אויס, אַז דו האָסט שוין פריער וועגן דעם געוווסט. אַ שיינער מאַן ביסטו — שווייגסט די גאַנצע צייט!

וואָס וועט ער זיך דאָ אָוועקשטעלן אויסטענהן מיט איר? מען דאַרף אַריינפירן דעם אויטאָמאָביל אין גאַראַזש אַריין. פריער האָט ער נאָך אויפגעהויבן די דעק פונעם מאָטאָר, כדי צו זען אויב אַלץ איז דאָרט אין אָרדענונג. פאַרביקע שמעטערלינגען זענען אַריין און געבליבן הענגען מיט צעשפּרייטע פליגעלעך צוגעקלעפּט צו דער נעץ. דאָס געשעט אָפּט בעת ער פאָרט הינטער דער שטאָט. נארישע באַשעפענישן, האָט ער געטראַכט, וווער הייסט זיי פליען צו דער נעץ? ער האָט זיי געוואָלט אַראָפּשאַרן, נאָר דערנאָך האָט ער באַשלאָסן, אַז צו וואָס? זאָלן זיי דאָרט הענגען. מאָרגן וועלן מסתמא קומען נייע — וועלן די אַראָפּפאַלן.

די מורא

1.

נאָך דעם ווי כאַימע באַרק איז אויסגעוויילט געוואָרן ווי דער פּרעזידענט פון דער „אוניאָן איזראַעליטאַ“ אין זיין שטאָט, האָט ער זיך אָנגעהויבן נישט גוט צו פילן און איז געוואָרן זייער אומרויִק. דאַכט זיך, אַז ס'האָט געדאַרפט זיין פאַרקערט: האָט ער דאָך באַזיגט די קעגנערישע ליסטע און דערגרייכט אַזאַ אַמט פון וועלכן ער האָט יאָרן געחלומט. קען זיין, אַז עמעצער וועט זיך אפשר אַ טראַכט־טון, אַז אַזוי געשעט עס תמיד מיט דעם מענטשן וואָס דערגרייכט זיין ציל. ער בלייבט שטענדיק אַן אומצופרידענער און וויל נאָך, דאָס הייסט, אַז דער זיג דערוועקט אין אים נייע און אפשר נאָך גרעסערע שטרעבונגען. ווער ס'קלערט אַזוי וועגן כאַימע באַרק, איז זיך פּשוט טועה. ער האָט לגמרי נישט געטראַכט פון דערהויבן מער מאַכט און כבוד. קיין העכערער אַמט איז ביי די ייִדן אין שטאָט נישט געווען און מיט די גויִים האָט ער זיך נאָר אַזויפיל אָנגעקערט אויף וויפל ער האָט מיט זיי געהאַט צו טון אין מסחר. אוודאי קען מען אין בוענאָס־איירעס זיך דערשלאָגן צו העכערע אַמטן און צו גרעסערע כיבודים, אָבער ער האָט נישט בדעה אַהין צו פאָרן און דאַרף זיך דעריבער מיט יענע ייִדן נישט מעסטן.

ער איז געוואָרן אומרויִק, ווייל ער האָט מורא באַקומען פאַר די שונאים. די שונאים געפינען זיך קודם־כל אין דער פריִערדיקער פאַרוואַלטונג, וואָס איז דורכגעפאַלן בעת די לעצטע וואַלן. דער הויפּט־שונא זיינער איז געוויס פּעדראָ אייזמאַן, דער געוועזענער פּרעזידענט וועמענס פּלאַץ ער אַליין פאַרנעמט איצט. אייגנטלעך איז יענער דאָך שוין צוויי מאָל געווען פּרעזידענט און ער וואָלט געדאַרפט צולאָזן אויך פאַר אַ צווייטן אַ ביסל כבוד. איז אָבער די מעשה אַזוי: אַז אַ מענטש פאַרנעמט אַ לענגערע צייט אַן אַמט, דאַכט זיך אים, אַז ס'איז נישטאָ קיין צווייטער וואָס זאָל אים פאַרטרעטן און אַז ער דאַרף שוין זיצן אויפן בענקל ביז דער טויט וועט אים פון דאָרט אַראָפּנעמען און במחילה אַוועקלייגן.

צוריקגעשמועסט, פאַרוואָס דאַרף ער זיך שרעקן פאַר אים און פאַר די אַנ־

דערע זיינע אָנהענגער? וואָס קענען זיי אים טון? ער פּירט נישט קיין אומגעזעצ־לעכע געשעפטן. ער איז טאַקע אַ גרויסער עושר, האָט אַ גרויסע קראָם אין שטאָט, אַ סך פעלדער אַרום דער שטאָט, פאַרמאָגט אַ ווילע און אַ קאָטש, אָבער דערצו האָט ער זיך דאָך דערשלאָגן נאָך אַ סך יאָרן אַרבעט, נישט דורך גנבה. דאָ אָבער פאַרהאַקט ער זיך פּלוצים, כאַימע, נישט דורך גנבה... אָבער זיין טאַטע? יאָ, וואָס שייך דעם טאַטן זיינעם, איז ער שוין נישט אַזוי רויק.

אין שטעטל האָט מען געהאַלטן, אַז זיין טאַטע גנבעט פערד. מ׳האָט אים טאַקע קיינמאָל נישט געכאַפּט ביי אַ שטאַל ביינאַכט, בעת ער האָט זיך אַהין אַריינ־געגנבעט, אָבער מ׳האָט אים דערפאַר יאָ געכאַפּט נישט איין מאָל אויף אַ יריד ביים פאַרקויפן אַ פערד, וואָס ער האָט נישט געקענט אויפווייזן, ווו און ווי־אַזוי ער האָט עס באַקומען און שפּעטער האָט עס אַפילו אַ פּויער דערקענט, אַז דאָס איז זיינס, וואָס מ׳האָט עס ביי אים געהאַט צוגעגנבעט. מ׳האָט אים גענומען אויף דער פּאָליציי, אָבער יעדעס מאָל איז אים געלונגען זיך אַרויסצודרייען. ער האָט כסדר געטענהט, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט, אַז ער איז פּשוט אַריינגעפאַלן צוליב אַ צווייטנס חטאים. דאָס שטעטל האָט אים אָבער נישט געגלויבט און אים גערופן וועלוול גנב. איז דאָס נאָך ווייניק געווען, האָט מען אים, זיין זון, גערופן חיים, וועלוול דעם גנבס.

אַלע יינגלעך פון דעם שטעטל האָבן געהאַט צונעמען. קיינער פון זיי האָט, פאַרשטייט זיך, נישט ליב געהאַט צו הערן אים, אָבער מער פון אַלע האָט ער זיין צונאָמען נישט פאַרטראָגן. האָט עס אים אַזוי גערופן אַ דערוואַקסענער, האָט ער נישט געהאַט קיין ברירה און געמוזט שווייגן, אויב אָבער דאָס האָט געטון אַ יינגל, פלעגט ער זיך אויף אים וואַרפן מיט גרויס כעס, אים צעגראַבלען דאָס גע־זיכט און אים צעקלאַפּן די זייטן. איז אָפט געקומען צו זיי אין שטוב אַריין די מאַמע פון אַזאַ יינגל מיט אַ געשריי און אַ געוואַלד און זיך באַקלאָגן אויף אים. האָט דער טאַטע אַראָפּגעצויגן דעם רימען פון די הויזן און אים אַריינגעשמיסן אין הינטן. האָט מען דאָך אים פריער באַליידיקט נישט צוליב זיין שולד, נאָר צוליב דעם טאַטנס. ער האָט אָבער וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט דעם טאַטן, געכאַפּט די קלעפּ און זיך באַמיט מיט אַלע כוחות נישט צו שרייען.

ער איז נאָך געווען זייער יונג, ווען ער איז אַוועק פון דעם שטעטל. פאַר־טריבן פון דאָרט האָט אים קודם כל דער דאָזיקער צונאָמען און געפאָרן איז ער נישט קיין „אַמעריקע״, ווו אַ סך יידן פון שטעטל האָבן זיך אַוועקגעלאָזט, נאָר קיין אַרגענטינע. אַהין איז קיינער פון שטעטל ביז צו אים נישט געפאָרן. ער האָט זיך, אַזוי־אַרום, געוואָלט פאַרזיכערן, אַז דאָרט וועט קיינער נישט ווייסן פון זיין טאַטן און דעם צונאָמען, וועלכן ער האָט צוליב אים געקריגן.

אינצווישן איז געווען אַ מלחמה אויף דער וועלט. די מלחמה איז נאָך געווען ערגער פון די אַלע ביז־איצטיקע. אַזויפיל מיליאָנען יידן זענען אויסגעהרגעט גע־

ווארן און אַזויפיל ייִדישע ישובים זענען חרוב געוואָרן. ווי ער האָט געהערט, איז אויך זיין שטעטל אָפּגעמעקט געוואָרן. ווער ווייסט, צי ס'איז נאָך געבליבן עמעצער וואָס האָט געקענט זיין טאַטן. דער מבול האָט טאַקע אָפּגעשווענקט אַזויפיל לעבנס. ער האָט אָבער אויך צוגלייך אָפּגעווישט פּאַר אַ טייל לעבנגעבליבענע געוויסע פלעקן פון זייער עבר, עדות פון זייערע זינד. מ'טאָר וועגן דעם, חלילה, הויך נישט רעדן, אָבער פון צייט צו צייט טראַכט זיך דערפון.

נאָך דער מלחמה האָט ער אַפילו יאָ מורא געהאַט, אַז עמעצער וואָס האָט זיך געראַטעוועט, וועט זיך אָהער פאַרקלייבן. בעת ס'איז אים אויסגעקומען דעמאָלט צו זיין אין בוענאָס־איירעס, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט ביי פאַרשיידענע לאַנדס־מאַנשאַפטן פון ערטער, וואָס זענען געווען נאָענטע צו זיין שטעטל, צי ס'האָט נישט ווער פון דאָרט אָהער פאַרבלאָנדזשעט, אָבער קיינמאָל האָט ער זיך גאָרנישט דערוווסט קיין ממשותדיקס. פון דעסטוועגן האָט ער אַלץ נישט ליב געהאַט זיך צופיל אַרומצודרייען אין דער הויפּטשטאָט. ער האָט זיך אַ סך זיכערער געפילט ביי זיך אויף דער פּראָווינץ. אפשר איז דאָס אויך געווען די סיבה פאַר וואָס ער האָט זיך גלייך ביים קומען אין לאַנד אַריין דאָרט באַזעצט.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָט ער אַלץ זיך געשראָקן, אַז אין איינעם אַ טאָג וועט זיך מיטאַמאָל באַווייזן אַ ייִד פון זיין שטעטל און וועט אויפדעקן פאַר אַלע זיין יחוס. ער קען פאַרזיכערן זיין הויז פאַר אַ שריפה. ער קען זיך פאַר־זיכערן פאַר אַ קאַטאַסטראָפע מיטן קאָטש, אָבער ס'איז נישטאָ אַזאַ אונטערנעמונג, צי אַזאַ יחיד, וואָס קען אים פון דעם פאַרזיכערן. וואָס־זשע האָט ער פון זיין עשירות, אַז אין איינעם אַ טאָג קען עס פאַרלירן די גאַנצע חשיבות?

וואָס, למשל, וועט זיין ווייב זאָגן דערצו, אַז זי וועט זיך דערפון דערוויסן? ער דערמאָנט זיך, אַז איינע אַ מיידל, וואָס האָט געאַרבעט ביי זיי אין געשעפט, האָט מען געכאַפּט בעת זי האָט געוואָלט אַ קליין פלעשעלע פּאַרפום אַריינלייגן אין איר טעשל. ער, כאַזמע, איז גרייט געווען צו מאַכן אַ שווייג, אָבער דאָס ווייב זיינס האָט זיך איינגעעקשנט, אַז מ'זאָל וועגן דעם גיין מעלדן דער פּאָ־ליציי. קוים האָט ער געפּועלט ביי איר, אַז מ'זאָל דאָס מיידל באַשטראָפן נאָר דערמיט, וואָס ער וועט איר הייסן גיין און מער נישט צוריקקומען.

וואָס וואָלט אויף דעם געזאָגט זיין זון, דער דאָקטער? דער זון זיינער, וואָס אַפילו אַצינד שעמט ער זיך מיט דעם טאַטן דעם פּראָסטאַק און האַלט זיך פון דער ווייטנס. איי, ווער האָט אים אויפגעכאָוועט אין שווערע באַדינגונגען, ווער האָט אים געגעבן צו לערנען אַזויפיל יאָרן און ווער גיט אים נאָך ביז היינט יעדעס מאָל געלט אויף אַ נייער מאַשין, צי אַן אינסטרומענט, אויב נישט דער טאַטע? וואָס דען, פון זיינע פּאַציענטן וואָלט ער זיך דאָס געקענט פאַרשאַפן?

ביז מ'האָט אים נישט אויסגעקליבן פּאַר פּרעזידענט, האָט ער געקענט זיין רויק. ס'איז דאָך דעמאָלט נישט געלעגן אין קיינעמס אינטערעסן אויסצופאָרשן

זיין פאַרגאַנגענהייט. איצט וועלן אָבער זיינע קעגנערס נישט שווייגן, זיי וועלן נישטערן און זוכן אַלע מינים מיטלען און וועגן ווי־אַזוי אים אַראָפּצוואַרפן פון בענקל. צי וועט ער אַזוי שטיין מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן רויק ביז זיי וועלן אים דערלאַנגען דעם קלאַפּ?

וואָס קען ער אָבער טון? די איינציקע עצה דערצו איז: קומען צו דער קאָמיסיע און זיי מעלדן, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון צו זיין פּרעזידענט. יאָ, וואָס פאַר אַ סיבה וועט ער זיי אָנגעבן? ער וועט זאָגן, אַז ער איז נישט געזונט. און אויב זיי וועלן שפּעטער זען, אַז ער גייט אַרום און זעט אויס ווי תמיד, וועלן זיי דאָך ווערן זיינע שונאים, ווייל זיי, זיינע פריינד, האָבן געקעמפט פאַר אים און דאָ גייט ער מיטאַמאָל און לאָזט זיי איבער און מאַכט זיי אַלע צום נאַר. געננוג, ער האָט איין צד פאַר שונאים, דאַרף ער זיך נאָך איינרייסן מיטן צווייטן צד? ווידער, אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן פלוצים פון אַזאַ כבוד, וועט דאָס ערשט אַרויסרופן אויף אים דעם פאַרדאַכט, אַז עפּעס איז מיט אים נישט אין אָרדע־נונג. נאָך דאָס פעלט אים!

ער האָט זיך אַנומלט געטראָפן אין „סאַלאָן" מיט דעם געוועזענעם פּרעזי־דענט. יענער איז זיך געזעסן ביי אַ טישל מיט נאָך עטלעכע פון זיינע לייט און געשפּילט אין קאָרטן. ווען ער איז דורכגעגאַנגען, האָבן זיי, דאַכט זיך, אָנ־געהויבן שטילער צו רעדן. ער האָט אויך באַגעגנט אַ צווייט מאָל אין גאַס איינעם פון יענעמס לייט. יענער האָט אים אַפילו באַגריסט דער ערשטער, אָבער ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט דערביי עפּעס אַ מאָדנעם שמייכל־געטון, זייער אַ פאַרדעכטיקטן שמייכל. זיי גרייטן עפּעס צו קעגן אים. מ'דאַרף זיין פאָרזיכטיק און זיך היטן!

איידער זיי זאָלן אים איבעראַשן, צי וואָלט נישט געווען געוואונטשענער, אַז ער זאָל זיך פעדערן פאַר זיי? פאַרוואָס זאָל ער כסדר אַרומגיין און זיך שרעקן, אַז זיי קענען זיך דערוויסן וועגן זיין יחוס, ער וועט אַליין נעמען דעם ענין אין די הענט אַריין. ער וועט פון איצט בלויז זיך פאַרנעמען מיט דעם אויס־פאָרשן צי ס'געפינט זיך נישט אַ מענטש פון זיין שטעטל וואָס האָט געקענט זיין טאַטן. וועט ער נישט געפינען — קען ער דאָך זיין רויק. און אויב ער וועט יאָ געפינען, וואָס וועט ער טון? — ער וועט פּרווון מיט דעם מענטשן איבער־רעדן, וועט אים אויפקלערן זיין איצטיקן מצב. אפשר וועט דאָס גאָר זיין אַ פיינער מענטש און וועט אים פאַרשטיין. ער וועט זיך נישט לאָזן אויסנוצן פון זיינע שונאים, כדי אים שלעכטס צו טון. און אויב דאָס וועט גאָר זיין אַ מענטש, וואָס וועט עפּעס פאַרלאַנגען דערפאַר, וועט וועלן אויסנוצן די געלעגנהייט, כדי דערפון אָפּצולעקן אַ ביינדל? — מילא, ער איז גרייט אויך זיך צו לאָזן קאָסטן.

ער וועט געבן אַן אָנאָנס אין דער צייטונג, אַז ער זוכט זיינע לאַנדסלייט. זאָלן דאָס זען זיינע קעגנערס און זיך איבערצייגן, אַז ער האָט נישט מורא פאַר די,

וואָס קענען אים פון דער היים. פאַרקערט, ער זוכט זיי נאָך אַליין. ער גיט נאָך אויס אויף דעם געלט. וואָס וועלן זיי דעמאָלט זאָגן? — זיי וועלן במחילה זען, אַז זיי האָבן געהאַט אַ טעות. ער האָט בכלל נישט מורא פאַר דעם עבר זיינעם. זיי וועלן פאַרמאַכן די מיילער און שווייגן ווי די פיש. אַ — זוי!

ער האָט נישט לאַנג געטראַכט און אַוועקגעשיקט געלט אין דער צייטונג פון דער הויפּטשטאָט. אַהער קומען אַן עטלעכע אַזעלכע צייטונגען און איינער וועט שוין דעם אַנדערן איבערגעבן דעם אינהאַלט פון דעם אַנאָנס. און אויב מ'וועט דאָס צופעליק פאַרזען, האָט ער דערצו אויך אַן עצה: ער וועט באַשטעלן פון דער צייטונג צען עקזעמפּלאַרן און וועט זיי צעלייגן איבער די טישן פון „סאַלאָן". זיי וועלן עס שוין מוזן באַמערקן.

ער האָט מיט מזל באַקומען די צייטונג. ריכטיק, דער אַנאָנס איז דאָרט פאַראַן. ער הייבט אָן צו לייענען און באַלד שטעלט ער זיך אָפּ. ס'וווערט אים היים אין פּנים. שוין ביים אָנהייב איז דאָ עפּעס נישט אין אָרדענונג. ס'שטייט געשריבן כאַימע מאַרק. וואָס פאַר אַ מאַרק, אַז ער הייסט גאָר באַרק. ער נעמט אַרויס מיט ציטערדיקע הענט די ברילן און לייענט אַ צווייט מאָל. ווידער שטייט „מאַרק" און נישט באַרק. די שונאים וועלן איצט טענהן, אַז ער האָט בכיוון געענדערט זיין פאַמיליע־נאָמען, כדי די לייענער צו פאַרפּלאָנטערן, אַז זיי זאָלן פּשוט נישט וויסן ווו־אויס און ווו־איין. און זיי וועלן דאָך גערעכט זיין!

ווער ווייסט נאָך וואָס פאַר אַ מחשבות ס'וואָלטן אים געקומען אין קאָפּ אַריין, כאַימען, און וואָס פאַר אַ מיטלען ער וואָלט נישט געווען צוגעקלערט, כדי זיך צו פאַרענטפערן, ווען דער גאַנצער ענין וואָלט זיך נישט מיטאַמאָל געענדערט. ער האָט באַקומען אַ בריוו און אין אים איז געשטאַנען, אַז דער שרייבער פון בריוו האָט געלייענט זיין אַנאָנס אין דער צייטונג און ער האָט דעם כבוד אים מודיע צו זיין, אַז ער שטאַמט פון דעם דערמאָנטן שטעטל און אויב ער האָט אַן אינטערעס מיט אים זיך דורכצושרייבן — גיט ער אַן זיין אַדרעס. לויט דעם נאָמען, אויב ער איז זיך נישט טועה, זעט ער אויס צו זיין וועלוולס אַ זון, וויל ער אים איבערגעבן, אַז ער האָט זיין טאַטן גוט געקענט און האָט אַ סך וועגן אים צו דערציילן. אונטערגעשריבן איז — מעכל סאָפּקעס.

ער קען זיך נישט דערמאָנען אַזאַ נאָמען. יענער אָבער האָט אָנגערופן זיין טאַטנס נאָמען און ס'איז נישט קיין ספק, אַז ער שטאַמט טאַקע פון זעלבן שטעטל ווי ער. אויב אַזוי, איז יאָ פאַראַן עמעצער, וואָס האַלט אים אין די הענט. ער זאָגט דאָרט, אַז ער האָט וועגן טאַטן זיינעם צו דערציילן און דערציילן. ווער ווייסט וואָס ער ווייסט אַלץ וועגן אים. ס'איז כאָטש גוט, וואָס ער האָט באַקומען דעם בריוו און די שונאים האָבן אים נישט איבערגעכאַפּט. ביי די היגע בריוו־טרעגערס קען זיך אַלץ טרעפן. נישט איין מאָל האָט מען אים אָפּגעגעבן אַ בריוו, וואָס איז גאָר געווען אַדרעסירט צו אַן אַנדערן.

דערווייל האָט ער געגומען דעם בריוו און אים אַריינגעלייגט אין דער קאַסע ווו ער האָלט דאָס געלט און וויכטיקע פּאַפּירן. זאָל ער דאָרט ליגן. דעם אַדרעס וועט ער נאָך דאַרפן. עטלעכע טעג האָט ער געטראַכט און געטראַכט. פאַרשיידענע מחשבות זענען אים געקומען אין קאָפּ אַריין, ביז ער האָט ענדלעך אַנגענומען אַ פעסטן באַשלוס: ער וועט פאָרן צו דעם דאָזיקן יידן און ער וועט מיט אים פּערזענלעך איבעררעדן. דורך בריוו וועט זיך גאָרנישט לאָזן מאַכן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס ווייב טאָר נישט וויסן וווהין און צוליב וואָס ער פאָרט. ער וועט איר זאָגן, אַז ער פאָרט צוליב אַ געשעפטלעכן ענין קיין בוענאָס־איירעס. אפשר וועט ער זיך טאַקע אויך אַריבערכאַפּן אַהין נאָך דעם ווי ער וועט זיך מיט דעם ייד טרעפן, זאָל נאָר דאָס באַגעגעניש אַריבער בשלום.

2.

ער האָט פאָר זיך דערזען אַ יידן נישט קיין הויכן, אָבער אַ פעסטן, מיט אַ פּנים — פאַרהאַרטעוועט פון זון, פון פראָסט און פון ווינט. הגם די האָר אויפן קאָפּ זענען שוין געווען גרויליך, האָבן די אויגן געקוקט יונג און לעבעדיק. ער האָט דעם יידן דאָך איצט געזען צום ערשטן מאָל אין לעבן און ער קען זיך נישט אויסטייטשן פאַרוואָס ער האָט אים מיטאַמאָל דערפילט ווי אַן אייגענעם מענטש, ווי אַ שטיק היים וואָלט פאַר אים געשטאַנען. האָט אים ווי־געטון פאַרוואָס ער קען זיך מיט אים איצט נישט פרייען, נאָר ער גייט אים אַקעגן מיט פּחד.

דער ייד האָט נייגעריק אַ פרעג־געטון:

— אַ? דאָס ביסטו וועלוולס זון?

כאַימע האָט זיך מודה־געווען:

— יאָ. איך בין דאָס חיים וועלוולס זון. כאַימע באַרק...

דער ייד איז צו אים צוגעגאַנגען נענטער:

— עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב דיך יאָ אַ מאָל געזען ביי דיין טאַטן אין שטוב. ווען איך פלעג אַ מאָל קומען פון דאָרף אין שטאָט אַריין אויף יום־טוב פלעג איך מיך אַ מאָל צו דיין טאַטן אַריינכאַפּן. ס'זענען אָבער שוין זייער אַ סך יאָרן פון דעמאָלט אַוועק. לאָמיך נאָר אויף דיר אַ קוק־טון אין וועמען דו ביסט געראָטן... אין טאַטן — ווינציק. מער אין דער מאַמען...

כאַימע האָט זיך דערפילט מאָדנע, ווען דער ייד האָט זיך גלייך צו אים געווענדעט אויף „דו". אָבער ס'איז אים אַ ביסל לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן, ווען ער האָט פון אים געהערט, אַז ער איז זייער וויניק ענלעך אויף זיין טאַטן.

דער ייד האָט ווי געוואָלט עפּעס צוגעבן:

— דיין מאַמע איז טאַקע געווען אַ ווילע יידענע, אָבער ווי קומט זי צו דיין טאַטן. דיין טאַטע איז געווען מיין רבי!

— וואָס הייסט, אייער רבי? — האָט כאַימע זיך געחידושט.

— אַוודאי מיין רבי —האָט דער ייִד אים געענטפערט— ער האָט מיך אָבער נישט געלערנט אין אַ חדר, נאָר אין אַ שטאָל און ער האָט מיך נישט געלערנט אַריינקוקן אין חומשל, נאָר אַ פערד אין די ציין. אַ, האָסט פאַרשטאַנען?

— אַ, יאָ... האָט כאַימע געשטאַמלט — ער האָט דאָך געהאַנדלט מיט בהמות און מיט פערד...

— זע איך שוין, ווי דו דערמאָנסט זיך... ווילסטו אָבער וויסן ווי איך קום צו דיין טאַטן און פאַרוואָס איך האַלט אַזוי פון אים — מעגסטו הערן. איך בין געקומען פון דאָרף אין שטעטל אַריין אַ קיילעכיקער יתום — נישט קיין טאַטע און נישט קיין מאַמע. בין איך געוואָרן אַ שמייסער ביי בערל־יאָסלס דער בעל־עגלה. טרעפט מיך אַזוי איין מאָל דיין טאַטע אויפן וועג. מיר פאָרןביידע אויף צוויי פורן. זאָגט צו מיר דיין טאַטע: מעכל, לאָז אָפּ דאָס ציימל, זאָל דאָס פערד זיך גיין פאַוואָליע און לאָמיר אַ ביסל רעדן. איז דאָס פאַר מיר אַ גרויסער חידוש, אַז דיין טאַטע זאָל צו מיר אַזוי איידל רעדן און איך ענטפער:

— מיטן גרעסטן כבוד, רב וועלוול!

הייבט אָן דיין טאַטע אַזוי און אַזוי:

— מעכל, וואָס וועט זיין דיין סוף? ווילאַנג וועסטו זיין אַ שמייסער? צייט צו ווערן אַ באַלעבאָס פאַר זיך!

ענטפער איך אים:

— גאָלדענע ווערטער, רב וועלוול, אָבער אָן פינגער קען מען נישט מאַכן קיין פייג און קיין קולעק אַוודאי נישט.

צעלאַכט זיך דיין טאַטע און זאָגט:

— אַוודאי איז אָן פינגער זייער ביטער. ווי איך זע אָבער, האָסטו פינגער און נאָך דערצו — לאַנגע... דו וועסט פון דיינע פאַרדינסטן נישט צוקומען צו אַן אייגן פערד. וואָלטן מיר זיך ביידע אַזוי אָוועקגעלאָזט ביינאַכט און — ווייטער פאַרשטייסטו שוין אַליין...

בין איך ממש גרייט אַרויפצופאַלן אויף דיין טאַטן און אים קושן פאַר אַזעלכע ווערטער. ער קלערט דאָך וועגן מיר ווי אַ טאַטע און איך שריי אויס:

— מיט אייך, רב וועלוול, בין איך גרייט צו גיין אַפילו אויף דער תליה!

ענטפערט ער מיר מיט דעם לשון:

— אויף דער תליה קענסטו דיר אַליין גיין און נעם מיך נישט צו פאַר אַ שותף. דו וועסט אָבער מיט מיר איצט גיין אויסטרינקען אַ גלעזל — צום מזל!

מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין בנימינס שענק און געמאַכט דעם אמתן „לחיים" און זיך דערביי אָפּגעשמועסט אויף ביינאַכט. ביינאַכט, מיר לאָזן זיך אַרויס. אַ פינצטערע נאַכט, אָבער דער טאַטע קען דעם וועג אויף אויסנווייניק. ער האָט אויערן און הערט מיט זיי אויף אַ מייל די ווייט. איך דערשרעק זיך

יעדעס מאָל, ווען אַ פייגעלע טוט אַ פּישטשע, ווען אַ בלעטל אויף אַ בוים גיט זיך אַ ריר, אָבער דיין טאַטע גייט זיך רויק און שטיל, אַז איך שעם מיך פאַר מיין פחד. אָט קומען מיר צו אַ פּלויט. מיר דראַפּען זיך ביידע אַריבער. מיר שטייען שוין פאַר דער שטאַל. דער טאַטע נעמט־אַראָפּ דאָס שטיק אייזן מיט וועלכע די טיר איז פאַרלייגט און מיר זענען שוין אינעווייניק. דער טאַטע טוט אַ לייכט מיט זיין לעמפּל — דריי פערד שטייען זיך און דרימלען. דער טאַטע גייט צו צו איינעם, גיט אים אַ גלעט איבער דעם האַלדז און איך זע באַלד, ווי דאָס פערד בעט זיך ממש, אַז ער זאָל עס נעמען, ווי ס׳וואָלט שוין לאַנג גע־וואַרט אויף דעם... אָט אַזוי, ווי דו הערסט, האָט ער מיר געהאָלפן ווערן אַליין אַ באַלעבאָס פאַר זיך.

כאַימע איז געזעסן און אויסגעהערט דאָס וואָס דער ייד האָט דערציילט און אין גאַנצן נישט געוווסט פון וואָס אָנצוהייבן מיט אים דאָס געשפּרעך. ער האָט נאָך איידער ער האָט געזען דעם יידן געטראַכט, אַז אויב יענער וועט לאָזן פאַלן אַ וואָרט וועגן זיין טאַטנס גנבענען פערד, וועט ער אים גלייך אָפּ־ענטפערן, אַז דאָס איז געווען נאָר אַ בלבול, וואָס עס האָבן אויף אים אויסגע־טראַכט די שונאים, אָבער איצט, נאָך דער מעשה וואָס דער ייד האָט אַזוי פּרטימדיק דערציילט, איז שוין אַן אומזין זיך צו באַנוצן מיט דעם. מילא, דעם טאַטן וועט ער שוין נישט קענען פאַרטיידיקן, זאָל ער כאָטש פּרווון הייבן די אייגענע מערכה:

— יאָ — האָט ער געזאָגט מיט באַדויער — איך האָב פון טאַטן קיינמאָל נישט געהאַט קיין נחת.

— וואָס הייסט, דו האָסט נישט געהאַט פון טאַטן קיין נחת. פאַרוואָס אַזוינס?

כאַימע איז געוואָרן רויט און געשטאַמלט:

— נו... צוליב די פערד... איר מיינט, אַז גנבה...

דער ייד האָט אים איבערגעריסן:

— וואָס־זשע, דיין טאַטע איז עפּעס געווען סתם אַזוי אַ פערד־גנב? — פע! ער האָט נאָר ליב געהאַט פערד ווי דאָס חיות. האָט ער געזען אַ שיין פערד, האָט ער זיך פון אים נישט געקענט צעשיידן. האָט מען עס אים נישט געוואָלט פאַר־קויפן, אָדער ער האָט נישט געהאַט קיין געלט עס צו קויפן — האָט ער עס זיך אַליין גענומען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז בעסער ווי ביי אים, וועט דעם פערד אין ערגעץ נישט זיין. און ווי ער פלעגט זיך אָננעמען פאַר אַ יידן? — האָבן אַ מאָל די גויים אויף אַ יריד זיך אָנגעשיכורט און געוואָלט צעפירן די הענט אויף יידן, האָט ער איינער אַליין זיך אַן עצה געגעבן מיט דריי!

כאַימען איז געוואָרן אַ ביסל פריקרע וואָס דער דאָזיקער ייד דאַרף איצט פאַרטיידיקן זיין טאַטן און נאָך דערצו פאַר דעם אייגענעם זון. מיטאַמאָל האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט נאָך אים. האָט ער דאָך אים שוין יאָרן נישט

געזען און דער ייִד האָט אים געזען, מיט אים גערעדט אַזויפיל יאָרן נאָך דעם ווי ער האָט זיך מיט אים צעשיידט. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס מער פּרטים וועגן זיין לעבן. דערנאָך האָט ער אויך געוואָלט וויסן, ווען דער ייִד האָט געזען דעם טאַטן צום לעצטן מאָל. דער ייִד האָט אים געענטפערט:

— איך האָב אים געזען צום לעצטן מאָל, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן. איך בין אַנטלאָפן ווייט קיין רוסלאַנד, אַנגעשפּאַרט אַזש ביי דער גרענעץ פון אחשורושס מדינה און ער איז געבליבן אין שטעטל. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָב איך ביי מיר געטראַכט, אַז וווהין איך זאָל שפּעטער נישט פאַרוואָרפן ווערן, מוז איך נאָך פריִער אַ קוק־טון אויפן שטעטל און זיך דערמיט געזעגענען. גלייב מיר, ס׳איז נישט געווען אויף וואָס צו קוקן און מיט וועמען זיך צו געזעגענען. דווקא וועגן דיין טאַטן האָב איך יאָ אָפּגענומען אַ גרוס. אַ פּויער האָט מיר דערציילט, אַז בעת מען האָט אַרויסגעפירט אַלע ייִדן פון שטעטל אויפן בית־עולם און די גויִים האָבן זיי דאָרט דערהרגעט, האָט דיין טאַטע אַרויסגעכאַפּט ביי איינעם פון די הענט דאָס שטיק אייזן און אים דערלאַנגט איבערן קאָפּ און אויפן אָרט אַוועקגעלייגט. יאָ, אַזאַ איז ער געווען, דיין טאַטע!

דער ייִד איז אַנטשוויגן געוואָרן. כאַיִמע האָט נישט געוואַגט צו פרעגן אים עפּעס מערער. אויף דעם וואָס ער האָט געהערט, האָט ער זיך גאָרנישט געריכט. דער ייִד האָט עפּעס אַלץ איבערגעדרייט. באַלד אָבער האָט דער ייִד גענומען ווידער רעדן און איצט, אין גאָר אַן אַנדערן טאָן:

— און דו, וואָס מאַכסטו? האָסט קיין עין־הרע, אַ נישקשהדיקן בויך... קיין אַנדערן עול האָסטו דאָך נישט מסתמא ווי צו שלעפּן דעם בויך... קינדער האָסטו?

— יאָ, —האָט כאַיִמע געענטפערט און צוגעגעבן מיט שטאָלץ— דער על־טערער זון איז אַ דאָקטער!

— אוי־וואַ, אַ דאָקטער! באַלד וועט שוין נישט זיין וועך ס׳זאָל די שיך פאַרריכטן. ער איז אַ דאָקטער פאַר מענטשן?

— נו, פאַר וועמען דען? — האָט כאַיִמע געפרעגט און זיך געפילט באַליידיקט.

— וואָלט ער געווען, למשל, אַ דאָקטער פאַר פערד, וואָלט ער כאָטש עפּעס געווען געזירשנט פונעם זיידן. אַזוי — פוי! גאָרנישט! נישטאָ מער וועלוול — אויס! און דו, וואָס טוסטו? אַלע האָט דאָ אַרומגעכאַפּט אַ משוגעת: כבוד און כבוד! געלט האָבן זיי, וואָס־זשע פעלט זיי נאָך מער? ביסטו נישט ערגעץ אויך אַ פרעזידענט?

כאַיִמע האָט געענטפערט מיט אַ פאַרשטיקט קול:

— ניין... נישט איך... חלילה...

און דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט די באַגעגעניש.

צוויי פריינד

.1

ליפשיץ און שיין קענען זיך שוין לאַנגע יאָרן. בעת דער מלחמה, זענען זיי געווען צעשיידט. ליפשיץ האָט זיך געפונען אין רוסלאַנד און שיין — אין פוילן, קודם אין געטאָ, און שפּעטער — אין אַ לאַגער. ביידע האָבן אין פוילן פאַרלוירן זייערע פרויען און קינדער. ליפשיץ האָט אָבער צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט און האָט שוין איצט אַ מיידעלע פון זיבן יאָר. שיין איז געבליבן איינער אַליין. נאָך די שווערע איבערלעבענישן האָט ער מער נישט געקענט קומען צו זיך. מסתמא האָט אויך אויף דעם געווירקט זיין האַרץ־קראַנקייט, וואָס איז אים פאַרבליבן פון דער שווערער אַרבעט אין לאַגער.

זיי האָט אַמאָל צונויפגעפירט די קרובהשאַפט פון זייערע פראָפעסיעס. ליפשיץ איז געווען אַ שרייבער און שיין — אַ מאָלער. אויף איינער אַן אויס־שטעלונג שיינס, האָט ליפשיץ זיך מיט אים באַקענט און ליב באַקומען הן אים, הן זיינע בילדער. שיין האָט זיך אויך זייער צוגעבונדן צו ליפשיצן, אַזוי אַרום, איז געשאַפן געוואָרן אַ פריינדשאַפט צווישן ביידע. די פריינדשאַפט האָט זיך דערנאָך אויסגעברייטערט אויף זייערע משפחות. שיין האָט געמאָלן אַ פאָרטרעט פון ליפשיצעס פרוי, וואָס האָט זייער אויסגענומען. מ'האָט אַפילו געשמועסט, אַז שיין איז אירער אַ שטילער פאַרערער, אָבער די שטילקייט איז קיינמאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן.

ליפשיץ איז געקומען קיין אַרגענטינע באַלד נאָך דער מלחמה. ער האָט דאָ געהאַט אַ שוועסטער, וואָס האָט אים אַהער אַרויסגענומען. די שוועסטער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיך נעמען צו עפּעס אַ מסחר, ווייל פון שרייבן לידער קען מען דאָ נישט מאַכן קיין לעבן. ער האָט געפאָלגט איר עצה, נאָר הגם די צייטן זענען געווען דעמאָלט זייער גוטע און אַ סך מענטשן זענען רייך געוואָרן, האָט ער נישט באַוויזן זיך צו עפּעס צוצושלאָגן. סוף־כל־סוף האָט ער אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין איינער פון די היגע יידישע צייטונגען. מ'האָט זייער ווייניק זיך

דאָרט געניטיקט אין זיינע לידער. ער האָט געדאַרפט שרייבן אַרטיקלען, צוויי־דריי אַ וואָך, און איז, אויסער דעם, געווען פאַרפּליכטעט יעדן טאָג „צוצושטעלן" אַ צוויי הונדערט שורות.

ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז שיין איז געבליבן לעבן, האָט ער אָנגעווענדט אַלץ, כדי אים ברענגען צו זיך. ערשטנס, האָט ער געוואָלט לעבן זיך האָבן אַ פריינד פון פאַר דער מלחמה, און צווייטנס האָט ער געהאָפט, אַז דורך אים, וואָס איז אַ מענטש מיט זייער אַ פּאָעטישער נאַטור, וועט ער קענען פון צייט צו צייט אַ ביסל איבערמאָלן אויף בלוי זיין נשמה, וואָס איז דאָ פאַרגרויט געוואָרן פון דער טאָג־טעגלעכער צייטונגס־אַרבעט.

ס'איז אים געלונגען שיינען צו ברענגען קיין בוענאָס־איירעס. ס'איז געווען גרויס די פרייד בייביידן בעתן ווידער זיך באַגעגענען נאָך אַזעלכע שווערע איבערלעבענישן. ס'האָט אָבער באַלד געגומען דריקן דער עבר און טאַקע די קעגנוואַרט. הגם שיין איז בלויז געווען אַליין, איז אים פונדעסטוועגן געווען שווער צו פאַרדינען אויפן אייגענעם טאָג־טעגלעכן באַדאַרף. ער האָט גאָר נישט געדאַרפט אַזויפיל פאַר זיך, ווי פאַר דאָקטוירים און אַפּטייקערס מחמת זיין קראַנקייט. ער האָט געמאָלן אַ בילד זייער לאַנג, ווייל ער איז זעלטן געווען צופרידן מיט זיין אַרבעט און אויב ער האָט שוין ענדלעך אַ בילד פאַרענדיקט, האָט ער ערשט נישט געפונען קיין בעלן, וואָס זאָל עס קויפן. ער איז שוין געווען גרייט זיך צו נעמען מאָלן אַפּישן, צו טון אַן אַנדערע פּשוטע מאָלערישע אַרבעט צוליב פּרנסה, נאָר ליפשיץ האָט דערצו נישט דערלאָזט. מילא, ער אַליין איז שוין אַ פאַרפאַלענער, ער איז שוין מער נישט קיין דיכטער, נאָר אַ צושטעלער פון שורות. אָבער שיינען וועט ער נישט דערלאָזן פאַרטאַכלעווען זיין טאַלאַנט צוליב פּרנסה. ער פלעגט זיך באַמיִען צו פאַרקויפן זיינע בילדער. וואָס ס'פּאַסט נישט פאַר דיר — פלעגט ער זאָגן צו שיינען — פּאַסט מיר יאָ. דיר פּאַסט טאַקע נישט אַרומצוגיין און בעטן מ'זאָל קויפן דיינס אַ בילד, אָבער איך קען דאָס טון.

ליפשיצן איז נישט לייכט אָנגעקומען צו פאַרקויפן שיינס אַ בילד. ער האָט דערביי פאַרלוירן אַ סך צייט און געמוטשט זיך אָפּט דערנידעריקן. ווער פאַרשטייט דען דאָ אָפּצושאַצן אַן אמתדיק קינסטלעריש בילד? גאָר זעלטן, אַז ער זעט אין אַ יידישער שטוב הענגען אַ גוט בילד פון אַן אמתן מאָלער. מערסטנטייל הענגען אויף די ווענט פאָטאָגראַפיעס פון זייערע טאַטעס און מאַמעס, צי זיידעס און באָבעס פון דער אַלטער היים. ער האָט אַ חבר, אַ לץ, טענהט ער צו אים:

— עפּעס האָבן דאָ אַלע געהאַט טאַטעס מיט הויכע שטערנס און מיט שיינע בערד — בלויז רבנים און רביים, און מאַמעס און באָבעס מיט אַזעלכע שיינענ־

דיקע פּנימער. ניט אַנדערש, נאָר די אויפגעקומענע גבירים ווילן ווייזן, אַז זיי שטאַמען פון יחוס, און זיי האָבן זיך די דאָזיקע פּאָטאָגראַפיעס אויסגעבאַרגט...

ווען ליפשיץ האָט אָפּגעשפּאַרט אַ פּריי ע שעה, פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן צו שיינען. דאָרט זענען זיי געזעסן ביידע און גערעדט וועגן פאַרגאַנגענע צייטן. ליפשיץ פלעגט דערמאָנען זיין אומגעקומען ווייב און שיין פלעגט פּאַרכטיק, צי־טערדיק מוסיף זיין אַן עפּיזאָד, אַ שטריך, צי אַ וואָרט. אין איינעם אַ טאָג איז ליפשיץ געקומען צום חבר און איז געבליבן שטיין אַ פאַרשטאַרטער פאַר איבער־ראַשונג: אויפן טיש האָט ער דערזען דעם קאָפּ פון זיין געוועזענער פרוי, אויס־געקנעטן פון ליים. שיין האָט זי געפורעמט פון זכרון. זי איז געווען געגנוג ענ־לעך, נאָר היפּשלעך אידעאַליזירט. איר פּנים האָט אויסגעזען טרויעריק־פאַר־טראַכט און פאַרחלומט. שיין האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מאָלער און נישט פאַר קיין סקולפּטאָר. ער האָט אָבער פון צייט צו צייט פאַר זיך אַליין געקנעטן מענטשן אָדער חיות, וואָס זענען אים באַזונדערס געווען נאָענט און באַליבט. די דאָזיקע סקולפּטורן האָט ער נישט פאַרקויפט פאַר קיין שום געלט. זיי זענען געשטאַנען ביי אים אין שטוב.

פון דעמאָלט אָן פלעגט ליפשיץ קומען צום חבר פּונקט אַזוי ווי איינער גייט אויף אַ בית־עולם צו באַזוכן אַ באַקאַנטן קבר. די פרוי זיינע האָט זיך סוף־כל־סוף אַ מאָל דערוווּסט פון דעם „קאָפּ" און איז געוואָרן אייפערזיכטיק אויף דער טויטער. ס'האָט איר פאַרדראָסן אויף שיינען. צי וואָס איז ער אַהער געקומען? איר מאַן וואָלט געוועןן זיך צוביסלעך צוגעוווינט צום נייעם לעבן, פאַרגעסן אין „וואָס געווען". איז ער געקומען און אים געשלעפּט אויף צוריק. איז דער מאַן אַ מאָל געקומען שפּעט אַהיים, האָט זי אים חושד געווען, אַז ער איז זיך דאָרט פאַרזעסן ביים חבר און ביי „איר", ביים קאָפּ פון ערשטן ווייב. איז זי מחמת דעם כסדר אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטע, אַ נערוועזע און אים אַפילו פאַר דעם געמאַכט פאַרווּרפן.

אין דער אמתן איז געווען איבערגעטריבן איר חשד. ער האָט פּשוט נישט געהאַט קיין סך צייט אָפּצוגעבן דעם זכר פון דער ערשטער פרוי. דאָס ביסל צייט, וואָס ער האָט יאָ אָפּגעשפּאַרט, האָט ער נישט געהאַלטן פאַר ראוי צו ווידמען דער פרוי; ס'איז געווען צווישן איין אַרבעט און דער צווייטער, בעת ער איז מיד, אויסגעשעפּט און זיין פאַנטאַזיע, נישט נאָר וואָס זי האָט דעמאָלט נישט קיין פליגל, נאָר זי שלעפּט זיך קוים אויף די פיס. רעדן וועגן דער פרוי, צי אַפילו קלערן וועגן איר, דערצו דאַרף ער האָבן אַ באַזונדערע פייערלעכע שטי־מונג. זי דערגרייכן איז פאַר אים זייער שווער, ווייל ער איז כסדר פאַרנומען מיט דעם זוכן אַ טעמע פאַר אַן אַרטיקל און מיט דעם צושטעלן שורות.

די דאָזיקע אַרבעט פרעסט אויף אַלע זיינע קינסטלערישע רוישטאָפן. טייל מאָל נעמט ער אַ געוויסע טעמע, וואָס וואָלט נאָך אַ געהעריקער גרינטלעכער

באַאַרבעטונג געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דערציילונג, און פאַראײנפאַכט זי אויף אַ טאָג־אַרטיקל. עפּעס ענלעכס ווי אַ שניידער וואָלט גענומען אַ פיינעם זייד און דערפון געמאַכט אַ קאָנפעקציע־מלבוש. פריער האָט ער געוווּסט אַז עס זאַמלט זיך אַ ליד צו אַ ליד און ס׳ווערט אַ לידער־בוך. אַ דערציילונג און נאָך אַ דערציילונג און אַט ווערט אַ בוך פּראָזע. וואָס בלייבט אים פון די אַרטיקלען און פון די „שורות״? — אַ באַרג פאַרוויאַנעטע ציַיטונגען. אַ שמעטערלינג לעבט אויך נישט מער פון אַ טאָג; דאָס איז אָבער אַ טאָג — אַ פילפּאַרביקער, אַ פלאַ־טערנדיקער פון בלום צו בלום, אַ טאָג, וואָס איז כולל אין זיך אַ גאַנץ לעבן, אַ גאַנצע אייביקייט.

ער ראַנגלט זיך און וויל זיך נישט אונטערגעבן. ער פּרוּווט יעדעס מאָל ווידער און ווידער צו שרייבן אַ ליד, צי אַ דערציילונג, אָבער ס׳בלייבט נישט מער ווי פּרוּוו. ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צו שרייבן בלויז דאָס, וואָס ער מוז. אַרטיקלען מוז ער שרייבן, ווייל ער זעט פאַר זיך שטענדיק דאָס אָרט אין דער צייטונג, וואָס איז פאַר אים באַשטימט, ווי אַן אָפן הונגעריק מויל פון אַ פאַר־צייטיקער חיה און דאָס שרייט: וואַרף אַריין שורות, וואַרף אַריין! האָסטו נישט קיין שורות — וואַרף אַריין זיך אַליין!

פון צייט צו צייט פלעגט ליפשיץ אויסגיסן זיין ביטער געמיט פאַר שיינען. ליפשיץ פלעגט רעדן — רעדן אָן אויפהער, און שיין איז געזעסן און געדולדיק אויסגעהערט. ליפשיץ האָט דערציילט, אַז יעדן אינדערפרי, בעת ער שטייט אויף, דאַכט זיך אים, אַז שוין, געענדיקט. היינט האָבן זיך שוין ענדגילטיק אויסגעלאָזט אַלע טעמעס און אַלע מחשבות. היינט גיט ער מער גאָרנישט. די דאַזיקע שרעק חזרט זיך לעצטנס יעדן אינדערפרי איבער. ווי גוט איז צו זיין אַ פּויער. ער צעאַקערט די ערד, פאַרזייט, און דערנאָך קומען שוין זון און רעגן און זיי טוען זייערס. אויב אָבער דו ווערסט איבערלאָזן אַן אַרטיקל נישט פאַרענדיקט, וועט דיר די נאַטור נישט צוהעלפן אַפילו נישט מיט אַ שורה, אַפילו נישט מיט אַ וואָרט, אַן אות!

שיין פלעגט זיך זייער איבערנעמען מיט דעם חברס גורל. יעדער קינסטלער האָט זיך זיינע ראַנגלענישן, אָבער אָט־די זענען גאָר פון אַן אַנדערן מין. ער האָט געפּרוּווט אַ מאָל צוזוכן פאַר דעם חבר עפּעס אַ טעמע, עפּעס אַן איינפאַל פאַר אַן אַרטיקל, צי אַ פעליעטאָן, אָבער יעדעס מאָל פלעגט ליפשיץ זיי אָפּ־וואַרפן מיט דעם מאָטיוו, אַז זיי זענען צו קאָמפּליצירט, צו פּאָעטיש.

— דו ווייסט — פלעגט ער זאָגן דעם חבר — די וואָס באַלזאַמירן איין אַ מענטשן, נעמען אַרויס פון זיין גוף די געדערים, וואָס קענען נישט אויפגעהאַלטן ווערן, וואָס פוילן — דאָס זעלבע טוט די קונסט. די צייטונג טוט אָבער אַנדערש: זי גיט קודם־כל די געדערים...

.2

שיין האָט שוין געהאַט עטלעכע אַטאַקעס אויפֿן האַרץ, נאָר ער פֿלעגט נישט איבעררייסן מיט דעם מאָלן. אים האָט זיך כסדר געדאַכט, אַז אַזוי לאַנג ווי ער מאָלט, האָט ער נישט וואָס מורא צו האָבן פֿאַרן טויט. דער טויט קען אים נאָר אַ כאַפּ־טון בעת אַ הפסקה צווישן מאָלן איין בילד און אַ צווייטס. דעריבער, ביז ער האָט נישט געהאַט קיין קאָנצעפּציע פֿאַר אַ נייעם בילד, האָט ער נישט פֿאַרענדיקט מיט דעם אַלטן. איבערגעלאָזט עפּעס אַ שטריך, צי אַ פֿלעק, וואָס דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, כדי עס ענדגילטיק צו קענען פֿאַרענדיקן. פֿאַרענדיקט האָט ער עס ערשט בעת ער האָט זיך שוין געפֿונען ביים צווייטן אין מיטן דער אַרבעט.

דאָס האָט אים פֿונדעסטוועגן נישט געשטערט יעדן „סיום" פֿון אַ בילד מיט עפּעס אונטערצושטרייכן. נאָך דעם ווי ער איז געווען אַריינגעטון וואָכן און חדשים בלויז אין דער קונסט, האָט ער זיך אַ לאָז־געטון „אין לעבן אַריין". דאָס האָט געהייסן: לייענען אַ צייטונג, גיין אין אַ קאַפֿע, צי זיך טרעפֿן מיט אַ חבר אד"גל.

בעת אַזאַ געלעגנהייט האָט ער אַזוי איין מאָל געמאַכט אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט. דערזעענדיק זיך נאָענט פֿון הויז ווו ליפּשיץ האָט געוווינט, האָט ער באַשלאָסן אַהין אַריינצוגיין, פּרוּוון מזל און זען צי ער איז נישט צופֿעליק פֿאַראַן אין דער היים. ער האָט דאָרט דעם חבר נישט געטראָפֿן. אויך זיין פֿרוי איז דאָרט נישט געווען. געווען איז בלויז זיין מיידעלע.

האָט ער זיך דערווייל גענומען שפּילן מיטן מיידעלע. געוווען גרייט פֿאַר איר עפּעס אויפֿצומאָלן אַ קעצעלע, אַ הינטעלע צי גאָר אַ שטיבעלע. האָט ער אָבער מיט זיך נישט מיטגענומען קיין פּאַפּיר. מ'דאַרף אָבער צוליב דעם נישט אויפֿגעבן דעם פּלאַן. ער איז צוגעגאַנגען צום חברס שרייבטיש און דאָרט גע־נומען זוכן. קיין באַזונדערע בייגעלעך פּאַפּיר האָט ער נישט געטראָפֿן. דאָרט איז אָבער געלעגן אַ נאָטיץ־בוך. מילא, וועט ער פֿון אים אַרויסרייסן עטלעכע בלעטלעך.

דאָס נאָטיץ־בוך איז געווען היפּשלעך פֿאַרשריבן. ער האָט געמישט די בלעטלעך, כדי צוצוקומען צו די נישט־פֿאַרשריבענע. בעתן מישן האָט זיך אים פּלוצים אויסגעדאַכט, אַז אויף איינעם אַ בלעטל געפֿינט זיך זיין נאָמען. איז עס אַ טעות, אָדער? — ער האָט אָנגעהויבן פֿאַמעלעך צוריקצומישן און זוכן מיט די בליקן. אָט איז טאַקע באמת זיין נאָמען! ס'האָט אים געטון אַ ציִ צו לייענען:

...שיין איז געווען אַ טאַלאַנטירטער מאָלער —

פאַרוואָס עפּעס „געוועזן״? וואָס זאָל דאָס באַטייטן? האַלט דער חבר, אַז איצט מאַלט ער שלעכט?

ער האָט גענומען ווייטער לייענען און איז באַלד געבליבן צעמישט. וואָס איז דאָס? ער לויבט אים טאַקע ווי אַ קינסטלער, ווי אַ מענטש, אָבער — אָט שרייבט ער אַזוי:

...איך האָב געוווּסט, אַז ער איז שווער קראַנק אויפן האַרץ. אָבער ס'האָט זיך מיר אַלץ נישט געוואָלט גלייבן, אַז אין איינעם אַ טאָג קען עס זיך אויף אַן אמת אין גאַנצן אָפּשטעלן —

הייסט עס, אַז ער שרייבט דאָ שוין וועגן אים, ווי וועגן אַ טויטן! דאָס איז דאָך נישט שיין — נישט שיין פון זיין זייט. דאָס איז ממש שרעקלעך! ער לעבט דאָך נאָך!

ער ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי ס'איז געשען — ער האָט אַ כאַפּ־געטאָן דאָס נאָטיץ־בוך און איז אַרויסגעלאָפן פון חברס שטוב. ער וועט עס צערייסן, פאַר־ברענען — פאַרניכטן, אַז קיין זכר זאָל דערפון נישט בלייבן! בעת ער איז שוין געווען מיט אים אין דער היים, האָט ער באַשלאָסן, אַז איידער ער פאַרניכט עס, פריער נאָך דאָרט איבערלייענען ביזן סוף וואָס ער האָט וועגן אים געשריבן. אפשר דערמאָנט ער אים טאַקע אויך אויף אַ צווייט אָרט.

ניין, ער דערמאָנט אים נישט אויף אַ צווייט אָרט. מישנדיק אַזוי די בלעט־לעך, האָט ער דערווייל געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיטן אינהאַלט פון גאַנצן נאָטיץ־בוך. וויפל זאַכן האָט דער חבר דאָרט אָנגעהויבן און זיי נישט געקענט פאַרענדיקן! אַזויפיל שטיקלעך און ברעקלעך מחשבות! דאָ איז מער אויסגעמעקט, ווי איבערגעגלאָזט. קודם גייען גלייכע שורות און קיילעכדיקע אותיות. אָבער וואָס ווייטער — ווערן די שורות קרומער, און די אותיות — אומזיכערער, אומרויִקער און מטושטש.

דער כעס אויפן חבר האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט. פאַרקערט, ס'האָט זיך אין אים נאָך דערוועקט אַ געפיל פון רחמנות צו אים. ער האָט אַמאָל געזען אין אַ הומאָריסטישער צייטונג, ווי אַ רעפּאָרטער ליגט אויף דער גאַס איבערגעפאָרן פון אַן אויטאָ, אָפּגעשניטן ביידע פיס, אָבער מיט דער רעכטער האַנט שרייבט ער. דאָס שרייבט ער אַ באַריכט פאַר זיין צייטונג און איז צופרידן: ענדלעך האָט ער געפונען אַ וואַזשנע ידיעה! וויפל צייטונגס־מענטשן שטעלן איין זייער לעבן אַלס מלחמה־קאָרעספּאָנדענטן אויף די פראָנטן. דאָס איז שוין אַזאַ פאַרשאָלטן פאָלק! מאָרדן, שריפות, קאַטאַסטראָפעס — דאָס זענען זיין טעגלעך ברויט.

וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט אים געטאָן זיין חבר? — סוף־כל־סוף איז ער דאָך טאַקע שווער קראַנק און קען יעדע רגע אַוועקפאַלן. אויסער דעם האָט דער חבר אַ ווייב, אַ קינד — ער דאַרף נאָך לעבן, לעבן לאַנג און פאַרשטייט זיך, אים

איבערלעבן. ער האָט די פולע רעכט אויף דעם, צוואָס־זשע די גאַנצע אויפֿרעגונג?

אויב ער האָט וועגן אים געשריבן שוין ווי וועגן אַ טויטן, הייסט עס נאָך נישט, חלילה, אַז ער וואַרט אויף זיין טויט, אלא, וואָס דען? — ער האָט זיך פריִער צוגעגרייט דעם אַרטיקל נאָך אים, ווייל נאָך זיין טויט וועט ער נישט זיין אין שטאַנד זיך אַוועקצוזעצן און שרייבן מחמת דעם ווייטיק דעם פרישן. ער האָט אַפילו געהערט, אַז אין אַ טייל גרויסע צייטונגען איז פאַראַן כסדר צוגעגרייט מאַטעריאַל פאַר יעדן אָנגעזעענעם אַלטן פּאָליטיקער, צי שרייבער. דאָס פאַרלאַנגט די צייטונג. און דער שרייבער איז נישט מער ווי איר קנעכט.

צוריקגעשמועסט, איז דווקא אינטערעסאַנט צו זען, וואָס מ'וועט וועגן דיר שרייבן נאָך דיין טויט. אַ סך מענטשן וואָלטן אַוועקגעגעבן מי־יודע־וואָס, כדי דאָס זיך צו דערוויסן! דאָס סתם זיך צו דערוויסן איז נאָך נישט אַזאַ סאַטיספאַקציע, נאָר טאַקע לייענען, אַז מ'שאַצט דיך ווי געהעריק אָפּ און מ'לויבט דיך, ווי דאָס טוט דער חבר בנוגע אים.

ער האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט. אַוועקגעלייגט דאָס נאָטיצבוך און זיך גענומען צוגרייטן די וועטשערע. ער האָט אָנגעשניטן עטלעכע רייפטלעך ברויט, זיי באַשמירט מיט פּוטער, דערנאָך האָט ער אָנגעגאָסן דעם טשאַיניק מיט וואַסער און אים אַוועקגעשטעלט אויפן עלעקטרישן קיכל, כדי, אויפצוזידן טיי.

אָפּגעטון, האָט ער ווידער אויפגעמישט די זייטלעך מיט דעם חברס אַרטיקל וועגן אים. ס'איז פאָרט משונהדיק, אומהיימלעך צו לייענען וועגן זיך ווי וועגן אַ טויטן. דאָס האַרץ קלאַפּט אים צו שטאַרק. נישט רעגלמעסיק. ווען האָט ער געהאַט די לעצטע אַטאַקע? — צוריק מיט פינף חדשים. פינף חדשים זענען שוין פון דעמאָלט אַוועק — דאָס איז גוט. אָבער איצט פילט ער זיך פאָרט נישט גוט. ס'איז מסתמא בלויז געקומען פון לייענען דעם אַרטיקל. האָט ער דאָך אָבער די זאַך שוין אויפגעקלערט, אויסגעטייטשט, פאַרענטפערט. פאַרוואָס־זשע האָט ער זיך פונדעסטוועגן נאָך אַלץ נישט באַרויִקט?

ער איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום שאַפקעלע און אַרויסגענומען די רפואות. זאָלן זיי שטיין אויפן טיש גרייטע. דאַכט זיך אַז אים איז שוין בעסער געוואָרן. ניין, ס'איז אים נאָך אַלץ נישט גוט. וואָס זאָל ער טון? — אפשר אָנקלאַפּן אין דער טיר פון שכן און אים רופן? און טאָמער איז אים גאָרנישט, סתם אַ נערוון־קאַפּריז, צו וואָס באַמיִען אַ פרעמדן מענטשן און שטערן זיין רו? — ער וועט זיך צולייגן אַ ביסל אויפן בעט און ס'וועט פאַריבערגיין. דאָס העלפט אויך נישט. דאָס העלפט אויך נישט. ווי קען דאָס העלפן, ווען —

ווען אויפן טיש פאַר אים ליגט דאָס דאָזיקע נאָטיצבוך. דער הויפּט־גורם פון זיין אומרו נעמט זיך דאָך פון אים. ער דאַרף עס צערייסן! צערייסט ער עס, איז ווי ער וואָלט צעריסן דעם שוואַרצן גזר־דין אויף זיך! ניין. דער חבר האָט

דאָרט אַ סך פאַרצייכענונגען, אַ סך קוישטאָף, וואָס קען אים נוצן פאַר זיינע ווייטערדיקע אַרבעטן. דער חבר וועט האָבן גרויס עגמת־נפש, ווען ער וועט עס נישט געפינען. ער וועט מוזן אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי. דאָס וועט אים קאָסטן אַזויפיל כח און צייט.

ווי האָט ער זיך דערוועגט און צוגענומען דאָס נאָטיצבוך?! ווי אַזוי האָט ער געקענט טון אַזאַ זאַך? — דער חבר מוז עס צוריק באַקומען. ס'איז אפשר נאָך נישט צו שפּעט. ער וועט גייך צו אים אַהיים און עס צוריקלייגן אויפן אָרט ווו ער האָט עס גענומען, אַז יענער זאָל גאָרנישט באַמערקן. מסתם איז ער נאָך נישט געקומען פון דער אַרבעט. דאָס נאָטיצבוך וועט ער אים טאַקע צוריקקערן, אָבער די עטלעכע בלעטלעך אויף וועלכע ער שרייבט וועגן אים ווי וועגן אַ טויטן — זיי וועט ער אַרויסרייסן. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן, כדי דורכצופירן זיין פּלאַן — און איז אַ פאַל־געטון אויף צוריק.

דאָס וואַסער אין טשאַיניק, וואָס איז געשטאַנען אויפן עלעקטרישן קיכל, האָט געזאָטן און געזאָטן, געהויבן דאָס דעקל און האָט געשריגן פאַרצווייפלט צום מענטשן: ראַטעוועט מיך! איך אָטעם מיט די לעצטע טראָפּנס פאַרע! נאָר דער מענטש איז געלעגן אויפן דיל ביים בעט אַ בלייכער, אַ פאַרגליווערטער־אַליין אָן אָטעם.

די באַנגעניש

פֿאַרבער איז ערשט צוריק מיט עטלעכע חדשים געקומען מיט זיין ווייב און קינד קיין אַרגענטינע. ער איז גלייך אַריינגעפאַלן אין די גרויסע היצן. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אַז ער האָט אַ גאַנץ יאָר זומער. ענדע זומער איז ער אַרויסגעפאָרן פון אייראָפּע און אָנהייב זומער איז ער אָנגעקומען אַהער. דער אַרגענטינער זומער, ווי ער וואָלט געווען נישט בלויז אַ פאַרלענגערונג פון אייראָפּעישן, נאָר אויך זיין שטייגערונג. די היץ קומט דערצו נישט אַליין, זי ווערט באַגלייט פון אַ פייכטקייט. ס׳דאַכט זיך, אַזאַ הויכער הימל, אַזאַ רחבות אין שטח, און פונדעסטוועגן איז ענג און ס׳שטיקט און מ׳קען נישט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

פֿאַרבער האָט פאַר זיך אָפּגעזוכט נישט ווייט פון בוענאָס־איירעס אַן אָרט, וואָס איז האַלב־שטעטל און האַלב־דאָרף, כדי דאָרטן צו פאַרברענגען זיין וואַקאַציע. געוווינט האָט ער אין אַ האָטעל. דאָרט, אונטן, אין רעסטאָראַן, האָט ער אויך געגעסן מיטיק. פרישטיק און נאַכטמאָל האָט ער זיך אַליין צוגעגרייט. דאָ גיט מען יעדעס מאָל פלייש און ער וויל אין אָוונט עסן מילכיקס.

אַזוי־ווי קיין שפייזקראָם איז דאָ נישט געווען, איז ער געווען געצוווּנגען צו גיין זוכן דאָס מילכיקס ביי די פויערים. ער האָט געפונען אַ שטוב ווו ער האָט באַקומען אַלץ וואָס אים האָט זיך געוואָלט: פרישע פוטער, ווייסן קעז, זויערמילך און טייל מאָל אויך אייער. די פויערטע פלעגט אים זייער פריינטלעך אויפנעמען. איין מאָל האָט זי אים אַפילו מכבד געווען מיט אַ געשמאַקן איטאַליעניש מאכל.

ס׳האָט אים געוווּנדערט וואָס ער קומט שוין אַהין עטלעכע מאָל אַריין און טרעפט זי כסדר אַליין. זי טראָגט דאָך אַ חתונה־רינגל אויף דער לינקער האַנט. ווו איז דער מאַן? ער האָט אים איין מאָל ענדלעך געטראָפן. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער קען אים שוין פון פריער. כמעט יעדן טאָג זעט ער אים אין רעסטאָראַן, וואָס געפינט זיך אונטן, אין האָטעל, ווו ער וווינט. יענער האָט ליב די כוסה. ער מאַכט אָפט שיכורערהייט סקאַנדאַלן און שלאָגט זיך מיט די געסט. איין מאָל האָט מען אים אַפילו גענומען אין דער פּאָליציי.

ווי דער פויער האָט אים דערזען, האָט ער געפרעגט דאָס ווייב זיינס:

— דאָס איז דער קונה דיינער?

— יאָ.

איצט האָט ער זיך שוין געווענדט גלייך צו פאַרבערן און אים אַ פרעג־געטון.

— כודיאָ?! (ייִד).

אין פויערס קול האָט זיך געפילט חוצפה און חוזק. פאַרבער איז געוואָרן אַ ביסל צעטומלט. ער איז אָבער באַלד צו זיך געקומען און געענטפערט רויִק:

— כודיאָ.

דער פויער האָט אַ ברום־געטון:

— אומעטום זענען זיי דאָ!

פאַרבער האָט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געזאָגט, ער האָט אָבער בשום־אופן נישט געפונען די נייטיקע ווערטער אין זיין אָרעם ביסל שפּאַניש, כדי אים ווי געהעריק אָפּצוענטפערן. איז ער אַוועקגעגאַנגען פון דאָרט מיטן באַשלוס מער קיינמאָל נישט אַריבערצוטרעטן די שוועל פון דער דאָזיקער שטוב. ער וועט טאָקע דאַרפן גיין אַ סך ווייטער, אָבער ס'וועט לוינען. אַבי דעם פויערס פּרצוף מער נישט אָנצוקוקן.

דאָס איז אָבער פאַרבערן נישט געלונגען, ווייל דער פויער פלעגט זיצן דורך די טעג אין דעם רעסטאָראַן און אים אויסצומיידן איז פשוט געווען אומ־מעגלעך. אַ מאָל האָט זיך אים אַפילו אויסגעדאַכט, אַז דער פויער מאַכט פאַר זיינע טרינק־חברים עפּעס אַ בייסיקע באַמערקונג אויף זיין חשבון, בעת ער איז פאַרבייגעגאַנגען. אַריבערציִען זיך אין אַ צווייטן האָטעל? אפשר גאָר אין גאַנצן זיך אומקערן קיין בוענאָס־איירעס?

איין מאָל, ווען פאַרבער האָט זיך אומגעקערט פון אַ שפּאַציר ביים טייך און איז שוין געשטאַנען האַרט פאַרן האָטעל, האָט ער דערזען דעם פויער אים קומען אַנטקעגן. ער האָט אים געוואָלט אויסמיידן, פאַרקערעווען אין אַ זייט, נאָר יענער האָט ווי מיט אַ כיוון אים נאָכגעפאָלגט. וואָס איז? ווייל ער מיט אים אָנהייבן אַ געשלעג? מילא, ער וועט זיך נישט צוריקציִען.

דער פויער איז שוין געשטאַנען פאַר אים. ער האָט געזאָגט:

— דער באַלעבאָס פון רעסטאָראַן האָט מיר דערציילט, אַז איר זענט פון פוילן. ס'איז אמת?

פאַרבער האָט נישט בדעה געהאַט אים צו ענטפערן; געפּרוווט ווייטער גיין. דער פויער האָט אים אָבער אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם און איבערגעחזרט די זעלבע פראַגע.

אים דערלאַנגען אין די ציין אַריין? — ער איז דאָ אַ פרעמדער. וועט ער

זיך נישט קענען אויסטענהן, וועט נישט קענען אויפקלערן. ענטפערן און אים פטור ווערן.

— יאָ.

נאָר דעם פויער איז עס נאָך געווען ווייניק.

— פון וואַנען? פון וועלכן אָרט? — האָט ער געוואָלט וויסן.

— פון מזרח־גאַליציע. פון אַ קליין שטעטל ביי דער גרענעץ.

— אפשר פון מילניצע?

דאָ איז שוין פאַרבער געוואָרן מבולבל און ער האָט געשטאַמלט.

— יאָ... פון מיל־ני־צע...

דער פויער האָט מאָדנע אַ שמייכל־געטון און געזאָגט שוין אויף אוקראַאיניש:

— איך שטאַם פון מילניצער דאָרף. ביסטו דאָך אַ זעמליאַק! — איז ער אַריבער אויף דו.

פאַרבער האָט זיך איצט טאַקע געחידושט פאַרוואָס ער האָט זיך פריער נישט געכאַפּט אַז דער פויער זעט נישט אויס ווי אַ שפּאַניער און נישט ווי אַן איטאַליענער, נאָר ווי אַ גוי פון זיין שטעטל מיט אַ הונט, וואָס בילט און בייסט, וואָס עסט ווייסן און פעטן חזיר, וואָס האָט אַ צערקווע מיט הילצערנע געצן און אַז מען גייט דורך איר פאַרביי, דאַרף מען דריי מאָל אויסשפּייען און דערביי זאָגן:

— שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הוא!

— און ווען האָסטו צום לעצטן מאָל געזען דאָס שטעטל? — האָט דער פויער געפרעגט.

— אין יאָר 1941.

— און ביז דעמאָלט זענען פאַרגעקומען יעדן דינסטיק ירידים און שלמהקע האָט פאַרקויפט בראָנפן און יאַנקל האָט געוויגן פאַלש די תבואה פון די פויערים?

פאַרוואָס האָט ער זיך פאַרט געלאָזט אַריינציען אין אַ שמועס מיט דעם גראָבן נפש? אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק. נאָכן אָפּגיין אַ הונדערט טריט, בעת ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער געזען שטיין דעם פויער אויף דעם זעלבן אָרט, ווי עמעצער וואָלט דאָ דורכגעפאָרן און אים אַראָפּגעזעצט פונעם וואָגן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער באַגעגנט אויף דער גאַס דעם פויערס פרוי. ער האָט זי באַגריסט און געוואָלט גיין ווייטער, נאָר זי האָט אים פאַרהאַלטן.

— פאַרוואָס האָט איר אויפגעהערט קומען צו אונדז? — האָט זי געפרעגט

— איך ווייס, אַז מיין מאַן האָט אייך באַליידיקט. ער האָט נישט ליב קיין ייִדן, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער מיך געפרעגט אויף אייך, צי איר זענט נישט געווען ביי אונדז. זענט איר טאַקע פון איין אָרט?

— יאָ, מיר שטאַמען פון דעם זעלבן שטעטל.

— זענען, הייסט עס, נישט אַלע מענטשן אַזעלכע ווי ער... און איך האָב געמיינט...

— דאָרט זענען געווען פאַרשיידענע מענטשן.

— וועט איר שוין איצט קומען?

— איך ווייס נישט.

די פויערטע האָט נישט גערעדט, נאָר געבעטן כמעט מיט טרערן:

— איך ווייס, אַז ער איז אַ שווערער מענטש. איך שטיי אויך אויס פון אים אַ סך צרות. איך מאַטער זיך און איך לייד. איך בין אַ היגע און ער איז פון ערגעץ ווייט. איך פאַרשטיי נישט זיין שפּראַך, ווייס נישט וואָס אים פעלט. איר זענט דאָך מיט אים פון דעם זעלבן לאַנד, פון דעם זעלבן שטעטל אַפילו און קענט זיין שפּראַך — קומט דעריבער צו אונדז. העלפט מיר. אפשר דורך אייך וועט ער זיך בייטן און זיך באַרויקן...

ער האָט רחמנות באַקומען אויף דער פרוי און איר צוגעזאָגט צו קומען. ער איז אָבער נישט געקומען נישט אויפן צווייטן טאָג און נישט אויפן דריטן טאָג. ביז איין מאָל האָט ער באַגעגנט דעם פויער ביים רעסטאָראַן. אַפנים, אַז ער האָט שוין דאָ אויף אים פריער געוואַרט.

— דו וועסט איצט גיין מיט מיר אַהיים —האָט ער געזאָגט פאַרבערן— מיין ווייב האָט היינט אָפּגעקאָכט אַ מיטאָג ווי אין דער אַלטער היים. איך האָב זי אויסגעלערנט. מיר האָבן באַשלאָסן דיך צו פאַרבעטן מיט אונדז צוזאַמען צו עסן.

פאַרבער איז מיט אים מיטגעגאַנגען. ווי די פויערטע האָט אים דערזען, האָט זי זיך זייער דערפרייט. בעת זי האָט דערלאַנגט דעם אוקראַיִנישן באַרשט, האָט דער פויער געזאָגט:

— זיי דאָ קענען דען מאַכן אַ גוטע זופּ? — ס׳איז פּשוט וואַסער. פאַרזוך דעם באַרשט!

נאָר ער האָט זיך ערשטע צערעדט, איז אַריין אין התלהבות, ווען דאָס ווייב זיינס האָט דערלאַנגט צום טיש די וואַרעניקעס:

— זע די וואַרעניקעס! קוק זיי אָן! פאַרזוך! ווי האָט מיין ווייב געוווּסט ווי אַזוי עפּעס אַזוינס אָפּצוקאָכן? פון וואַנען זאָל זי טאַקע וויסן? אַפילו די יידן ווייסן דאָ נישט ווי אַזוי צו מאַכן וואַרעניקעס. איך האָב אַ מאָל געגעסן וואַרעני־קעס אין אַ יידישן רעסטאָראַן, איז ווי אַזוי מיינסטו האָבן זיי אויסגעזען? — צוויי שטיקער טייג צונויפגעקלעפּט, כמעט אָן קאַרטאָפל. און דאָס ביסעלע קאַר־טאָפל — אָן גריוון און מיט ווייסע, נישט־געפּרעגלטע ציבעלעס. ווי געפעלן דיר אַזעלכע וואַרעניקעס, אַ?

פאַרבער האָט געגעסן די זופּ, די וואַרעניקעס, נאָר ווען ס׳איז געקומען צום פלייש, האָט ער עס נישט געקענט נעמען אין מויל אַריין. ער האָט שוין געגעסן

פלייש געקאַכט פון פראַנצויזן, ענגלענדער, אוזבעקן, נאָר ערשט דאָס דאָזיקע פלייש, האָט ער דערפילט, איז טריפה. דאָס איז נישט סתם געקאַכט חזיר־פלייש, נאָר ווי מען וואָלט פאַר זיינע אויגן אָפּגעשניטן אַ שטיק פון אַ לעבעדיקן חזיר און אים עס דערלאַנגט צום עסן.

יעדעס מאָל האָט דער פויער אָנגעגאָסן פאַרבערן אַ פריש גלעזל און אַז פאַרבער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן חשק צום טרינקען, האָט ער גע־זאָגט:

— דו מעגסט טרינקען. ס׳איז אמתער בראָנפן. פאַרזוך, וועסטו זען!

ער האָט איבערגעקערט דאָס גלעזל אין מויל אַריין, זיך אָפּגעווישט די וואָנ־סעס און ווייטער גערעדט:

— אַלע טרינקען דאָ כמעט נאָר ווייַן. ווען עמעצער טרינקט וויין, וואָס ווערט ער? — אַ באָבע. ער הייבט אָן צו זינגען און וויל זיך מיט יעדן קושן. טרינקט ער אָבער בראָנפן — ווערט ער ערשט אויף אַן אמת אַ מאַן. ער וויל אַלץ אַרום צעברעכן, חרוב־מאַכן און מיט יעדן איינעם זיך שלאָגן!

ער האָט אַלץ אונטערגערוקט פאַרבערן דאָס גלעזל. פאַרבער האָט יעדעס מאָל אַ זופּ־געטון, אַ לעק, און עס אָוועקגעשטעלט. דער פויער האָט זיך געכאַפּט:

— אַ, דו נאַרסט מיך אָפּ? אַ ייִד קען פאַרקויפן בראָנפן, אָבער נישט טרינקען!

זי האָט זיך אָנגערופן:

— דו רעדסט שוין ווידער אויף ייִדן?

— ניין, נישט נאָר אויף ייִדן — די איטאַליענער האָב איך אויך נישט ליב. וווהין זיי זאָלן נישט פאַרוואָרפן ווערן — אַרבעטן זיי זייער פלייסיק. און זיי זינ־גען און זיי זענען פריילעך! העי, ייִד, נעם זיך נישט צופיל איבער, נישט נאָר דיך האָב איך פיינט, איך האָב אויך פיינט אַנדערע!

און ער האָט אַ זעץ־געטון מיט דער פויסט אין טיש, אַז אַלץ אויף אים האָט אָנגעהויבן זיך צו טרייסלען און ציטערן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער טיש אַליין וועט זיך באַלד צעפליִען אויף שטיקער. פאַרבער האָט מורא באַקומען, אַז אָט וועט דער פויער טאָקע ווייזן, ווי ער האָט פריִער געזאָגט, וואָס עמעצער ווערט ווען ער טרינקט בראָנפן. מ׳דאַרף זיך אָפּטראָגן אין צייט.

דעם פויערס ווייב האָט באַמערקט, אַז ער גרייט זיך אָוועקצוגיין און אים געבעטן נאָך צו בלייבן. וויַיזט אויס, אַז זי האָט נישט געוואָלט זיין אַליין מיטן מאַן. קען זיין, אַז בעת אַזעלכע סצענעס לאָזט ער צו איר אויס דעם כעס. זי האָט מסתמא גערעכנט, אַז בעת זיין אָנוועזנהייט וועט ער זיך אַ ביסל צוימען.

ער האָט ווייטער געשריען:

— אַלע מאַכן דאָ געלט: די ייִדן, די שפּאַניער, די איטאַליענער, נאָר נישט איך! ביי אונדז איז אַ מאָל געווען דאָס סאַמע טייערסטע די ערד. אַ שכן האָט

געהרגעט דעם צוויטן מיט אַ קאַראַמעסלע, ווען יענער איז אַריין מיט זיין אַקער אין דער בשותפותדיקער מעזשע. און דאָ איז פאַראַן אַזויפיל ערד, נישט־באַ־אַרבעטע ערד. איך האָב אָבער פון איר נישט קיין הנאה. איך פיל נישט קיין טעם נישט אין די קאַרטאָפל, נישט אין דעם קרויט און נישט אין די מייערן. דאָס ווייסע ברויט איז קיין ווייס ברויט נישט, אַפילו דער חזיר איז דאָ נישט קיין חזיר — ער האָט אַ ייִדישן טעם.

ס'איז אַריינגעקומען דער קוכער, וואָס אַרבעט אין רעסטאָראַן. ער האָט געזאָגט דער פויערטע, אַז דער באַלעבאָס זיינער האָט אים געשיקט אַהער נאָך הינער.

— וואָס פאַר אַ הינער? — האָט די פויערטע געפרעגט אַ פאַרחידושטע.

דער פויער האָט זיך אויף איר אויסגעבייזערט:

— גיב אים דריי הינער — און פרעג נישט מער!

זי איז אַרויסגעגאַנגען מיטן קוכער אין הויף אַריין.

דער פויער האָט געוואָרטשעט:

— זי מיינט, אַז דער באַלעבאָס פון רעסטאָראַן גיט צו טרינקען אומזיסט. זיך אַנגעשולדיקט, נישטאָ קיין געלט — נעמט ער די הינער.

זי איז צוריקגעקומען מיט פאַרוויינטע אויגן:

— באַלד האָבן מיר שוין נישט מער קיין הינער. דו פאַרטרינקסט אַלץ. די גאַנצע באַלעבאַטישקייט גייט צו־גרונט. וואָס וועט זיין דער סוף? ס'איז מער נישט געבליבן, ווי די איינע קו.

— און זי — דאַרף איך אויך נישט! איך טרינק נישט קיין מילך!

פונדעסטוועגן האָט אים די מעשה מיט די הינער אַ ביסל אויסגעניכטערט. ס'האָט זיך אין אים דערוועקט אַ שולד־געפיל. ער האָט זיך דערפילט אָפהענ־טיק. נאָך אַ ווײַלע האָט ער געזאָגט צום ווייב:

— איך בין מיד. איך וועל זיך צולייגן אַ ביסל.

ער איז אַוועק אין צווייטן צימער. נישט אויסגעדרייט אַפילו דאָס פּנים צו פאַרבערן, ווי ער וואָלט זיך בכלל אין צימער נישט געפונען.

פאַרבער איז אַהיים געגאַנגען צו זיך אין האָטעל אַריין און געקלערט, אַז הינער האָבן אים געראַטעוועט פון אַ סקאַנדאַל. אַ דאַנק זיי האָט זיך אַלץ גע־ענדיקט בשלום. דאָס דאַרף אים אַנלערנען איין מאָל פאַר אַלע מאָל אין דער דאָ־זיקער שטוב מער נישט אַריינצוקומען.

אָבער מאָדנע, ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס ס'האָט אים געצויגן צו יענער שטוב. איז עס אפשר צוליב דער שיינער און יונגער פרוי? — ניין. ער וויל טאַקע זען דעם פויער. ער האָט אַ געפיל, ווי צווישן זיי וואָלט עפּעס פאַרגעקומען און זיך נישט פאַרענדיקט. ווי אַ מענטש וואָלט געהוסט און געהוסט און נישט גע־

קענט אַרויסגעבן די ליחות. ער איז טאַקע צו אים נישט געגאַנגען, אָבער ער האָט אים באַגעגנט אין רעסטאָראַן.

ס'איז שוין דעמאָלט געווען שפּעט אין דער נאַכט. קיין געסט זענען נישט געזעסן אויסער אים אַליין. ער איז געזעסן ביי אַ טישל, אויפן טישל — אַ פלעשל מיט אַ גלעזל, און האָט צו זיך אַליין עפּעס גערעדט אויף אַ שפּראַך, וואָס איז געווען געמישט פון שפּאַניש און אוקראַיִניש. ווי ער האָט פאַרבערן דערזען, האָט ער אַ וויינ־געטון אויף אַ ליידיק בענקל לעבן זיך.

— זעץ זיך.

פאַרבער האָט זיך אַוועקגעזעצט. דער פויער האָט צו אים אָנגעהויבן רעדן, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן אין מיטן אַ שמועס, וואָס איז נאָר־וואָס איבערגעריסן געוואָרן:

— פאַרוואָס איך זיץ דאָ כסדר? — ווייל איך האָב נישט קיין היים. ווייל איך האָב אַ ווייב וואָס הייסט אסתר. אַ יידישער נאָמען, נישט אַזוי? יאָסי דעם שענקערס ווייב האָט געהייסן אסתר. אַלע שטאַמען דאָ פון יידן. זע די היגע קינדער: שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן — יידישע קינדער. ס'איז זעלטן דאָ צו טרעפן אַ קינד מיט בלויע אויגן און פלאַקסענע האָר. איין אמתער קריסט איז דאָ פאַראַן, אַ פּראַוואָסלאַוונער — און דאָס בין איך. און איין מענטש רעדט דאָ אויף אַ מענטשלעכער שפּראַך —אויף אוקראַיִניש— און דאָס בין איך. יאָ, דער צווייטער — ביסטו, אַ ייד. זאָג אַליין, איז עס נישט קיין וויטיק? — איין מענטש פאַרשטייט דאָ מיין שפּראַך און דער איז דווקא אַ ייד!

ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלעזל, איבערגעקערט עס אין מויל אַריין און ווייטער גערעדט:

— אַז מיין גאַנץ לעבן האָב איך צו טון מיט יידן. נאָך פון די קינדער־יאָרן. מיין שוועסטער איז געווען אַ דינסט ביי אַ יידן. דאָרט ביים יידן, ווו זי האָט געדינט, פלעגט זי רייבן די פּאָדלאָגע, וואַשן די קוכיקע וועש, אַרויסטראָגן דאָס טעפּל פון די קינדער, נאָר אַז זי פלעגט צו אונדז קומען זונטיק, אָדער אין אַ חגא, האָט זי זיך געפירט ווי אַ פּריצה. זי האָט געוואָלט, אַז אַלע אין שטוב זאָלן זי באַדינען. איך בין געווען בייז אויף איר, נאָר כאָטש אַזוי האָב איך מיך אַרום איר געדרייט. פאַרוואָס? — ווייל זי פלעגט ברענגען פון יידישן בעל־הבית חלה און איך האָב ליב געהאַט חלה. פּשוט אויסגעגאַנגען נאָך אַ שטיקל חלה! ביז איך האָב באַשלאָסן זיך צו מאַכן זעלבשטענדיק. איך וועל אַליין גייך מיר נעמען חלה ביי די יידן. ווי אַזוי? — איך וועל שבת אינדערפרי גיין איינהייצן אין זייערע הרובעס, וועט מען מיר דערפאַר געבן חלה. האָט אָבער קיין שום ייד נישט געוואָלט מיך צולאָזן, ווייל ס'איז שוין געווען איינער אַן אַלטער חרובע־הייצער, מיקאָלע. איך האָב אייך תמיד פיינט געהאַט און תמיד צו אייך געדאַרפט און אייך געזוכט. אַזאַ הינטישע דאָליע!

פאַרבער איז געזעסן אַקעגן אים און אים אויסגעהערט. נישט נאָר איצט, נאָר די גאַנצע צייט, ווען ער האָט באַגעגנט דעם פויער, האָט ער אים געלאָזט זיך אויסבושעווען און אַליין געשוויגן. ער האָט אָנגענומען מיט דער האַנט אַ פּיסל פון טישל, ווי מען גיט אַ פּרוי בעת די ווייען אין דער האַנט אַריין עפּעס אין וואָס זיך אָנצוהאַלטן, אין וואָס איינצוקלאַמערן זיך, ס׳זאָל איר זיין גרינגער אַריבער־צוטראָגן די ווייטיקן — און ער האָט געזאָגט:

— איך האָב דיך פיינט, אָבער אויך מיך האָט כסדר געצויגן צו דיר. מיר זענען ביידע נישט געווען אין שטעטל בעת די ייִדן זענען דאָרט אומגעבראַכט געוואָרן. ס׳האָט זיך אָבער געראַטעוועט איין ייִד און ער האָט מיר אַלץ דער־ציילט. די דייטשן האָבן צונויפגעטריבן אַלע ייִדן פון שטעטל אויפן בית־עולם און דיין טאַטע־מאַמע, דיינע ברידער, דיינע שוועסטער, דיינע קרובים, שכנים און פריינד האָבן מיט שטעקנס, מיט דרענגלעך און שטיקער אייזן זיי צעשלאָגן, די קעפּ צעשפּאָלטן, די בייכער אויפגעריסן. דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט איבער די פוסטע ייִדישע שטיבער, געראַבעוועט און שפּעטער זיך געמאַכט אַ סעודה אויף דריי טעג און דריי נעכט — אויסגעליידיקט די ייִדישע שענקען און קראָמען — געפרעסן און געטרונקען!

דער פויער האָט אויסגעהערט פאַרבערן און זיינע אויגן האָבן זיך אים אָנגעצונדן מיט אַ גרין פייערל. ער האָט געפיבערט:

— אַזוי!... אַזוי!... זיי האָבן זיך דערוואָרט אַזאַ טאָג! ווי איך בין זיי מקנא! זיי האָבן געהרגעט, גערויבט, פאַרגוואַלדיקט — טרערן און בלוט, געשרייען און געוואַלדן — און דערנאָך אַזאַ סעודה! און איך בין דעמאָלט דאָרט נישט געווען!

פאַרבער האָט זיך אויפגעשטעלט. זיין פּנים, ווי דאָס גאַנצע בלוט וואָלט פון דאָרט אויסגערונען. ער איז צוגעקומען צום פויער גאָר נאָענט און אים אַריינגערעדט כמעט אין פּנים אַריין:

— ווי איך האָב דיך דערזען, האָב איך גלייך דערפילט, אַז דאָס האָסטו געדאַרפט זיין דער, וואָס האָט מיר געדאַרפט דערלאַנגען מיט אַ שטיק אייזן איבערן קאָפּ און מיר צעשפּאַלטן דעם מוח. איך בין אָבער פאַר דער שחיטה אַנטלאָפן פון שטעטל און דו ביסט נאָך מיט יאָרן פריִער פון דאָרט אַוועקגעפאָרן. אַזוי אַרום האָבן מיר זיך אויסגעמיטן. דו גייסט אָבער כסדר אַרום, ווי עפּעס וואָלט דיר געפעלט; ס׳פעלט דיר מיין בלוט. דו האָסט עס נישט באַקומען, פּרוווסטו זיך שטילן דעם דאָרשט מיט בראָנפן. איך בין נאָך דער מלחמה געווען אין עטלעכע לענדער. איצט בין איך געקומען אַהער. פאַר דער צייט האָב איך גענומען אַ פרוי און האָב שוין מיט איר אַ קינד, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון מיין טאַטן, און אַזוי האָבן געטון אַנדערע, מיינע חברים, וואָס האָבן זיך געראַ־

טעוועט. נאָר דו — דו האָסט אין דער פרעמד פאַרלוירן דאָס פּנים פון אַ מענטש! דו ווערסט פאַרברענט פון בראָנפן, דו צעפּאַלקסט זיך, דו גייסט אונטער!

דער פויער האָט מיט געביילטע פויסטן זיך געוואָרפן אויף פאַרבערן און געשריִען:

— שוויג, פאַרשיווער ייִד! איך וועל דיר די מאָרדע צעהאַקן!

נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַראָפּצולאָזן זיין פויסט אויף פאַרבערס קאָפּ, האָט יענער אים געגעבן אַזאַ שטויס אין די ריפּן, אַז ער האָט זיך איבערגעקערט. דער פויער האָט זיך געפּרוווט אויפהייבן, נאָר פאַרבער האָט אים ווידער דערלאַנגט מיט דער פויסט. דער באַלעבאָס פון רעסטאָראַן איז צוגעלאָפן און קוים מיט מי זיי פונאַנדערגעריסן.

אויף־צו־מאָרגנס איז געווען זונטיק. צו פאַרבערן זענען געקומען צוגאַסט זיין ווייב און קינד. די גאַנצע משפּחה האָט זיך באַלד געלאָזט אין שכנותדיקן וועלדל. פאַרבער האָט זיך געשפּילט מיטן קינד אין באַהעלטעניש. דאָס קינד האָט זיך געשטעלט יעדעס מאָל הינטער אַן אַנדערן בוים און ער האָט עס מכלומרשט געזוכט און געזוכט. האָט ער עס ענדלעך געפונען, איז די פרייד געווען אין־לשער. נאָך דעם ווי דאָס קינד איז מיד געוואָרן, האָט ער עס צוגעלייגט שלאָפן און זיך לעבן אים אַוועקגעשטעלט, געקוקט אויף זיין פּנימל, וואָס פון טאָג צו טאָג ווערט עס אויף זיין אייגענעם פּנים ענלעך.

ווי ס׳איז געוואָרן אָוונט, איז ער געגאַנגען באַגלייטן ווייב און קינד צו דער באַן. פּלוצים האָט ער געזען דעם פויער קומען אַנטקעגן. צוערשט האָט פאַרבער אַ ציטער געטון, ווי ער וואָלט פאַר זיך דערזען אַ געשפּענסט. נאָר באַלד האָט ער אַ נעם געטון דאָס ייִנגעלע אויף די הענט, אויפגעהויבן עס הויך און דורכגעגאַנגען דורכן פויער אַזוי ווי ער וואָלט געטראָגן אַ פאָן, אַ פאָן פון נצחון איבער דעם שונא.

אויף דער לוויה

ער איז לאַנגע יאָרן געווען קראַנק. אויב עמעצער האָט נישט געוווּסט זיין אַדרעס ווו ער וווינט, איז ער געגאַנגען אין ייִדישן שפּיטאָל אַריין און זיך אויף אים געפרעגט צי ער ליגט נישט דאָרט, און מערסטנטייל, האָט מען אים טאַקע דאָרט געטראָפן. דאָס איז געווען דאָס זיכערסטע אָרט ווו מען האָט אים גע־קענט געפינען. בעת ער איז נישט געלעגן אין שפּיטאָל, איז אים געווען זייער שווער צו כאַפּן. ער איז נישט איינגעזעסן אַפילו אַ שעה אין זיין ענגן און טונ־קעלן צימער.

געשטאָרבן איז ער פּלוצים. ווי ער וואָלט זיך געשעמט אַוועקצוגיין פון דער וועלט נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו פאַרווירקלעכן זיינע אידעאַלן און געמוזט זיך פון איר אַרויסגנבענען, ווייל נישט ער האָט געפונען אַ טעריטאָריע פאַרן ייִדישן פאָלק און נישט ער האָט באַפרייט דעם יחיד פון זיין אַ קנעכט ביי דער מלוכה. דעם אמת געזאָגט, האָט ער געוווּסט, אַז דער ציל איז נישט תמיד דער עיקר. דער ציל איז די חתונה — ער האָט געוואָלט בלייבן דער שטענדיקער פרייער פאַרליבטער.

ער האָט זייער געהאַלטן פון גרויסע מענטשן. ער האָט געהאַט אַ ביכעלע אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען די אַדרעסן פון פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן אויף דער גאַנצער וועלט. ער האָט דאָס ביכעלע געהיט ווי אַ הייליקטום. אַ טייל פון די מענטשן, האָט ער אַליין פּערזענלעך געקענט און מיט אַ טייל האָט ער זיך בלויז דורכגעשריבן. אַנדערע האָט ער נישט געקענט פּערזענלעך און אַפילו נישט דורך בריוו, פון דעסטוועגן האָט ער זייערע נעמען און אַדרעסן געהאַט פאַרשריבן אין ביכעלע. אין משך פון דער צייט, זענען אויסגעשטאָרבן אַ סך פון די מענטשן, אָבער ער האָט קיינעם נישט אויסגעשטראָכן. ער האָט געהאַלטן, אַז די וואָס ער האָט אַריינגעשטעלט אין ביכעלע — זענען נישט שטערבלעך. פאַר זיי איז קיין טויט נישטאָ.

ער איז געווען אַ קליינער, אַ דאַרער, נאָר אַ שטים האָט ער געהאַט פון אַ לייב. ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט מען זיך געפרעגט: פון וואַנען קומט

דאָס קול? מען האָט געמוזט אַ שמייכל טון. אין לעבן איז ער דווקא געווען אַ שטילער, אַ באַשיידענער. פּונקט ווי מען האָט נישט געוווסט פון וואַנען ס׳נעמט זיך צו אים אַזאַ שטים, האָט מען אויך נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען ס׳נעמען זיך צו אים אַזעלכע ווערטער. ער האָט כמעט קיין מאָל נישט געהאַט פאַר זיך מער ווי אַ מנין צוהערער, כאָטש אַזוי האָט ער תמיד גערעדט ווי פאַר טויזנט. גערעדט אַזוי, ווי פון זיין איצטיקער רעדע וואָלט אָפּהענגיק געווען צי די מענטשהייט וועט בלייבן פאַרשקלאַפט פון די מלוכות, אָדער יעדער יחיד וועט ווערן פריי.

אויפן בית־עולם זענען געקומען אַ היפּש ביסל מענטשן. ווען ער וואָלט געקענט כאָטש עפענען איין אויג אויף אַ רגע און זען דעם עולם, וואָלט עס אים ממש גערירט. ס׳וואָלט זיך אים פאַרוואָלט צו רעדן פאַר זיי. ער האָט עס אָבער נישט באַוויזן צו טון, און אויסער דעם זענען די מענטשן איצט אַהער נישט געקומען כדי אים צו הערן, נאָר כדי אַליין צו רעדן.

אַ סך פון די געקומענע האָבן בײַ זיך געטראַכט אין דער היים, אַז ס׳וועט מסתמא קיינער נישט קומען צו דער לוויה, אַז זיי וועלן זיין פון די איינציקע. דעריבער וועלן זיי זיין חשובער, דעריבער וועלן זיי קענען דערנאָך מאַכן פאַר־וואָרפן אַנדערע פאַרוואָס זיי זענען נישט געקומען צו דער לוויה פון אַן איינ־זאַמען מענטשן — איז זייער אַנטוישונג געווען זייער אַ גרויסע. ס׳איז אָבער שוין געווען שפּעט זיך צוריקצוציִען.

ס׳איז געקומען עמעצער פון דער געזעלשאַפט „אַזע״, ווייל דער פאַרשטאָר־בענער האָט זיך יאָרן דורך איר געהיילט. ס׳איז געקומען עמעצער פון „האַיאַס״, ווייל יאָרן־לאַנג האָט ער צוגעשטעלט אַהין פאַרשיידענע בקשות און דאָקומענטן אויף צו עמיגרירן. ער האָט שוין געוואָלט פאָרן קיין קאַנאַדע, קיין אויסטראַליע, דרום־אַפריקע. איין מאָל, ווען ס׳האָט שוין געהאַלטן אויף אַן אמת, אַז ער זאָל באַקומען אַ וויזע אין איינעם פון די לענדער, האָט ער זיך מער נישט געוויזן אין ביוראָ. ס׳איז אויך ווער געקומען פון „דזשאָינט״, וווּ ער פלעגט טייל מאָל באַ־קומען שטיצע.

קודם איז געווען שווער צו געפינען אַ בשותפותדיקע שפּראַך פאַר די פאָר־שטייערס פון די דערמאָנטע אינסטיטוציעס. די פאָרשטייערס פון „אַזע״ און „האַ־יאַס״ האָבן צווישן זיך גערעדט רוסיש און דער פאָרשטייער פון „דזשאָינט״ — ענגליש. די מלחמה האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט צווישן די רוסיש־אַמערי־קאַנער בלאָקן — זיי זענען באַלד אַריבער אויף יידיש. דאָ האָט אָבער געזיגט דער רוסישער בלאָק, ווייל ער האָט גערעדט אַ גוטן ליטווישן יידיש, און דער אַמעריקאַנער — אַ צעבראָכענעם, געמישט מיט אַ סך ענגלישע ווערטער.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די דרשות ביים קבר. ווי ס׳פּירט זיך ביים רוב לוויות, אַזוי האָט מען אויך דאָ פאַרגעסן, אַז בלויז איין מענטש, דער טויטער,

הערט שוין מער נישט, און מען האָט גערעדט לאַנג און לאַנגווייליק. דער ערש־טער האָט, פאַרשטייט זיך, גענומען אַ וואָרט דעם פאַרשטאָרבענעמס אַ נאָענטער חבר און אויך אַ מיטגליד פון דער „גרופּע". דאָס איז געווען אַ מענטש וואָס פלעגט באַזוכן כמעט יעדע פאַרזאַמלונג אין שטאָט און אָפט נעמען אַ וואָרט. ער פלעגט תמיד אָנהייבן אויפן זעלבן אופן: איך רעד דאָ נישט אין נאָמען פון קיין פּאַרטיי, נישט אין נאָמען פון אַ געזעלשאַפט, איך וויל דאָ בלויז זאָגן מיין אייגענע באַשיידענע מיינונג א. א. וו.

זיין באַשיידענע מיינונג פלעגט ער אָפט אַרויסזאָגן און ער האָט געהאַט די פולע רעכט דאָס צו טון, ווייל די אַלע רעדנער האָבן דאָך סוף־כל־סוף גערעדט יעדער בלויז אין נאָמען פון זיין פּאַרטיי, צי געזעלשאַפט, און ער — אין נאָמען פון אַלע אומפּאַרטייאישע, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די מערהייט פון דער באַ־פעלקערונג. ער איז, אַזוי־צו־זאָגן, די צונג פון אַלע שטומע.

ס'האָט אויך גענומען אַ וואָרט אַן אַלט פריילן, וואָס געהערט אויך צו דער „גרופּע". זי קומט, ווי איר חשובער פאָררעדנער, כמעט צו אַלע פאַרזאַמלונגען, אָבער זי רעדט נישט. זי שרייבט בלויז באַריכטן פאַר דער היגער פּרעסע. זי שרייבט יעדעס מאָל אָן אַ באַריכט פון אַ צוויי־דריי הונדערט שורות, ברענגט אים דעם רעדאַקטאָר און זאָגט דערביי:

— איך בין נישט קיין פּראָפעסיאָנאַליסטקע. איך טו עס בלויז לשם דער זאַך. איך פאַרלאַנג נישט קיין געלט פאַר מיין אַרבעט.

נעמט דער רעדאַקטאָר דעם מאַנוסקריפּט, גיט אים איבער דעם רעפּאָרטער, אַז ער זאָל אַ ביסל פאַרריכטן דעם סטיל. אַרבעט אָפּ דער רעפּאָרטער אַ שעה־צוויי, קודם פאַרריכט ער טאַקע, נאָך צום סוף נעמט ער שטרייכן און ווידער שטרייכן, ביז ס'בלייבן איבער אַ פופצן־צוואַנציק שורות. דאָס האָט זי אָבער נישט אָפּגעשראָקן און נישט אָפּגעהאַלטן יעדעס מאָל ווידער אָנצושרייבן עט־לעכע הונדערט שורות. זי טוט עס דאָך נישט צוליב געלט. זי טוט עס בלויז לשם דער זאַך. דאָס מאָל, האָט זי באַשלאָסן, וועט זי נישט בלויז שרייבן אַ באַריכט, נאָר זי וועט אויך רעדן. וועט זי האָבן די זכיה, אַז איר נאָמען זאָל זיך געפונען צוויי מאָל: אין באַריכט און אונטער אים.

ס'האָט דערנאָך גענומען אַ וואָרט אַ מענטש, וואָס קיין שום געזעלשאַפט קען זיך אָן אים נישט באַגיין, ווייל מען האַלט אים פאַר אַ גוטן רעדנער. מען האָט אים נאָך קיין מאָל נישט געזען זיצן אין זאַל, נאָר תמיד אין פּרעזידיום. בשעת ער רעדט האָט ער שטענדיק ליב צו דערציילן אַ וויץ. אויב נישט — פילט ער זיך נישט גוט. ווי אַזוי דערציילט מען אָבער אַ וויץ אויף אַ לוויה? — האָט ער זיך דעריבער געמאַטערט, אַז ס'איז אויף אים געווען מער אַ רחמנות ווי אויפן טויטן. ענדלעך האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און געזאָגט:

— ער האָט זיין גאַנץ לעבן געזוכט אַ טעריטאָריע — איצט האָט ער שוין ענדלעך געפונען אַ טעריטאָריע, ווו ער קען זיין רויק און זיכער.

געהאַט האָט ער בדעה דערמיט צו פאַרענדיקן, נאָר אַזוי ווי ער האָט באַ־מערקט, אַז דער עולם האָט נישט ווי געהעריק רעאַגירט — האָט ער געצויגן ווייטער. קוים מיט שווערער מי האָט ער געענדיקט זיין רעדע. בעת ער האָט זיך געפונען צווישן עולם, האָט אים עמעצער געזאָגט:

— מיט דער טעריטאָריע קען ער אויך נישט זיכער זיין. אין עטלעכע יאָר אַרום קען מען אים הייסן מאַכן פלאַץ פאַר אַן אַנדערן.

ס׳וואָלט געווען נישט ריכטיק צו זאָגן, אַז דער עולם איז געווען בלויז פאַר־נומען מיט דעם אויסהערן. ער האָט אַליין אויך צוביסלעך גערעדט. געגעבן פּירושים צו די רעדעס און טאַקע אויך גערעדט וועגן בעל־שמחה אַליין — דעם בר־מינן. אַלע האָבן מסכים געווען, אַז ער איז געווען אַ שלעכטער בעל־מלאכה און אַ גרויסער שלימזל. אמת, אַז ער האָט געקענט רעדן, אָבער מען האָט קיין מאָל נישט געוווסט וואָס ער וויל. די דאָזיקע שטילע רייד פון עולם זענען זיך פאַמעלעך צעוואַקסן אין אַ היפּשן גערויש, אַזוי, אַז דעם שפּעטערדיקן רעדנער האָט מען שוין כמעט נישט געהערט.

נאָר מיטאַמאָל איז דער עולם שטיל געוואָרן. ס׳האָבן זיך ביים קבר באַוויזן עטלעכע יונגע מענטשן און פון זיי האָט זיך אַרויסגערוקט פאָרויס איינע אַ מיידל. זי האָט געקענט זאָלט זיין אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק. אַ שיינע, אַ שלאַנקע, מיט אַ פּנים און מיט אָרעמס אָפּגעברענטע פון דער זון און אין אַ ליכטיק קלייד, וואָס האָט זיך לגמרי נישט צוגעפּאַסט צו דער לוויה. זי האָט גלייך גענומען רעדן אויף פראַנצויזיש:

— אין נאָמען פון אַ גרופּע פראַנצויזישע חברים, וויל איך דאָ געזעגענען אונדזער ליבן חבר. מיר האָבן מקנא געווען דאָס יידישע פאָלק וואָס האָט אַרויס־געגעבן אַזאַ מענטש! ער איז געווען אַן אמתער אידעאַליסט, אַ מענטשנפריינט, אַ ליבהאָבער פון דער פרייהייט! ער האָט נישט אין זין געהאַט אַליין צו לעבן, נישט געהאַט קיין משפּחה — זיך מקריב געווען פאַר דער אידייע! מיר, די יוגנט, וועלן אים שטענדיק זען פאַר אונדזערע אויגן און אים נעמען פאַר אַ מוסטער!

דער עולם איז געוואָרן באַגייסטערט. זי איז טאַקע אַן אמתע פראַנצויזקע. דער פאַרשטאָרבענער איז טאַקע געווען אַ מענטש, וואָס אַזעלכן איז היינט שווער צו טרעפן. יעדער איינער האָט זיך גענומען פילן שטאָלץ און איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט אים געקענט און וואָס ער איז געקומען צו זיין לוויה. דער, וואָס האָט ליב געהאַט תמיד צו דערציילן וויצן, האָט אויך איצט געגרייט זיך אַ וויץ צו מאַכן, נאָר דער עולם איז אים געווען גרייט דורס צו זיין און ער איז גלייך פאַר־שטומט געוואָרן.

מען האָט זיך אָנגעהויבן צו צעגיין פון בית־עולם. דער, וואָס האָט ליב

געהאַט צו רעדן אויף יעדער פאַרזאַמלונג אין נאָמען פון די נאָמענלאָזע, איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דעם פריילן, וואָס האָט געשריבן כסדר די באַריכטן פאַר דער צייטונג. ער האָט זי פאַרבעטן אין אַ קאַפע צו טרינקען אַ שוואַרצע קאַווע.

זיי זענען געזעסן אין קאַפע. כמעט די גאַנצע צייט האָט זי גערעדט און ער האָט אויסגעהערט. זי האָט פשוט נישט געקענט פאַרגעסן אין דעם פראַנצויזישן מיידל.

— איר האָט געהערט רייד?! נישט קיין ווערטער, נאָר פערל: „ער האָט נישט אין זין געהאַט אַליין צו לעבן. נישט געהאַט קיין משפחה — זיך מקריב געווען פאַר דער אידייע!” און דערנאָך צום סוף: „מיר, די יוגנט, וועלן אים שטענדיק זען פאַר אונדזערע אויגן און אים נעמען פאַר אַ מוסטער!”. אַזאַ לוויה באַטייט אַ גרויסער נצחון פאַר אונדזער „גרופּע”!

שפּעטער האָבן זיי זיך געלאָזט צו דער נאָענטער מעטראָ־סטאַציע. ביים אַריינגאַנג, אין מיטן די טרעפּ, איז געשטאַנען אַ פּאָרל, ענג אַרומגענומען, די ליפּן צוגעקלעפּט, און זיך געקושט.

דאָס אַלטע פריילן האָט געזאָגט מיט פאַרדראָס:

— זעט־נאָר, זיי קענען נישט אַוועקגיין אַ ביסל אין דער זייט, נאָר דווקא דאָ, אינמיטן די טרעפּ, וווּ מענטשן דאַרפן דורכגיין, האָט עס זיי אָנגעכאַפּט און זיי מוזן זיך סמאָטשקען!

פּלוצים האָט „זי” זיך אָפּגעקלעפּט פון „אים”, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דאָס פריילן איז געוואָרן אין גאַנצן מבולבל:

דאָס איז געווען דאָס פראַנצויזישע מיידל, וואָס האָט ערשט געהאַלטן איר פלאַמיקע רעדע ביים קבר פון פאַרשטאָרבענעם חבר.

מיין פעטערס ונתנה תוקף

דער פעטער יאַנקל איז געווען זייער ענלעך צו זיין שוועסטער — מיין מאַמען. די זעלבע טרויעריק־ווייכע אויגן, די זעלבע געבויגענע יידישע נאָז, די זעלבע מאָגערע געשטאַלט. טייל מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ווען דער פעטער נעמט־אַראָפּ די באָרד — האָב איך נאָך אַ מאַמע...

אָבער נישט בלויז צוליב זיין אויסזען האָט ער מיך דערמאָנט אין דער מאַמען. ער פלעגט ווי די מאַמע, אויך רעדן „בראַיט". נישט פלייש, נאָר פלאַיש, נישט גיין, נאָר גאַין. פון מיינע יינגסטע יאָרן אָן האָב איך אַזוי געהערט רעדן מיין מאַמען, האָט זיך מיר גענומען דאַכטן, אַז דאָס רעדן אַזוי ווייך צעצויגן, איז אַ ווייבערישע זאַך. ווען איך וואָלט, למשל, ערגעץ געוואָלט גיין און דער טאַטע וואָלט געזאָגט „נאַין", וואָלט איך אים, דאַכט זיך נישט געפאָלגט און דווקא יאָ געגאַנגען. „ניין" איז קורץ און קלינגט באַפעלעריש.

דער פעטער יאַנקל פלעגט זיך באַווייזן יעדעס מאָל ביי אונדז אין שטוב אַ שטילער און אַ שעמעוודיקער. שטענדיק האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז גראָד נישט געקומען צו דער ריכטיקער צייט. ער פלעגט זיך נעמען צו די חומשים, אויסגלייכן די פאַרקנייטשטע בלעטלעך און פאַרקלעפּן די צעריסענע. ער פלעגט זיך אויך נעמען שפּילן מיט אַ קינד, אָדער געטון עפּעס אַנדערש, כדי נישט צו שטערן דעם טאַטן אָדער דער מאַמען ביי זייער אַרבעט. איך האָב מיר בשום אופן נישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי אַזוי אַזאַ ייד קען זיין אַ טאַטע און אַ קינד זאָל פאַר אים מורא האָבן...

ער האָט געוווינט אין שכנותדיקן שטעטל קריוויטש. אין אַ יריד־טאָג פלעגט ער זיך אָפּט באַווייזן, מסתמא צוליב דעם, ווייל מ'קען קריגן אַ פורל בחצי חינם, מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. אין זאַק פלעגט ער אַ מאָל ברענגען עפּל און טייל־מאָל פלייש. פון וואַנען ער האָט גענומען די עפּל צי דאָס פלייש — ווייס איך נישט. ער האָט נישט געהאַט קיין סאָד און איז נישט געווען קיין קצב.

באַלד ווי ער איז געקומען, האָט די מאַמע אָנגעהויבן לויפן צו די שכנטעס, כדי זיי צו פאַרקויפן די עפּל אָדער דאָס פלייש. בעת די יידענע גייט אין דער פרי

צום קצב קויפן פלייש, שטייט זי מיט דרך ארץ אין דער יאַטקע. איידער זי האָט זיך באַוויזן אַרומצוקוקן אָדער עפּעס צו זאָגן, האָט שוין דער קצב אָפּגעהאַקט דאָס פלייש און עס איינגעוויקלט אין פּאַפּיר. אויב זי באַמערקט נאָך דעם קומען אַהיים און נאָכן עפֿענען דאָס פּאַפּיר — אַ היפּשן ביין, צי אַ מאָגער ריפּל, איז אויך פאַרפאַלן. בעת אָבער די מאַמע גייט צו איר מיטן פלייש — הייבט זי עס אָן צו באַטאַפּן און באַשמעקן. צו מאָגער, צופיל ביינער, נישט פריש! זי וויל טאַקע אויך געבן אַ ביליקערן פּרייז און נעמען אויף באָרג.

דאָס פאַרקויפן די עפּל קומט אויך נישט אָן לייכטער. די ייִדענע קוועטשט די עפּל, צי זיי זענען ווייך אָדער האַרט. זענען זיי זיס — ווילט זיך איר זויערע; זענען זיי זויערע — ווילט זיך איר זיסינקע. מען דאַרף אויך זייער אַכטונג געבן, אַז די עפּל זאָלן נישט זיין ווערעמדיקע. אַ שיין פּנימל זאָגט נאָך גאָרנישט. דאָס שענסטע עפּעלע — עסט־אויף דער וואָרים.

די מאַמע האָט אים געזאָגט:

— אויב דו דאַרפסט אַ מאָל עטלעכע זלאָטעס — מילא, וועל איך דיר געבן. דו מוזסט זיך נישט שלעפּן מיטן פלייש, צי מיט די עפּל...

נאָר ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט נעמען סתם אַזוי קיין געלט. ער האָט זיך עס געוואָלט פאַרדינען.

ס'איז אַוועק אַ לענגערע צייט און דער פעטער האָט זיך נישט געוויזן. די מאַמע איז געוואָרן אומרויִק: וואָס איז געשען מיט דעם ברודער? פאַרוואָס קומט ער נישט מער? — ער איז דאָך נישט אין צווישן געוואָרן אַן עושר. אין איינעם אַ ירויד האָט זי באַקומען פון אים אַ בריוול, אַז ער ליגט קראַנק. ער איז איין מאָל זיך געגאַנגען טובל זיין אין דער מקווה און אויפן וועג צוריק אַהיים האָט ער זיך פאַרקילט.

די מאַמע האָט גענומען אַ פורל און איז צו אים געפאָרן. זי איז צוריק געקומען אַ פאַרוויטיקטע און אַ צעבראָכענע. דער ברודער קען נישט אויפשטיין פון בעט. די קראַנקייט קען זיך ציִען מי יודע ווי לאַנג און ווער ווייסט מיט וואָס זי קאָן זיך ענדיקן. אַפילו ווען ער איז געווען געזונט, איז אים געווען שווער מיט דער פרנסה. דערצו איצט, אין אַזאַ מצב. זי האָט באַשלאָסן אַריבערצוברענגען דעם ברודער מיט זיין ווייב און מיידל צו זיך אין שטעטל. דאָ, פון דער נאָענט, קען מען גיכער עפּעס פאַר זיי טון.

איך פלעג אָפט קומען צום פעטער. די מאַמע פלעגט מיך שיקן צו אים אַ מאָל מיט אַ טאָרבע מעל און אַ מאָל מיט עטלעכע קילאָ צוקער. די שטוב האָט זיך געפונען אין דער הינטערגאַס. זי איז געווען אַ קליינע און אַ טונקעלע.

אוי, ווי זיין פּנים האָט זיך געביטן! ס'האָט פאַרלוירן די ווייכקייט און ס'איז געוואָרן ביינעדיק. די האָר פון דער באָרד האָבן געשטאַרצט שטייפע, שפּיזלדיקע, ווי דאָס לעבן אין זיי וואָלט אויסגעטריקנט.

איך פלעג אָפט הערן דעם פעטער זאָגן „ונתנה תוקף" און דערביי פלעגט ער שטאַרק קרעכצן, וויינען און אַפילו שרייען. איך האָב מיך דערמאָנט אין רב אמנונען, וואָס איז געלעגן אַ פאַרפייניקטער און האָט געזאָגט די דאָזיקע תפילה. דער פעטער פלעגט די תפילה איבערחזרן אָן אַן אויפהער.

נאָר איין מאָל, בעת איך בין געקומען צום פעטער און נישט געטראָפן אין שטוב נישט די מומע און נישט איר מיידל, האָט דער פעטער דווקא נישט געזאָגט „ונתנה תוקף". ער איז געלעגן אין בעט און סתם געקרעכצט און געוויינט.

איך האָב אים געפרעגט:

— ס'טוט אייך ווי, פעטער?

האָט ער געענטפערט:

— יאָ, מיין קינד. נאָר אפשר איז אַזוי בעסער; איך וועל מיינס איבערקומען אויף דער וועלט און קומען אַהין אַ געלייטערטער.

איך האָב אים ווידער געפרעגט:

— און פאַרוואָס, פעטער, זאָגט איר כסדר „ונתנה תוקף"?

דער פעטער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרזיכערן, אַז קיינער־אויסער מיר געפינט זיך נישט אין דער שטוב און מיר געענטפערט:

— ס'טוט מיר ווי, קינד־לעבן. איך האָב גרויסע ווייטיקן. פשוט נישט אַרי־בערצוטראָגן! כדי די מומע זאָל דערפון נישט וויסן, זאָג איך כסדר „ונתנה תוקף". ביי „ונתנה תוקף" מעג מען דאָך וויינען און קרעכצן.

— אוי, ווען די מאַמע וויסט דערפון! — האָב איך אויסגעשריגן.

— ש... ש... ש...! די מאַמע דיינע טאָר אויך דערפון נישט וויסן. און אפשר האָב איך עס דיר נישט געדאַרפט דערציילן. געמיינט, אַ קינד... זיך אַרויסגע־כאַפּט. דאָס מוז בלייבן אַ סוד. דו הערסט?

— יאָ, פעטער.

— טאָ שווער מיר!

— זאָל איך נישט דערלעבן אוועקצוגיין פון דעם אָרט, אויב איך וועל דער־ציילן! זאָל איך איינעמען אַ מיתה־משונה —

— גענוג! גענוג! וואָס זענען דאָס פאַר אַ שבועות, רחמנא לצלן?!

איך בין אַוועקגעגאַנגען פון דעם פעטער און פון דער דאָזיקער רגע האָב איך זיך דערפילט ווי אַ דערוואַקסענער. נייןָ, נאָך חשובער. איך ווייס עפּעס אַזוינס, וואָס אַפילו פאַר די דערוואַקסענע איז עס פאַרהוילן. איך טראָג אין מיר אַ סוד. איך האָב מיר אַפילו נישט געקענט ווי געהעריק אויסטייטשן זיין באַטייט, נאָר דווקא דעריבער איז ער פאַר מיר געוואָרן נאָך מער שפּאַנענדיק. איך האָב שוין געלייענט אַזוי פיל ביכער מיט סודות פון קייסערלעכע הויפן, נאָר אָט־דער סוד איז שטאַרקער פון יענע אַלע, ווייל בלויז איך אַליין ווייס אים.

אין עטלעכע חדשים אַרום איז דער פעטער געשטאָרבן. נאָך דעם ווי מען

האָט אים אַראָפּגעלאָזט אין קבר אַריין און אים פאַרשיט מיט ערד, בין איך געבליבן דער איינציקער מענטש אויף דער וועלט, וואָס האָט געוווּסט דעם סוד. אַ קליין יינגעלע מיט אַ גרויסן סוד.

איך בין געוואַקסן און מיט מיר — דער סוד. איך האָב געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, און מיט מיר — דער סוד. איך האָב אים אויך מיטגענומען ביז אַהער.

נאָר דאָ בין איך מיד געוואָרן. איך בין דאָך נישט אַזוי שטאַרק ווי מיין פעטער. ער האָט געקענט זיינע ליידן איבערגיסן און באַהאַלטן אין אַ תפילה. איך האָב נישט אַזאַ תפילה און מוז האָבן מענטשן, מיט וועלכע צו טיילן דעם ווייטיק. דעריבער, זייט מוחל, וואָס איך האָב אייך געמאַכט פאַר שותפים צום סוד.

מענדל קצב לייענט די מגילה

מען זאָגט, אַז יעדער שניידער גייט אַרום נאַקעט און יעדער שוסטער — באָרוועס. איך האָב אָבער קיין מאָל נישט געהערט, מען זאָל זאָגן, אַז יעדער קצב גייט אַרום הונגעריק, ווי ס׳זאָל נישט זיין, פאַלט אים צו אַ שטיקל פלייש. אויב אַזוי איז ער שוין כמעט אַ גביר.

אַז אַ מענטש האָט טאַקע אָפּט צו עסן אַ שטיקל פלייש, דערוועקן זיך אין אים כלערליי תאוות און גלוסטעניש. האָט דעריבער געוואָלט איין קצב אין מיין שטעטל זיין אַ מאַכער אין קהל, אַ צווייטער ווידער האָט געשיקט זיין טאָכטער אין דער גרויסער שטאָט זי זאָל דאָרט שטודירן. זי איז דאָרט געזעסן עטלעכע יאָר, אויסשטודירט האָט זי גאָרנישט, אָבער זי איז צוריק געקומען גאָר אַן אַנדערע: זי האָט שוין נישט מער געהייסן חיה, נאָר קלאַרע, נישט גערעדט מער יידיש, נאָר דייטש און נישט געמאַכט אַ טריט פון שטוב אָן אַ בוך אין דער האַנט. די ווייבער פון שטעטל האָבן געהאַלטן, אַז זי וועט נעמען אַ דאָקטער, אָדער זי וועט פאַרבלייבן אַ מויד ביזן גרויען צאָפּ אַריין.

דעם דריטן קצב פון מיין שטעטל, מענדל, האָב איך אַמבעסטן געקענט, ווייל ער איז געווען אונדזערער אַ שכן. מילא, אַ קצב פון כשר פלייש האָב איך נאָך ווי ס׳איז פאַרטראָגן, נאָר דער האָט געהאַט אַ יאַטקע פון טריפה פלייש. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס פלייש פון זיין יאַטקע איז נישט פון געשאָכטענע בהמות און שעפּסן, נאָר פון פגרים, פון נבלות. ווען דער ריח פון דאָרט איז געקומען צו מיין נאָז, איז מיר געוואָרן איבלדיק. אויסער דעם איז געווען נאָך אַ צרה: אין דעם געסעלע פלעגט שטענדיק זיין אַן אָנגעלויף פון מחנות הינט, פאַר וועלכע איך פלעג זייער מורא האָבן. זיי פלעגן דאָרט וואַרטן אויף אַ ביין, צי אויף אַ געלעגנהייט אַ כאַפּ צו טון אַ שטיקל פלייש אומבאַמערקט. ביי די יאַטקעס מיט כשר פלייש פלעג איך גאָר קיין מאָל נישט זען אַזויפיל הינט.

מענדל קצב האָט נישט געוואָלט אָפּשטיין פון די אַנדערע קצבים. ער האָט זיך אויך געהאַלטן ווי נישט סתם עפּעס אַ בעל־מלאכה. ער האָט זיינע צוויי יינגלעך געשיקט אין דער העברעישער שול וווּ איך האָב געלערנט. זיי האָבן זיך

נישט געוואָלט ל׳ערנען, אָבער דערפאַר האָבן זיי געקענט באַרייסן אַלע סעדער. שלאָגן שקצים, און אַלע הינט פון אַרום זייער טאַטנס יאַטקע זענען געווען זיי אונטערטעניק. צוליב אָט די מעלות האָב איך זיי ליב געהאַט און זיך מיט זיי געחברט.

מענדל האָט געוווּסט, אַז זיינע קינדער האָבן פאַרשטאָפּטע קעפּ און איך לערן זיך גוט. דערפאַר האָט ער יעדעס מאָל, ווען איך בין געקומען צו זיינע יינגלעך צו־גאַסט, מיר געוואָלט אונטערשטעלן אַ פּיסל און טאַקע גלייכצייטיק ווייזן פאַר די קינדער, אַז זייער טאַטע איז אַ למדן. איין מאָל, למשל, טוט ער מיר אַ פרעג:

— זאָג נאָר, דו תכשיט, מען האַלט דאָך, אַז דו האָסט אַ גוטן קאָפּ, ווי גרויס איז געווען נחס תיבה?

איך האָב געענטפערט גענוי:

— דריי הונדערט איילן די לענג, פופציק די ברייט און דרייסיק די הויך.

— יאָ, דו ווייסט — זאָגט מענדל און שטעלט מיר גלייך די צווייטע פראַגע

— און וואָסערע זאַכן האָט יהודה איבערגעלאָזט תמרן פאַר אַ משכון?

איך ענטפער אים ווידער באַלד:

— דעם זיגלרינג, די קייט און דעם שטעקן.

מענדל פאַרלירט זיך שוין אַ ביסל, אָבער ער שטייט אַלץ נישט אָפּ. ער פרעגט מיך נאָך אַ דריטע פראַגע, וואָס ער האָט מסתם פריער געהאַט צוגעגרייט:

— און ווי איז געווען די מאָס פון די יריעות פון משכן?

ער האָט מיך געפּאַקט. איך קען זיך נישט דערמאָנען.

— אַהאַ, איר זעט... — האָט מענדל געזאָגט מיט טריומף צו זיינע בנים — ער מיינט דאָך, אַז ער ווייסט שוין אַלץ!

אויסער דעם האָט מענדל געהאַט איין טאָג אין יאָר, ווען ער האָט זיך געפילט גאָר חשוב. ער האָט אַמאָל געקויפט ביי אַ סופר אַ מגילה און ער פלעגט זי פאַרלייענען ביי זיך אין שטוב פאַר די ווייבער יעדן פורים. ווי ס׳איז נאָר צו־געפאַלן די נאַכט, פלעגן זיינע צוויי בנים אַרומלויפן פון שטוב צו שטוב און שלעפּן די ווייבער זיי זאָלן גיין הערן זייער פאָטער לייענען די מגילה.

דער טאַטע מיינער, וועלכער פלעגט, ווי אַ סך אַנדערע יידן, קוקן מיט ביטול אויף מענדלס מגילה לייענען, האָט פון דעסטוועגן געזאָגט דער מאַמען:

— גיי, גיי צו מענדלען, ער איז אַ שכן, מען דאַרף אים צוליב טון. ער וואַרט דערויף אַ גאַנץ יאָר.

דער פאָטער מיט די עלטערע ברידער גרייטן זיך שוין צו גיין הערן לייענען די מגילה אין דער גרויסער שול. נאָר איך, וואָס בין נאָך אַ קליינער, דאַרף גיין מיט דער מאַמען צו מענדלען. אויף מיין שלימזל האָבן מיינע פיר ברידער באַ־וויזן צו קומען אויף דער וועלט פאַר מיר. דאָס איז אַן אומגליק. מיר נייט מען קיין מאָל נישט אויף אַ ניי מלבוש ביי אַ שניידער. מיר נייט בלויז איבער די מאַמע

די מלבושים פון די עלטערע ברידער. אפילו העמדער טראָג איך תמיד צו גרויסע. זייערע אַרבל שטעקן מיר שטעקן אַרויס פון די אַרבעל פון רעקל. וויפל מאָל איך זאָל זיי נישט פּרוּוון אַריינרוקן — קריכן זיי ווידער אַרויס.

דער טאַטע מיט די ברידער גייען אַוועק אין שול אַריין. מיר ווערט זייער טרויעריק אויפן האַרצן. איך האָב חשק אויך אַהין צו גיין. דאָרט זענען דאָ אַ סך מענטשן, דאָרט ברענען אַ סך לאָמפּן, דאָרט איז פריילעך. איך לערן דאָך שוין חומש מיט רש״י, פאַרוואָס דאַרף איך גיין הערן די מגילה צוזאַמען מיט די ווייבער? איך פאַררוק זיך אין אַ ווינקל פון דער שטוב און הייב אָן צו וויינען. די מאַמע וואָס האַלט ביים אָנטון זיך אַ יום־טובדיק קלייד, טוט דערשראָקן אַ פרעג:

— וואָס איז געשען? פאַרוואָס וויינסטו?

— איך וויל אויך גיין אין שול אַריין.

— און צוליב דעם וויינסטו? אַזאַ גרויסער בחור זאָל זיך נישט שעמען! נאָר איך שעם זיך נישט. איך וויין ווייטער.

די מאַמע ווערט שוין בייז:

— היינט איז פורים, נישט תשעה באב! דו הערסט? — גענוג געקלאָגט!

זי ווישט מיר אָפּ די טרערן פון פנים און פירט מיך כמעט מיט כוח צו מענדל דעם קצב. ביי מענדלען אין שטוב זענען שוין פאַרזאַמלט אַ צענדליק ווייבער.. ס׳פעלן אָבער נאָך עטלעכע. מענדל גייט אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב און טרייסלט מיט זיין ציגענער באָרד אַן אויפגערעגטער:

— גיי האָב צו טון מיט ווייבער! ווי לאַנג איז דער שיעור צו וואַרטן?

זיינע צוויי בנים לאָזן זיך ווידער אַרויס, כדי צו רופן די פאַרשפּעטיקטע. דער פאָטער באַפעלט זיי:

— איר זאָלט נישט קומען מיט תירוצים. איר הערט! איר מוזט זיי ברענגען!

סוף־כל־סוף קומען אַלע ווייבער, אויף וועלכע מען וואַרט, און מענדל הייבט אָן מאַכן הכנות צו לייענען די מגילה. די ווייבער הערן אויף צו רעדן, גיט נאָר וועלכע אַ שעפּטשע — לעכערט זי דורך מענדלס שטרענגער בליק. יאָ, אַלע קוקן מיט גרויס דרך־ארץ אויף אים און מער פון אַלע — זיין ווייב, שׂרה. דאָס איז גאָר נישט מער איר מענדל פון אַ גאַנץ יאָר, אַפילו נישט דער פון פסח צום סדר. דעמאָלט איז ער מלך בלויז איבער איר. איצט איז ער מלך איבער אַלע ווייבער.

מענדל לייענט די מגילה. אָט מאַכט אחשורוש די סעודה. אָט פירט מען ושתין צום טויט. אָט זוכט מען שוין פאַר אחשורושן אַ נייע מלכה און ס׳באַווייזן זיך מרדכי און אסתר. דאָס איז בלויז דער אָנהייב, דאָס סאַמע רעכטע־געדעכטע קומט ערשט. יאָ, ער האָט פאַר זיך אַ וואָזשנע קעלבל. ער זייטלט עס, ער צעהאַקט עס

אויף חלקים, ער נעמט אַרויס די לונגען, די לעבער, די מילץ — קיין עין־הרע, ס׳איז דאָ ביי וואָס זיך צו פאַרען.

די ווייבער האָבן הנאה פון הערן לייענען די מגילה, אָבער די הנאה איז נישט קיין גאַנצע. עפּעס ווערט דאָרט דערציילט און דערציילט אַזוי פּיל און ס׳איז נישטאָ ביי וואָס צו טון אַ וויין. ערשט ווען אחשורוש גיט אַרויס דעם פינצטערן גזר: להשמיד, להרוג ולאבד כל היהודים, — כאַפּן זיי זיך דערין אָן ווי אין אַן אבן־טוב. איינע גיט אַ כליפּע, אַ צווייטע — אַ קרעכץ, אַ דריטע — שנייצט זיך די נאָז.

קודם שטיי איך לעבן דער מאַמען און הער זיך צו צום לייענען פון דער מגילה. נאָר באַלד ווערט מיר נמאס סתם אַזוי צו שטיין. איך זוך מיר עמעצן, מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן. איך האָב געפונען. דאָס איז בערל, יאָסל דעם באַלעגאָלעס. מיר הייבן אָן צווישן זיך צו רעדן, נאָר באַלד הערט זיך: ש... ש... ש... מיר מוזן אויפהערן. בערל גיט זיך אָבער נישט אין גאַנצן אונטער. ער הייבט אָן צו מיר צו רעדן מיט תנועות און העוויות. ער לייגט צו די האַנט צו דער גאָמבע, באַוועגט מיט די פינגער און וויזט אויף מענדלען. דאָס דאַרף הייסן, אַז מענדל האָט אַ בערדל ווי אַ ציג.

איך קען מיך נישט מער איינהאַלטן און פּלאַץ אַרויס מיט אַ געלעכטער. ס׳ווערט אַ בהלה. מענדל מוז איבעררייסן דאָס לייענען. איך שוויג. בערל מאַכט זיך אויף תמעוואַטע. נאָר אָט שפּרינגט אַרויס וועלוול, מענדלס עלטערער בחור, און ווייזט אויף מיר און אויף בערלען:

— זיי! זיי רעדן און מאַכן קונצן די גאַנצע צייט!

ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז ער וועט אונדז מסרן? וועלוול איז טאַקע אַ שגץ, דער טאַטע שלאָגט אים אָפּט מיטן רימען; אָבער ווען ס׳קומט צו עפּעס — נעמט ער זיך אָן דעם טאַטנס קריוודע.

מיין מאַמע טוט מיך אַ שלעפּ צו זיך מיט כעס. דאָס זעלבע טוט בערלס מאַמע מיט איר תכשיט. איך שטיי שוין שטיל. טו נישט קיין ריר מיט אַן אבר, אפילו נישט מיט אַ מוסקל פונעם פּנים. נאָר באַלד ווערט מיר דער ענין ווידער נמאס. מיר גלוסט זיך פון דאַנען צו אַנטלויפן אין שול אַריין. דערפאַר ווייל די מאַמע הערט זיך צו מיט גרויס כוונה צום מגילה לייענען וואָלט מיר געלונגען פון אונטער איר שמירה זיך אַרויסצוגנבענען. אין דרויסן איז אָבער איצט פינצטער און אַ זאַווירוכע. איך האָב מורא זיך אַזוי איינער אַליין צו לאָזן אין וועג אַריין.

פלוצים גיט זיך אָן עפן די טיר און אין שטוב רייסט זיך אַריין גאַסטיע, סענדער דעם קרעמערס דינסט.

— פּאַניע מענדל, פּאַניע מענדל! —שרייט זי— ניעשטשאַסציע!*)

מענדל רייסט איבער דאָס לייענען די מגילה, נאָר ער רעדט נישט אַרויס אַ וואָרט. צו דער דינסט פּאַלט צו מענדלס ווייב און פרעגט אַ דערשראָקענע:

— וואָס איז? וואָס איז געשען?!

ווייזט זיך אַרויס, אַז דער שטאַרקער ווינט האָט אויסגעריסן עטלעכע ברעט־לעך פון מענדלס יאַטקע און אַהין האָבן זיך אַריינגעכאַפּט הינט. די הינט שלעפּן פון דאָרט שטיקער פלייש און פרעסן זיי.

— זיי זענען אַ מחנה... פון דער גאַנצער שטאָט זיך צונויפגעלאָפן!... זיי זענען הונגעריק!... וואָיען ווי די וועלף...

די דינסט צלמט זיך אַזש פאַר פחד.

— מענדל, וואָס שטייסטו און גלאָצסט ווי אַ גולם! —שרייט צו אים דאָס ווייב זיינס— לויף, ראַטעווען, וואָס ס׳וועט זיך לאָזן.

נאָר מענדל רירט זיך נישט פון אָרט.

— אי... נו... מפסיק — זאָגט ער צו איר מיט אַ פאָרוואורף.

דאָס ווייב נעמט שרייען:

— געוואַלד, מענטשן, ער איז משוגע געוואָרן!

מענדלס פנים איז בלייך, אָבער ער רירט זיך ווידער נישט פון אָרט.

— לא, אשה, לא — זאָגט ער איינגעעקשנט.

דעמאָלט ווענדט זיך מענדלס ווייב צו אירע בנים:

— וועלוול, אייזיק! —שרייט זי צו זיי— קומט מיט מיר פאַרטרייבן די הינט!

וועלוול מיט אייזיקן האָבן שוין לאַנג געוואַרט אויף אַזאַ זאַך. איינער האָט אַ כאַפּ געטון אַ שטעקן, דער צווייטער — אַ בעזים, די מוטער — אַ קאָטשערע, און זיי האָבן זיך געלאָזט לויפן.

די ווייבער זענען געשטאַנען צעטומלטע, נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך, נאָר מענדל האָט פּלוצים אָנגעהויבן ווייטער לייענען די מגילה. קודם מיט אַ ציטערדיקער שטים, וואָס ווייטער האָט זיך זיין קול געשטאַרקט און אָנגענומען דעם נוסח. ער האָט נאָר געלייענט פּאַמעלעכער ווי פריִער, גלייך ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט זיך אָליין באַהערשן.

צומאָרגנס האָבן די פּורים־שפּילערס גלייך אויפגעכאַפּט די מעשה. זיי פלעגן זיך באַמיִען יעדן פּורים אריינצוברענגען אין דעם אַלטן שפּיל אַ ביי ליד וועגן אַן אַקטועל געשעעניש און ס׳האָט זיי טאַקע דאָס יאָר אויסגעפּעלט עפּעס רעכטס. דער ניגון איז דאָך געווען אַ גרייטער. האָט מען שנעל פאַרפאַסט די ווערטער.

---

*) אַן אומגליק.

אין ליד איז דערציילט געוואָרן, אַז מענדל דעם קצב האָט געטראָפן אַ גרויסער בראָך: די הינט האָבן אויפגעגעסן דאָס פלייש פון זיין יאַטקע. אָבער זיי האָבן געהאַט רעכט, ווייל טריפה פלייש דאַרף מען געבן פאַר די הינט. האָט ער זיי נישט געגעבן, זענען זיי געקומען און האָבן אַליין עס זיך גענומען.

די טבע פון פורים־שפּילערס, פון לצים, איז צו זען אין יעדער זאַך נאָר דאָס, פון וואָס מען קען אָפּחוזקן, וואָס קען אַרויסרופן געלעכטער. דערפאַר איז וועגן דעם, וואָס בשעת די הינט זענען אַריין אין מענדלס יאַטקע איז ער נישט געלאָפן זיי פאַרטרייבן, נאָר גרייט געווען מקריב צו זיין דאָס פלייש, אַבי נישט איבערצורייסן דאָס לייענען די מגילה — וועגן דעם איז אין ליד נישט דערמאָנט געוואָרן.

דער וועקזייגער

.1

אַ מענטש ליגט אין בעט און שלאָפט. פּלוצים צעקלינגט זיך דער וועקזייגער אויפן קאָמאָד. פון בעט הייבט זיך אויף זיין צעשויבערטער קאָפּ. אַ בליק אויפן זייגער — דער מענטש שפּרינגט אַראָפּ פון בעט. כאַפּט דעם זייגער אין די הענט אַריין. וויפל? וויפל? דער וועקזייגער קלאַפּט ווי דאָס האַרץ פון אַ פרוי, וואָס האָט פאַרראַטן. ער ווייזט אויף זיבן. ער שטייט אַ ווײַלע און שטאַרט אויפן זייגער. דערנאָך שטעלט ער אים צוריק אַוועק און לייגט זיך ווידער אין בעט אַריין.

דער וועקזייגער איז קאַליע געוואָרן, האָט אים אויפגעוועקט שפּעטער מיט אַ שעה. מען וועט אים שוין נישט אַריינלאָזן אין פאַבריק. ער האָט פאַרשפּעטיקט. זיבן האָט ער שוין געדאַרפט שטיין פאַרן טויער. ער וועט אפשר נאָך פּרוּוון... לויפן... זאָגן, אַז — ניין. אומזיסט. שפּעט.

וועט ער אַזוי ליגן אַ גאַנצן טאָג אין בעט? — ער טוט זיך אָן, פאַמעלעך, פויל. ציט אַרויף די הויזן, באַקוקט זיי: ווי אויסגעריבן זיי זענען — און גלאַנצן. ער שלעפּט אַפיר פון אונטערן בעט די שיך; די זוילן אויסגעגאַנגען. ער בייגט זיך אָן, כדי די שיך צו פאַרשנורעווען און הייבט נישט אויף אַזוי גיך דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער שטאַרט אויף דעם דיל.

אָנגעטון. און וואָס ווייטער? ער גייט אַרויף און אַראָפּ איבערן צימער. פיר טריט גייט ער און מוז זיך שוין צוריק אומקערן. דאָס צימער איז קליין און שטיקט. די וואַנט רעכטס פירט צום אָפּטריט, זי איז דורכגענעצט. די רערן זענען, ווייזט אויס, דאָרט קאַליע. וויפל נייע זאַכן האָט ער עס מיטאַמאָל דערזען! שטענדיק האָט ער זיך שנעל אָנגעטאָן און נישט געהאַט קיין צייט דאָס אַלץ צו באַמערקן.

ער גייט צו צום פענצטער. עפנט עס און קוקט אַרויס. היינט איז דינסטיק. דינסטיק האַלב אַכט אין דער פרי. ער האָט קיין מאָל נישט געזען די שטוב דינסטיק האַלב אַכט אין דער פרי. ער איז פריי בלויז זונטיק. זינט פופצן יאָר, זייענדיק

כמעט נאָך אַ קינד, איז ער שוין געזעסן ביים וועבשטול. ווי אַזוי זעען אויס דינסטיק האַלב אַכט אין דער פרי זיינע מלבושים? אָפּגעטראָגן. זיין דירה? — ענג, נאַסע ווענט. און דער דרויסן, די גאַס? ער האָט זיי נאָך נישט געזען. ער וועט אָראָפּגיין.

.2

שטענדיק גייט ער מיט די, וואָס דאַרפן אָנהייבן אַרבעטן זיבן אַ זייגער. זיבן אַ זייגער — ווער גייט דעמאָלט צו דער אַרבעט?

דאָס גייען אין פאַבריקן מענטשן בלייכע, נישט אָפּראַזירטע, נישט אויסגעשלאָפענע. יעדן טאָג אין דער פרי באַגעגנט ער זיי. זיי באַגריסן זיך נישט און לויפן ווייטער. ער קען זיי שוין לאַנגע יאָרן און וואָס אַ טאָג זעען זיי אויס בלייכער, מידער און געבויגענער.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז נאָר אַזעלכע זענען פאַראַן אויף דער וועלט נאָר איצט ווען עס גייט צו אַכט. ווער גייט עס אַכט אַ זייגער אין דער פרי צו דער אַרבעט?

עפּעס אַנדערע מענטשן. מענטשן אין געשעפטן. זיי לויפן נישט צו דער אַרבעט — זיי גייען. אין די הענט איז דער צווייטער פרישטיק איינגעפּאַקט אין אַ צייטונג. און ווער נאָך? קינדער אין שולן. פריילעכע, לאַכנדיקע מחנות קינדער. זיי גייען זיך איצט לערנען שרייבן און לייענען. גייען זיך דערוויסן וועגן פאַרשיידענע וווּנדערלעכע זאַכן. וועגן ווייטע לענדער. וועגן לעבן פון פיל פאַרביקע שמעטערלינגען און די שמעקנדיקע בלומען. ער האָט קיין מאָל, קיין מאָל נישט באַזוכט אַזאַ שול. ביי אַכט יאָר האָט ער שוין אין גאַס אַרומגעטראָגן צייטונגען צום פאַרקויפן.

דער זייגער פון ראַטהויז קלינגט ניין. ווער גייט ניין אַ זייגער צו דער אַרבעט? — מענטשן פון ביוראָס. זיי לויפן נישט, זיי גייען נישט — זיי שפּאַצירן צו דער אַרבעט. די שיך גלאַנצן. דער קראַוואַט איז זאָרגפעליק אויסגעבונדן. באַגעגנען באַקאַנטע און באַגריסן זיך העפלעך. גייען פאַרביי אַ קיאָסק, נעמען זיך אַ פרימאָרגן-צייטונג אין לעדערנעם פאָרטפעל אַריין און פילן זיך אָן די טאַבאַק-פּושקעס מיט פּאַפּיראָסן.

און איבער גאַסן, איבער פּלעצער יאָגן אויטאָס דורך דער גאַנצער צייט. דאָס פאָרן באַלעבאַטים. זיי לויפן נישט, זיי גייען נישט. זיי שפּאַצירן נישט — זיי פאָרן צו זייער אַרבעט.

איצט שטייען שוין אַלע אויף זייערע ערטער, ס׳דרייען זיך רעדער, ס׳יאָגן טראַנסמיסיעס, ס׳קאָכן זיך קעסלען, עלעקטרישע ענערגיע און מענטשלעכער שווייס ווייזן וווּנדער. ביימער ווערן פאַרוואַנדלט אין שאַפעס, בעטן און טישן.

קאַלטער שטאָל — אין ריזיקע מאַשינען און דיבינקע נאָדלען. פלאַנצן — אין שטאָפן און אין קליידער. אין די געשעפטן שטייען די אָנגעשטעלטע פאַר די טישן, פאַרקויפן, באַדינען געסט, דינגען זיך, רעדן איין. בוכהאַלטערס רעכענען, סומירן. ביכער ווערן פול מיט ציפערן, שופלאַדן און קאַסעס — מיט געלט. טייסטערס — מיט וועקסלען. און ווי ווונדערלעך, מאָדנע: אַלץ מעסט און וועגט זיך, דרייט און באַוועגט זיך, שפינט און פאַרבינדט זיך און אַלץ ווערט פאַרוואַנדלט אין געלט, אין גאָלד.

.3

די לעצטע הייזער פון דער שטאָט, דער הימל ביים האָריזאָנט גיסט אַראָפּ זיין בלוי אין גרינס פון די פעלדער. אַלץ וואַקסט דאָ, גרינט און בליט, וואָס פאַר אַ שפע! אוגערקעס און טאָמאַטן, רעטעך און בוריקעס, קאַרטאָפל און ציבעלעס. נאָר, וואָס ער איז געווען, אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי וואַקסן אַרויס פון די פּאַליצעס אין שפייז־געוועלב...

און ווייטער — אַ סאָסנע־וואַלד. ער גייט צו צו אַ סאָסנע און באַרירט זי. זי איז נישט קיין חלום. חלום איז בלויז געווען זיין בענקשאַפט צו איר. טויזנטער, הונדערטער טויזנטער שטייען זיי דאָ. אַזוי פיל מענטשן אינאיינעם — רעדן, קריגן זיך, שוויצן. זיי — וואַקסן שווייגנדיקע, שמעקנדיקע, פלעכטן צוזאַמען די וואָרצלען אונטער דער ערד און די צווייגן אין דער לופטן.

אַ לאַנדשאַפט האָט ער ביי זיך אין שטוב. זי הענגט אויף דער וואַנט. אַן אַלט, אָפּגעבליאַקעוועט בילד, פון פליגן באַפלעקט, פון שטויב באַזעצט — די לאַנדשאַפט, די ווונדערלעכע.

אין דער פאַנטאַזיע האָט ער אפשר געזען אַזעלכע פעלדער און וועלדער. ער האָט אָבער געקלערט, אַז זיי זענען ווייט, ערגעץ מייל־ווייט פון דאַנען און זע: אַזוי נאָענט פון זיין שטוב.

אין אַ זונטיק־טאָג, פאַרוואָס איז אים קיין מאָל נישט איינגעפאַלן זיך אַרויס־לאָזן אַהער? ער האָט נישט געהאַט קיין כוח. ער האָט זיך געוואָלט אויסרוען אין דעם פרייען טאָג. נאָר נייך, נישט בלויז צוליב דעם. אים האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז ער טאָר זיך נישט אַרויסלאָזן הינטער דער שטאָט, ערגעץ־ווייט, ווייל ער קען נאָך... ער וועט נאָך... פאַרשפעטיקן צוריקצוקומען צו דער אַרבעט אין פאַבריק... און אויב ער וועט אפילו איין טאָג בלויז פאַרפעלן, קען נאָך געשען עפּעס מוראדיקס, ענלעכס צו אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס גייט אַרויס פון די שינעס.

ער האָט אַזויפיל יאָרן געאַרבעט ביי דעם וועבשטול, געזען פעדים דרייען זיך און לויפן. יעדער איינער פאַרגלייכט זיך מיט זיינעם:

דאָס לעבן איז צו אַזאַ וועבשטול ענלעך. ס'לויפן פעדים. בלאָע פעדים

פון בענקשאַפט. גראָע פעדים פון דער נויט, שוואַרצע פעדים פון טרויער. גוט איז צו שטיין ביי דער זייט און זיך צוקוקן צום גאַנצן שפּיל. ווער אָבער, ווער איז אַליין נישט פאַרוויקלט אין אָט דעם געוועב?

ער האָט זיך פון אים אָפּגעריסן אויף אַ טאָג. וועט ער זיך מאָרגן אין אים ווידער אָנקניפּן?

4.

ס׳איז נאַכט. ער גייט צוריק צו דער שטאָט, אין שטאָט ברענען שוין שטערן און לאַמטערן. ער צינדט זיי נאָך אָן מיט ווערטער:

וועקזייגער, אָ, וועקזייגער!

האָסט מיך פאַרשלאָפן אַ שעה אויפן געלעגער און מיך אויפגעוועקט אויפן גאַנצן לעבן.

ווער בין איך געווען פריער, וואָס האָב איך געוווסט און פון וואָס געקלערט?

דאָס לעבן איז פאַר מיר אַן אָפּקומעניש געווען, אַ לאַסט.

געמיינט, אַז ס׳איז מיינס אַן אבר, וואָס איך קען קיין מאָל נישט פאַרבייטן, נאָר מוז עס טראָגן ביז צום קבר.

און איך האָב דערזען: ס׳איז רייך און מעכטיק. ס׳קען זיין וווּנדערלעך־שיין, נאָר פריי זיין, פריי — און אָנשטרענג איז נייטיק און קאַמף איז כדאי.

מאָרגן וועל איך נישט דורכיאָגן ווי אַ פרעמדער דורך אַלע, וואָס גייען ווי איך צו דער אַרבעט. מאָרגן וועל איך יעדן באַגריסן, מיט יעדן זיך פּרווון באַקענען.

איך וועל זיי דערציילן, ווי איך בין דורך דער דאָזיקער שטאָט געגאַנגען, טאָג־טעגלעך געזען די זעלבע זאַכן, און ערשט איצט, נאָך לאַנגע יאָרן, אין איין צופעליקן טאָג — אָנגעהויבן פאַרשטיין דעם זין פון אַלע זאַכן.

וועקזייגער, אָ, וועקזייגער!

דו האָסט מיך אויפגעוועקט שפּעט, אָבער נישט צו שפּעט.

פּאַרמעט

1.

פערציק יאָר האָבן זייערע איבערגעשניטענע העלדזער פּאַרוואָרפן אויפן האָקן פון עבר, און יעקב־מאיר דער שוחט האָט נישט זוכה געווען צו האָבן אַ קינד.

ביז אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט ער, יעקב־מאיר, צום ווייב זיינעם, העניע־בריינדל, אַזוי געזאָגט:

— העניע־בריינדל, אָט־אָט און מיר זענען זקנים.

האָט העניע־בריינדל אַרויסגענומען אַ שפּיזל פונעם זאָק און איבערגעחזרט מיט אַ קרעכץ:

— אָט־אָט און מיר זענען זקנים, יעקב־מאיר לעבן.

— און קיין קינדער האָבן מיר נישט — גיט צו יעקב־מאיר.

— נישט זוכה געווען דערצו — ווישט העניע־בריינדל די אויגן מיטן פאַרטעך.

נעמט יעקב־מאיר די באָרד אין דער האַנט אַריין און זאָגט:

— העניע־בריינדל לעבן, לאָמיר לאָזן שרייבן אַ ספר־תורה.

— איך וועל מיך שוין טאַקע נעמען אויסשטיקן אַ פּרוכת — איז מוסיף העניע־בריינדל דערפרייט, ווי זי וואָלט שוין לאַנג דערצו זיך געגרייט.

זאָגט נאָך יעקב־מאיר:

— מיר וועלן אַליין קויפן אַ קעלבל און עס אויסהאָדעווען. לאָמיר כאָטש אַ טייל־האָבן אין דעם פּאַרמעט פון דער ספר־תורה. אויב אויף דעם קעלבלס הויט ווערט אויפגעשריבן גאָטס וואָרט, דאַרף עס נישט געשפּייזט ווערן מיט פּשוטע מאכלים.

— מיר וועלן קויפן אַ קעלבל — ענטפערט העניע־בריינדל — איך וועל עס האָדעווען אַזוי ווי אַ קינד.

2.

- העניע־בריינדל לייענט דאָס טייטש־חומש. די ברילן אויף אירע אויסגעווייטע אויגן.

זי לייענט און ווייסט נישט פאַרוואָס, ווייסט זי נישט, העניע־בריינדל; אַמאָל פלעגט זי וויינען, פאַרגיסן באַכן טרערן, בעת זי האָט געלייענט אין טייטש־חומש, ווי אַזוי די מלאכים האָבן צוגעזאָגט שרהן, אַז זי וועט, אם ירצה השם, איבער אַ יאָר האַלדזן אַ קינד. היינט, דער אייבערשטער זאָל זי נישט שטראָפן פאַר די זינדיקע מחשבות, וואָרעם וואָס איז זי דען מער, מישטיינס־געזאָגט, העניע־בריינדל, מער ווי אַ שוואַכע אשה? היינט פאַרבלאָנדזשעט דווקא צו אירע אויערן דאָס מרוקען פון דעם קעלבל אין שטעלעכל:

— מהו־מהו. הו־מאַ, מאַ־מע...

און די דאָזיקע קולות רופן זי, בעטן צו איר, פאַרוואָרפן זיך אַרום איר האַלדז, ווי לאַשטשענדיקע הענטלעך פון אַ קינד.

נעמט זי, העניע־בריינדל, נאָך דער הבדלה, נעמט צוזאַמען די שטיקלעך איבערגעבליבענע חלה און צעדרויבלט זיי אין הער וואַסער־געמישטער מילך אַריין, און זי נעמט, העניע־בריינדל, דאָס ריינדל, געמט עס און טראָגט עס דעם קעלבל אין שטעלעכל אַריין.

טרינקט דאָס קעלבל. פילט העניע־בריינדל, ווי אין איר ברוסט צעגייט זיך אַ וואַרעמקייט, רירט זיך עפּעס, ווי אין חודש אדר אַן אייז־דעק איבער אַ טייך.

דאַכט זיך איר, אַז זי האַלט אַ קינד אויף איר שויס און ס׳זייגט די ברוסט אירע, די געעפנטע.

3.

העניע־בריינדל איז יענעם שבת־צו־נאַכטס אין בעט געלעגן.

נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען יעקב־מאיר האָט איר מודיע געווען, אַז ער גרייט זיך צו שעכטן דאָס קעלבל, האָט זי זיך אָנגעהויבן שוואַך צו פילן. איצט, איז זי געלעגן פאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ טיכל אין וואַסער איינגענעצט און געקרעכצט אַזוי ווי דער אַלטער זייגער אויף דער וואַנט.

יעקב־מאיר איז דעמאָלט אין שעכטהויז געשטאַנען.

דאָס קעלבל איז געבונדן אויף דער ערד געלעגן, געקוקט אַרויף צום באַלקן און אים געזען מיט בליקן קעלבערנע, ווי מיט אײדלשטיינער אויסגעפּלאַסטערט, בליקן פון קעלבלעך, וועלכע האָבן זיך צום הימל געריסן, נאָר זענען העכער ווי ביז צו דער סטעליע נישט דערגאַנגען.

האָט יעקב־מאיר פרום אַרויפגעגלאָצט די אויגן און זיין בליק האָט זיך ווי אַ חלף אַ שאַרפער דורכגעשניטן דורך דעם באַלקן און אַרויף אין הימל: אַ שטערן מיט אַ דורכגעלעכערטער ברוסט האָט איבער דעם הימל אַ שנירל בלוט צע־שפריצט און איז גוססדיק צו דער ערד אַראָפּגעזונקען.

האָט יעקב־מאיר הויך און צעצויגן געמאַכט די ברכה און געוואַרט, אַז דאָס קעלבל זאָל זאָגן „אמן", נאָר דאָס קעלבל האָט עקשנותדיק געשוויגן.

— נו־אָ... אָמן... — האָט יעקב־מאיר געזאָגט צום קעלבל.

האָט דאָס קעלבל געענטפערט יעקב־מאירן אַזוי.

— איך וועל „אָמן" אויף דער אייגענער שחיטה נישט זאָגן!

4.

דער סופר ר' אברהמעלע איז געזעסן און געשריבן די ספר־תורה פאַר יעקב־מאיר דעם שוחט און זיין וויב העניע־בריינדל. ווען ער איז צוגעקומען צו די ווערטער לא תרצח, האָט ער איינטונקנדיק די געגנדזענע פעדער אין דער טינט, פון דעם טינטער אַ דערטרונקענע פליג אַרויסגעצויגן.

5.

איז אַ וווּנדער, וואָס דער עולם איז אַזוי גרויס, —

היינטיקן שבת אין דער שטאָטישער קלויז?

יעקב־מאיר דער שוחט, וואָס האָט אַליין אויפגעהאָדעוועט דאָס קעלבל, אַליין עס געשאָכטן, וועט אויך אַליין זיין דער ערשטער בעל־קורא פון דער ספר־תורה זיינער.

איז אַ וווּנדער, וואָס עס לויפן אַזעלכע צערודערטע און פאַררעשטע אַרום די שמשים, וואָס העניע־בריינדל ווערט פון קנאה־בליקן באַהאָגלט פון די ווייבער אין דער עזרת נשים?

זעט נאָר, זעט: אָט שטייט שוין יעקב־מאיר און לייענט פון זיין אייגענער ספר־תורה.

ער לייענט. די עשרת הדברות לייענט ער איצט.

— אָנכי ד' אלהיך — — —

און ער וויל שוין אויסציקלען מיטן טראָפּ דעם לא תרצח, נאָר ער קען נישט, ער קען נישט, יעקב־מאיר. ער זעט פון צווישן די שורות אַרויסקוקן אַזעלכע היימישע, באַקאַנטע, בלוט־פאַרלאָפענע אויגן.

הייבט יעקב־מאיר אָן זיך צו קאָרטשען און בייגן.

הייבט אָן יעקב־מאירן צו שווינדלען פאַר די אויגן.

נאָר ער לייענט ווייטער, יעקב־מאיר. ער לייענט שוין פון אויסנווייניק. נאָר דעם לא תרצח, דאַכט זיך אים, האָט נישט ער, נישט ער אַרויסגעשטויסן, נייערט דאָס קעלבל.

און ער זינקט אַנידער, יעקב־מאיר דער שוחט. זינקט אַנידער אויף דער ערד איינגעוויקלט אין זיין טלית.

איינאקטערס

דאָס געוויין פון קינד

(אָוונט. אַ צימער. ביים טיש זיצט אַ מאַן פון אַ יאָר זעקס־זיבן און דרייסיק. ס׳דערהערט זיך אַ קלינגען פון טיר־גלעקל. ער גייט עפענען און קומט באַלד צוריק מיט נאָך אַ מענטש).

מאַן: איר דאַרפט צו מיר?

ער: אַנטשולדיקט, איך האָב דאָ באַקומען צוגעטיילט אין דער וווינונג אַ צימער.

מאַן: יאָ, פאַראַן דאָ אַ פריי צימער. פון דער טיר לינקס.

ער: און אויסער דעם צימער איז נאָך פאַראַן? —

מאַן: וואָס מיינט איר?

ער: עפּעס, וואָס מיר האָבן בשותפות —

מאַן: זיכער, זיכער. דאָס איז דאָך אַ גרויסע וווינונג. די קיך, דאָס באָד־צימער געהערן אויך אייך, און ווייטער — איבעריקנס, וואָס מיר האָבן צוזאַמען ווייסט בעסער מיין פרוי. זי קומט באַלד. זעצט אייך, ביטע.

ער: אַ דאַנק. איך האָב ווייניק צייט. איך דאַרף נאָך אַהער אַריבערנעמען מיינע זאַכן.

מאַן: ווו האָט איר דען אייערע זאַכן?

ער: אין האָטעל. איך ווין דאָרט עטלעכע טעג.

מאַן: אַוודאי איז בעסער אין אַ פּריוואַטער וווינונג. אין האָטעל פילט זיך דער מענטש שטענדיק ווי אויף דערווייל.

ער: ווייסן, אַז דאָס לעבן איז בלויז אויף דערווייל, איז אָפּט אויך פאַר מיר אַ טרייסט. זיך צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז אַזוי איז עס שוין און אַזוי מוז עס בלייבן — איז צו טרויעריק.

מאַן: איר זענט אַליין?

ער: ווי דער רוב — אַליין.

מאַן: איר זענט געקומען פון ראַטנפאַרבאַנד?

ער: יאָ, און איר?

מאַן: איך בין געווען אין געטאָ, אין אַ לאַגער. מיר זענען צוויי באַזונדערע פעלקער, האַ?

ער: אַזוי דאַכט זיך. וויפל מאָל מיר איז אויסגעקומען צו רעדן מיט מענטשן, וואָס זענען געווען אין געטאָ, צי אין לאַגער, האַלטן זיי, אַז מיר — זייענדיק אין ראַטנפאַרבאַנד — וועלן זיי קיינמאָל נישט ווי געהעריק פאַרשטיין. מיינט איר אויך אַזוי?

מאַן: איר האַלט זיך פאַר אָנגעגריפן? אונדז, די איבערגעבליבענע, דאַכט זיך גאָר, אַז פאַרקערט. אונדז, למשל, דאַכט זיך, אַז איר קוקט אויף אונדז מיט חשד.

ער: פאַרוואָס מיינט איר אַזוי?

מאַן: נו, דערפאַר וואָס מיר זענען געבליבן לעבן. פאַרוואָס גראָד מיר?

ער: פון דעסטוועגן קלערן נישט אַלע אַזוי. און די, וואָס באַציִען זיך צו איך מיט חשד — אפשר נעמט זיך עס פון פאַרדרוס, וואָס צווישן די פאַרבליבענע געפינט זיך נישט קיין אייגענער? יאָ, ווען מיר האָבן ביים סוף פון דער מלחמה געהערט, אַז אַזאַ קליינע צאָל ייִדן זענען געבליבן לעבן, האָבן מיינע באַקאַנטע געזאָגט: אפשר צופעליק געפינען זיך צווישן די איבערגעבליבענע אונדזערע באַקאַנטע? איך אָבער האָב זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיעס.

מאַן: דאָס איז נישט גוט פאַר איך.

ער: די אַלע, וואָס האָבן עס געגלויבט, זענען דאָך געווען עגאָיִסטן. זעקס מיליאָן ייִדן זענען אומגעקומען און דווקא זייערע זענען געבליבן.

מאַן: נישט עגאָיִסטן — גלייביקע.

ער: רופט עס אָן ווי איך געפעלט. און ווייטער — איר זעט די אָנאָנסן אין די צייטונגען? מען זוכט זיך און מען זוכט זיך. דאָס זענען מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב אַליין צו נאַרן.

מאַן: און איך, זייענדיק אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, ביי די סאַמע שווערס־טע באַדינגונגען, האָב נישט אויפגעהערט צו גלייבן.

ער: און האָט איר געפונען עמעצן פון אייערע אייגענע?

מאַן: ניין.

ער: זעט איר...

מאַן: האָב איך אָבער געפונען אַ נייעם נאָענטן מענטשן — אַ פרוי.

מאַן: (טוט אַ קוק אויפן וויגל אין ווינקל) און ווי איך זע — שוין אויך אַ קינד...

מאַן: יאָ, אַ פרוי און אַ קינד.

ער: איר וועט מיר מוחל זיין, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז פאַר מיר איז

עס מאַדנע. נאָך דעם, ווי איך האָב זיך אָנגעלייענט און אָנגעהערט וועגן די אַלע פּייניקונגען און דערנידעריקונגען, וואָס עס איז אויסגעקומען אַ יידן דורכצוגיין אין די געטאָס און לאַגערן, האָב איך געקלערט, אַז אויב עס איז געלונגען אַפילו ווּעמען זיך פון דאָרט צו ראַטעווען, איז ער שוין — אויב נישט פיזיש — יעדנ־פאַלס, גייסטיק — נישט אין אָרדענונג. און דאָ זע איך צוויי מענטשן (זי איז דאָך מסתם אויך פון לאַגער) און זיי האָבן חתונה געהאַט און האָבן שוין אַפילו אַ קינד.

מאַן: דאָס איז דער כּוח פון לעבן, פון די לעבעדיקע. די טויטע, ווי גע־ווײנטלעך, גייען נישט אַרום אויף דער גאַס, נאָר די לעבעדיקע. וואָלטן די טויטע אַרומגעגאַנגען — וואָלט נישט מעגלעך געווען צו לעבן.

ער: קומט אויס לויט אייערע רייד, אַז מען דאַרף די טויטע פאַרגעסן?

מאַן: די מערדער טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אָבער די דערמאָרדעטע מוזן מיר זיך לערנען פאַרגעסן, אויב מיר ווילן ווייטער לעבן.

ער: איך בין אייך מקנא. איך וואָלט אויך געוואָלט אַ סך זאַכן פאַרגעסן, נאָר לײדער, געלינגט עס מיר נישט. זענען דאָ אַ סך אַזעלכע ווי איר? אַט — אייערע חברים — און —אַנטשולדיקט— אייער פרוי?

מאַן: פאַראַן אַזעלכע ווי איך צווישן מיינע חברים, און די, וואָס קלערן אַנדערש פּרוּוו איך איבערצייגן אין דער ריכטונג. און וואָס שייך מיין פרוי — (קלערט אַ ווײלע) איר איז סתם אויך שווער צו פאַרגעסן. ס׳טרעפט זיך אַ מאָל — איך הייס הירש — און זי גיט מיך אַ רוף: דוד.

ער: דוד?! איז עס דער נאָמען פון איר מאַן?

מאַן: איך ווייס נישט.

ער: און איר פרעגט נישט?

מאַן: צוליב וואָס? און מעגלעך, אַז דאָס איז גאָר דער נאָמען פון אירן אַ ברודער.

ער: (לאַנגזאַם, פאַרטראַכט, חזרט איבער מעכאַניש) און מעגלעך ,אַז דאָס איז גאָר דער נאָמען פון אירן אַ ברודער. (מען קלינגט פון דרויסן).

מאַן: וואַרשיינלעך, מיין פרוי. אַנטשולדיקט אַ רגע!

(גייט אָפּ. ס׳הערט זיך אַ סעקונדע־קורץ געשפּרעך פון יענער זייט טיר.

זי קומט אַריין. ער הייבט זיך אויף פון אָרט, גייט איר אַקעגן און פּלוצים גיבן זיי ביידע אַ געשריי)

ער: אסתר!

זי: דוד! (זי באַהערשט זיך מאָמענטאַל) שוויַג! מיין מאַן טאָר גאָרנישט וויסן!

(אויפטריט מאַן. ער דרייט זיך אויס צו דער וואַנט, גלייך ער וואָלט דאָרט באַטראַכט אַ בילד. זי שטייט ביים טיש, צוהאַלטנדיק זיך ביי אַ בענקל)

מאַן: (האַלטנדיק איר מאַנטל אין דער האַנט) איך האָב אים געוואָלט אויפ־הענגען, דעם מאַנטל דיינעם — האָט זיך דער הענגער אָפּגעריסן.

זי: לייג אים אַוועק. איך וועל באַלד צונייען.

מאַן: דו זעסט אויס זייער בלייך. וואָס איז געשען?

זי: איך... דאָס הייסט מיט מיר... איז שיער נישט געשען...

מאַן: וואָס איז שיער נישט געשען?

זי: שיער נישט געשען אַ קאַטאַסטראָפע...

מאַן: דו מאַכסט מיך אומרויִק. וואָס פאַר אַ קאַטאַסטראָפע?

זי: אויף דער גאַס... האָט מיך שיער נישט אַן אויטאָ איבערגעפאָרן...

מאַן: איך האָב דיך אָבער געבעטן דו זאָלסט נישט גיין איצט אין דער ביבליאָטעק.

זי: און איך האָב ערשט נישט באַקומען קיין בוך. ס'זענען געווען אַ סך מענטשן און איך האָב געדאַרפט לאַנג וואַרטן. איך האָב מורא געהאַט, אַז דאָס קינד וועט זיך דערוויל אויפוועקן, און בין אַוועק אַהיים. (איר פאַלט עפּעס פּלוצים איין) אפשר וואָלטסטו טאַקע געגאַנגען מיר נעמען אַ בוך? (זי גיט אים אַ גלעט איבערן פּנים) דו וועסט דאָך נישט ברוגז זיין, וואָס איך באַמי דיך...

מאַן: גוט, איך וועל. (דערזעענדיק מיטאַמאָל אים, אין וועלכן ער האָט אין גאַנצן פאַרגעסן) אָ! דאָס איז, אסתּר, אונדזער נייער שכן. ער וווינט דאָ אין צווייטן צימער. (שטעלט זיי פאָר) מיין פרוי און — (ער וואַרט, אַז יענער זאָל זאָגן דעם נאָמען. ער גיט עפּעס אַ נישט פאַרשטענדלעכן ברום) זיי פרעגן זיך וואָס נאָך זיי האָבן אויסער דעם צימער מיט אונדז בשותּפות. זאָג זיי. (צו אים) אַנטשולדיקט, איך מוז אַוועקגיין (אָפּ).

(זיי בלייבן ביידע אומבאַוועגלעך שטיין אויף זייערע ערטער שוין אַ רגע נאָך זיין אַוועקגיין. דער ערשטער גיט ער זיך אַ ריס פון אָרט, פאַלט־צו צו איר, נעמט זי אַרום, קושט זי. זי ווערט זיך נישט. אַ רגע, זי באַפרייט זיך פון זיינע אָרעמס און זאָגט אים, וויזנדיק אויף אַ בענקל):

זי: זעץ דיך.

ער: אסתּר! (וויל זי ווידער אַרומנעמען).

זי: (שטרענג) זעץ דיך!

ער: וואָס איז מיט דיר?

זי: דו האָסט דאָך געזען; איך האָב אַ מאַן.

ער און איך, וואָס בין דיר?

זי: דו ביסט געווען מיין מאַן.

ער: בלויז געווען?... איז ער איצט ביי דיר מער פון מיר?

זי: יאָ, מער. ער איז אויך דער פאָטער פון מיין קינד.

ער: מיט וואָסער אַ רעכט?

זי: אין די סאַמע שווערסטע יאָרן פון מיין לעבן ביסטו נישט געווען מיט מיר. שוין דעם ערשטן טאָג, ווען דו ביסט אַוועק, האָב איך זיך געפילט הפקר.

ער: איך בין אַליין אַוועק דערפאַר, ווייל דו האָסט ניט געוואָלט איבערלאָזן דיין משפחה, דיינע עלטערן און דיינע ברידער.

זי: שוין דעמאָלט האָב איך זיך געקענט מקריב זיין פאַר דער משפחה. דו ביסט נישט בכח געווען עס צו טאָן.

ער: אָבער צי קען מען ווען באַשולדיקן פאַרוואָס ער איז אַוועק?

זי: ניין.

ער: ווייטער. צי האָב איך זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז די דייטשן וועלן באַגיין אַזעלכע גרוילטאַטן?

זי: אפשר אויך נישט.

ער: וואָס־זשע ווילסטו פון מיר?

זי: דער כלל האָט גוט געטאָן וואָס ער איז אַוועק, אָבער ווען ס׳קומט צום יחיד, דאַרף מען יעדן איינעם נעמען באַזונדער.

ער: און ווען דו נעמסט מיך באַזונדער?

זי: איז פאַר דיר אַ סך ערגער.

ער: קלער מיר אויף!

זי: ס׳איז שווער אויפצורירן אַלטע ווונדן. נאָר פאַרפאַלן. ס׳איז געשען.

הער: וויפל בין איך אַלט געווען, ווען דו האָסט זיך מיט מיר באַקענט?

ער: צוויי און צוואַנציק יאָר.

זי: און וויפל יאָר האָסטו זיך מיט מיר געפירט ביז צו דער חתונה?

ער: מאָדנע. צוליב וואָס פרעגסטו עס?

זי: איך האָב אַ סיבה. מיר האָבן זיך געפירט זעקס יאָר. פאַרוואָס האָסטו אַזוי לאַנג געצויגן מיט דער חתונה?

ער: שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען...

זי: ס׳האָבן מענטשן ביי נאָך שווערערע באַדינגונגען חתונה געהאַט. דערצו אָבער, כדי עס צו טאָן, האָט מען געדאַרפט גלייבן אין די אייגענע כוחות, אין מיינע כוחות. ווייל נאָך דער חתונה האָבן מיר זיך דאָך פון דעסטוועגן ווי ס׳איז איינגעאָרדנט. און וואָס איז געווען ווייטער?

ער: ווייטער?

זי: איך האָב געוואָלט האָבן אַ קינד. איך האָב עס דיר געזאָגט און דו האָסט חוזק געמאַכט פון מיר און מיך געפרעגט, צי מיין מאַמע האָט מיך נישט צוגערעדט דערצו, ווייל זי וויל האָבן נחת פון אַן אייניקל.

ער: און קיין אַנדערע סיבה האָב איך נישט אָנגעגעבן? דערמאָן זיך.

זי: יאָ, דו האָסט אויך געזאָגט, אַז איצט איז נישט קיין צייט אויף האָבן קינדער. אַז די צייט איז אַן אומרויקע.

ער: בין איך דען נישט געווען גערעכט?

זי: ביסט געווען גערעכט. אָבער ווען די ביימער זאָלן קלערן, אַז ס׳קען קומען אַ ווינט און אַראָפּטרייסלען זייערע בליטן, — וואָלטן זיי קיין מאָל נישט געדאַרפט בליִען. דו האָסט שטענדיק מורא געהאַט פאַרן לעבן און מורא געהאַט פאַרן טויט. אַזעלכע ווי דו זענען נישט פעיִק צו לעבן און נישט צו שטאַרבן.

ער: און ער... דיין מאַן... איז בעסער... בעסער פאַר מיר, האַ?

זי: איך האָב אים אויסגעפּרוווט אין די סאַמע שווערסטע צייטן, וואָס די מענטשלעכע פאַנטאַזיע איז בכלל נאָר מעגלעך זיך פאָרצושטעלן. אין לאַגער, ווו אַ שטיקל ברויט איז געווען אַ חלום, פלעגט ער מיר זיין חלק ברויט געבן. ער האָט געהאַט אַ וואַרעם לייבל — און געווען איז עס ווינטער — האָט ער עס מיר אָנגעטאָן. און ווי אַזוי מיר זענען אַרויס פון דעם לאַגער, מיר ביידע, וואָס האָבן דאָ קיינעם נישט געהאַט, האָט ער געזאָגט צו מיר: אסתר, לאָמיר חתונה האָבן, לאָמיר בויען אַ ניי לעבן. ער האָט עס געזאָגט אַזוי פשוט, אַז איך האָב אים נישט געקענט אָפּזאָגן. און אַזוי נאַטירלעך האָב איך אים געבוירן אַ קינד.

ער: און אין מיר האָסטו אין גאַנצן פאַרגעסן?

זי: ניין, איך האָב דיך געדענקט. טעלעכע מאָל האָב איך אַפילו געפּרוווט אָנהייבן וועגן דיר אַ שמועס מיט מיין מאַן, נאָר ער האָט אַרויסגעוויזן אַ פול־שטענדיקע נישט־פאַראינטערעסירטקייט.

ער: אָבער פון איצט־אָן — גענוג! דו מוזסט ווערן ווידער מיינע.

זי: דאָס איז שוין נישט מעגלעך.

ער: דאָס איז דאָך בלויז אָפּהענגיק פון דיר.

זי: און ווען עס געשעט?

ער: דאַן וואָלטן מיר געווען ביידע גליקלעך.

זי: הער: פיר מענטשן שטייען אין קאָן. די ערשטע צוויי — מיר ביידע, און די אַנדערע צוויי — דער מאַן און דאָס קינד. צי האָלטסטו אויף אַן אמת, אַז די, וואָס זענען אַמווייניקסטן שולדיק, דאָס הייסט: דער מאַן און דאָס קינד, דאַרפן ליידן, און מיר, די וואָס זענען אַממערסטן שולדיק, זאָלן זיין, ווי דו זאָגסט, גליקלעך?

ער: די גערעכטיקייט איז טייל מאָל אַזוי האַרב, ווי דער אומרעכט.

זי: ניין, איך וועל נישט צונעמען ביים קינד שוין פון דער וויג דעם פאָטער. און איבערלאָזן עס אים, וואָלט איך פאַר אַ צווייט קינד — פאַר דיינס — שוין נישט קיין מילך געהאַט אין מיינע בריסטן, נאָר סם.

ער: און דאָס צימער האָט געקענט זיין מיין היים. און דו האָסט געקענט זיין מיין ווייב, און דאָס קינד — מיין קינד. אַלץ האָט מיך דאָ געקענט אויפנעמען ווי אַ באַלעבאָס און נעמט מיך אויף ווי אַ פרעמדן, אומגייטיקן אורח.

זי: און וואָלטסט דאָס אַלץ, וואָס דו זעסט איצט אַרום, געשאַפן? איצט, ווען אַלץ איז דאָ גרייט, וואָלטסטו געוואָלט ווערן דערפון דער באַלעבאָס.

ער: פּאַרשטיי: איך האָב נאָך אפשר כוח פאַרצוזעצן דאָס פאַרגאַנגענע, אָבער איך האָב בשום אופן נישט קיין כוח אָנצוהייבן אַלץ פון ס'ניי.

זי: איך ווייס, ווען איך וואָלט צו דיר איצט געקומען צוריק, וואָס פאַר אַ פייניקונגען מיר וואָלט אויסגעקומען פון דיר אויסצושטיין. דו וואָלסט מיך לאַנגע יאָרן פאַרמאַטערט מיט פראַגעס וועגן אים, געוואָלט וויסן יעדן פרט פון אונדזער צוזאַמענלעבן. דו וואָלטסט ווידער נישט געלעבט מיט דער קעגנוואָרט, נאָר מיט מיין פאַרגאַנגענהייט. נעם, למשל, אים. דו קענסט אים בלויז פון היינטיקן אָוונט, ער איז אַריינגעקומען, באַמערקט, אַז איך בין בלייך, אָבער ווי לייכט מיר איז געלונגען אָפּווענדן זיין אויפמערקזאַמקייט אויף עפּעס אַנדערש. דו וואָלטסט מיך אויך נישט איבערגעלאָזט מיט אַ פרעמדן מענטשן. דו וואָלטסט זיך צו אַלץ באַצויגן מיט חשד.

ער: דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס ער איז צו אַ פשוטער מענטש.

זי: דאָס איז נישט קיין חסרון. נאָך די גרויליקע געשעענישן, וויל איך מיך אָפּרוען, לעבן. לעבן פּשוט. דאָס הייסט, נישט סתם לעבן אָן אַ חשבון. נאָר דו האָסט אַ טבע, איידער נאָך דו מאַכסט דעם חשבון, שוין צו מאַכן דעם סך־הכל.

ער: און וואָס זאָל איך איצט טאָן מיט זיך?

זי: אַוועקגיין.

ער: גיין צו זיך אין צימער און פילן, אַז אַזוי נאָענט...

זי: אַוועקגיין, האָב איך נישט געמיינט, פון דעם צימער אין צווייטן. אַפילו ווען צווישן אונדז וואָלט נישט געווען קיין הילצערנע טיר, נאָר אַן אייזערנע. דו דאַרפסט איצט פאַרלאָזן דאָס צימער, די שטאָט —

ער: דאָס לאַנד, די וועלט.

זי: דערפיר עס נישט ביז צו אומזין.

ער: מוז איך טאַקע אַוועקגיין? מיין גאַנצע משפחה און מיינע אַלע נאָענטע זענען אומגעקומען. איין מענטש איז געבליבן לעבן — דאַרף איך מיך פון אים אויך אָפּזאָגן? ניין! ניין! (הייבט זיך האַסטיק אויף, גיט זיך אַ וואָרף צו איר, נעמט זי אַרום און קושט זי) דו ביסט מיינע, מיינע!

(פון וויגל הערט זיך דאָס וויינען פון קינד. זי רייסט זיך אַרויס פון זיינע הענט, לויפט צו צום וויגל. ער בלייבט שטיין אומבאַהאָלפן, קוקט מיט פאַרלוירענע בליקן אויף איר)

זי: (ביים וויגל) שלאָף, מיין קינד, מיין קרוין, אַ־אַ־אַ!

(דאָס קינד באַרויִקט זיך)

זי: מען טאָר נישט לאָזן וויינען אַ קינד.

ער: און אַ גרויסן מעג מען לאָזן וויינען?

זי: דערוואַקסענע דאַרפֿן זיך אַליין קאָנען איינשטילן.

(פּויזע)

ער: (לאַנגזאַם) מיר איז גאָרנישט געבליבן פֿון דיר. גיב מיר צום אָנדענק דיינע אַ פֿאָטאָגראַפֿיע.

זי: גוט, איך וועל דיר געבן.

(גייט צו צום שאַפֿקעלע, נעמט אַרויס אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, דערלאַנגט אים)

ער: מיט דעם קינד צוזאַמען. און אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון דיר אַליין קענסטו מיר נישט געבן?

זי: איך אַליין בין שוין מער נישטאָ. דו דאַרפֿסט מיך פֿון איצט בלויז זען מיטן קינד צוזאַמען.

ער: און געזעגענען וועסטו זיך מיט מיר?

(זי נעמט אים אַרום, קושט אים, ער דריקט זי צו זיך און — גיט זיך אַ ריס אָפּ פֿון איר און לויפֿט שנעל אַרויס פֿון צימער. אַ ווילע זיצט זי פֿאַרגליווערט. באַלד הערט זיך אַ קלינגען, זי ציטערט אויף)

זי: האָט ער נישט חרטה באַקומען?

(זי גייט עפֿענען און קומט צוריק מיטן מאַן)

מאַן: בין איך שוין דאָ צוריק. וואָס איז, דאַכט זיך, אַז דו וויינסט?

זי: מיר איז עפּעס פּלוצים געוואָרן טרויעריק.

מאַן: מיר איז אויפֿן וועג אויך פּלוצים געוואָרן טרויעריק. איך האָב געקלערט, ווי גוט וואָלט געווען, ווען עמעצער פֿון די נאָענטע וואָלט געלעבט.

זי: און אפשר וואָלט נאָך טרויעריקער געווען.

מאַן: וואָס רעדסטו, אסתר? איך פֿאַרשטיי דיך נישט.

זי: נו, קום אַהער. קום אַהער. דו ביסט דאָך אַזאַ גוטער. לאָמיך דיר אַ קוש טאָן.

מאַן: שטילער אַ ביסל. אין צווייטן צימער ווינט דאָך שוין עמעצער.

זי: קיינער וווינט שוין נישט מער דאָרטן.

מאַן: וואָס רעדסטו? ער האָט זיך דאָך ערשט אַריינגעצויגן?

זי: ער האָט זיך שוין אַרויסגעצויגן.

מאַן: מאָדנע. וואָס קאָן זיין די סיבה?

זי: ער וויל דאָ נישט וווינען, ער גייט אַוועק פֿון דאַנען, ווייל... ווייל ס׳איז פֿאַראַן אַ קינד... ווייל ס׳קאָן אים באַאומרויִקן דאָס געוויין פֿון קינד...

(סוף)

בלויז אַש

(אַ צימער. ס׳הערט זיך אויפשליסן די טיר פון דרויסן. עס קומען אַריין צוויי מענטשן)

ער: אָט דאָ, ווי דו זעסט, וווין איך.

חבר: וואַרט אַ ווײַלע! די וווינונג איז מיר באַקאַנט. דו האָסט דאָך געוווינט דאָ אויך פאַר דער מלחמה?

ער: יאָ. ס׳איז די זעלבע וווינונג.

חבר: (קוקט זיך אַרום) ווי איך זע פון הייליקן בילד אויף דער וואַנט, וווינט דאָ אויך אַ קריסט.

ער: דאָ וווינט אויך אַ קריסטלעכע פרוי.

חבר: זי וווינט ביי דיר, צי דו ביי איר?

ער: מיר וווינען צוזאַמען.

חבר: אָ, דאָס איז אינטערעסאַנט! איך וואָלט זיך קיין מאָל נישט געווען פאַרגעשטעלט, אַז דו וועסט לעבן מיט אַ קריסטלעכער פרוי.

ער: און וואָס פון דעם פאַרגעקומענעם פאַר די לעצטע מלחמה־יאָרן, וואָלסטו דיר יאָ געווען פאַרגעשטעלט?

חבר: איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט מיר שוין דערציילט אויפן וועג אַלץ.

ער: מיר האָבן זיך געטראָפן אין קאָמיטעט צוריק מיט אַ שעה. אין איין שעה ווילסטו זיך דערוויסן אַלץ, וואָס איך בין דורכגעגאַנגען דאָ אין משך פון די גרויליקע יאָרן?

חבר: מיין נישט, אַז איך בין אַזוי נאַיוו. איך האָב נאָר געמיינט, אַז אַזאַ וויכטיקע זאַך וועסטו מיר גלייך דערציילן, ווי אַזוי האָסטו מיט איר חתונה געהאַט?

ער: זי האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן.

חבר: ווי אַזוי קומסטו צו איר?

ער: זי איז פאַר דער מלחמה געווען ביי אונדז אַ דינסט. ווען מען האָט אונדז פאַרטריבן אין געטאָ, איז זי געבליבן אין שטוב. נאָכן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ בין איך אַהער אַנטלאָפן. זי האָט מיך גוט אויפגענומען. מיך אויסבאַהאַלטן טאָקע דאָ אין דער וווינונג.

חבר: האָסטו זיך, הייסט עס, אויסבאַהאַלטן אין דער אייגענער דירה?

ער: יאָ. דאָס קלינגט אויסטערליש. שטעל דיר פאָר: איך בין דאָ געווען פאַרמאַכט. אַרומגעגאַנגען אין דער שטוב ווו עס האָבן געוווינט מיינע עלטערן, מיינע ברידער. יעדעס ווינקל און יעדעס מעבל־שטיק האָט מיך דערמאָנט אין זיי.. זייערע שטימען האָבן נאָך אַרומגעבלאָנדזשעט צווישן די ווענט. דער־זעלבער וואַנט־זייגער האָט מיך איצט, ווי אין דער קינדהייט, פאַרוויגט מיט זיין טיק־טאַק צום שלאָף. נאָר איך בין שוין נישט אַזוי רויק און פריילעך געשלאָפן ווי אַמאָל. דאָ צו ווינען, איז מיר פון איין זייט געווען בעסער: איך בין נישט געוואָרן אַזוי אויסגעוואָרצלט. נאָר פון דער צווייטער זייט איז מיר דאָ אפשר נאָך פיל שווערער געווען אויסצוטראָגן מיין איינזאַמקייט. נאָר גוט מיט מיר! וואָס קלערסטו צו טאָן ווייטער?

חבר: ווי דו זעסט מיך, בין איך ערשט געקומען מיט נאָך אַ גרופּע יידן פון ראַטנפאַרבאַנד. יענע קלייבן זיך פאָרן קיין נידערשלעזיע. אין עטלעכע שעה אַרום גייט אָפּ דער צוג. איך האָב ביי זיי איבערגעלאָזט מיינע זאַכן און זיך אַראָפּגעכאַפּט דערוויל אַ קוק־טאָן אין וואַרשעווער יידישן קאָמיטעט.

ער: ווילסט מיט יענע יידן צוזאַמען פאָרן קיין נידערשלעזיע?

חבר: יאָ.

ער: און אפשר וועסטו בלייבן אין וואַרשע?

חבר: דאָ איז שווער צו געפינען אַ דירה.

ער: הער: דאָ לינקס איז פאַראַן נאָך אַ צימער. דו קענסט דאָרט וווינען. קיינער לעבט נישט פון מיינע קרובים, פון מיינע נאָענטסטע — וויל איך כאָטש דיך האָבן לעבן זיך.

חבר: דעם אמת געזאָגט, ביסטו אויך מיר דער איינציקער מענטש, וואָס איז פאַרבליבן ביים לעבן. איך וואָלט אויך געוואָלט מיט דיר זיין צוזאַמען, אָבער...

ער: נישטאָ קיין אָבער! גיי אויפן וואָקזאַל און ברענג אַהער דיינע זאַכן.

חבר: איך וועל גיין. פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל דיר נישט פאַלן צו־לאַסט. ווי אַזוי איך וועל נאָר באַקומען אַ צווייטע דירה וועל איך זיך אַרויסציִען.

ער: דאָס וועלן מיר שפּעטער זען. דו טו דערוויל דיינס. די פרוי וועט מסתם באַלד קומען און צוגרייטן דעם מיטאָג. גיי און זאַם דיך נישט לאַנג.

(חבר אָפּ. נאָך אַ ווײַלע קומען אַריין ווייב און שוויגער)

ווייב: זע־נאָר, מאַרעק, ווער עס איז געקומען — די מוטער!

ער: (צו דער מוטער) איר זענט געוואָרן ביי אונדז אַן אָפטער גאַסט! איר זענט געקומען אויף לאַנג?

מוטער: איך מיין, אַז איך וועל נאָך היינט צוריקפאָרן.

ווייב: וווהין יאָגסטו דיך? בלייב דאָ נעכטיקן.

ער: יאָ... דאָ וועט שוין עמעצער נעכטיקן. מיינער אַ חבר. נישט נאָר איבערנעכטיקן, נאָר ער וועט פון היינט־אָן אין יענעם צימער וווינען.

מוטער: מיר האָבן טאַקע געטראָפן אויף די טרעפּן עפּעס אַ פרעמדן מענטשן. ער זעט אויס צו זיין אַ ייִד. מסתם איז ער געקומען פון דאָרטן.

ער: יאָ, אַ ייִד. געקומען פון ראַטנפאַרבאַנד.

ווייב: און צוליב וואָס דאַרפן מיר אַריינגעמען אַ סובלאָקאַטאָר? אַזאַ גרויסע וווינונג האָבן מיר? צי אפשר פעלט דיר אויס זיין דירה־געלט?

ער: נישט צוליב זיין דירה־געלט, נאָר פשוט: ער איז דער איינציקער חבר, וואָס איז פאַרבליבן לעבן.

מוטער: ס׳וואָלט פאַר דיר אַ סך געזינטער געווען, ווען דו הערסט אויף אין גאַנצן זיך פאַרנעמען מיט ייִדן!

ער: און פאַרוואָס פאַרנעמט איר זיך מיט אַ ייִדן?

מוטער: איך פאַרנעם זיך מיט ייִדן?!

ער: יאָ. מיט מיר.

מוטער: דו ביסט דער מאַן פון מיין טאָכטער, און — דו ביסט שוין נישט קיין ייִד מער!

ער: איך בין געוווּיר געוואָרן עפּעס נייעס!

ווייב: דו ווילסט אַלץ נישט נאָכגעבן?

ער: וועגן דעם וועלן מיר נאָך צייט האָבן צו רעדן אַן אַנדערש מאָל. איך גיי איצט אַרויף אויפן בוידעם, דאָרט דאַרף ליגן אַ צונויפגעלייגט בעטל. דער חבר וועט אויף אים שלאָפן (אָפּ).

מוטער: דו האָסט געזען, ווי ער האָט זיך אָנגעצונדן, ווען כ׳האָב דער־מאָנט די ייִדן? דו לאָזסט דיך פון אים צו פיל פירן. דו ביסט נאָכגיביק. אַ ווייב...

ווייב: לאָז צורו, מאַמע. מיט אים ווערסטו גאָרנישט אויפטאָן.

מוטער: חברט ער זיך אַזוי שטענדיק מיט ייִדן?

ווייב: פון סאַמע אָנהייב. ווייבאַלד ער איז נאָר אַרויס פון באַהעלטעניש, איז ער גלייך געלאָפן זוכן ייִדן. ער פלעגט אָפט פאַרשווינדן. איין מאָל בין איך אים נאָכגעגאַנגען זען וווּהין ער גייט. ער איז געגאַנגען צו זייער קאָמיטעט אויף דער שעראָקאָ־גאַס.

מוטער: דאָס איז נישט גוט, טאָכטער. פאַרוואָס האָסטו דאָס אַלץ פאַר מיר פאַרשוויגן?

ווייב: איך האָב אַלץ געמיינט, אַז דאָס וועט זיך ענדיקן. נאָר פאַרקערט, ווען די ייִדן האָבן אָנגעהויבן צוריק צו קומען פון רוסלאַנד, איז ער נאָך מער צעחושטער געוואָרן. דורך די טעג פלעגט ער איבערליגן אויפן וואָקזאַל און אָפּוואַרטן די עשאַלאָנען. וואָס צים דיך אַזוי אַהין? — האָב איך אים געפרעגט. און ער: אפשר וועל איך דאָרט טרעפן מיינעם אַ קרוב, צי אַ פריינד.

מוטער: ער האָט שוין געטראָפן אַ ווייב. וואָס זוכט ער זיך נאָך? מער דאַרף ער נישט האָבן!

ווייב: יעדעס מאָל פלעג איך באַמערקן, אַז עפּעס אַ מלבוש פעלט פון דער שאַפע. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט דאָס אַלץ צעטיילט די אָנגעקומענע ייִדן.

מוטער: געגנוג! געגנוג! איך קען שוין מער נישט הערן! דו ווייסט דאָך, אַז ווען איך און דיין טאַטע האָבן זיך דערוווּסט, אַז דו באַהאַלטסט אויס אַ ייִדן, ווי אַזוי בייז מיר זענען געווען אויף דיר. האָבן מיר געליטן און געשוויגן. ס'איז אונדז דערנאָך נישט געפעלן געוואָרן, וואָס דו האָסט מיט אים געוווינט. נאָר איך האָב ביי מיר געקלערט: ער איז אַ שטילער. ער טרינקט נישט, ער שלאָגט דיך נישט — זאָל זיין. אפשר וועט ער מיט דער צייט ווערן אונדזערס איינער. נאָר דאָס, וואָס דו דערציילסט מיר איצט, איז גאָרנישט פריילעך! דאָס ווייזט, אַז דער טייוול ציט אים צוריק צו זיי. דאָס פייגעלע קען דיר נאָך אין איינעם אַ שיינעם טאָג אין גאַנצן אַוועקפליִען!

ווייב: און וואָס זאָל איך מיט אים טאָן?!

מוטער: זאָלסט מיר נאָר נישט זיין אַזוי פאַרצווייפלט! אַז ער וועט נישט זיין, וועט זיך געפינען אַן אַנדערער בעלן אויף דיר!

ווייב: מאַמע, רעד נישט דערפון!

מוטער: איך זע דאָך שוין, אַז דו האָסט אים ליב. אַז דו ווילסט דווקא אים, אַ ייִדן, אַז איך וועל דיר אים אַזוי לייכט פון קאָפּ נישט אַרויסשלאָגן. אָבער דו טאָרסט נישט דערלאָזן, עס זאָל אַזוי ווייטער גיין! איך האָב אַן עצה.

ווייב: וואָס פאַר אַן עצה?

מוטער: דו זאָלסט מיט אים צוזאַמען אַריבערקומען צו מיר.

ווייב: ער וועט נישט וועלן.

מוטער: אויף דעם ביסטו דאָך זיין ווייב, אַז דו זאָלסט ביי אים פועלן. אַ ווייב דאַרף וויסן אַלע שוואַכקייטן פון מאַן און זיי קענען אויסנוצן פאַר זיך, ווען ס'איז נייטיק.

ווייב: און מיט וואָס וועל איך זיין זיכערער מיט אים דאָרטן?

מוטער: דאָרטן וווינען שוין אין גאַנצן נישט קיין ייִדן. ס'וועט נישט זיין וועמען עס זאָל אים דערמאָנען און וועקן זיין ייִדישקייט.

ווייב: און טאָמער וועט ער זיך פאָרט איינשפּאַרן און נישט וועלן פאָרן?

מוטער: ער וועט מוזן פאָרן! ער וועט מוזן! און... וואַרט. איך האָב אַן עצה: רעד אים איין, אַז דו שוואַנגערסט. אַ מאַן קען קיין מאָל נישט וויסן אויף זיכער, צי די פרוי זיינע האָט פאַרשוואַנגערט, אָדער נישט. דו וועסט אים זאָגן, אַז דו ווילסט האָבן דאָס קינד ביי מיר. איך זאָל דיר צוהעלפן די ערשטע צייט. ער וועט אויך מוזן אַהין קומען און קוים וועט ער זיין אַ שטיקל צייט.

וועל איך שוין אַלץ טאָן — ער זאָל פון דאָרט נישט מער אַוועקפאָרן. דו האָסט מיך פאַרשטאַנען?

ווייב: איך זע, אַז דו האָסט צו אים אַ סך פאַרטלען. ס׳וועט טאַקע גוט זיין, אַז מיר וועלן וווינען צוזאַמען. דו וועסט מיר העלפן אים צו האַלטן אין די הענט.

מוטער: זעסט שוין, אַ מאַמע קומט צונויף! הלוואי וואָלטסטו פון סאַמע אָנהייב מיך געווען געפאָלגט. וואָלט עס נישט געווען געקומען צו די אַלע צרות. קען מען זיך אויף דיר פאַרלאָזן, אַז דו וועסט אַלץ מאַכן ווי ס׳דאַרף צו זיין?

ווייב: איך וועל זיך באַמיִען.

מוטער: איך וואָלט געוואָלט, אַז איר זאָלט גלייך פאָרן מיט מיר און דער דאָזיקער גאַסט זיינער זאָל זיך אָפּטראָגן פון דאַנען. הער, איך וועל איצט אַריינגיין אין דער צווייטער שטוב. ער וועט מסתם באַלד צוריקקומען. זאָג אים, אַז מיר איז פלוצים נישט גוט געוואָרן און איך האָב זיך געמוזט צולייגן. דאָס איז, כדי דו זאָלסט מיט אים קענען איבעררעדן. נאָר אויב איך וועל הערן, אַז דו דאַרפסט מיין הילף, אָדער דו האָסט ביי אים געפּועלט — און איך וועל שטיין הינטער דער טיר און זיך צוהערן צו אייער געשפּרעך, וועל איך אַריינקומען (אָפּ).

(ער קומט אַרויף. פאַרעט זיך ביים פונאַנדערלייגן דאָס בעטל)

ער: דער חבר איז נאָך נישט געווען?

ווייב: ניין. און אויף דער מאַמען פרעגסטו זיך גאָרנישט?

ער: ווו איז זי דען?

ווייב: אין צווייטן צימער. איר האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן וויי־טאָן דער קאָפּ, האָט זי זיך צוגעלייגט. איך בין אַזש באַאומרויִקט!

ער: נו, געוויס.

ווייב: וואָס געוויס?

ער: געוויס קענסטו זיך באַאומרויִקן. ס׳איז דאָך דיין מאַמע.

ווייב: און דיר קערט זי גאָרנישט אָן? ווען דו וואָלסט געוווסט, ווי זי קלערט וועגן דיר!

ער: און אפשר דאָס קלערן וועגן מיר ברענגט איר קאָפּווייטיק, אַ?

ווייב: דו רעדסט תמיד וועגן איר מיט אַזאַ שפּראַך. זי פילט עס און האָט דערפון עגמת־נפש.

ער: זאָל זי זיך ווייניקער מישן אין אונדזער צוזאַמענלעבן וועט זי האָבן ווייניקער עגמת־נפש.

ווייב: זי מיינט דאָך בלויז אונדזער טובה. (גייט צו צו אים נענטער.) זי איז איינע אַליין געבליבן. אויף דער עלטער — איינע אַליין!

ער: זי איז דאָרט נישט געבליבן אַליין. איר זענען דאָרט געבליבן די זעלבע שכנים, דער זעלבער קלויסטער, דער מאַרק —

ווייב: דו האָסט וועגן איר אַ שלעכטע מיינונג. זי גייט אויס נאָך מיר און נאָך דיר. דער פאָטער לעבט נישט. זי וואָלט אונדז געוואָלט האָבן לעבן זיך. זי האָט טאַקע היינט מיט מיר גערעדט וועגן דעם.

ער: הייסט עס, אַז זי וויל זיך פאַרגרעסערן איר לעבעדיקן אינווענטאַר?

ווייב: זי וויל גאָרנישט פאַר זיך. זי וויל, אַז מיר זאָלן איבערנעמען די שטוב און די גאַנצע באַלעבאַטישקייט.

ער: דייַן טאַטע איז דאָך ביז דער מלחמה געווען אַ פריזיער. ווי אַזוי איז ער מיטאַמאָל געוואָרן אַ סוחר? ווי אַזוי האָט ער באַקומען אַ הויז און אַ געשעפט? איך ווייס. דאָס הויז איז פון אַ יידן און דאָס פאַרמעג — פון יידישע זאַכן. ניין, מיך ציט עס נישט צו דעם דאָזיקן הויז מיט דער דאָזיקער באַלעבאַטישקייט!

ווייב: איך וועל אָבער מוזן פאָרן אַהין.

ער: „מוזן"? פאַרוואָס ווועסטו מוזן?

ווייב: ווייל... ווייל איך בין שוואַנגער. איך וויל זיין מיט דער מאַמען. אַליין וועל איך מיר נישט געבן קיין עצה.

ער: וואָס האָסטו געזאָגט? דו ביסט שוואַנגער? אָבער דאָס איז דאָך נישט מעגלעך!

ווייב: פאַרוואָס זאָל עס נישט מעגלעך זיין? בין איך דען קראַנק?

ער: דאַכט זיך, אַז איך בין געווען פאַרזיכטיק.

ווייב: מען קען קיין מאָל נישט זיין זיכער.

ער: אויב דאָס איז געשען — דאַן מוזסטו דאָס קינד אָפּטרייבן!

ווייב: דו ווילסט טאַקע קיין מאָל נישט ווערן אַ פאָטער? איך זע אָפט, ווי דו שפּילסט זיך מיטן שכנס קינד. דו ביסט אַזוי גוט צו אים. עס גייט פּשוט אויס נאָך דיר. דאָס איז אַ פרעמד קינד — ווי אַזוי ווועסטו שוין ליב האָבן אַן אייגנס!

ער: ניין. איך וויל נישט האָבן אַן אייגן קינד!

ווייב: פאַרוואָס?

ער: ווייל וואָס וועט זיין אונדזער קינד! אַ ייד? אַ קריסט?

ווייב: פאַרשטייט זיך, אַז אַ קריסט.

ער: און פאַרוואָס זאָל עס נישט זיין, ווי דער טאַטע — אַ ייד?

ווייב: ווייניק האָסטו פון דיין יידישקייט געליטן, ווילסטו זי נאָך איבערגעבן דיין קינד בירושה?

ער: איך וויל שוין גיכער איבערגעבן דעם קינד די שווערע ירושה פון מיין טאַטן, וואָס האָט אים און נאָך מיליאָנען געקאָסט דאָס לעבן, איידער די

ירושה פון דיין טאַטן — באַקומען פון זייער אומקום. איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל: דעם קינדס דערציִונג וועט נאָך מער פאַרטיפן דעם תהום צווישן אונדז.

ווייב: און מיר דאַכט זיך, אַז דו רעדסט אַזוי פיל וועגן דיין פאָלק דערפאַר, ווייל האָסט מיך נישט ליב. ווען דו וואָלטסט מיך ליב געהאַט, וואָלטסטו אַלץ מקריב געווען צוליב מיר.

ער: דו האָסט מיך דען אַ מאָל געפרעגט צי איך האָב דיך ליב?

ווייב: אמת, איך האָב דיך נישט געפרעגט. איך האָב מורא געהאַט איינ־צושטעלן... אויף יעדן פאַל, האָב איך געגלייבט, אַז דו וועסט מיט מיר ווינען, וועסטו זיך צו מיר צוגעווינען און מיך ליב באַקומען. און איצט — גענוג די שפיל. דו האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן. איך בין נישט שוואַנגער. איך האָב דיך נאָר געוואָלט אויספרווון. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, האַלט איך, אַז מיר דאַרפן זיין צוזאַמען מיט דער מוטער.

ער: איך וועל אַהין נישט פאָרן.

ווייב: דו ווילסט מיר גאָרנישט נאָכגעבן, גאָרנישט. פאַר יעדער קלייניקייט שפאַרסטו זיך אַזוי איין! ווען נישט איך, וואָלטסטו דאָך שוין לאַנג געלעגן אונ־טער די חורבות פון געטאָ!

ער: ס'איז לייכטער צו שטאַרבן און ווערן אויס, איידער צו שטאַרבן און בלייבן לעבן.

ווייב: איך בין אַ פּראָסטע פרוי און פאַרשטיי נישט דיינע רייד. איך ווייס נאָר וויפל מי און פיין מיך האָט געקאָסט כדי דיך אויסצובאַהאַלטן. טאַטע־מאַמע האָבן מיך געוואָרנט פאַר דער גרויסער סכנה, וואָס עס דראָעט מיך, נאָר איך האָב זיי געענטפערט: איך האָב אים ליב און וואָס עס וועט זיין מיט אים — זאָל געשען מיט מיר. אָן אים וועל איך סיי־ווי נישט קענען לעבן! וויפל נעכט פלעג איך שרייען פון שלאָף, ווייל מיר האָט זיך געחלומט, אַז געסטאַפּאָווצעס האָבן אויסגעפונען דיין באַהעלטעניש און זענען דיך געקומען נעמען. ביי יעדן פאַרדעכטיקן שאָרך, ביי יעדן קלאַפּ אין טיר, פלעג איך אויפציטערן גלייך מיט דיר. דו האָסט דאָס אַלץ שוין פאַרגעסן?

ער: איך האָב דאָס נישט פאַרגעסן. איך וועל דיר אייביק דאַנקבאַר זיין. אָבער דאַנקבאַרקייט אַליין איז נאָך צו ווייניק, כדי צו האַלטן צוזאַמען אַ מאַן מיט אַ ווייב. דו זאָגסט, אַז דו האָסט מיך ליב. וואָס האָסטו אין מיר ליב? דאָס אַלץ, וואָס איך האַלט פאַר דעם סאַמע ווענטלעכסטן אין מיר — איז דיר פרעמד.

ווייב: דו ביסט אַוודאי געבילדעטער פון מיר. דו פאַרשטייסט אַ סך זאַכן אויף דער וועלט מער פון מיר. אָבער פון דעסטוועגן זענען געווען צייטן, ווען איך האָב זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פון דיר. געדענקסט, ווען דיר איז שוין נמאס געוואָרן צו ליגן באַהאַלטן און דו האָסט מיר געזאָגט, אַז דו ווילסט דיך איבערגעבן אין די דייטשע הענט אַריין? געדענקסט, וויפל מי מיך האָט געקאָסט

דיך איבערצורעדן, דיך דערפון אָפּצוהאַלטן. איך פלעג צוטראַכטן אָפּט גוטע ידיעות פון פּראַגט, כאָטש נישט תמיד זענען אַזעלכע געווען, כדי דיך צו שטאַרקן, כדי דיר געבן מוט איבערצוהאַלטן.

ער: דאָס אַלץ איז אמת. איך האָב שטענדיק באַוווּנדערט דיין שטאַרקן גלויבן אין לעבן.

ווייב: און פון וואַנען האָב איך געוומען אַזוי פיל כוח, מיינסטו? — פון דעם, וואָס איך האָב דיך ליב געהאַט. (זי גייט צו אים צו נענטער) איך פיל, אַז דו טראָגסט דיך אַרום מיט מחשבות אַוועקצוגיין פון מיר. וווהין וועסטו גיין? וועמען האָסטו אויף דער וועלט? דו וועסט דיר גיין זוכן נייע אומבאַקאַנטע פריינד, ווען דו האָסט דאָ אַ פריינד אַן אויסגעפּרוווטן אין דער סאַמע שווערס־טער צייט. דו האָסט אַמאָל געהאַט אַ מאַמע, אַ טאַטן, ברידער, זיי לעבן נישט מער. קען זיין, אַז אויף דער גאַנצער וועלט לעבט נישט מער קיינער, וואָס האָט זיי געקענט אַ חוץ מיר ביידע.

ער: (איינגעבראָכן) וואָס ווילסטו פון מיר? זאָג.

ווייב: דו זאָלסט זיין מיט מיר. דו זאָלסט מיך פאָלגן און פאָרן צו דער מאַמען. (ער שווייגט) נו, דו וועסט פאָרן?

ער: איך וועל פאָרן.

ווייב: (קושט אים) אַזוי געפעלסטו מיר!

(עס עפנט זיך די טיר און די מוטער קומט אַריין)

מוטער: ס'איז מיר שוין, קינדער מיינע, בעסער געוואָרן. איך וועל פאָרן אַהיים.

ווייב: מאַמע, איך האָב איצט איבערגערעדט מיט מאַרעקן. ער איז מסכים מיר זאָלן זיך באַזעצן אין לויוויטש.

מוטער: דאָס איז גוט! איך האַלט, אַז דו דאַרפסט עס גלייך טאָן. דו דאַרפסט פאַרקויפן די ווױנונג. איך האָב טאַקע אַ קונה. ער מאַכט חתונה זיינס אַ טאָכטער און דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט נישט ווו צו וווינען. לאָמיר איצט צו אים גיין.

ער: שוין גלייך? וואָס איז דאָס איילעניש?

מוטער: איך וואָלט עס געוואָלט נאָך דערליידיקן פאַרן צוריקפאָרן אַהיים.

ווייב: און אפשר וועלן מיר פריִער אָפּעסן?

מוטער: (גיט איר אַ שטורך און זאָגט שטיל) מיש זיך נישט! (צו אים) דו גייסט מיט מיר?

ער: ניין. איך קען נישט גיין. איך וואַרט אויפן חבר.

מוטער: אַליין וועל איך דאָך נישט גיין. עס מוז מיט מיר גיין ווער פון אייך. (צו דער טאָכטער) אפשר וועסטו מיט מיר גיין?

ווייב: זאָל זיין. (צום מאַן) גיב אַכטונג אויף דער קינד. אַזוי שפּעט און נאָך אַלץ נישט געגעסן מיטאָג. אַ צערודערטער טאָג! זע, אַז דאָס פייער זאָל נישט אויסגיין.

(די מוטער מיט דער טאָכטער גייען אָפּ. נאָך אַ ווײַלע קומט אָן דער חבר)

חבר: בין איך שוין דאָ. געבראַכט מיט זיך דאָס גאַנצע, משטיינסגעזאָגט, פאַרמעגן. אַמאָל פלעגן יידן וואַנדערן איבער די מדינות מיט דער טאָרבע. מיר זענען איצט מאָדערנער געוואָרן, מיר האָבן שוין דעם טשעמאָדאַן.

ער: (זיצט אומבאַוועגלעך. קוקט אין איין פונקט אַריין) פאַר דער צייט, וואָס דו ביסט אַוועקגעגאַנגען האָט זיך געביטן די לאַגע.

חבר: מיט וואָס?

ער: איך פאָר אַוועק.

חבר: איך פאַרשטיי דיך נישט. ערשט האָסטו מיך אָפּגערעדט צו פאָרן — און איצט...

ער: איך פאָר נישט קיין נידערשלעזיע. איך פאָר קיין לוביוויטש. עס זענען דאָ געוועזן מיין ווייב און די שוויגער. ס'האָט שוין געהאַלטן דערביי, איך זאָל אין גאַנצן אַוועק פון זיי, נאָר ס'איז געבליבן, אַז איך זאָל — אַוועק פון זיך...

חבר: און פאַרוואָס האָסטו דאָס געטאָן?

ער: ווייל זי האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן.

חבר: צי האָט זי דיך געראַטעוועט דערפאַר, ווייל זי האָט געוואָלט העלפן אַ יידן סתם פאַר גוטסקייט, פאַר רחמנות, אָדער זי האָט דיך געוואָלט ראַטעווען פאַר זיך?

ער: זי האָט מסתם דערביי אירע אייגענע כוונות. אָבער צי ענדערט עס דעם פאַקט, אַז זי האָט איינגעשטעלט איר לעבן צוליב מיר? איך מוז זיך אויך מקריב זיין!

חבר: איין יחיד קען נישט פאָדערן פון צווייטן, אַז ער זאָל זיך מקריב זיין פאַר אים. די דאָזיקע רעכט האָט בלויז אַ כלל.

ער: דער כלל — איך בין שוין מיד צו טראָגן אויף זיך די פּיין פון כלל! איך וויל זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַפרייען פון די דורותדיקע צרות און עינויים!

חבר: אויב אַזוי — האָב איך דאָ נישט מער וואָס צו טאָן. איך גיי.

ער: וווהין ווילסטו גיין?

חבר: צוריק צו די חברים.

ער: גיי נישט אַוועק. בלייב דאָ אין דער דירה.

חבר: אויב איך האָב באַשלאָסן צו בלייבן, איז בלויז צוליב דעם, כדי צו זיין מיט דיר צוזאַמען. אויב דו פאָרסט אַוועק, וואָסער זין האָט מיין בלייבן דאָ אין דער דירה?

ער: ווילסט נישט בלייבן?

חבר: אַז איך פאַרשטיי בכלל נישט צוליב וואָס דו דאַרפסט איך זאָל דאָ בלייבן.

ער: צוליב וואָס? דו פאַרשטייסט... אַז דו בלייבסט דאָ, האָב איך נאָך אַלץ די מעגלעכקייט, די לעצטע, צוריק צו קומען...

חבר: און איך האַלט אַז דו מוזסט אָננעמען אַ פעסטן באַשלוס. אַזאַ צושטאַנד איז נישט געזונט פאַר דיר און נישט פאַר איר.

ער: איך האָב זיי שוין צוגעזאָגט... איך וועל פאָרן... כ׳וועל פאָרן קיין לוויוויטש... כ׳וועל וויינען צווישן מיעשטשאַנעס. פירן דאָס געשעפט פון איר טאַטן. פאָרן נאָך שאָבער. קויפן וואַלוטע און וואַרטן אויף „בעסערע צייטן״. אַ? זונטיק וועל איך זיך אויספּוצן און צוזאַמען מיטן ווייב גיין אין קלויסטער. און אַז ס׳וועט קומען אַ חגא, וועל איך גיין אין דער פּראָצעסיע איבער די גאַסן פון דער שטאָט מיט צלמים און בילדער. גלעקער וועלן קלינגען; באָם־באָם־באָם!... (שפּרינגט אויף און שרייט) ניין, ניין! דאָס וועט נישט זיין! שיץ מיך פאַר זיי! לאָז מיך נישט אַהין!

חבר: וואָס איז מיט דיר פּלוצים געשען? דו ביסט בלייך געוואָרן! דו ציטערסט אין גאַנצן!

ער: איך דערמאָן זיך, אַלס קינד, ווען עס פלעגט דורכגיין אַ פּראָצעסיע דורך אונדזער גאַס. די מאַמע פלעגט מיך אַריינשלעפּן אין שטוב אַריין. זי פלעגט שטיין אַ בלייכע און שעפּטשען אַ תפילה, אַז זיי זאָלן פאַרבייגיין און קיינעם נישט טשעפּען, נישט אויסטראַכטן קיין בלבול. איין מאָל איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פּראָצעסיע דורך אונדזער גאַס. איך בין געשטאַנען אויפן באַלקאָן און זיך געשפּילט. ווען די פּראָצעסיע איז אַדורכגעגאַנגען דורך אונדזער הויז, האָב איך זיך אַריבערגעבויגן איבערן באַלקאָן, כדי בעסער צו זען, און — מיין היטל איז אַראָפּגעפאַלן אין מיטן דער פּראָצעסיע! אונטן איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. ס׳האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען קעגן יידן. עס זענען געפאַלן שטיינער אין די שויבן. די מאַסע האָט זיך אַ ריס־געטאָן אין די יידישע הייזער. די מאַמע האָט מיך אַ כאַפּגעטאָן, געזוכט פאַר מיר אַ זיכער אָרט און מיך באַהאַלטן הינטער דער שאַפע. איך האָב געהערט געשרייען, געוויינען, אַ געבראַזג פון שויבן. ביי אַכט יאָר שוין געפילט דעם טעם פון יידישקייט. הער, הער אויס; דאָס איז די זעלבע שאַפע, הינטער וועלכער איך האָב זיך שפּעטער מיט צוואַנציק יאָר ווידער באַהאַלטן!

(ער ענדיקט. ס׳ווערט שטיל אַ רגע־צוויי)

חבר: איך וועל גיין. איך וויל נישט פאַרשפּעטיקן. איך וויל פאָרן צוזאַמען מיט די חברים.

ער: איך פאָר מיט דיר!

חבר: איז דאָס דיין לעצטער באַשלוס?

ער: יאָ. מיר פאָרן צוזאַמען!

חבר: אויב אַזוי — פּאַק איין גיך דיינע זאַכן.

ער: ניין, ניין! איך וועל גאָרנישט מיטנעמען, גאָרנישט! איך וועל נאָר איבערלאָזן עטלעכע ווערטער.

(שרייבט אָן אַ בריוועלע. לאָזט עס איבער אויפן טיש)

חבר: גייען מיר. (ביידע אָפּ. נאָך אַ ווײַלע קומען אַריין ווייב, מוטער).

מוטער: וואָס איז דאָ עפּעס טונקל?

ווייב: ווו איז ער עס פאַרשוואונדן? (צינדט אָן ליכט).

מוטער: איך בין שטאַרק הונגעריק. מען דאַרף צוגרייטן עסן. (גייט צו צו דער קיך).

ווייב: (דערזעט דאָס צעטעלע) וואָס איז דאָס? ווער האָט עס געשריבן? (לייענט) אָ יעזוס!

מוטער: (ביי דער קיך) נעמט אַ מענטש און גייט אַוועק. דאָ האָט דאָך אַלץ אויסגעברענט. בלויז אַש איז געבליבן, בלויז אַש...

(סוף)

נאָכן מבול

(אין דער תיבה שפּאַצירן פֿאַרשיידענע חיות און פירן צווישן זיך אַ שמועס)

וואָלף: (צום שעפּעלע) איך פֿאַרשטיי עס נישט און קען עס נישט באַנע־מען ווי אַזוי איך האָב געקענט אַמאָל זיין אַזאַ אכזר. איך פלעג דאָך ווערן יעדעס מאָל ווילד און פול מיט רציחה, ווען איך האָב דיך דערזען. דערמאָן איך זיך אין דעם, מוז איך דעם קאָפּ אַראָפּלאָזן פֿאַר בושה און מיינע ליפּן שטאַמלען: זיי מוחל!

שעפּעלע: אייער שטימע, פעטער, וואָס פלעגט אויף מיר אַזאַ מורא אָנ־וואַרפן — קלינגט איצט אין מיינע אויערן, ווי די שענסטע מעלאָדיע פונעם פּאַס־טעכס פייפל. איך האָב אָבער תמיד אין האַרצן געקלערט, אַז אייך טרייבט נישט צו רציחה דאָס שלעכטס, נאָר דער הונגער.

וואָלף: און הונגער, מיינסטו, באַרעכטיקט שוין אַלץ! נאָך וואָס מיר דיין פלייש, ווען אַזוי פיל גראָזן און אַזוי פיל קרייטער וואַקסן אויף דער ערד, זייערע זאַפטן שמעקן מיר מער ווי דיין בלוט! איך הייב אויף דעם רעכטן פֿאָדערשטן פוס און איך שווער: גלייך, ווי איך גיי אַרויס פון דער תיבה, לאָז איך זיך צום רופא, ער זאָל מיר פון מויל אַרויסרייסן די ציין, און צום שערער — ער זאָל מיר ביזן פלייש אָפּשניידן די נעגל.

שפּאַרבער: (צו דער טויב) טייבעלע מיינס, יעדער ווייסט, אַז איך האָב אַ שאַרפן בליק, נאָר ערשט איצט זע איך: אַ סך זאַכן האָב איך נישט געזען! אַפילו אין סאַמע משונהדיקסטן חלום, צי וואָלט איך מיך געזען מיט דיר גיין שפּאַצירן און רעדן אַזוי צערטלעך וועגן ליבע און גליק? איך וואָלט גלייך געקלערט דיך איבערצופּאַלן און פֿאַרצוקן.

טויב: צי ווייסטו, טייערער, חלילה נישט אויסגיין פון הונגער?

שפּאַרבער: דו האָסט מיר אַנומלט אָפּגעקאָכט שוואַמען, איז זייער טעם בעוון געשמאַקער פון פלייש. אַפילו די צונגלעך פון דיינע שוועסטער האָבן מיר נאָך אַזוי קיין מאָל נישט געשמעקט!

טויב: פון דעסטוועגן וועל איך דיר זאָגן דעם אמת: דיין שפּיציקער שנאָבל שרעקט מיך נאָך אַ ביסל.

שפּאַרבער: אויב ס׳גייט דיר אין דעם, וועל איך זיך אַ רגע נישט קווענק־לען. איך וועל אים פּרווון אָפּרייבן אין די פּעלדזן, אָדער נאָך בעסער, — איך וועל אים ווייקן איבער נאַכט אין זאַלצוואַסער. דו וועסט זען, ער וועט ווערן ווייך, ווי אַ צעקאָכטער מייער!

טויב: און נאָך עפּעס, הער: אויב דו ווילסט ווערן שטיל און לייטיש, טאָ וואַרף אויך אַוועק דיין בראַדיאַגיש לעבן, דאָס שלעפּן זיך הפקר איבער וואַלד און באַרג.

שפּאַרבער: דו ביסט גערעכט. איך וועל באַרג און וואַלד פאַרלאָזן, באַ־זעצן זיך אונטער אַ מענטשלעכן דאַך און צוזאַמען מיט דיר פּרימאַרגן און אָוונט וואַרקען וועגן פרידלעכן היימישן גליק.

טויב: און מיין מאַן, שוין וויפל טעג, אַז נח האָט אים אַרויסגעשיקט זיך דערוויסן, וואָס עס איז מיטן מבול, און ער זוימט זיך נאָך אַלץ און קומט נישט צוריק.

שפּאַרבער: ער האָט דיך געוויס איבערגעלאָזט און פאַרראַטן. פאַרגעס אין אומטרייען, פאַלשן מאַן! איך חלום שוין לאַנג פון אַזאַ שטילע און צאַרטע פרוי, ווי דו.

טויב (נייגעריק) און דיין פרוי?

שפּאַרבער: מיין פרוי, איז אַ בייזע, אַ האַרטע — אַ מאַנצביל!

טויב: און איך האָב שוין לאַנג געחלומט פון דיר. איך פלעג זיך פאַר דיר שרעקן, אָבער צוגלייך צו דיר אַרויפגעקוקט מיט אַנטציקונג.

שפּאַרבער: און דיין מאַן?

טויב: מיין מאַן, איז אַ ווייכער, אַ בלייכער — אַ פרוי.

(דאָס געשפּרעך צווישן זיי ווערט שטילער, פאַרטרווילעכער)

שפּין: (צו דער פליג) איך בין אַ קינסטלערין. איך וועב מיינע פעדים אי־בער ווינקלען און שפּאַלטן און פאַרבינד זיי. נאָר איך בין זיך אַצינד מודה אויף מיינע זינד: איך האָב מיין קונסט בלויז פאַרוואַנדלט אין אַ נעץ אויף צו פאַנגען אין איר שוואַכערע פון זיך. איך האָב די קונסט באַנוצט בלויז צוליב דעם מאַגן. אַך, ווי איך האָב חרטה און איך לייד דערפון!

פליג: איז קלערסטו אפשר איבעררייסן די פעדים, וואָס פאַרבינדן דיך מיט דיין זינדיקן עבר?

שפּין: דאָס וואָלט געווען נישט קיין קלענער פאַרברעכן, ווי דאָס פריִער־דיקע. טאַלאַנט איז אַ געבענטשטע מתנה פון גאָט! ער דאַרף נאָר דינען צום וויל פון די ברואים און כדי צו מאַכן איידעלער און פיינער זייערע מידות.

פליג: און וואָס קלערסטו דען ווייטער צו וועבן?

שפּין: איך וועל וועבן נעצן פאַר פרוואישע געזיכטער און אין די נעצן,

נישט אומשולדיקע פליגן, נאָר זינדיקע מענערישע בליקן פאַנגען, זיי זאָלן נישט פאַרשווענכן די שטילע צניעות!

שלאַנג: (צו דער פרוי) אַ, שיינע וווּנדערלעכע פרוי! ס'האָבן די מענטשן וויפל שקרים איבער אונדזביידן פאַרשפּרייט. געוואָלט אונדז צעשיידן פון סאַמע בראשית.

פרוי: פאַרענטפער זיך נישט, ס'איז נישט נייטיק. ס'וועט קיינער נישט די פרוי פון דער שלאַנג צעשיידן.

שלאַנג: הער איך פידל שפּילן, הייב איך אויף דעם קאָפּ, הער זיך איין און ווער געריירט, פאַרכישופט און נישט נאָר מוזיק, אויך שיינקייט ליב איך. און אויב איך ליב שיינקייט, ווי קען איך דיך פיינט האָבן?

פרוי: אויך דו ביסט מיר ליב. איך ליב פון תמיד די אַלע, וואָס ליגן מיר צופוסנס...

שלאַנג: און ווייל איך ליג דיר צופוסנס, איז מיר מעגלעך מער, ווי אַלע אַנדערע, צו באַוווּנדערן דיינע שיינע פיס...

פרוי: גאָט האָט דיר אַמאָל געביטן דיין געשטאַלט, אָבער נישט דיין שכל. דו רעדסט אַלץ נאָך אַזוי שיין און פאַרפירעריש, ווי אַמאָל.

שלאַנג: איך רעד צו דיר אַזוי גוט, ווייל אָפּט דאַכט זיך מיר, אַז נישט פון אדמס ריפּ, נאָר פון מיינער האָט דיך גאָט גענומען...

פרוי: און אויב דו רעדסט אמת און מיינסט מיין טובה, האָב איך צו דיר אַ גרויסע בקשה: מיר גייען באַלד אַרויס צו אַ נייער וועלט און אפשר טאַקע אויך צו אַ נייעם גן־עדן. גיב מיר מער נישט פון עץ־הדעת אַן עפּל, נאָר פון עץ־החיים. איך וויל אייביק לעבן!

שלאַנג: צו וואָס אייביק לעבן? דיין שיינקייט דויערט נאָך קירצער אַפילו פון דיין קורצן לעבן.

פרוי: ניין, ניין! נישט נאָר אייביק לעבן וויל איך, איך וויל אויך אייביק יונג זיין און אייביק זיין שיין!

(עס קומט אָן נח)

נח: (צום וואָלף) וואָלף! טו דריי מאָל אַ וואָיע — אַ סיגנאַל, אַז איך רוף אַלע פון דער תיבה צוזאַמען!

(דער וואָלף נעמט וואָיען. ס'קומט אָן נחס גאַנצע משפּחה, אַלע חיות,
פייגל און פּרעש)

נח: איז גאָרנישט געשען ביי אייך קיין נייעס? האָט קיינער נישט אויף קיינעם זיך צו באַקלאָגן? (אַלע שווייגן) און אפשר האָב איך וועמען פון אייך געטאָן אַן עוולה? אויב עס איז אַזעלכער פאַראַן, זאָל ער אַרויסגיין און עס זאָגן אָפן!

שטימען: נישטאָ אַזעלכער!
— ווער רעדט פון עוולות?
— איר האָט אונדז געהאָלפן!
— פון אומקום געראַטעוועט!
— זאָל לעבן דער זיידע נח!
— זאָל לעבן!

נח: אויב אַזוי — וועלן מיר זיך שיידן אין פרידן.

שטים: אַז מיר ווילן זיך גאָרנישט שיידן מיט אייך, מיר ווילן נאָך אַ סך, אַ סך טעג צוזאַמען מיט אייך דאָ פאַרברענגען.

נח: ניין, מיין טייערער. ס'קומט די טויב נישט צוריק. דאָס איז אַ סימן, אַז דאָרט איז איר בעסער. אַ סוף צו דער נסיעה, גרייט זיך אַרויסגיין! (קיינער רירט זיך נישט פון אָרט) — וואָס זשע שטייט איר פאַראומערטע, פאַרזאָרגטע? נאָך וואָס די ענגשאַפט אין דער טונקל פון דער תיבה, ווען אויף אייך וואַרט אַ וועלט, אַ גרויסע און אַ ליכטיקע?

שטים: און וואָס וועלן מיר דאָרט עסן אויף דיין וועלט?

נח: איך האָב פאַר אייך אין דער תיבה געזאָרגט, אויף דער פרייער וועלט — זענט איר אין גאָטס רשות.

שטימען: מיר ווילן עסן!
— מיר ווילן ברויט!
— מיר ווילן פלייש!

נח: ווו זאָל איך עס נעמען? די מאַגאַזינען זענען ליידיק.

שטים: ער האָט די גאַנצע שפייז ערגעץ פאַרשטעקט!

פּאַפּוגיי: (חזרט איבער) ער האָט די גאַנצע שפייז ערגעץ פאַרשטעקט!

שטים: ער האָט געגעסן דאָס פלייש און מיר — די ביינער!

פּאַפּוגיי: ער האָט געגעסן דאָס פלייש, און מיר — די ביינער!

שטים: מיט ווערעמדיקע אַרבעס האָט ער אונדז געקאָרמעט!

פּאַפּוגיי: מיט ווערעמדיקע...

שטים: מיט טוכלע מעל!

פּאַפּוגיי: מיט טוכלע...

בער: און מיר האָט ער געהייסן האַקן האָלץ!

ביבער: און מיר — שיילן קאַרטאָפל און שוויצן!

וועווריק: און מיר — רייבן כריין און וויינען!

שטימען: לאָמיר אים אויפעסן!
— זיין ווייב!
— זיינע זין!
— זיינע זינס ווייבער!...

שם: וואָס האָט איר צו אונדז? פונקט ווי איר אַלע, זענען מיר דאָ בלויז פאַרבעטענע געסט.

חם: (ווייזנדיק אויף נחן) אים האָט איר פריִער געלויבט, אים — שטראָפט איצט!

יפת: מיר האָבן נישט קיין חלק אין זיינע עסקים.

שניר: שוין לאַנג צייט געווען דעם אַלטן צו פטרן!

(די זין און די שניר טיילן זיך אָפּ פון נחן. דער קרייז פון די חיות ווערט אַרום נחן ענגער).

נח: צוריק מיט אַ רגע, ווען איר האָט געמיינט, אַז נאָך לאַנג וועט איר אין דער תיבה בלייבן און וועט דאַרפן אָנקומען צו מיין חסד — האָט איר מיר געדאַנקט, מיך געחנפעט און געלויבט. נאָר איצט, ווען איר הערט, אַז עס איז נישטאָ שוין מער קיין מבול — ווילט איר מיך אויפעסן. נו, גוט, כ׳בין מסכים. נאָר עס וועט דאָך מיין מאָגערער גוף נישט זעטיקן אייך אַלע —

שטים: נישט אַלע, איך וועל דיך אויפעסן!

שטים: פאַרוואָס דו? — איך!

שטימען: איך!... איך!... איך!...

שטימען: איך!... איך!... איך!...

נח: איצט זעט איר — נישט פאַראַן ביי אייך קיין הסכם. קיינער פון אייך פאַרגינט נישט מיין גוף דעם צווייטן.

פאָפּוגיי: איך!...

שטים: נישטאָ דאָ וואָס צו טאָן. קומט, לאָמיר גיין!

נח: קען זיין, אַז גאָט האָט פאַר אייך אָנגעגרייט אין דרויסן שפּייז לרוב.

חיות: קומט, לאָמיר גיין! גיכער! שנעלער!

(אַלע חיות שטופּן זיך, ווילן וואָס פריִער אַרויס, מען שרייט, מען קריגט זיך, מען פאַרגעסט אין גאַנצן אין נחן)

לייב: מאַכט פּלאַץ!

פלוי: (שפּרינגט אַרויף אויפן לייב) מאַכט אַ וואַרע! מאַכט אונדז פּלאַץ!

העלפאַנט: (פאָכעט מיט דער נאָז אויף רעכטס און לינקס) אין אַ זייט! אין אַ זייט!

(לייב און העלפאַנט אָפּ. ביי דער טיר אַמפּערן זיך פאַרשיידענע חיות, יעדע פון זיי וויל וואָס פריִער אַרויס).

שעפּעלע: (צום וואָלף) העלפט מיר, פעטער, אַרויסגיין.

וואָלף: אַוועק! וויל ס׳בלייבן פון דיר באַלד בלויז די טלאָען!

טויב: (צום שפּאַרבער) נעם מיך מיט דיר מיט, מיין טייערער!

שפּאַרבער: אַזעלכע ווי דו, נעם איך מיט נאָר אין מיין בויך!

טויב: אַך, דו פֿאַלשער (וויינט) מיין מאַן, מיין טרייער מאַן!

פליג: (צו דער שפין) בינד מיך צו דיר מיט אַ פֿאָדעם און נעם מיך מיט.

שפין: זשומע, מיר נישט אין די אויערן!

(דאָס געדראַנג ווערט שטאַרקער, די געשרייען — העכער. מען שלאָגט זיך און מען טרעט זיך מיט די פיס, ביז פּאַמעלעך ליידיקט זיך די תיבה אויס. ערגעץ אין אַ ווינקל האָט זיך פֿאַררוקט נחס הויזגעזינד און רעדן צווישן זיך אין דער שטיל. באַראָטן זיך, וואָס ווייטער צו טאָן. באַלד קומט צולויפֿן פון יענער זייט דאָס שעפּעלע פֿאַרגאָסן מיט בלוט, די אויגן, פול מיט אַנגסטן. עס ציטערט מיט דעם גאַנצן גוף און טוליעט זיך צו נחן).

שעפּעלע: זיידע נח, זיידע נח! שיצט מיך פֿאַר דעם וואָלף!

(עס טוט אַ פלאַטער אַריין די טויב, די ווייסע פעדערן פֿאַרבלוטיקט. זי פֿאַלט אָנמעכטיק נחן צו די פיס)

טויב: דער שפּאַרבער! אוי, דער שפּאַרבער!

נח: וואָס איז געשען?

טויב: מיטן שנאָבל אַ האַק געטאָן... מיט די נעגל... אוי, איך חלש... איך פֿאַל אָוועק... איך שטאַרב...

(די געשרייען פון יענער זייט ווערן אַלץ שטאַרקער. נח עפנט ברייט די טיר — פֿאַר דער טיר אַ קאַלוזשע בלוט)

נח: גאָט! דעם מבול פון וואַסער האָסטו אויסגעטרוקנט, נאָר דער מבול פון בלוט וועט שוין הפנים אייביק זידן אויף דיין ערד! איז כדאי געווען אַזוי־פיל מענטשן און אַזוי פיל חיות צו פֿאַרטיליקן, כדי אין ערשטן טאָג פון צווייטן בראשית זאָל די ערד ווידער פול זיין מיט רויב און רציחה?!

(פון ווינקל דערנענטערן זיך צו נחן זיינע דריי זין און שניר)

שמס ווייב: די חיות זענען שוין אַרויס, מיר זענען געבליבן אַליין. וואָס טוט מען ווייטער?

נח: מען טוט דאָס זעלבע וואָס זיי — מען גייט אויך אַרויס פון דער תיבה.

יפתס ווייב: זעט נאָר, ווי ער טרייבט אונדז! מיר זענען דאָ אַזעלכע באַלעבאַטים, ווי איר!

נח: פון ווען געפעלט אייך אַזוי שטאַרק די תיבה, שנור־לעבן? — דער־מאָנט אייך, ווען איך האָב אָנגעהויבן בויען די תיבה, ווי איר פלעגט אַרומגיין מיך באַרעדן, אַז איך בין חסר דעה, אַז איך בין עובר בטל, אַז איך האָב מיר אין קאָפּ אַריינגענומען אַ משוגעת. אַליין האָב איך געמוזט די ברעטער שלעפּן, זיי זעגן, הובלעווען, פֿאַרשמירן מיט פעך. איר האָט נישט געלאָזט קיין איין זון מיינעם

מיר קומען העלפן. נאָר ווען דער מבול האָט גענומען פליצן, זייט איר אַלע צו מיר געקומען צו לויפן, געפאַלן מיר צו די פיס, געבעטן; שווער־לעבן, ראַטעוועט, לאָזט אונדז אַריין, גיט אַ שטיקל פּלאַץ אין אייער תיבה!

שמס ווייב: וואָס־זשע האָט איר נאָך געזאָלט טאָן? אַ? נישט אַריינלאָזן אייגן בלוט און פלייש?!

נח: און אַז איך האָב אייך אַריינגעלאָזט, איז אייך געווען ווייניק; איר האָט גענומען אַריינשלעפּן אין דער תיבה די בעטן, די שאַפעס, די שפּיגלען, די טישן. אַלץ האָט איר געוואָלט מיטנעמען מיט זיך. אַפילו די באַליעס, די ריבאייזנס און די שטייסלען. איר האָט, דאַכט זיך, גאָר אַזוי פיל זאַכן נישט געהאַט אין אייער׳ע שטיבער. הפּנים, ביי די שכנים אַ טאָרע־געטאָן...

יפתס ווייב: אַן אַנדערער שווער וואָלט הנאה געהאַט וואָס זיינע קינדער האָבן אַזעלכע ווייבער באַלעבאָסטעס און ער — האָט נאָך טענות!

שמס ווייב: מיר גייען איצט אַרויס אויף דער וועלט. פון וואָס וועלן מיר לעבן? גיט אונדז שווער־לעבן די שליסלען פון מאַגאַזין.

נח: די שליסלען קען איך אייך געבן, נאָר וואָס וועט איר פון זיי האָבן? אין מאַגאַזין איז גאָרנישט געבליבן.

יפתס ווייב: וואָס? איר האָט אַלץ צעטיילט פאַר די חיות?! זיי געווען טרייער, ווי אונדז?!

נח: גאָט האָט זיי געגעבן אונטער מיין רשות. איך האָב פאַר זיי געמוזט זאָרגן.

שמס ווייב: טאָ גיט דאָס גאָלד און די בריליאַנטן.

נח: פון וואַנעט זאָל איך נעמען פלוצים גאָלד און בריליאַנטן? איך בין אַן אָרעמער ייִד.

יפתס ווייב: און דו האָסט דאָ קיינעם נישט אויסבאַהאַלטן? דו האָסט דאָ קיינעם נישט אַדורכגעשמוגלט און גענומען ביי אים דערפאַר גאָלד און בריליאַנטן?

נח: ווי קענט איר אַזוי זאָגן? דערמאָנט אייך: ס׳האָבן מענטשן גענומען קלאַפּן אין דער תיבה, געוויינט, געשריגן, געבעטן זיך אַריין. איך פלעג פאַרקריכן אין ווייטסטן ווינקל, כדי נישט צו הערן דאָס געוויין און געשריי פון די זקנים, פון די פרויען און קינדער. נאָר איר האָט זיך אַלע צום פענצטער געשטופּט, גע־וואָלט זען, ווי אַזוי די מענטשן און די חיות ווערן געשלעפּט און געריסן פון די שוימיקע שטראָמען, ווי זיי ראַנגלען זיך, וואָרגן זיך אַן אָטעם און שווימען דער־נאָך אַרום טויטע, געשוואָלענע.

שמס ווייב: אָבער וואָסער שייכות האָט עס צום ענין?

נח: וואָרט צו אַ רגע. איך האָב איין מאָל דורכן פענצטער דערזען, ווי אונ־דזער שכנטע רייזע־גיטל לויפט מיטן קינד אויף דער האַנט, אין קישעלע, שלאָגט זיך אין האַרצן און שרייט און בעט: איך בין אייך מוחל, נאָר מיין קינד נעמט

אַריין. בין איך געוואָרן צעמישט, אַלץ פאַרגעסן און געלאָפן פאַר איר עפענען די טיר. נאָר איר האָט דעמאָלט זיך אויף מיר אַ וואָרף געטאָן, מיר דעם וועג פאַר־צוימט און געשריגן: איר ווילט נעמען פרעמדע אין דער תיבה? איר ווילט ברעכן גאָטס באַפעל ?! דאָס ערשטע מאָל האָב איך דעמאָלט געהערט אייך דערמאָנען גאָטס נאָמען.

יפתס ווייב: אָבער די שכנטע איז דאָך געווען אַן אָרעמע אלמנה! בחינם זענט איר נישט מחויב!

שמס ווייב: וואָס טויגן אַלע טענות! מאַכט אייך, שווער, נישט תמע־וואַטע און גיט אַרויס די שפייז און דאָס געלט!

נח: נאַט אייך די שליסלען, גייט און זעט אַליין, צי אין מאַגאַזין איז עפעס פאַראַן און נעמט. באַזוכט מיך, צי איר וועט ביי מיר געפינען אַ פרוטה.

שמס ווייב: (גיט אַ פּאַטש מיט די הענט) נו, האָט מען זיך געקענט ריכטן אויף אַזאַ בראָך? ער איז דאָך אויף אַן אמת אַ צדיק!

יפתס ווייב: אַ תם!

שמס ווייב: ווען איך זאָל געווען וויסן, אַז דיין טאַטע איז אַ קבצן, וואָלט איך, אסור, דיך געווען גענומען. מילא, אַז דו ביסט אַ שלימזל — האָב איך פריִער געוווסט. האָב איך אָבער געמיינט, אַז דו, דער בכור, וועסט ירשע־נען די רייכע ירושה פון טאַטן. און דאָ ווייזט זיך גאָר אַרויס אַז ער איז אַזאַ קבצן און אַזאַ שלימזל, ווי דו! איך וויל דיך מער נישט קענען, אַוועק פון מיינע אויגן!

שם: גוט, איך האָב סיי ווי געוואָלט אַוועק.

שמס ווייב: וואָס רעדט ער? וווהין גייט ער?

שם: איך בין געווען אַ פרומער. פלעג זיצן דורך די טעג ביז שפעט אין דער נאַכט אַריין און לערנען. איך האָב געהערט זאָגן, אַז אַזויפיל תענוגים גיט דאָס לעבן — נאָר איך האָב פון זיי נישט געוואָלט טועם זיין, ווייל יעדער תענוג איז פאַרבונדן מיט זינד. איך האָב שלום געמאַכט מיט דער האַרבער שטראָף מיט וועלכער גאָט האָט באַשטראָפט די אַלטע וועלט דערפאַר, ווייל איך האָב גע־גלייבט, אַז די נייע וועט זיין אַ בעסערע. די נייע וועלט איז נישט קיין בעסערע. איז דער באַשאַף ווידער שולדיק, צי אפשר גאָר דער באַשעפער?

שמס ווייב: ווי איז מיר, דאַכט זיך, אַז ער רעדט שוין אַקעגן גאָט!

שם: אויב דער באַשעפער איז שולדיק, וועל איך גיין ביי אים פאָדערן אַ חשבון פאַר די אַלע אומגעקומענע!

שמס ווייב: ער איז משוגע געוואָרן! ווי אַזוי וועסטו גיין צו גאָט? ווי קומסטו צו אים? ער איז דאָך דאָרט הויך אין הימל!

שם: וועל איך בויען אַ טורעם ביז צום הימל! איך וועל צו אים אַרויפגיין און זאָל ער מיר ענטפערן.

שמס ווייב: און דו וועסט מיך דאָ אַליין איבערלאָזן?

שם: איך וויל נישט וויסן פון קיין משפּחה, פון קיין אייגן גליק, ביז איך וועל פון גאָט נישט באַקומען קיין ענטפער. (אָפּ).

שמס ווייב: (לויפט אים נאָך) גזלן! רוצח! ווי האָסטו דאָס האַרץ מיך איבערצולאָזן אײנע אַליין, אַ וויסטע עגונה! (אָפּ).

יפת: (צום ווייב) פאַרוואָס שטייסטו נאָך דאָ, מיין טייערע? אין דרויסן אַרויס קום! אונטער דעם פרייען הימל. דאָ איז טונקל, דאָ איז די לופט אַ געשטיקטע! איך וויל אָפּעטעמען פריי.

יפתס ווייב: און ווו וועלן מיר וווינען?

יפת: דאָס אַלטע הויז איז חרוב געוואָרן — וועלן מיר בויען אַ נייעס. אַ וויים הויז, מיט רויטע ציגל אויפן דאַך. מיטן ווילדן ווייַן איבער די פענצטער. מיט אַ גאָרטן פון בלומען פאַר דעם הויז.

יפתס ווייב: און פון וואָס וועלן מיר לעבן?

יפת: מיר וועלן גיין אין וואַלד אַריין קלייבן יאַגדעס. טרינקען וועלן מיר פריש וואַסער פונעם קוואַל.

יפתס ווייב: און ווו וועל איך נעמען קליידער?

יפת: ס'איז דאָך אַ נייער בראשית. זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז איך בין אדם און דו ביסט חוה. נאָך וואָס די קליידער, אַ פייגנבלאַט איז אויך גענוג!

יפתס ווייב: ווו וועל איך נעמען —

יפת: (רייסט איר איבער) אַ, פרעג ניט אַזוי פיל! די נאַטור איז רייך, זי וועט אַלץ אונדז געבן. זי וואַרט אויף אונדז. קום מיין טייערע, געליבטע מיינע, קום!

(ער טוט זי אַ כאַפּ אויף די הענט און טראָגט זי אַרויס)

נח: און דו, חם, וווהין וועסטו אַוועק?

חם: איך וועל דאָ בלייבן.

נח: (דערשטוינט) וואָס?!

חם: יאָ, טאַטע. איך וויל דאָ בלייבן מיט דיר.

נח: וואָס רעדסטו? שם איז אַוועק, יפת איז אַוועק און דווקא דו, ווילסט בלייבן מיטן אַלטן טאַטן?

חם: פאַרוואָס וווּנדערסטו זיך אַזוי?

נח: איך וויים... דו ביסט דאָך געווען מיין... מיין נישט געראָטענער זון. אַלס קינד פלעגסטו זיך שלאָגן מיט די קינדער פון די שכנים. יעדעס מאָל איז געקומען אַן אַנדערע שכנטע, אַז דו האָסט ביי איר אויסגעשלאָגן אַ שויב אין פענצטער, צי באַריסן איר סאַד, און שפּעטער... שפּעטער פלעגסטו פאַרטשעפּען אַלע דינסטן און אַלע קעכינס. דווקא דו ווילסט ווערן די שטיצע פון דיין טאַטן אויף די עלטערע יאָרן?

חם: יאָ, טאַטע. איך בין געווען אַמאָל זייער זינדיק. אָבער זייט דעם מבול האָב איך זיך אין גאַנצן געביטן. איך בין שוין געוואָרן גוט און פרום.

נח: איך דאַנק דיר, רבונו־של־עולם, פאַר דיין גרויסן חסד! איך האָב גע־לעסטערט, געמיינט, אַז דער מבול האָט קיינעם נישט פאַרבעסערט. מיין זון חם האָט פון אים פאַרט עפּעס געלערנט. ס׳איז יום־טוב ביי מיר היינט, יום־טוב!

חם: אַוודאי איז היינט יום־טוב. אַ טאָפּלטער יום־טוב: דאָס וואַסער האָט אויסגעטריקנט און איך בין געוואָרן גוט און פרום. אפשר טאַקע מאַכן לכבוד דעם אַ סעודה?

נח: אַוודאי דאַרף מען, מיין זון. איך האָב נאָך ערגעץ־ווו ברויט, אַ הערינגל און קעז.

חם: דאָס איז פיין, אָבער ווי אַזוי מאַכט מען עס אַ שמחה אָן אַ ביסל משקה?

נח: גערעכט. מען וועט מאַכן אַ כוסה, חמעניו. מיר האָבן אַפילו די דאָק־טוירים פאַרווערט צו טרינקען. עס שאַדט מיר צו די נירן, נאָר מילא, היינט מוז איך טרינקען! (ער נעמט אַרויס ברויט, הערינג, קעז און עטלעכע פלעשלעך וויין) לאָמיר טאַקע פאַרזוכן אַ קאַפּיטשקע.

(נח גיסט אָן צוויי גלעזלעך מיט וויין)

חם: לחיים, טאַטע!

נח: לחיים! (ביידע טרינקען, ער פאַרהוסט זיך) אוי, שטאַרק, שטאַרק! ס׳פאַרכאַפּט אַזש דעם אָטעם!

חם: פאַרבייס, טאַטע. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דו האָסט שוין לאַנג נישט געטרונקען (גיסט אָן אַ צווייט גלעזל) וואָס ווייטער וועט עס דיר גיין בעסער. לחיים!

נח: (טרינקט) אַ גוט ביסל משקה!

חם: און איצט טאַקע אַ דריט גלעזל. אַזויפיל טעג און וואָכן אַרום זיך בלויז וואַסער און וואַסער, שוין צוגעגעסן זיך דאָס וואַסער — לחיים!

(זיי טרינקען דאָס דריטע גלעזל)

נח: (שטעלט זיך אויף, וואַקלט זיך, שיכורלעך) חם... חמעניו... קום אַהער, לאָמיך דיר אַ קוש טאָן...

חם: (פאַר זיך) מען קען שוין אָנהייבן. (הויך) טאַטע, דו ווייסט, מען דאַרף קלערן וועגן תוך־זאַכן, וועגן פּרנסה. פון וואָס וועסטו, דאָס הייסט, וועלן מיר, לעבן?

נח: איך וועל... איך וועל ווערן אַ שמש... אין אַ קלויז...

חם: פאַרוואָס עפּעס אַ שמש?

נח: אַ מקום־קדוש... תורה... און יעדעס מאָל אַ יאָרצייט... מען קען כאַפּן... אַ טרונק...

חם: (פאַר זיך) ס׳איז אים אַריין אין טעם! (הויך) פאַרוואָס עפּעס אַ שמש? פאַרוואָס באַדינען אַנדערע? פאַר זיך אַליין דאַרף מען ווערן אַ באַלעבאָס. אָט, ווערן באַלעבאָס פון דער תיבה. ס׳איז דאָך נישט עפּעס סתם אַזוי אַ קאַסטן, נאָר די תיבה, נחס תיבה! אַ וועלט איז אונטערגעגאַנגען מיט מענטשן און חיות, נאָר די תיבה איז געבליבן! זי איז די איינציקע זאַך, וואָס איז געבליבן פון דער אַלטער וועלט. דער איינציקער זכר. מען דאַרף פון איר מאַכן אַ מוזיי.

נח: המעניו... דו האָסט דאָך קיין מאָל נישט געוואָלט זיך לערנען... נישט לייענען קיין בוך... פון וואַנעט נעמט זיך, וואָס דו רעדסט אַזוי אינטע־אינטע־ליגענט?

חם: אמת, ביכער האָב איך טאַקע נישט ליב צו לייענען, אָבער דערפאַר פלעג איך לייענען די פּרעסע און גיין אויף מיטינגען. יאָ, ווו־זשע האָלט איך? — ביים מוזיי. זאָלן מענטשן קומען אין דער תיבה. קיין הויכע פּרייזן קען מען אַפילו נישט מאַכן, נאָר עס שאַדט נישט. דעם גרויסן זאַל פון דער צווייטער זייט תיבה וועלן מיר פאַרדונגען אויף חתונות.

נח: פאַר אָרעמע כלות, יתומים...

חם: פאַרוואָס בלויז פאַר יתומים, און אַנדערע יידישע טעכטער דאַרפן פאַרזיצן? זאָלן זיין וואָס מער חתונות ביי יידן, זאָלן יידן זיך מערן און פּרוכ־פּערן! און דעמאָלט, ווען ס׳וועט נישט זיין קיין חתונה, וועלן מיר דעם זאַל פאַרדינגען אויף אַ טאַנץ־אָוונט.

נח: אַ, וואָס? טאַנץ־אָוונט?

חם: זאָלן יידן זיך פרייען, זאָלן יידן טאַנצן!

נח: (חזרט איבער) זאָלן יידן זיך פרייען... זאָלן יידן טאַנצן — אַ גוטע זאַך!

חם: ס׳וועט זיך לוינען, טאַטע. מענטשן זענען שוין רייך געוואָרן דערפון. (ער גיסט אָן נאָך צוויי גלעזלעך) צום וואויל פון דער נייער אונטערנעמונג (זיי טרינקען ביידע). דו פאַרשטייסט טאַטע, פון דער לינקער זייט וועלן מיר האָבן דעם מוזיי. דעם מוזיי מיט אַלע הייליקע זאַכן צום זכר פון דער אונטערגעגאַנגענער וועלט. פון דער צווייטער זייט, פון דער רעכטער — דעם זאַל צום טאַנצן מיט די צימערלעך אונטן. ווילט איר זיין ערנסט, אַ וויין־טאָן — ביטע, לינקס! טאָמער פאַרקערט, איר ווילט הנאה האָבן, זיך פאַרווילן — ביטע רעכטס! פאַרוואָס זיצסטו און קוקסט אויף מיר מיט גלעזערנע אויגן? נעם, טרינק נאָך אַ גלעזל!

נח: (האָט געטרונקען, שטאַמלט) — ווילט איר — לינקס!... ווילט איר — כאַ־כי־כי־כי! (ער נעמט פון זיך אַראָפּרייסן די מלבושים און זינגען):

אויב אַלע ברואים האָט
געוואָלט באַשטראָפן גאָט,

פֿאַרוואָס־זשע האָט ער גישט
אויך גלייך באַשטראָפט די פֿיש?
פֿאַר זיי אַ מבול — אַך,
דאָס איז אַ גוטע זאַך!
ווען אַלע קומען אום —
זיי שווימען זיך אַרום.
זיי שווימען גיך אַרויף
און עסן אַלעס אויף.
אַ וועלט איז טויט, צעשטערט —
זיי האָבן זיך פֿאַרמערט!
צי איז דאָס גוט אַזוי?
אוי־ראַם צו־רי ידי־דוי!
און ווו איז יושר, האַ?
הא־האָפּסאַ, האָפּסאַ־סאַ!

(חם עפֿנט ברייט די טיר. שטעלט זיך אַוועק אויף דער שוועל און שרייט אַרויס אין גאַס)

חם: געשעצטער עולם! מיר האָבן אין דער תיבה געעפֿנט אַ מוזיי צום אָנדענק פֿון די מיליאָנען אומגעקומענע פֿונעם מבול. איר וועט דאָ זען שאַרבנס פֿון טויטע מענער און סקעלעטן פֿון פֿרויען און קינדער. איר וועט דאָ זען פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון די מענטשן, ווען דער מבול האָט גענומען פֿלייצן. ווי זיי לויפֿן אין שרעק, ווי זיי שרייען, ווילן זיך אָנכאַפּן אין אָט דער תיבה, וואָס איר זעט פֿאַר אייערע אויגן. נאָר די כוואַליעס רייסן זיי אַוועק און זיי ווערן דערטרונקען. קומט און זעט די דאָזיקע בילדער, וואָס שוידערן־אויף, וואָס פֿאַרגליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן! איר וועט צווישן די קרבנות זיכער געפֿינען אייערע קרובים און פֿריינד!

און דאָ, רעכטס — הויך־געשעצטעס פּובליקום! דאָ רעכטס, האָבן מיר געעפֿנט אַ באַר. מיר האָבן דעם באַר איינגעאָרדנט לויט דער לעצטער מאָדע. מיט שפּיגלען, מיט נעאָן־ליכט, מיט דעם בעסטן אָרקעסטער, מיט די פֿאַרשיידנסטע געטראַנקען און מיט די רייצנדיקסטע פֿרויען!... אַלס אַטראַקציע פֿון ערשטן אָוונט, וועט זיין דער אויפֿטריט פֿון דעם צדיק, דעם תם, דעם זיידן נח. אונדז איז געלונגען אים אַליין צוציִען צו אונדזער אונטערנעמונג. זעט, קוקט אים אָן, אָט שטייט ער דאָ פֿאַר אייך האַלב־נאַקעט און טאַנצט! בילעטן, ביטע! עס זענען נאָך געבליבן געציילטע בילעטן!

(אויפֿטריט שם און יפֿת מיט זייערע ווייבער)

יפֿת: מיר האָבן געהערט עפּעס אויסטערלישע זאַכן, וואָס טוט זיך דאָ, חם?

חם: גאַנץ פשוט; איך האָב מיר געעפנט אין תיבה אַ מוזיי און אַ באַר.
שם: און וואָס טוט דאָ דער טאַטע, אַ שיכורער?
חם: ער טרעט אויף ביי מיר אין באַר.
יפתס ווייב: זעסטו, יפת, ווען דו ביסט אַוועק נאָך שפּיגוועבס און קוי־בעבע, האָט זיך דערוויל דער ברודער דיינער געמאַכט אַ גוטע פּרנסה!
שמס ווייב: נאַ, זע שלימזל! ווען דו ביסט געקראָכן אין הימל אַריין, האָט דערוויל דער חם פאַרכאַפּט די ערד!
שם: ניין! איך וועל אים נישט לאָזן מאַכן אַ פּרנסה פונעם אומגליק! טאַטע, קום אַוועק פון דאַנען!
חם: שלעפּ אים נישט! איך האָב אין אים אויך אַ חלק!
יפת: ניין! ניין! דו האָסט מער נישט קיין רעכט אויף אים!
חם: שאַט, שאַט! מיינט נישט, אַז איר וועט מיר אָפּטאָן, נעמט אייך די מציאה! איך וועל גלייך אַנגאַזשירן דעם אַקטיאָר פורימזאָן, ער וועט מיר שפּילן די ראָל פונעם צדיק נח. ער וועט זי בעסער שפּילן, ווי דער אמתער. די אמתע שפּילן תמיד שלעכט.

(ער ווענדט זיך צום עולם אויף דער גאַס)

געשעצטער עולם! צוליב טעכנישע סיבות רופן מיר היינט אָפּ די פאַר־שטעלונג. מיר פאַרקויפן בילעטן אויף מאָרגן!

(פון אַלע זייטן רייסט זיך דער עולם צו דער קאַסע)

(סוף)

אין בונקער

(אין בונקער. טונקל. מיטאַמאָל ווערט ליכטיקער. די שײַן קומט פֿון אויבן, פֿון אַן עפֿענונג. דורך דער עפֿענונג רוקט זיך אַראָפּ אַ מענטש. ער באַווייזט זיך נאָך נישט גוט. אַרומצוקוקן, ווען עס רוקט זיך אַראָפּ דורך דער זעלבער עפֿענונג אַ צווייטער).

וואָלף: ווער איז עס?

הערשל: אויך אַ ייד.

וואָלף: האָסט געזען ווי איך בין אַהער אַריין?

הערשל: יאָ.

וואָלף: מער קיינער נישט?

הערשל: קיינער נישט מער. (צעהוסט זיך) וואָס פֿאַר אַ גערוך! מיך שטיקט. וואָס איז דאָס?

וואָלף: דאָס הייסט, אַז די דייטשן האָבן אַנטדעקט דעם בונקער און אַרײַנגעלאָזט אַהער גאַז. איך וועל מוזן נאָך ברייטער מאַכן די עפֿענונג, דער גאַז זאָל אַרויס (טוט עס. ס׳ווערט נאָך ליכטיקער).

הערשל: (טוט אַ געשריי) מענטשלעכע גופֿים אויף דער ערד!

וואָלף: מסתּם פֿאַרגאַזטע.

הערשל: עס גרוילט מיך!

וואָלף: שוין לאַנג צייט געווען זיך פֿאַרהאַרטעווען.

הערשל: זעט נאָר, דער בונקער פֿירט צום קאַנאַל!

וואָלף: איך ווייס פֿריִער דערפֿון און דערפֿאַר בין איך טאַקע אַהער אַוועק.

הערשל: וועט מען זיך קאָנען ראַטעווען?

וואָלף: דאָס וועט מען נאָך זען. דערווײַל דאַרף מען זיך אַ ביסל אויסרוען און קלייבן די כּוחות. בעטגעוואַנט איז דאָ לרובֿ — וועט מען זיך אַ ביסל צולייגן. (טוט עס). שוין וויפֿל נעכט נישט געשלאָפֿן! און דו, וואָס שטייסטו און גאַפֿעסט? לייג זיך צו. אַזאַ גבור ביסטו, אַ? (הערשל לייגט זיך לעבן אים אַוועק). ווי אַזוי האָסטו באַוויזן צו דערציִען ביז איצט? טויזנטער מענטשן זענען געפֿאַלן פֿון

הונגער און דו האָסט דורכגעהאַלטן? הונדערטער טויזנטער שיינע און געזונטע מענטשן געשיקט אין די אויוונס, — און אַזוינס איז געבליבן!

הערשל: מיין ברודער, מיין ברודער לייב האָט מיר געהאָלפן. נאָך פון די קינדער־יאָרן בין איך געווען אַ קרענקלעכער. ער האָט מיר קיין מאָל נישט געלאָזט שלעכטס טאָן. אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן, בין איך אַלט געווען פיר יאָר. ער איז געוואָרן מיין טאַטע. ער האָט מיך צוויי מאָל אַרויסגעראַטעוועט פון דעם אומשלאַג־פּלאַץ!

וואָלף: און וואָס איז ער געווען? אַ פּאָליציאַנט?

הערשל: ניין. אָבער אַ שטאַרקער איז ער, נאָך שטאַרקער פון דיר. און אַ מוטיקער — נישטאָ צו אים קיין גלייכן!

וואָלף: און ווו איז ער איצט?

הערשל: איך ווייס נישט. ער איז פון די, וואָס האָבן געמאַכט דעם אויפ־שטאַנד. ער איז אַוועק איין מאָל זיך שלאָגן, מיך איבערגעלאָזט אין אַ בונקער, דערווייל האָט מען דאָס הויז אונטערגעצונדן און איך בין אַנטלאָפן אַהער. (ס'מאַכט זיך אַ גערויש. הערשל שפּרינגט אויף דערשראָקן). איר הערט?!

וואָלף: האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן — דאָס זענען שטשורעס. זיי האָבן דאָ געננוג טויטע צו עסן. (הערשל שטעלט זיך אויף. נעמט עפּעס זוכן).

וואָלף: פאַרוואָס האָסטו זיך אויפגעשטעלט? וואָס זוכסטו?

הערשל: איך זוך עפּעס אַ זאַך זיי צו וואַרפן.

וואָלף: ביסט אַ שוטה. ס'וועט גאָרנישט העלפן!

הערשל: וועלן מיר זען. (וואַרפט עפּעס אַהין, פון וואַנען ס'הערט זיך דאָס גערויש. ס'ווערט שטילער). זעט איר, ס'איז שטילער געוואָרן!

וואָלף: צוליב וואָס טוסטו עס?

הערשל: די שטשורעס זאָלן נישט עסן די מענטשן.

(ס'הערט זיך ווידער דאָס גערויש פון די שטשורעס)

וואָלף: אָט האָסטו זיי שוין צוריק.

הערשל: איך וועל זיי פאַרטרייבן!

וואָלף: זיי וועלן דיך פאַרטרייבן! זיי זענען חוצפּהדיק און קאָנען אַפילו אַ לעבעדיקן אָנגרייפן. בעסער הער מיך אויס; מיר וועלן זיך לאָזן שפּעטער גיין דורכן קאַנאַל. אפשר וועט אונדז געלינגען זיך צו ראַטעווען אויף דער אַרישער זייט. אין אַזעלכע שמאַטעס טאָרסטו אַפילו זיך אויף דער אויבערפלאַך נישט ווייזן, דו מוזסט דיר פאַרשאַפן אַנדערע מלבושים.

הערשל: ווי אַזוי זאָל איך מיר אין בונקער פאַרשאַפן אַנדערע מלבושים?

וואָלף: צי קאָנסטו זיך שוין צו גאָרנישט דערטראַכטן? דאָ אַרום ליגן טויטע, צי ניין? צי אַראָפּ פון עמעצן זיין מלבוש. און פּאָר אַלעמען: זוך אין די

קעשענעס. אויף דער האַנט קאָן ווער נאָך טראָגן אַ זייגערל — דאָס אַלץ וועט אונדז דאָרט זייער צונוץ קומען.

הערשל: איך וועל נישט גיין באַרויבן די טויטע!

וואָלף: און אַז די שטשורעס וועלן זיי צעפרעסן צוזאַמען מיט די מלבו־שים, וועט זיין בעסער? וויפל מאָל האָב איך געזען ווי לעבעדיקע האָבן אַראָפּ־געצויגן די מלבושים פון די טויטע?

הערשל: איך האָב עס נישט געטאָן.

וואָלף: ווי דו דערציילסט, האָט דיר דער ברודער געהאָלפן. האָט ער אויסגעטאָן טויטע צוליב דיר?

הערשל: וועגן ברודער זאָלט איר קיין שלעכט וואָרט נישט רעדן! איר הערט! ווייל...

וואָלף: (גיט אים אַ נעם אָן און שליידערט אים צו דער ערד): ווייל וואָס? איך האָב זיך מיט שטאַרקערע אָן עצה געגעבן און מיט אַזאַ הינדל וועל איך זיך אוודאי אָפּפּאַרטיקן! איך בין נישט צוגעווינט מען זאָל מיר אָפּזאָגן. נעם זיך גלייך צו דער אַרבעט. געפינסט עפּעס לייטישס — דערלאַנג עס אַהער. זע און באַהאַלט גאָרנישט פאַר זיך. אַז דו וועסט מיר זיין טריי — וועסטו ביי מיר נישט האָבן קיין עוולות.

(הערשל הייבט זיך פּאַמעלעך אויף. שוויגנדיק נעמט ער זיך פאָרען ביי אַ טויטן. ער נעמט אַראָפּ פון איין טויטן אַ זייגערל און דערלאַנגט עס וואָלפן)

וואָלף: אַזוי געפעלסטו מיר. איצט נעם אַראָפּ פון אים פאַר דיר די מלבושים.

(הערשל הייבט אָן אַראָפּציִען פון טויטן דאָס רעקל און שטויסט מיטאַמאָל אַרויס אַ געשריי)

וואָלף: וואָס איז? וואָס איז געשען?

הערשל: ער לעבט! ער האָט זיך אַ ריר געגעבן!

וואָלף: או — ביסטו אַ פּחדן!

הערשל: הערט; ער האָט אַ קרעכץ־געטאָן (וואָלף גייט צו נעענטער צום מענטשן).

וואָלף: יאָ, ער רירט זיך.

הערשל: מען דאַרף זען מיט אים עפּעס צו טאָן.

וואָלף: מיט וואָס וועסטו אים העלפן? לאָמיר קודם אַ קוק־טאָן, וואָס מיט אים איז געשען (צינדט אָן אַ שוועבעלע, באַלייכט דעם מענטשן).

הערשל: גאָט! — מיין ברודער! (פאַלט אויף דער ערד, נעמט דעם ברו־דער טרייסלען מיט אַלע כוחות) **לייבל! שטיי אויף — לייבל!**

וואָלף: לאָמיר אים צוטראָגן צו דער עפענונג. ס'איז דאָרט ליכטיקער, און ער וועט האָבן מער לופט צו אָטעמען.

(זיי טראָגן אים ביידע צו צו דער עפענונג)

הערשל: ער האָט געעפנט די אויגן! ער קוקט אויף מיר! דערקענסט מיך נישט? דאָס בין איך... איך...

לייב: הערשל?... הערשל...

הערשל: איך, יאָ, איך!

לייב: אַ טרונק...

הערשל: (פאַרצווייפלט) נישטאָ, נישטאָ. וואָס איז דיר? וואָס טוט דיר וויי?

לייב: פאַרגאַזט...

הערשל: דו ליגסט שוין לאַנג אַזוי?

לייב: איך ווייס נישט... פאַרלוירן דעם זינען.

וואָלף: (נעמט אים אַוועק אין אַ זייט) האָסט אים בלויז אַ רעה געטאָן מיטן דערמונטערן.

הערשל: אַ רעה? פאַרוואָס?

וואָלף: נאָך וואָס דאַרף ער נאָך אַ מאָל שטאַרבן?

הערשל: ער וועט לעבן!

וואָלף: פוסטע רייד! ווען ער וואָלט געהאַט די געהעריקע הילף — אפשר, דאָ וועט ער אויסגיין.

לייב: הערשל...

הערשל: אָט בין איך.

לייב: ווי זעט אויס אין געטאָ?

הערשל: די דייטשן גייען פון הויז צו הויז. ווישן אָפּ דעם גאַנצן געטאָ.

לייב: און וואָס וועט זיין מיט דיר?

הערשל: וואָס קימערסטו זיך וועגן מיר? איך בין געזונט, און דו... ווי אַזוי ביסטו פאַרגאַזט געוואָרן? דו האָסט דאָך געקאָנט אַוועק מיטן קאַנאַל.

לייב: מיר זענען דאָ געווען אַ סך... די עפענונג צום קאַנאַל — זייער שמאָל... איך האָב געלאָזט אַנדערע פריער... ביז ס'איז געקומען צו מיר — בין איך שוין געווען פאַרגאַזט... אָבי דו לעבסט, וועל איך שוין רויִק שטאַרבן...

הערשל: דו וועסט נישט שטאַרבן! דו וועסט נאָך געזונט ווערן און גיין מיט אונדז צוזאַמען!

וואָלף: מיר מוזן זיך באַלד לאָזן אין וועג אַריין. דאָ פאַרבלייבן לענגער איז זייער געפערלעך.

לייב: דער חבר איז גערעכט.

הערשל: וועל איך דיך נעמען אויף די פּלייצעס.

לייב: הערשל, דאָס איז איבער דיינע כּוחות.

הערשל: וועל איך בלייבן מיט דיר.

לייב: מען דאַרף נישט. מיר וועסטו דערמיט נישט העלפן, נאָר דו וועסט אויך אומקומען.

לייב: זיי נישט איינגעשפּאַרט. דו פלעגסט מיך שטענדיק פאָלגן — פאָלג מיך נאָך איצט — צום לעצטן מאָל. און צו אייך, חבר, האָב איך אַ בקשה; איר האָט אפשר אַ רעוואָלווער?

וואָלף: איך האָב.

לייב: און קוילן?

וואָלף: בלויז צוויי קוילן.

לייב: קאָנט איר מיר נישט שענקען איינע?

וואָלף: נאָך וואָס דאַרפט איר אַ קויל?

לייב: זיך צו דערשיסן.

הערשל: אָ, גאָט! וואָס רעדסטו?!

לייב: איך קאָן זיך דאָ נאָך מאַטערן אַ טאָג צי צוויי. בעסער — מיט איין מאָל.

וואָלף: איך פאַרשטיי אייך. נאָר — דאָס איז אָפּהענגיק נישט נאָר פון מיר.

לייב: פון וועמען נאָך?

וואָלף: פון אייער ברודער. ער זאָל דערלויבן איך אָוועקגעבן זיין קויל.

לייב: וואָס מיינט איר דערמיט?

וואָלף: איך האָב צוויי קוילן. אויב אונדז דראָעט אַ געפאַר אַריינצופאַלן אין די דייטשישע הענט, איז — איין קויל אים און איינע — מיר.

לייב: הערשל, גיב אָפּ דיין קויל פאַרן ברודער...

הערשל: ניין, ניין, דו האָסט אַזוי פיל פאַר מיר געטאָן —

לייב: טו־זשע פאַר מיר דאָס*מאָל, און זיי מיר מוחל, וואָס איך נעם צו דיין קויל. דו וועסט זי אַפילו נישט דאַרפן, דו וועסט זיך ראַטעווען. (צו וואָלפן) איר וועט עס מאַכן. איך בין צו שוואַך. איך קאָן אַ מאָל נישט טרעפן און דאַרפן נאָך אַ צווייטע. אייער קויל וויל איך שוין נישט צונעמען.

וואָלף: איך וועל עס טאָן.

(הערשל ברעכט אויס אין אַ געוויין)

לייב: און נאָך אַ בקשה האָב איך צו אייך: איר זאָלט עס נישט מאַכן דאָ פאַר זיינע אויגן, נאָר אויבן. איר זאָלט מיך אַרויפטראָגן צווישן די חורבות. איך וויל אויך נישט ליגן אין קעלער, אין דער בעץ און אין חשכות, די שטשורעס זאָלן מיך צעפרעסן.

וואָלף: איך וועל טאָן, ווי איר הייסט.

לייב: טאָ נעמט מיך... איר דאַרפט זיך פון מיר וואָס פריִער באַפרייען. איר דאַרפט איצט קלערן וועגן זיך.

הערשל: איך וועל נישט לאָזן... ניין!

לייב: דו ביסט נאָך אַ יונגל. מיר ביידע זענען עלטער פון דיר, פאַרשטייען בעסער. זייט געזונט!

(וואָלף נעמט לייבן, טראָגט אים אַרויף. אַ ווײַלע, און ס'הערט זיך אַ שאָס. הערשל טוט אַ געשריי, דערנאָך אַ יאָמערלעך געוויין. וואָלף קומט צוריק)

וואָלף: באַרואיק זיך, הערשל...

הערשל: און איך האָב דאָס אַלץ דערלאָזט!

וואָלף: ראַטעווען אים איז שוין במילא נישט געווען מעגלעך. ער וואָלט אפשר געלעבט נאָך אַ טאָג, צוויי, און זיך געמאַטערט. איך האָב אים די מאַטערנישן איינגעשפּאָרט. ער געפעלט מיר, דער ברודער דיינער. איך בין טאַקע געווען אַ שמוגלער, אָבער איך האָב דרך־ארץ פאַר אים. ער האָט געקעמפט, זיך מקריב געווען פאַר אַנדערע און מוטיק געשטאָרבן.

הערשל: איצט בין איך איינער, איינער אַליין געבליבן אויף דער וועלט...

וואָלף: ביסט נישט געבליבן אַליין. איך בין מיט דיר. איך וועל זיין אויף דיין ברודערס אָרט. איך וועל פאַר דיר זאָרגן אויף יענער זייט. און אויב, חלילה, די דייטשן וועלן אונדז כאַפּן, וועל איך דיר געבן, אויב דו וועסט וועלן — די צווייטע קויל — מיינע... אַלץ וועל איך פאַר דיר טאָן...

(סוף)

דער זעלבער גורל

(אָוונט. אין דער שטוב פון דער מוטער. די מוטער זיצט ביים טיש און ענדיקט שטריקן אַ סוועטער. ס'הערט זיך אַ קלאַפּן פון יענער זייט טיר)

מוטער: ווער איז עס? ווער קלאַפּט?!
אַ שטים: עפן! דאָס בין איך.
מוטער: אַ גאָט! דאָס איז דאָך דער פאָטער!

(זי בלייבט אַ רגע פאַרגליווערט שטיין. ס'הערט זיך ווידער אַ קלאַפּן. זי עפנט די טיר. אויפטריט פאָטער)

טאַטע, דאָס ביסטו אויף אַן אמת צו מיר געקומען?

(נעמט אים אַרום, קושט אים).

מען טאָר דאָך נישט גיין אַזוי שפּעט ביינאַכט. מען האָט דיך געקענט דערשיסן!

זיידע: (גלעט איר די האָר אויפן קאָפּ) נו, גוט, גוט — באַרויק זיך.
מוטער: ווי לאַנג איך האָב דיך נישט געזען!
זיידע: און די מאַמע האָסטו געזען, אַ? נו, האָב נישט קיין מורא, איך ווייס, אַז זי פלעגט זיך בגנבה מיט דיר זען און אפילו קומען צו דיר צו־גאַסט.
מוטער: ביסטו דאָך ענדלעך געקומען.
זיידע: איך האָב זיך נישט געביטן, נאָר די צייט. אויב איך האָב דיך נישט געקענט אַ מאָל צווינגען צו זיין אַ ייִדישע — צווינגען דיך איצט די דייטשן. מיט זיי מוזסטו זיך שוין רעכענען.
מוטער: איך בין קיין מאָל נישט אַוועק פון ייִדישן פאָלק.
זיידע: אָבער דו האָסט גענומען פאַר אַ מאַן אַ גוי.
מוטער: צי וועלן שוין אייביק זיין צעקריגט איין פאָלק מיטן צווייטן?
זיידע: דער נביא ישעיהו האָט גערעדט וועגן באַחרית הימים — וועגן דעם סוף פון די טעג, ווען עס וועט זיך פיטערן בשלום אַ לייב מיט אַ שעפּעלע, חיה מיט חיה — יאָ, און מענטש מיט מענטש — נישט? אַוודאי מוז מען אַ מאָל

אנהייבן, נאר אנהייבן מיטן שלום וואלט געדארפט, לויט מיר, דער לייב און נישט דאס שעפעלע.

מוטער: האט דאך מיין מאן אויך אנגעהויבן מיט מיר צוזאמען.

זיידע: ווארט־נאר, און דאס קינד אייערס וואס איז?

מוטער: דאס קינד וואס איז? — א מענטש.

זיידע: האסט א טעות. נישטא נאך דערווייל אזעלכעס. אויב ער איז נישט קיין ייד, איז ער א גוי, ווייל אזא איז זיין סביבה.

מוטער: און צי האלטסטו, אז איך בין טאקע אוועק פון יידישן פאלק?

זיידע: דו קענסט דיך נישט אין גאנצן אפרייסן פון יידישן פאלק און אפפרעמדן פון אים, ווייל איך בין דיין פאטער, ווייל די קינדער־יארן דערמאנען דיך נאך א סך אין יידישקייט — אין א יידיש ווארט, אין א יידישן יום־טוב, אין א יידישן מנהג — אבער דיין קינד אין וואס וועט זיך דערמאנען?

מוטער: איך האב פון דעסטוועגן מורא, אז דאס קינד וועט זיך יא האבן וואס צו דערמאנען. דערמאנען וועלן אים אין יידישקייט נישט, ווי מיר, — די יום־טובים, נאר טעג פון אומגליק און פיין.

זיידע: יא... איך האב פאר דיר זייער א טרויעריקע ידיעה. דו מוזסט וויסן דעם גאנצן אמת. פון שטעטל סקאלא איז היינט געקומען צו לויפן א ייד. דער־ציילט ער, אז די דייטשן האבן אלע יידן צונויפגעטריבן אויפן בית־עולם, זיי גע־הייסן גראבן גריבער און דערנאך — הער צו וואס זיי זענען שוין דערגאנגען! — מיט די מאשין־געווערן זיי אויסגעשאסן! קוים איז דעם יידן אליין געלונגען, דורך א נס, זיך צו ראטעווען און אנטלויפן אהער.

מוטער: און דא איז ער שוין זיכער, וואס?

זיידע: אמת, ווער ווייסט, וואס דא קען נאך זיין. יא, טאכטער, מיין נישט, אז איך בין געקומען אהער, כדי זיך מיט דיר אויסצוטענהן, אדער דיר צו זאגן מוסר. צוליב גאר עפעס אנדערש בין איך איצט געקומען. איך מוז דיר זאגן אפן: שווער, זייער שווער איז מיר געווען צו דיר צו גיין, נאר דיין מאמע האט מיך פארמאטערט. גיי, זע — האט זי געזאגט — וואס זי מאכט. דער מאן איז נישטא. די דייטשן האבן אים אוועקגענומען, און ווער ווייסט, וואס מיט אים איז געשען. זי ווינט צווישן גויישע שכנים, נאר איצט איז זי דאך א יידישע, ווי מיר אלע.

מוטער: מאמע מיינע, טייערע!

זיידע: בין איך געקומען זען, וואס דו מאכסט און טאקע צוליב נאך עפעס: צוליב דעם, אז דו זאלסט צו אונדז אריבערקומען מיטן קינד. צווישן יידן וועט דיר פארט זיין היימלעכער.

מוטער: איך דאנק דיר, טאטע. איך האב געמיינט, אז דו וועסט מיר שוין קיין מאל נישט מוחל זיין. נאר איז אייך דען ווייניק שווער אליין זיך אויסצוהאלטן, וואס איר ווילט מיך נאך נעמען אין שותפות?

זיידע: טאַכטער, אַלצאיינס קאַכט מען — וועט מען צושיילן נאָך עטלעכע קאַרטאָפל. מילא, קיין געבראַטענע טייבעלעך זאָג איך דיר נישט צו. וואָס מיר וועלן עסן — וועסטו מיט דעם קינד דיינעם עסן.

(מען קלאַפּט אין דער טיר)

מוטער: ווער קען דאָס קלאַפּן אַזוי שפּעט? עפענען?...

זיידע: פאַר קליינע פאַרברעכערס איז אַ מאָל שוין געווען אַ ריגל און אַ שלאָס. איצט, פאַר זיי איז עס קיין שום שמירה נישט. בעסער צו עפענען.

(לאָזט זיך גיין צו דער טיר)

מוטער: ניין, טאַטע, איך וועל גיין עפענען די טיר. אויף דיר זעט מען גלייך, אַז דו ביסט אַ ייד. גיי אַריין אין צווייטן צימער.

זיידע: זאָל זיין, ווי דו זאָגסט.

(אָפּ אין צווייטן צימער. זי גייט עפענען די טיר. אויפטריט שכן)

שכן: אַ גוטן אָוונט.

מוטער: אַ גוטן אָוונט. דאָס זענט איר? — אַזוי שפּעט? וואָס איז געשען?

שכן: קיין שום אויסערגעוויינטלעכס. איך וואָלט אפשר אין גאַנצן נישט געווען געקומען, נאָר מיין ווייב — איר פאַרשטייט...

מוטער: איך פאַרשטיי אייך נישט. וואָס ווילט איר אייגנטלעך?

שכן: מיין ווייב, דאָס הייסט, די שוועסטער פון מיין ווייב, זי האָט אַ חתן, דער חתן איז אַ פּאָליציאַנט, האָט ער היינט דערציילט דער שוועסטער פון מיין פרוי, אַז מאָרגן וועט מען אַלע יידן אַרויספירן אויפן בית־עולם און דאָרט —

מוטער: זיי אַלע דערהרגענען.

שכן: ניין, וואָס רעדט איר? דאָרט זיי שיקן אויף פאַרשיידענע אַרבעטס־פּלעצער.

מוטער: אַזוי הייסט עס אָפיציעל, אָבער ווייסט איר, וואָס עס איז געשען מיט די יידן פון שטעטל סקאַלאַ?

שכן: איך ווייס נישט.

מוטער: מען האָט זיי אַלע אויך אַזוי פאַרנאַרט אויפן בית־עולם און דאָרט אויסגעהרגעט. צי ווייסט איר טאַקע אויף אַן אמת נישט דערפון? נאָר וואָס האָט דאָס אַלץ איצט אַ שייכות מיט אייער באַזוך?

שכן: איר פאַרשטייט, אויב מאָרגן ציט איר זיך פון דאַנען אַרויס, די וווינונג בלייבט פריי — האָט מיר מיין ווייב געזאָגט, איך זאָל גיין צו אייך... מיר האָבן אַ קליינע וווינונג...

מוטער: הייסט עס, אַז איר גרייט זיך שוין צו נעמען מיין וווינונג. זייער שיין. מיך פרייט זייער צו זען מיינע יורשים. נאָר צי האָט איר זיך געמוזט צואיילן

שוין ביינאַכט? האָט איר שוין טאַקע נישט געהאַט קיין געדולד צוצוואַרטן ביז אין דער פרי, ווען מיר אַלע וועלן אַוועק פון דאַנען?

שכן: דעמאָלט קענען שוין אַנדערע קומען.

מוטער: ווילט איר זיי פאַרכאַפּן דעם וועג? אַהאַ...

שכן: מיינט ניט, אַז דאָס איז בלויז פון אונדזער טובה וועגן. ס'קענען קומען אומבאַקאַנטע מענטשן פון דער גאַס און אַלץ צונעמען. דעמאָלט זענען די זאַכן שוין פאַרפאַלן אויף אייביק. ביי אונדז — ווען איר זאָלט נישט קומען, האָט איר אייערע זאַכן צוריק.

מוטער: איך מיין, אַז איר קענט זיין רויק. מיר וועלן נישט קומען צוריק.

שכן: אָבער מען קען דאָך נישט וויסן —

מוטער: איז וואָס־זשע ווילט איר פון מיר?

שכן: די שליסלען פון דער טיר, פון די שאַפּעס...

מוטער: (קוקט אויף אים פאַרגליווערט אַ רגע) גוט, איך וועל זיי אייך געבן.

שכן: איך זע, אַז איר זענט אַ פאַרשטענדיקע פרוי.

מוטער: נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ. איך קען מיט מיר מיטנעמען געוויסע זאַכן, נאָר איך וועל גאָרנישט מיט'נעמען מיט זיך. איך וועל אַלץ איבערלאָזן פאַר אייך.

שכן: דאָס איז זייער שיין פון אייער זייט. איך דאַנק אייך!

מוטער: אָבער איך פאַרלאַנג עפּעס דערפאַר.

שכן: וואָס ווילט איר דען?

מוטער: ביי אייך זאָל בלייבן מיין קינד.

שכן: הם... דאָס איז נישט קיין לייכטע זאַך.

מוטער: איז דאָך זיין פאָטער געווען אַ פּאָליאַק.

שכן: אָבער זיין מוטער — אַ ייִדישע... און איר ווייסט דאָך, אַז מען באַהאַלט אויס אַ ייִדן, וואָס עס דראָעט דערפאַר.

מוטער: די ערשטע צייט וועט איר אים מוזן אויסבאַהאַלטן, אָבער ווי נאָר עס וועלן פאַרבייגיין די בהלה־טעג, וועט איר שוין נישט דאַרפן אַזוי מורא האָבן. זעט, איך טו אויס דאָס זייגערל מיינס (טוט עס). איך גיב אייך אַוועק דאָס גאַנצע געלט מיינס (נעמט אַרויס פון טעשל געלט און לייגט עס אַוועק) דאָ האָט איר עטלעכע גאָלדענע און זילבערנע כלים. (נעמט זיי אַרויס פון שאַנק) איך האָב אויך אַ פוטער (נעמט עס אַרויס פון שאַפע) דאָס אַלץ קען איך מיטנעמען, נאָר איך בין גרייט אייך עס צו געבן, אויב איר וועט באַהאַלטן מיין קינד.

שכן: (באַקוקט יעדע זאַך מיט גרויס גיריקייט, ענדלעך זאָגט ער) גוט. איר פאַרשטייט דאָך... דאָס קינד וועט מען דאַרפן דערנערן, מען וועט עס דאַרפן קליידן, שיכן. דערצו פאַרלאַנגט זיך דאָך...

מוטער: איך דאַנק אייך — איר קענט דאָס אַלץ צונעמען. ס'איז אייערס.

(ער גיט זיך גלייך אַ וואָרף אויף די זאַכן, וועלכע ער לייגט אַריין אין זעקל, וואָס ער ציט אַרויס פון אַ קעשענע און פּאַקט עס האַסטיק צונויף).

מוטער: און ווען וועט איר נעמען דאָס קינד?

שכן: דאָס קינד?... ווו איז דען דאָס קינד?

מוטער: עס ליגט אין צווייטן צימער און שלאָפט.

שכן: נו גוט, איר וועט אויפוועקן דאָס קינד, צוגרייטן עס, איך וועל דער־ווייל די זאַכן אַריבערנעמען צו זיך, אויסער דעם דאַרף איך דאָך רעדן וועגן דעם מיט מיין ווייב.

מוטער: אָ, מיט דער ווייב דאַרפט איר נאָך וועגן דעם איבעררעדן?... נו, גייט, רעדט איבער מיט איר און קומט באַלד.

שכן: אַז איר וועט פאַרטיק ווערן מיטן קינד, גיט אַ קלאַפּ אין דער וואַנט, איך וועל דערהערן און גלייך קומען.

(זי בלייבט אַ ווײַלע שטיין פאַרקלערט, ענדלעך זאָגט זי):

מוטער: און איצט, אויפוועקן דאָס קינד און עס צוגרייטן.

(לאָזט זיך גיין צום צימער לינקס, ווו דאָס קינד שלאָפט, עס עפנט זיך די טיר רעכטס און דער פאָטער שטייט אויף דער שוועל. זי גיט זיך אַ צי צוריק)

— אָ, טאַטע, דו וועסט שוין מוזן בלייבן היינט ביי מיר נעכטיקן. אויב דו וועסט זיך איצט לאָזן אין דער גאַס, קען מען דיך נאָך דערשיסן.

זיידע: אַפּנים ס'איז באַשערט מיר זאָלן צוזאַמען גיין צום טויט.

מוטער: וואָס? דו האָסט געהערט אונדזער געשפּרעך?

זיידע: די טיר איז אפילו געווען פאַרמאַכט, אָבער אַ טשאַד גייט אַדורך אויך דורך אַ פאַרמאַכטער טיר.

מוטער: איך וויל אים געבן דאָס קינד.

זיידע: נישט גוט, טאָכטער.

מוטער: ווייסטו וואָס פאַר אַן אחריות אויף מיר ליגט? עס איז מיין קינד.

זיידע: און דו ביסט מיין קינד.

מוטער: צי האָט דען דער מענטש, וואָס האָט געגעבן דעם קינד דאָס לעבן אויך אַ רעכט אים צו געבן דעם טויט?

זיידע: ניין, אָבער דער דאָזיקער מענטש איז ערב פאַר דעם דאָזיקן לעבן. פאַר זיין דערציִונג, און דו ווילסט עס איבערגעבן אַ צווייטן.

מוטער: דאָס גייט מיך איצט נישט אָן. מיר איז איצט גענוג בלויז דאָס, אַז מיין קינד וועט בלייבן לעבן.

זיידע: טאָכטער! מיר גייען אין דער פרי צום טויט. דער מאַן דיינער איז אַרעסטירט געוואָרן, ווי אַ קאָמוניסט, ווי אַזוי נאָר די דייטשן זענען אַריין אין

שטאָט, און קיין שום סימן פון לעבן איז פון אים נישטאָ. דאָס קינד וועט בלייבן ביי זיי. און וואָס איז אַ קינד? — אַ קינד הייסט המשך פון דיר, פון מיר, פון אונדזער פאָלק, פון זיין שטייגער און זיין שפּראַך. פון דעם אַלעם וועט דאָס קינד אָפּגעריסן און אָפּגעפרעמדט ווערן. ס'וועט געשטעלט ווערן אַנטקעגן דעם, פאַר וועלכן מיר גייען שטאַרבן און אויך אַנטקעגן דעם, פאַר וועלכן דיין מאַן האָט אַזוי פיל געליטן.

מוטער: זאָל איך אַליין אים פירן צום טויט? מיט מיינע אייגענע אויגן צוזען, ווי אַ קויל וועט לעכערן זיין גאָלדן קעפּל, אָדער, ווי מען וועט אים לעבעדיקערהייט באַגראָבן. אָט די אַלע אברים, וועלכע איך האָב אַזוי ציטערדיק געהיט, זיי זאָלן זיין געזונט און גאַנץ, זיי זאָלן זיך נישט פאַרקילן, נישט פאַרשטעכן — מיט אַ מאָל זיי לאָזן הפקר פאַר דער אכזריותדיקער מערדערישער האַנט? ניין, איך קען עס נישט צולאָזן. דאָס קען קיין מאַמע אויף דער וועלט נישט צולאָזן!

זיידע: און מיר איז שווערער פון אַלץ צו פאַרטראָגן דאָס, וואָס דאָס קינד וועט שטאַרבן, ווייל ס'איז אַ ייִד און דערביי גאָרנישט וויסן פון ייִדישקייט.

מוטער: דאַכט זיך, אַז איך הער טריט פון דעם קינדס צימער. האָט ער זיך נישט אויפגעוועקט פון שלאָף?

(זי גייט צו דער טיר, וואָס פירט לינקס אין שלאָפצימער, עפנט זי פאַרזיכטיק און בלייבט שטיין אויף דער שוועל).

— וואָס איז מיט דיר? איך האָב געמיינט, אַז דו שלאָפסט שוין לאַנג און דו דרייסט זיך גאָר אַרום איבערן צימער.

ייִנגעלע: איך קען נישט שלאָפן.

(זי פירט אים צו זיך. באַטראַכט אים מיט פאַרשנדיקע בליקן)

מוטער: וואָס איז געשען? וואָס פאַרוואָ בלייך פּנים ביי דיר?

(גיט אים אַ נעם נענטער צום ליכט, זיין העמד איז צעשפּיליעט)

אויף דיין ברוסט בלויע צייכנס!

(צענעמט אים זיין העמד)

און די פּלייצע צעוווּנדיקט! ווי אַזוי איז עס געשען?! ווען?!

ייִנגעלע: נאָך פון בייטאָג...

מוטער נאָך פון בייטאָג? און דו האָסט די גאַנצע צייט געשוויגן און מיר גאָרנישט דערציילט!

ייִנגעלע: דעמאָלט האָט מיר נישט אַזוי שטאַרק וויי־געטאָן. איצט, אין בעט, האָב איך נישט געקענט ליגן.

מוטער: און וואָס פאַר אַ שלעכטער מענטש האָט עס דיר געטאָן?

ייִנגעלע: קאַזשיק.

מוטער: וואָס פאַר אַ קאַזשיק?

ייִנגעלע: נו, דו קענסט דאָך אים — דער לאַנגער, דעם שכנס ייִנגל.

מוטער: (מיט שרעק) וואָס רעדסטו? דעם שכנס ייִנגל! און פאַרוואָס האָט ער דיך געשלאָגן — דו האָסט אים געוואָרפן אַ שטיין?

ייִנגעלע: ניין.

מוטער: און נישט צוגענומען ביי אים אַ שפּילעכל?

ייִנגעלע: אויך נישט.

מוטער: פאַרוואָס־זשע דען האָט ער דיך געשלאָגן? סתם אַזוי? — עס גלייבט זיך מיר נישט. דערצייל, ווי אַזוי ס׳איז געשען.

ייִנגעלע: ווען איך בין היינט אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, איז ער געשטאַנען מיט נאָך עטלעכע ייִנגלעך. איך גיי אַדורך, דרייט ער זיך צו מיר אויס און גיט אַ געשריי: זשידזשע!

מוטער: אַהאַ... און דו, וואָס האָסטו אים געענטפערט?

ייִנגעלע: איך האָב אים געזאָגט: דראַנגאַל.

מוטער: פאַרוואָס עפּעס?

ייִנגעלע: אַזוי רופט מען אים, ווייל ער איז אַ לאַנגער... האָט ער זיך אויף מיר געוואָרפן און מיך געשלאָגן... ער איז שטאַרקער...

מוטער: נו, און די חברים וואָס האָבן געטאָן?

ייִנגעלע: זיי האָבן געלאַכט. און אַז קאַזשיק האָט מיך אָפּגעלאָזט און איך בין געלאָפן אַהיים, האָבן זיי מיר אויך נאָכגעשריגן „זשידזשע". איינער האָט מיר אַפילו נאָכגעוואָרפן אַ שטיין.

מוטער: האָסט נישט געדאַרפט זאָגן קאַזשיקן דראַנגאַל.

ייִנגעלע: און פאַרוואָס האָט ער מיר געמעגט זאָגן זשידזשע?

(דער פאָטער, וואָס איז געשטאַנען אין הינטערגרונט, דערנענטערט זיך צום קינד)

זיידע: און צי מיינסטו, אַז זיין אַ ייִד, דאַרף מען זיך שעמען?

ייִנגעלע: (קוקט אויף אים פאַרוווּנדערט) ווער איז עס, מאַמעשי?

מוטער: דאָס איז דיין זיידע, מיין קינד.

ייִנגעלע: ער זעט דאָך אויס ווי דער הייליקער מיקאָלאַי!

זיידע: ניין, איך בין נישט דער הייליקער מיקאָלאַי. איך בין אַ פּשוטער ייִד.

ייִנגעלע: דו ביסט אַ ייִד? און דו ביסט מיין זיידע, אויף אַן אמת טאַקע?

מוטער: יאָ, יאַנעק, דאָס איז מיין טאַטע.

ייִנגעלע: און די באָבעשי, וואָס קומט צו מיר, אַזאַ גוטינקע, קושט מיך שטענדיק און ברענגט מיר צוקערלעך — זי איז אויך אַ ייִדישקע?

זיידע: יאָ, זי איז אַ יידישקע, און דיין מאַמע, און איך.

יינגעלע: אַלע יידן?

זיידע: אַלע.

מוטער: פאָטער, ס׳איז נישטאָ קיין צייט, מען מוז אים צוגרייטן.

זיידע: און דו האַלטסט נאָך אַלץ פון דעם?

מוטער: אַיך מוז, איך מוז. נישטאָ קיין אַנדער ברירה. הער, יאַנעק, מיר — מיר פאָרן אַוועק, דאַרפן מאָרגן אַוועקפאָרן. איך וויל דו זאָלסט אַריבערגיין ביז מיר וועלן צוריקקומען אַהער, צום שכן, צום פאַן וולאַדיסלאַוו.

יינגעלע: ביין, ביין, איך וועל נישט גיין. קאַזשיק וועט אויף מיר ווידער שרייען „זשידזע" און מיך שלאָגן!

מוטער: גאָט מיינער, וואָס טוט מען?

זיידע: ער איז אַ ייד, און אונדזער גורל איז אויך זיינער.

מוטער: רעד נישט אַזוי. איך וועל דאָס קינד נישט פרעגן (לויפט צו צו דער וואַנט און נעמט אין איר קלאַפּן) זאָל ער קומען אים נעמען. איך וועל דאָס קינד צווינגען צו גיין. ער וועט מוזן גיין! יאַנעק, קום אַהער, וועל איך דיך אָנטאָן.

יינגעלע (לויפט צו צום זיידן) זיידעניו, בעט די מאַמע, איך זאָל נישט גיין. (טוליעט זיך צו אים).

זיידע: טאָכטער, דו הערסט? לאָז אים איבער ביז יענער וועט קומען אים נעמען פון דאַנען.

מוטער: וואָס ווילסטו דען טאָן?

זיידע: דו וועסט עס באַלד זען. יאַנעק, ס׳טוט דיר נאָך וויי?

יינגעלע: נאָך אַ ביסעלע.

זיידע: אַ מעשהלע וואָלטסטו געוואָלט איך זאָל דיר דערציילן?

יינגעלע: אוי, דערצייל, דערצייל!

זיידע: טאָ הער: אַמאָל, אַמאָל האָט אין אַ ווייטן, ווייטן לאַנד געלעבט אַ מענטש, און דער מענטש האָט געהייסן אַברהם.

יינגעלע: (חזרט איבער לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך עפּעס דער־מאָנען, אָדער פאַרגעדענקען) אַב־רה־הם...

זיידע: און דער דאָזיקער אברהם האָט געהאַט אַ זון, אַן איינציקן און ער האָט געהייסן יצחק.

יינגעלע: יצ־חק...

זיידע: איין מאָל האָט גאָט — האָסט געזען דעם בלאָען הימל און די שיינע שטערנדלעך אין אים ביינאַכט? דאָרט וווינט ער, דער גאָט פון אברהם — איז איין מאָל האָט גאָט געזאָגט צו אברהמען: נעם דיין זון, דיין איינציקן, וועלכן דו האָסט ליב, יצחקן, און ברענג אים מיר פאַר אַ קרבן.

מוטער: און דער שכן קומט נישט.

זיידע: אפשר האָט ער נישט געהערט דיין קלאַפּן?

מוטער: דאָס איז נישט מעגלעך. אַז מען קלאַפּט אַריין אַ טשוואָק פון יענער זייט, הער איך שטענדיק.

זיידע: ער האָט זיך מסתמא באַראָטן מיטן ווייב, און דאָס ווייב באַשטייט נישט, אָדער זי האָט פשוט מורא.

מוטער: גאָט מיינער, דאָס טאָר נישט געשען! איך וועל ווידער פּרוּוון.

(קלאַפּט שטאַרקער אין דער וואַנט)

יינגעלע: זיידעניו, פאַרוואָס דערציילסטו נישט ווייטער?

זיידע: אַ, ווי האַלט איך?

יינגעלע: און גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען...

זיידע: יאָ, און גאָט האָט געזאָגט צו אברהמען: נעם דיין זון, דיין איינציקן, וועלכן דו האָסט ליב, יצחקן, און ברענג אים פאַר אַ קרבן.

יינגעלע: און וואָס איז עס אַזוינס קרבן?

זיידע: אַזאַ סימן פון טריישאַפט און איבערגעגעבנקייט. איז אברהם אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, אָנגעזאָטלט זיין אייזל און זיך געלאָזט מיט יצחקן אין וועג אַריין. זיי זענען געריטן און געריטן, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַ באַרג. ביים באַרג האָט אברהם צעלייגט דאָס האָלץ און אויף דעם האָלץ־שייטער אַרויפגעלייגט יצחקן. פרעגט יצחק: טאַטע, וואָס ווילסטו טון? ענטפערט אים דער פאָטער: איך וויל דיך ברענגען צו גאָט פאַר אַ קרבן. און דו ליבסט דעם גאָט דיינעם? פרעגט יצחק. ענטפערט אברהם: איך האָב אים זייער ליב. טאָ ברענגשע מיך צו אים פאַר אַ קרבן, זאָגט יצחק. הייבט אויף אברהם דאָס מעסער, נאָר די הענט ציטערן אים. דערזעט עס יצחק און זאָגט צום פאָטער: טאַטע, שטאַרק זיך!

יינגעלע: אוי, וואָס פאַר אַ מוטיקער — דער יצחק!

זיידע: הייבט אויף אברהם דאָס מעסער. נאָר פלוצים פילט ער, ווי עמעצער האַלט אים צו די האַנט מיטן מעסער. און ער זעט — אַ מלאך! אַ, ווי געפעלט דיר דער יצחק?

יינגעלע: אַ־אַ־זייער!

זיידע: און דו וואָלטסט אויך נישט מורא געהאַט פאַרן מעסער?

יינגעלע: איך וואָלט נישט מורא געהאַט. און סיי ווי ווייס איך דאָך, אַז דער מלאך וועט קומען און צוהאַלטן די האַנט מיטן מעסער...

זיידע: קינד מיינס, נישט תמיד קומט דער מלאך...

מוטער: און דער שכן קומט נישט. ער קומט נישט!

(זי גייט צו צום פענצטער. הייבט אויף דעם פאָרהאַנג. אין צימער גיט אַ פלייץ־אַריין פרימאָרגן־שיין)

— ווי איז מיר, ס'איז שוין טאָג!

(פון דער גאַס הערט זיך אַ פויקן. דאָס פויקן קומט אַלץ נענטער. די פויק שטילט זיך איין און מען הערט)

שטים: באַפעל פון שטאָט־קאָמענדאַנט! אַלע ייִדן מוזן היינט אין דער פרי זיך פאַרזאַמלען אויפן בית־עולם. ווער ס'וועט נישט קומען, זיך אויסבאַהאַלטן — וועט ווערן גלייך אויפן אָרט, ווו מען וועט אים כאַפּן — דערשאָסן!

(ווידער הערט זיך אַ פויקן. דאָס פויקן ווערט אַלץ ווייטער און ווייטער)

מוטער: פּאָטער, יאַנעק, מיר וועלן גיין. (צום קינד) איך האָב נאָר־וואָס פאַרענדיקט פאַר דיר שטריקן אַ סוועטער. נעם, טו אים אָן אויף זיך, ס'זאָל דיר נישט קאַלט זיין אויפן וועג.

ייִנגעלע: (דערפרייט) נעמט איר מיך מיט, וועל איך טאַקע גיין מיט אייך אינאיינעם?

מוטער: יאָ, מיין קינד, דו וועסט גיין מיט אונדז אינאיינעם.

(זי טוט אָן דעם קינד דעם סוועטער. נעמט אים פאַר דער האַנט)

זיידע: און דער מלאך איז נישט געקומען...

ייִנגעלע: וווהין גייען מיר, מאַמע?

מוטער: ווייט, מיין קינד, ווייט אַוועק פון דאַנען.

ייִנגעלע: און אויב דער טאַטע וועט קומען, וועט אונדז זוכן, ווי אַזוי וועט ער אונדז טרעפן?

מוטער: קינד מיינס, אויב דער טאַטע וועט אַ מאָל צוריקקומען, וועט ער שוין אונדז דאָ נישט טרעפן. ער וועט אָבער טרעפן די שונאים און וועט פאַר אונדז נקמה נעמען, נקמה!

(אַלע דריי גייען אָפּ)

(סוף)

מיניאטור

ווו איז דיין נבואה?

דער נביא יחזקאל האָט געזען אַ טאָל. אין טאָל זענען געלעגן צעוואָרפענע, געלע, פאַרטריקנטעביינער פון מענטשן, האָט ער געהערט אַ שטים: קענען די ביינער נאָך אויפלעבן? האָט ער געענטפערט: נאָר דו, גאָט דער האַר, ווייסט.

און פלוצים איז געשען אַ נס: די ביינער האָבן זיך צונויפגענומען, אָנגעטאָן זיך מיט פלייש, זיך פאַרצויגן מיט אָדערן און ס'איז געוואָרן אַ גרויסע מחנה.

די אַלע געשאָכטענע, געהאָנגענע, דערטרונקענע פון די קרייצצוגן, פון די גזירות ת"ח ות"ט, פון פעטליוראַן — זיי וואַרטן אויף דער רגע, ווען ס'וועלן זייערע ביינער זיך צונויפנעמען, זיך אָנטאָן מיט פלייש, זיך פאַרצי:ען מיט אָדערן — זיי וואַרטן שוין לאַנג, אָבער זיי וואַרטן נאָך אַלץ געדולדיק.

וואָס וועט אָבער זיין מיט די קדושים פון ת"ש — תש"ה? וואָס וועט ווערן פון די מיליאָנען פאַרברענטע אין די קרעמאַטאָריעס? ווו איז דיין נבואה פאַר זיי, אָ, נביא? פון זיי זענען דאָך אַפילו קיין ביינער נישט געבליבן, נאָר אַש און דאָס אַש האָבן ווינטן צעטראָגן איבער אַלע שבעה ימים.

ווו איז דיין נבואה, אָ נביא, וועגן דעם, וואָס וועט באַפעלן די ווינטן צוריק־צוברענגען און צונויפצוזאַמלען דאָס אַש אויף איין אָרט?

ווו איז דיין נבואה, אָ נביא, אַז גאָט וועט אַריינבלאָזן זיין לעבעדיקן אָטעם אין אַש, אַזוי ווי ער האָט עס געטון בראשית אין שטויב?

אין בילדער - מוזיי

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אַפּרוען אויף אַ באַנק. זיצנדיק, האָב איך דער־ווייל געקוקט אויפן בילד וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט אַקעגן. דאָס האָט פאַרגעשטעלט אַ פרוי, וואָס גייט אַרויס פון טייך און אויף איר קערפּער שימע־רירן די טראָפּנס וואַסער אין דער זון. וויפל פרישקייט, בייגעוודיקייט און וויפל לוסט און לעבן אין דעם קערפּער!

פלוצים האָב איך באַמערקט זיצן לעבן מיר אַן אַלטע פרוי, פאַרגליווערט. אַזאַ פרוי האָט מען אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אין וואַקספיגורן־מוזיי. יעדער

מיינט, אַז דאָס איז אַ לעבעדיקע. מ׳זעצט זיך לעבן איר אַוועק און מ׳דערשרעקט זיך: די פרוי איז גאָר פון וואַקס! אָבער דאָ איז דאָך נישט קיין וואַקספיגורן־מוזיי. איך בייג זיך נענטער צו איר צו און די אַלטיטשקע גיט זיך אַ ריר. זי שעפּטשעט:

— אַנטשולדיקט... איך שלאָף נישט... איך קוק אויפֿן בילד אַקעגן. וואָלט איר געגלייבט, אַז איך... אַז איך בין יענע פרוי אויפֿן בילד?

איך קוק אַ דערשטוינטער באַלד אויף איר און באַלד אויפֿן בילד. זי שעפּטשעט ווייטער:

— איך שטיי אויף דער גאַס און בעטל. קיינער קוקט זיך אויף מיר נישט אום. נאָר דאָ — באַוווּנדערן מיך יעדן טאָג הונדערטער מענטשן פון דער גאַנצער וועלט. לעבעדיקע גייען אויפֿן בית־עולם אָפּצוגעבן כּבֿוד די טויטע, נאָר איך, איך גיי יעדן זונטיק אַהער, כּדי אַ טויטע זאָל אָפּגעבן כּבֿוד אַ לעבעדיקער.

און באַלד זיצט זי שוין ווידער שטיל און פאַרגליווערט ווי אַ וואַקסענע פיגור.

צוויי קאַטאַסטראָפעס

ס׳איז געווען אַ זומער־טאָג. דער מענטש איז געגאַנגען אין גאַס. ער איז צוגעקומען צו אַן אָרט אויף וועלכן וועגן קרייצן זיך. דער סיגנאַל האָט געוויזן, אַז מען קען אַריבערגיין, האָט ער זיך געלאָזט אין וועג. פּלוצים האָט זיך דער סיגנאַל געביטן, דער מענטש האָט זיך גענומען איילן און — אַ פליגעלע איז אים אַריין אין אויג.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ סעקונדע. געוואָלט מיט דער האַנט אַרויסנעמען דאָס פליגעלע. אַן אויטאָ האָט מיט דער גאַנצער שנעלקייט אַ יאָג־געטון, אים אומגעוואָרפן און צעריבן.

זענען געלעגן צוויי טויטע: דאָס פליגעלע אין מענטשנס אויג, און דער מענטש — אונטערן אויטאָ.

דער פּראָפעסאָר

דער פּראָפעסאָר האָט גערעדט וועגן די פאַרשיידענע תּקופֿות אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. ווי גלענצנדיק ער האָט פעסטגעשטעלט דאָס אַלץ געשעענע אין משך פון לאַנגע דורות, מיטן יאָר, מיטן חודש, מיטן טאָג.

נאָר בשעת־מעשה האָט ער יעדעס מאָל נערוועז אַרויסגענומען דאָס זייגערל פון דער קעשענע. ער האָט זיך די גאַנצע צייט נישט אָריענטירט צי איז שוין די שעה — די באַשטימטע צייט פאַר זיין רעפעראַט — פאַרגאַנגען, אָדער נישט.

וועגן דער אַזויגערופענער פרייהייט

דער גרויער מענטש פאַרבייט דאָס נישט אַרבעטן מיט דעם באַגריף פרייהייט. ווען אַ מענטש פון דער מאַסע חלומט פון דער פרייהייט, זעט ער זי אין אַ צייט פון בלויז זונטיקן און ימים־טובים.

ווען ס׳קומט אָבער זונטיק אָדער חגא, גייט אַוועק דער דאָזיקער מענטש אין קינאָ, ד״ה ער פאַרלאָזט זיין אייגן לעבן און גייט אַריבער אין אַנדערע לעבנס און גורלות. אָדער ער גייט אין שענק אַריין, כדי ווידער דורכן טרינקען צו פאַרגעסן אין אייגענעם לעבן.

איז וואָס טוט ער מיט דער דאָזיקער פרייהייט? — ער בענקט נאָך איר, כדי ווען זי קומט — פון איר צו אַנטלויפן.

אַ לויב דער האַנט

איך וויל זינגען אַ לויבליד דער האַנט.

נישט דערפאַר, ווייל זי האַלט אַ שווערד צו קעמפן אין דער שלאַכט; נישט דערפאַר, ווייל זי האַלט אַ האַמער צום שמידן אייזן; נישט דערפאַר, ווייל זי האַלט אַ רידל אויף צו גראָבן די ערד; אויך נישט דערפאַר, ווייל זי האַלט אַ פעדער אויף צו שרייבן. — צוליב עפּעס אַנדערש, צוליב עפּעס אַנדערש.

צוליב דעם, וואָס בעת איינער וויל דעם צווייטן אַ קלאַפּ־טון, הייבט זיך אויף תיכף ומיד די האַנט פון איבערגעפאַלענעם צו שיצן מיט זיך דאָס אָרט פון גוף, אויף וועלכן דער קלאַפּ קען פאַלן און איז גרייט צו נעמען דעם קלאַפּ אויף זיך.

ליכט

באַגינען ליג איך אין בעט מיט אָפענע אויגן, כדי צו זען, ווי דאָס ליכט ראַנגלט זיך מיט דעם חושך.

דערווייל איז די פינצטערקייט אַ קנויל שוואַרצער ביינוול. דאָס ליכט נעמט אָבער וועבן אין שוואַרצן קנויל אַריין ווייסע פעדים. ס׳מישן זיך די ווייסע מיט די שוואַרצע. די ווייסע ווערן אַלץ מער און מערער און די שוואַרצע — ווייניקער, שיטערער.

די שלאַכט גייט עקשנותדיק, פאַרביטערט, צוליב־יעדן טריט, צוליב יעדער זאַך.

צוליב דעם טיש גייט די שלאַכט. אַ געפאַנגענער אין חושך, בינדט דאָס ליכט אָפּ פון זיינע פיס די שוואַרצע פעדים — ער איז באַפרייט.

צוליב דער ביכער־שאַנק גייט די שלאַכט. ליכט וועבט אַרום מיט ווייסע פעדים די ביכער: קעמפט פאַר יעדן בוך באַזונדער — געזיגט. די ביכער געהערן דעם ליכט.

אויף דער וואַנט הענגט אַ בילד. אויף אים — אַ פינצטערע לאַנדשאַפט. דאָס ליכט פאַרנעמט די ערשטעביימער און פאַרבט זיי אָפּ אויף גרין. דאָס ליכט פאַרגיסט דעם הימל מיט בלאָ און גייט אַריבער אַן אַ בריקל דעם טייך.

און אין צימער קייקלט זיך, קייקלט זיך דער ווייסער קנויל ביינוול. אַט וויקלט ער זיך אַרום מיר. איך בין אין ליכט. אין ליכט.

און כאָטש איך ווייס אויף זיכער, אַז יעדעס מאָל מוז זיגן דאָס ליכט איבערן חושך, לעב איך איבער פון דאָס ניי יעדן פרימאָרגן דעם דאָזיקן געראַנגל מיט שרעק און מיט שפּאַנונג, ווי אָדם אין זיין ערשטן באַגינען.

סימנים פון עלטערן זיך

ווי מיילשטיינער ביי וועגן באַצייכענען דעם מרחק, אַזוי שטעלן פעסט געווויסע געשעענישן און דערשיינונגען אין לעבן די עלטער פונעם מענטשן. אַלס קינד האָב איך געוואָלט שוין רייכערן, ווייל דאָס איז אַ סימן, אַז מען איז שוין אַ „גרויסער". דאָס זעלבע איז בר מצוה געווען אַ וויכטיקער ענין, ווייל מען ווערט אַ „זעלבשטענדיקער מענטש" מיט אייגענע מצוות און עבירות. איך האָב אויך געחלומט צו טראָגן לאַנגע הויזן, געוואָלט זיך שוין ראַזירן — אַלץ סימנים פון ווערן אַ גרויסער.

אַן עלטערע פרוי האָט מיר דערציילט:

— איך בין געפאָרן אין מעטראָ, דער קופּע איז געווען איבערפולט. איך בין אַ ווילע געשטאַנען, נאָר באַלד האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ אַ יינגל און מיר אים אָפּגעטרעטן. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט און ס'איז מיר מיטאַמאָל געוואָרן זייער טרויעריק אויפן האַרצן. דאָס יינגל האָט זיך דאָך נישט אויפגעהויבן דערפאַר, ווייל איך בין סתם אַ פרוי. דערצו האָט ער געדאַרפט זיין עלטער און איך — יינגער. נאָר וואָס דען? ער האָט זיך אויפגעהויבן דערפאַר, ווייל עס פירט זיך, אַז אַן עלטערער פרוי דאַרף מען אָפּטרעטן דעם פּלאַץ. די דאָזיקע, אייגנטלעך, אידעלע טאָט פון יינגל האָט מיר עגמת־נפש פאַרשאַפט ווי די גרעסטע עוולה וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן קעגן מיר אין לעבן. פון דעם מאָמענט אָן האָב איך זיך אָנגעהויבן צו פילן אַלט.

די פרוי פון די לאָטעריע־צעטלען

די פרוי זיצט אין דעם ביידל און פאַרקויפט לאָטעריע־צעטלען. די ציִונג קומט פאַר יעדן מיטוואָך. נאָך דער ציִונג זיצט זי רויִק אין ביידל און וואַרט אויף אַ קונה. אָבער וואָס מער עס דערנענטערט זיך דער מיטוואָך , אַלץ לעבעדיקער ווערט זי און אַגרעסיווער. דינסטיק גייט זי אַפילו אַרויס פון דעם ביידל און רופט צו די פאַרבייגייערס:

— לאָטעריע־צעטלען; קויפט לאָטעריע־צעטלען! מאָרגן, מיטוואָך, איז די ציִונג!

דאַנערשטיק אינדערפרי זיצט זי שוין ווידער שטיל און פאַרגליווערט אין דעם ביידל. זי וואָגט נישט צוצוזאָגן די מענטשן אַזאַ גליק, וואָס קען ערשט קומען אין אַ וואָך אַרום.

נאָר דורך דעם ביידל גייען דורך יעדן טאָג הונדערטער, טויזנטער מענטשן, וואָס לעבן מיט אידעען, וואָס זאָגן צו דאָס גליק אין אַ יאָר אַרום, אין צען, אין הונדערט, אין טויזנט, באחרית הימים.

אַ צייט פון שענקען און אַ צייט...

„אַמאָל איז געווען", אַזוי הייבן זיך אָן אַלע מעשות פאַר קינדער.

„אַמאָל וועט זיין", אַזוי הייבן זיך אָן אַלע מעשות פאַר דערוואַקסענע.

און אין פּיסק פון „אַמאָל וועט זיין", וואַרפן מיר יעדן טאָג אַריין לעבעדיקע שטיקער פלייש פון אונדזער קעגנוואַרט.

אַ בחור וואַרט אויף אַ מיידל. ער האָט זיך מיט איר אָפּגעשמועסט אויף זיבן אַ זייגער אין אָוונט. ס'איז ערשט האַלב זיבן. דער בחור זאָגט: אַך, ווען ס'איז שוין זיבן! ער וויל אַוועקשענקען אַ האַלבע שעה.

ס'איז דער דריי און צוואַנציקסטער פון חודש. דעם באַאַמטן פעלט שוין אויס געלט אויף צו לעבן. ער זאָגט: אַך, ווען ס'איז שוין דער ערשטער! ער וויל אַוועקשענקען אַ וואָך.

דער אַרעסטאַנט האָט נאָך אַ יאָר צו זיצן אין תפיסה. ער זאָגט: אַך, ווען ס'איז שוין איבעראַיאָר אין דער צייט! ער וויל אַוועקשענקען אַ יאָר.

נאָר ווען דער מענטש האַלט ביים שטאַרבן, קרעכצט ער: איך גיב אַלץ אַוועק וואָס איך פאַרמאָג, אַז איך זאָל לעבן נאָך אַ יאָר, כאָטש נאָך אַ וואָך, כאָטש נאָך אַ האַלבע שעה!

וואָס עמעצער גיט

ס'איז שוין דער גורל פון אַ טייל מענטשן צו דאַרפן געבן אַנדערע דאָס, וואָס זיי האָבן אַליין נישט. למשל, וויפל ברכות אויף עשירות, געזונט און לאַנגע יאָרן גיט יעדן טאָג אַוועק אַן אָרעמאַן. איך וויל דאָ אָבער איצט נישט רעדן וועגן אָרעמעלייט, נאָר וועגן... אַ גלח.

אין שכנות פון דער גאַס, וווּ איך וווין, געפינט זיך אַ זייער אַלטער קלויס־טער. ווען איך גיי דורך אים פאַרביי, רופט ער ביי מיר אַרויס די אַלטע צייטן. נאָר די פראַנצויזן, וואָס וווינען אַרום אים, פאַר זיי איז ער נישט בלויז גע־שיכטע. זיי זענען אין אים מתפלל. די מענער בעטן, אַז די געשעפטן זאָלן זיי גוט גיין און די פרויען — זיי זאָלן געפעלן די מענער (נישט בלויז די אייגענע).

איצט שטייען פאַר דעם קלויסטער אויטאָמאָבילן. אין קלויסטער קומט פאָר אַ חתונה. אָט גייען אַרויס פונעם קלויסטער חתן־כלה, און נאָך זיי — די משפחה און פריינד. אויף דער שוועל באַווייזט זיך אויך דער גלח. ער קוקט נאָך די חתן־כלה (אייגנטלעך, נאָר דער כלה). די כלה איז זייער אַ יונגע, קוים זיבעצן, און זייער אַ שיינע. וואָס האָט ער איצט געטון? — ער האָט געגעבן אַ בחור די רעכט דאָס דאָזיקע יונגע און שיינע מיידל צו קושן, האַלדזן, ווען אים וועט זיך פאַרגלוסטן. אַלזאָ, זיין אַרבעט באַשטייט אין געבן דערלויבענישן אַנדערע צו טון דאָס, וואָס אים אַליין איז פאַרבאָטן.

אויפן גלחס פּנים באַווייזט זיך אַ פינצטערע מינע. ער טוט עפּעס אַ וואָר־טשע. איך בין זיכער, אַז דאָס איז שוין נישט קיין ברכה פאַרן יונגן פאָרפאָלק.

דאָס פינטעלע

אויף דער רעכטער באַק האָט ער געהאַט אַ שוואַרץ פינטעלע. ער האָט איר דערציילט, אַז דאָס ערשטע מיידל, וואָס ער האָט געקענט, פלעגט ליב האָבן צו קושן דווקא דאָס דאָזיקע אָרט.

פון דעמאָלט־אָן ווען זי פלעגט אים קושן דאָס פּנים, פלעגט זי אויסמיידן דאָס פינטעלע. זי האָט זיך געשראָקן פאַר דעם פינטעלע פרעמדן אייגנטום אויף זיין פּנים.

די צווייגן פון עפּלבוים

די צווייגן פון עפּלבוים האָבן געחלומט, אַז אויף זיי זאָלן וואָס מערער עפּל וואַקסן און די עפּל זאָלן זיין וואָס גרעסערע.

און ס'איז געשען: גערעטעניש! די צווייגן זענען געשטאַנען אין גאַנצן פאַרשיט מיט עפּל פון אַ ווונדערלעכער גרייס.

און אונטער דער לאַסט פון אייגענעם מקוים־געוואָרענעם חלום זיך איינ־געבראָכן.

מוטער און קינד

די מוטער פירט אָפּ דאָס קינד אין שול.

מען מוז אַכטונג געבן אויף דעם קינד. ס'קען נאָך חלילה אַ פאַל־טאָן ביים אַראָפּגיין די טרעפּ פון הויז. ס'קען זיך, חלילה, אויסגליטשן אויפן אייז, צי אַן אויטאָ קען עס איבערפאָרן. בעת ס'פאַרקוקט זיך אַ רגע — לויערן הונדערטער אומגליקן.

דאָס קינד גייט אויף דער גאַס און חלומט פון אַ סך ווייט־ווייטע זאַכן, נאָר די מוטער זעט בלויז דאָס סאַמע נאָענטסטע — דאָס קינד ביי איר זייט.

און פּלוצים זעט זי: דאָס קינד איז דאָך אויסגעוואַקסן! ווי הויך און שלאַנק דאָס איז געוואָרן! דאָס איז דאָך נישט מער קיין קינד — דאָס איז שוין אַ מויד!

אָט באַלד און זי וועט זיך אויסדרייען צו איר און ברוגזדיק אַ פרעג־טאָן: וואָס פירסטו מיך אין שול אַריין? איך בין שוין אַ גרויסע. איך וועל אַליין טרעפן דעם וועג!

און פון דעמאָלט וועט זי אַלע אירע וועגן שוין גיין אַליין.

ס'טוט איר אַזוי באַנג. טרערן לויפן אויף אין אירע אויגן. די יונגע מוטער שלעפט זיך נאָך איר טאָכטער איינגעבויגן — אַ זקנה.

מאַן און ווייב

יונגערהייט, ווען זיי האָבן זיך ליב געהאַט, האָבן זיי זיך באַמיט וואָס מער צו באַהאַלטן פאַר דער וועלט זייער ליבע.

נאָר איצט, אויף דער עלטער, באַמיִען זיי זיך וואָס מער צו באַהאַלטן פאַר דער וועלט זייער שנאה.

זי ווייסט, אַז ער — — —

און ער ווייסט, אַז זי — — —

האָבן זיי בײדע געשלאָסן אַ בונד: פֿאַר דער וועלט נישט אויסצוגעבן איינער דעם אַנדערן. איז פֿאַר געסט, וואָס קומען אין שטוב אַריין פֿון צייט צו צייט: קוצעניו־מוצעניו!

ווען זיי בלייבן אָבער אַליין אין שטוב, ווען מען פֿאַרשליסט די טיר און מען לאָזט אַראָפּ די פֿאָרהאַנגען איבער די פֿענצטער, שרייט ער צו איר:

— דו מיאוסע פֿליאַטקע־מאַכערין!

און זי — צו אים:

— דו אַלטער נודניק!

ס׳ווערט זיי דעמאָלט לייכטער אויפֿן האַרצן און זיי לייגן זיך באַרויִקטע שלאָפֿן.

ווי אַמאָל אַלס קינד...

מיט יעדן טאָג קום איך אַלץ נענטער צו דיר, מאַמע.

איך ווייס: ווי אַמאָל, בעת איך האָב פֿאַרשפּעטיקט צו קומען אַהיים און דו האָסט זיך געשטעלט ביים פֿענצטער וואַרטן אויף מיר מיט בענקשאַפֿט — אַזוי וואַרטסטו אויך איצט אויף מיר.

ווען איך וועל קומען, וועט דער טאַטע אַוודאי מיך פֿרעגן: פֿאַרוואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג געזאַמט? וואָס האָסטו זיך געלערנט? מיש־אויף דאָס חומש!

נאָר דו וועסט זאָגן דעם טאַטן, אַז ס׳איז שוין שפּעט. אַז איך בין מיד. אַז איך שטיי קוים אויף די פֿיס. אַז די אויגן קלעפּן זיך מיר צו. דערנאָך וועסטו פֿון מיר אַראָפּציִען די מלבושים, מיך צוטראָגן אויף די הענט צום געלעגער און איך וועל, ווי אַמאָל אַלס קינד, איינשלאָפֿן שנעל און אָן חלומות.

דער זומער

אין דער אַלטער היים איז יעדעס יאָר געווען אַ פֿרילינג, אַ זומער, אַ האַרבסט און אַ ווינטער. יעדע תקופה פֿאַר זיך אָפּגעזונדערט. דאָ פֿאַרשלינגט אָפֿט דער זומער דעם האַרבסט און דער ווינטער — דעם פֿרילינג. איך האָב זיך בשום אופֿן נישט געקענט דערוואַרטן אויפֿן זומער.

איין מאָל האָב איך אָפּגעגעסן מיטאָג אין שטוב און פֿאַרגעסן אָפּצווישן דעם טיש. ווען איך בין צוריקגעקומען, האָב איך געזען אויפֿן טיש, צווישן די ברעקלעך ברויט — אַ פֿליג.

איך האָב זיך זייער דערפֿרייט מיט איר! ניין, דאָס איז נישט יענע פֿליג

וואָס פאַלט אַריין אין דער זופּ און פאַרשלאָגט דעם אַפּעטיט ווייטער צו עסן. דאָס איז אויך נישט יענע פליג, וואָס טשעפּעט זיך צו צום שטערן, צו דער נאָז, צו די אויערן, בעת מען קוקט אַריין אין אַ בוך און זי שטערט צום לייענען. דאָס איז אַן אַנדערע, גאָר אַן אַנדערע פליג — דאָס איז די אָנזאָגערין פון זומער!

דער אַלטער

ער האָט זיך געשלעפּט איבער דער גאָס, דער אַלטער. געשטעלט דריבנע טריטעלעך. פאַרזיכטיק, ציטערדיק, ווי אַן אָרעמאַן, בעת ער צאָלט מיט זיינע לעצטע מטבעות. יעדעס מאָל האָט אים אַן אַנדערער איבערגעיאָגט, געלאָזט הינ־טער זיך.

אין דער לופטן פליִען מענטשן אין עראָפּלאַנען. איבער דער גאָס יאָגן מענטשן אין אויטאָמאָבילן. אַפילו אונטער דער ערד איילן זיך מענטשן אין באַנען. וווהין איילן זיך אַזוי די מענטשן, וווהין? — אַזוי אַלט צו ווערן ווי ער?

אָט פאָרט דורך פּאַמעלעך אַ מאַמע מיט אַ וועגעלע. פון וועגעלע שטעקט אַרויס אַ קעפּעלע פון אַ קינד. ער איז מוחל די מענטשן די עראָפּלאַנען, די באַנען, די אויטאָס — אין אַזאַ וועגעלע וואָלט ער געוואָלט נאָכאַמאָל פאָרן. אין אַזאַ קינדער־וועגעלע...

אַן אַ נאָמען

ער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אייגענעם נאָמען. ער איז געווען אַ סטאַטיסט אין אַ טעאַטער. אויף די אַפישן און אויף די פּראָגראַם־צעטלען פלעגט מען צום סוף איבערלייענען: פאָלק, געסט, חייל און אַנדערע.

דאָס איז ער אָפט געווען איינער פון פאָלק; אַ גאַסט, אָדער אַ סאָלדאַט.

בעת אַ באַן־קאַטאַסטראָפע איז ער אומגעקומען. די צייטונגען האָבן איבער־געגעבן, אַז עס זענען פאַראַן עטלעכע צענדליגע קרבנות. מען האָט דערמאָנט אַ באַרימטן אַטלעט, אַ פאַבריקאַנט פון זייד, אַ העכערן באַאַמטן פון אַ מיניסטעריום.

זיין נאָמען איז נישט דערמאָנט געוואָרן. ער איז אויך נאָכן טויט געווען איינער פון די „און אַנדערע".

ישראל אשענדארף

דאָס צווייטע בעט

איך האָב געבעטן אין האָטעל אַ באַזונדער צימער פאַר מיר אַליין. זענען אָבער דאָרט געווען בלויז צימערן פאַר צוויי. האָב איך נישט געהאַט קיין ברירה און אַזאַ צימער גענומען. קיינער האָט מיט מיר אין דעם צימער נישט געוווינט. אָבער ס׳איז דאָרט געשטאַנען נאָך אַ בעט.

מילא, זאָל זיך שטיין נאָך אַ בעט, וועמען אַרט עס? איך כאַפּ דאָך נאָך אַ מציאה: איך צאָל פאַר איין גאַסט און וווין אין אַ גרויס צימער פאַר צוויי. פון דעסטוועגן האָב איך נישט געהאַט קיין רו.

ס׳האָט מיר קיין רו נישט געגעבן דאָס צווייטע בעט. ס׳האָט אין מיר אויפ־געוועקט פאַרשיידענע מחשבות. וואָלט עמעצער אין אים געשלאָפן, איז דער ענין גאַר פשוט: איך זע דעם דאָזיקן מענטשן. ער איז אַ יונגער, אָדער אַן אַל־טער. ער איז אַ שוואַרצער, אָדער אַ בלאָנדער. ער זעט אויס צו זיין אַ גוטער, אָדער אַ שלעכטער — איך ווייס מיט וועמען איך האָב צו טון.

ליגט דאָרט קיינער נישט — האָט יענער נישט קיין איין צורה, נאָר אַן אַ צאָל. ער איז פיל־פנימדיק. ער איז סודותדיק. ער רייצט זיך מיט מיר כסדר: איך קען ווערן וועד איך וויל. איך קען זיך יעדע רגע בייטן, ווי מיר גלוסט זיך און דו ביסט קעגן דעם אָנמעכטיק, הילפלאָז.

און נישט נאָר אין דמיון גיט ער מיר נישט קיין רו. ער קען דאָס שטענדיק באַווייזן אויף דער וואָר: יעדע רגע קען זיך עפענען די טיר און ס׳זאָל זיך באַ־ווייזן ער — אַ פרעמדער, נישט־געבעטענער — אַוועקשטעלן איין וואַליזע, אַ צווייטע, אַ דריטע, און וואָס דער עיקר: זיך אַוועקלייגן אויפן בעט, אויף דעם צווייטן, ווייל דאָס איז זיינס.

און פאַרוואָס בלויז אַ מאַן — דאָס קען אויך זיין אַ פרוי...

ווער איז זי, די פרוי?

קען זיין, אַז דאָס איז דאָס מיידל, וואָס איך האָב געקענט פאַר דער מלחמה. דאָס מיידל מיט דעם העל־ווייסן פנים און מיט די שוואַרצע געקרויזטע האָר. איך פלעג זי באַגעגענען יעדן אין דער פרי אויפן וועג. איך בין געלאָפן צו דער אַרבעט, און זי — אין שול אַריין. מיר פלעגן אין איילעניש איינער אויפן צווייטן וואַרפן אַ בליק און ווייטער לויפן. אין אָוונט זענען מיר ביידע אַרויס־געגאַנגען אויף דער שפּאַציר־גאַס, כדי זיך דאָרט צו באַגעגענען. אַרויסגעגאַנגען נאָר צוליב דעם, כדי זיך צו באַגעגענען. מיר זענען זיך איין מאָל אָקעגנגעקומען, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל, נאָר יעדעס מאָל זיך אויסגעמיטן, ווייטער געגאַנ־גען. זיך געשעמט, נישט געוואָגט זיך צו ווענדן איינער צום צווייטן. און טאַקע קיין מאָל זיך נישט דערנענטערט.

פאַרוואָס עפּעס דווקא דאָס מיידל? — זי לעבט שוין געוויס נישט. זי איז געהרגעט געוואָרן ווי אַ סך, אַ סך אַנדערע יידישע מיידלעך. ווי וואָגסטו זי צו זען אַריינקומען אַהער אין דעם דאָזיקן צימער? ווי שעמסטו זיך נישט? פאַרשוועך נישט איר זכר.

דאָס ווערט מסתמא זיין איינע פון די פרויען, וואָס דו האָסט באַגעגנט אונטן אין רעסטאָראַן ביים עסן נאַכטמאָל. וועלכע? — אפשר די הויכע, די שלאַנקע, מיט דער יינגלישער פריזור? אפשר די טונקל־בלאָנדע מיט דעם רייפן, יאָדערדיקן גוף? — דו נאַר, יענע איז דאָך געזעסן צוזאַמען מיט אַ מאַן. זי האָט דאָ אין האָטעל געוויס אַ צימער מיט איין בעט. נאָר איינזאַמע האָבן צימערן מיט נאָך אַ בעט... מיט נאָך אַ בעט — פון דער פאַנטאַזיע...

פייגל און מענטשן

דער צוג לויפט־לויפט. נישט קיין הייזער, נישט קיין ביימער, מען זעט בלויז זאַמד. דעם זאַמד און נאָך וויניק, וואָס ס'האָט פאַרוויסט די ערד, דרינגט עס נאָך אַריין אין צוג. וויל אויך מיך פאַרשיטן, נישט נאָר מיך, נאָר אַלע לעבעדיקע וואָס פאָרן מיט מיר.

געננוג אַ קוק צו טאָן דורך דעם פענצטער, כדי גלייך צו ווערן מיד. אויב דער בליק בלייבט ליגן אויפן זאַמד, קומט באַלד אַ ווינט און פאַרווייעט אים. דער בליק קען זיך נישט אָפּרוען ביי אַ בוים, ביי אַ הויז, אויף דעם גרינעם גראָז. דאָ — מוז ער כסדר שוועבן אין חלל אָן אַן אָנהאַלט, אָן אַן אָפּרו, אַזוי ווי —

אַזוי ווי די פייגל, די פייגל, נאָך דעם ווי זיי פליען אַרום אין דער לופטן, דאַרפן זיי זיך אָפּרוען אויף אַ בוים. דאָ קענען זיי זיך אַראָפּלאָזן נאָר אויף דער ערד. נייןן, די ערד איז נישט באַשאַפן געוואָרן פאַר די, וואָס האָבן פליגל. רוען זיך די פייגל אָפּ אויף טעלעפאָן־סלופּעס: געוועזענע ביימער.

אַוודאי איז גוט זיך צו בויען אַ נעסט אויף אַ בוים, אָדער כאָטש אין אַ קוסט. זעט מען אָבער נישט אין אַרום נישט קיין בוים און נישט קיין קוסט. בויען זיי די נעסטן אויף די טעלעפאָן־סלופּעס.

אין די גרויסע שטעט שטיקן זיך די מענטשן אין דער ענגשאַפט. דאָרט איז אַ דוחק אין דירות. אויך די פייגל דאָ קענען נישט געפינען אַ בוים, זיי מוזן זיך באַגנוגענען מיט אַ טעלעפאָן־סלופּ. דערצו הענגען אויף איין טעלעפאָן־סלופּ דריי נעסטן.

דער זעלבער גורל פאַר די מענטשן אין דער גרעסטער שטאָט און פאַר די פייגל אין דער מדבר...

ישראל אַשענדאָרף

וויפל ערד...

וואָס פאַר אַן עשירות פון ערד! וויפל ערד איז דאָ געוואָרן פּזרנותדיק צעוואָרפן! פעלדער, נישט פאַראַקערטע און נישט פאַרזייעטע, אָן פאַרצוימונגען, פונקט ווי דער בראשית האָט זיי געהאַט. ס׳ווילן אויף זיי וואַקסן דערנער — וואַקסן זיי. וויל אויף זיי וואַקסן גראָז — וואַקסט עס זיך. איז פאַראַן פעלד, וואָס וויל גאָרנישט געבן — נישט, איז נישט. מען וועט דיר נישט שטערן די רו מיט אַ רידל אָין נישט מיט אַן אַקער. שלאָף דיר ווייטער אונטער דיין זאַטיקער, זאַלציקער דעק. ס׳איז דאָ גענוג ערד אָן דיר פאַר מענטש, פאַר בהמה און שאָף.

...איך דערמאָן זיך:

אַ פרילינגדיקער טאָג אין גאַס און אין מיין לעבן. איך שטיי אויפן מאַרק פון דעם שטעטל און זע פלוצים ווי מענטשן לויפן. איך לויף אַ נייגעריקער אינאיינעם מיט זיי. באַלד זע איך, ווי אַ פּאָלציאַנט פירט אַ מענטשן. די הענט פון מענטשן זענען געשמידט אין קייטן. צו זיין פלייצע איז צוגעבונדן אַ קאַראָמיסלע.

דער דאָזיקער מענטש, אַ פויער, האָט באַקומען בירושה פון פאָטער צוזאַמען מיטן ברודער אַ שטיקל ערד.ביידע ברידער האָבן גרויסע משפּחות. די אָרעמע ערד איז נישט געווען אין שטאַנד זיי צו דערנערן, האָט מען געהונגערט.

האָט זיך געטראָפן, אַז ביידע ברידער זענען אַרויס אויפן פעלד, כדי עס צו פאַראַקערן. אין מיטן דעם פעלד אַ מעזשע — אַ שמאָל פאַסיקל ערד, וואָס צעטיילט ביידע חלקים. דאַכט זיך פלוצים דעם עלטערן ברודער, אַז דער ייִנגערער איז אַריין מיטן אַקער אין דער בשותּפותדיקער מעזשע, ווערט ער אין כּעס, זידלט דעם ברודער. ענטפערט דער ייִנגערער אים אָפּ. הייבט מען זיך אָן צו שלאָגן. כאַפּט דער עלטערער ברודער אַ קאַראָמיסלע און דערלאַנגט דעם ייִנגערן ברודער איבערן קאָפּ און דערהרגעט אים.

די ערשטע צוויי ברידער אויף דער וועלט האָבן זיך אויך געשלאָגן און דער עלטערער האָט דעם ייִנגערן געטויט, אָבער דאָס איז געשען צוליב דעם הימל. די דאָזיקע צוויי ברידער האָבן זיך צעשלאָגן און איינער האָט דעם צווייטן געהרגעט — צוליב ערד, צוליב אַ שמאָל פאַסיקל ערד!

און דאָ —

וואָס פאַר אַן עשירות פון ערד! וויפל ערד איז דאָ געוואָרן פּזרנותדיק צעוואָרפן! פעלדער, נישט פאַראַקערטע, נישט פאַרזייעטע, אָן פאַרצוימונגען, פונקט ווי דער בראשית האָט זיי געהאַט. ס׳ווילן אויף זיי וואַקסן דערנער —

וואַקסן זיי. ווייל אויף זיי וואַקסן גראָז — וואַקסט עס זיך. איז פאַראַן פעלד, וואָס וויל גאָרנישט געבן — נישט, איז נישט. מען וועט דיר נישט שטערן די רו מיט אַ רידל און נישט מיט אַן אַקער. שלאָף דיר ווייטער אונטער דיין זאַמדיקער, זאַלציקער דעק. ס'איז דאָ גענוג ערד אַן דיר פאַר מענטש, פאַר בהמה און שאָף.

דער אינספּעקטאָר

דער אינספּעקטאָר איז דערשינען אין שול. די מחשבות ביי די קינדער האָבן אָנגעהויבן האַסטיק צו לויפן אין מוח: אָט דאָס איז דער אינספּעקטאָר! דאָס איז ער! טעג האָט מען זיך אויף אים געריכט. זיך געגרייט. איצט שטייט מען פּנים אל פּנים מיט דער סכנה. וועמען וועט ער פרעגן? וועמען וועט ער אויסמיידן? אפשר וועל איך האָבן מזל און ער וועט מיך נישט פרעגן. אפשר וועט ער מיך יאָ פרעגן און איך וועל דווקא וויסן. איך וועל וויסן... דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער, שטאַרקער.

ער פרעגט שוין. ער איז ערנסט, ער איז שטרענג, דער הער אינספּעקטאָר. די לערערין אַפילו שטייט דערשראָקן. וויסט נישט אַ קינד צו ענטפערן, ווערט זי צעמישט און בלייך. דער אינספּעקטאָר האָט באַשלאָסן, אַז די קינדער מעגן וויסן איין מאָל פאַר אַלעמאָל, אַז אַ יידישע שול איז נישט ערגער פון אַ שפּאַנישער. מען דאַרף זיך לערנען. מען דאַרף קענען.

פּלוצים האָט דער אינספּעקטאָר באַמערקט אַ ייִנגעלע זיצן אויף דער לעצטער באַנק. דאָס ייִנגעלע האָט ער שוין ערגעץ־ווו געזען. ס'איז דאָך אַזוי ענלעך צו... צו — אים אַליין, ווען ער איז געווען אַ קינד...

דער אינספּעקטאָר זעט ווי דאָס קינד מאַכט קייקעלעך פון פּאַפּיר און וואַרפט זיי יעדעס מאָל צו אַן אַנדער קינד. דער אינספּעקטאָר וויל אַ געשריי־טון אויפן קינד, נאָר ער קען נישט. דאָס קול בלייבט אים שטעקן אין האַלדז.

דער אינספּעקטאָר באַשליסט דעם קינד צו שטעלן אַ פראַגע. נאָר ער דערשרעקט זיך גלייך פאַרן אייגענעם באַשלוס. וואָס טוט ער, אויב דאָס קינד וועט נישט וויסן וואָס צו ענטפערן? דאָס קינד וועט פאַרשעמט ווערן פאַר אַלעמענס אויגן און דאָס קינד — איז דאָך ער אַליין. ער אַליין!

דער אינספּעקטאָר כאַפּט ווידער אַ קוק אויפן קינד. דאָס קינד לאַכט, קייכט פאַר געלעכטער. אַפּנים, אַז ס'פאַרשטייט זיינע מחשבות. דער אינספּעקטאָר קוקט אויף אים, קוקט, און פּלוצים — באַווייזט זיך אַ שמייכל אויף זיין פּנים.

די קינדער אין קלאַס אָטעמען אָפּ פרייער: דעם אינספּעקטאָרס פּנים האָט זיך געביטן. ער שמייכלט! דאָס קינד אויף דער לעצטער באַנק איז מיטאַמאָל פאַרשווונדן. דער אינספּעקטאָר האָט שוין געענדיקט שטעלן די פראַגן. ער גייט איצט אַרום צווישן די קינדער, רעדט מיט זיי, שפּאַסט מיט זיי, ווי אַ קינד צווישן קינדער.

דער נאָמען

זיין ערשט ווייב, שרהלע, איז אומגעקומען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. ווען ער האָט ווידער חתונה געהאַט נאָך דער מלחמה, פלעגט ער אָפט פאַרגעסן און דאָס צווייטע ווייב אַ רוף־טאָן: שרהלע. זי פלעגט דערפון זייער ליידן.

שפּעטער, ווען ס׳איז זיי געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע, האָט ער באַשלאָסן איר אַ נאָמען געבן נאָך דעם ערשטן ווייב. איצט, ווען ער איז זיך טועה און גיט אַ רוף דאָס ווייב: „שרהלע“ — טוט דאָס קינד אַ פרעג:

— וואָס איז, טאַטע?

די מוטער קושט דאָס קינד און אירע בליקן זאָגן:

— מיין קינד, דו האָסט מיך אויסגעלייזט.

אין זייער זכות

אין יעדער שטאָט זענען פאַראַן ערטער, ווו יינגלעך מיט מיידלעך שמועסן זיך אָפּ אויף באַגעגענישן: ביי דער אוניווערסיטעט, ביי אַ דענקמאָל, ביי אַ קאַפעהויז, אין פּאַרק, פאַר אַ קינאָ, אָדער טעאַטער אאַ״וו.

די שעהן פון די באַגעגענישן זענען מערסטנטייל אָנגעהויבן פון זעקס־זיבן אין אָוונט ביז אַכט־ניין. שפּעטער איז מען שוין ערגעץ־ווו אַוועקגעגאַנגען, פאַרנומען.

ס׳טרעפט זיך, אז ווער פון די צוויי קומט אַ ביסל פריער, געוויינטלעך איז עס דער מאַן. קוקט ער דערווייל אַריין אין אַ שויפענצטער פון אַ געשעפט. רוקט אַרויף יעדעס מאָל דעם אַרבל, כדי צו זען וויפל ס׳איז דער זייגער. ס׳קומט ענדלעך אָן די שעה. צום בחור דערנענטערט זיך אַ מיידל, צו דעם מיידל — אַ בחור. מען פאַרלאָזט דאָס אָרט. מען גייט אין לעבן אַריין.

אַ מאָל קומט בלויז איינער. ער וואַרט. צען מינוט, פופצן, אַ האַלבע שעה. זי קומט נישט. טייל מאָל וואַרט זי און ער קומט נישט. דרייען זיך אַרום אַ יינגל מיט אַ מיידל אומרויקע, אויפגערעגטע. זי וואַרט. ער וואַרט. נאָר נישט ער —

אויף איר און נישט זי — אויף אים. זי גייט אַרויף, ער — אַראָפּ. זיי באַגעגענען זיך, און — מיידן זיך אויס.

טייל מאָל טרעפט אָבער, אַז אַ יינגל, צו ווען דאָס מיידל איז נישט געקומען, אַ מיידל, צו וועלכער דאָס יינגל איז נישט געקומען — דערנענטערן זיך איינער צום צווייטן, שטעלן זיך קודם עפּעס אַ פראַגע האַלב־שטאַמלענדיק, נישט זיכער, און, סוף־כל־סוף, פאַרבינדט זיך צווישן זיי אַ שמועס און שפּעטער — אַ פריינדשאַפט און אַפילו אַ ליבע.

אַ לויב צו די, וואָס האָבן כוח יעדעס מאָל אָנצוהייבן פון ס׳ניי. אין זייער זכות שטייט די וועלט!

דאָס זעלבע כלי זין

איבער דעם גרויסן פּלאַץ זענען געשטאַנען אַ סך ביידלעך צום שיסן. מען האָט געשאָסן אין ציל מיט ביקסן, מיט רעוואָלווערן און אַפילו מיט מאַשינען־געווער. ס׳האָבן נישט געפעלט קיין בעלנים. די פרויען זענען געשטאַנען ביי דער זייט און זיך צוגעקוקט ווי זייערע מענער שיסן. אויב דער מאַן האָט געטראָפן אין ציל און עפּעס געוווּנען, האָט ער געקריגן דעם רום און איר האָט ער דערלאַנגט דאָס געווינס.

צווישן די זעקס־זיבן שיס־ביידלעך איז געשטאַנען נאָך איינס. ס׳האָט זיך פון דאָרט נישט געהערט קיין הילכן. עס זענען דאָרט אויך נישט געשטאַנען קיין סך מענטשן, ווייל דאָרט האָט מען געשאָסן — מיט פייל און בויגן.

זעלטן, אַז ס׳האָט זיך דאָרט ווער געמאָלדן צום שיסן. דער בעל־הבית פון דעם ביידל איז געשטאַנען און די גאַנצע צייט אַליין געשאָסן, כדי צוצוגעבן חשק די אַנדערע. ער האָט יעדעס מאָל געטראָפן אין ציל, נאָר קיין בעלנים האָט ער אַלץ נישט צוגעצויגן.

איך האָב געקוקט אויף דעם דאָזיקן מענטש און דערפילט צו אים אַ געוואַלדיקע נאָענטקייט. ביידע שיסן מיר מיט פאַרעלטערט כלי־זין. ער — מיט פייל־און־בויגן, און איך — מיט דעם וואָרט...

אין שפּיטאָל

ער ליגט שוין חדשים אין שפּיטאָל. ער ליידט אויף אַסטמע. זי האָט שוין היפּשלעך אָנגעגריפן אויף זיין האַרץ. פאַראַן מינוטן, ווען ער קען קוים אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ער שטיקט זיך און ער עפנט דעמאָלט אין גאַנצן אויף דאָס מויל און אָטעמט ווי אַ פיש אויף דער יבשה.

ער ליגט אין דעם זאַל מער צייט פון אַלע. דעריבער פילט ער זיך אַזוי ווי

ער וואָלט געווען דער עלטסטער. ער ליגט אויפן ערשטן בעטל ביי דער טיר, ווי מען האָט אים דאָ ספּעציעל אַוועקגעלייגט, כדי צו קאָנטראָלירן יעדן מענטשן וואָס קומט אַהער אַריין און ווי יעדער וואָלט געדאַרפט פריִער אויף דעם באַקו־מען ביי אים די דערלויבעניש. וואָס ווייסט, מישטיינסגעזאָגט, דער דאָקטער, וואָס קומט אַהער אויף אַ שעה, אָדער צוויי אין טאָג? ער אָבער איז דאָ פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת.

צו אים קומט מען זעלטן אויף אַ באַזוך. האָט ער חתונה געהאַטע קינדער און זיי געפינען זיך אין אַן אַנדער לאַנד, צי אין אַן אַנדערער שטאָט? אפשר האָט ער די קינדער אין דער שטאָט, נאָר זיי קומען נישט? קען זיין, אַז די ערשטע צייט האָט ער נאָך געהאַט באַזוכער און זענען שפּעטער מיד געוואָרן. ער איז ווי אין גאַנצן אָפּגעריסן געוואָרן פון יענע מחוץ די שפּיטאָל־ווענט. דערפאַר איז ער כסדר פאַרנומען מיט די פון דער זייט.

ווי ס'לאָזט אים נאָר אַ ביסל אָפּ די קראַנקייט, גייט ער פון איין בעטל צום צווייטן און רוימט אַריין דעם קראַנקן אַ סוד:

— איר האָט געזען דעם פון בעטל דריי? — ער וועט לאַנג נישט אָנצי:ען!

— וואָס זאָגט ער, איז אים?

— מאַלע וואָס ער זאָגט! ער זאָגט, אַן אולסער, אָבער ס'איז אַ ראַק!

ער גייט צו צו אַ צווייטן קראַנקן און רוימט אים ווידער איין אַ סוד:

— דער פון בעטל נומער זיבן, וועט שוין פון דאַנען נישט אַרויס! אַ נוטה למות!

און אָט שטייט ער שוין ביי אַ דריטן קראַנקן:

— איר זעט דעם, וואָס ליגט דאָרט אין ווינקל? דאָרט רעכטס! צוּוואָס האָט מען אים געדאַרפט אַהער שלעפּן? מען האָט אים געדאַרפט לאָזן שטאַרבן אין דער היים. ער וועט נאָך די נאַכט ענדיקן!

וויל ער דערמיט זיך טרייסטן, אַז ס'זענען דאָ אַזעלכע, וואָס זענען מסוכנער קראַנק פון אים? און אפשר פאַרגינט ער טאַקע נישט קיינעם, מחמת ער מוז בלייבן אין שפּיטאָל, און יענער זאָל פון דאַנען אַרויס? — ווער קען וויסן.

ער וואָלט אפשר נאָך געגאַנגען צו ווייטערדיקע בעטלעך, ווען ס'כאַפּט אים נישט באַלד אָן אַן אַטאַקע אויפן האַרץ. ער געפינט זיך שוין באַלד אין בעט האַלב־ליגנדיק, האַלב־זיצנדיק, אָנגעשפּאַרט אויף דריי קישנס. ער שטיקט זיך, ער כאָרכלט. מען גיט אים צו אָטעמען זויערשטאָף. מען מאַכט אים אויך אַן איינשפּריצונג. ער קרעכצט נאָך אַלץ און שרייט און האַלט ברייט אָפן דאָס מויל און אָטעמט ווי אַ פיש אויף דער יבשה.

נאָר אַזוי ווי ער האַלט, אַז אַלע דאָ זענען שווער קראַנקע און האַלטן ביים שטאַרבן, אַזוי זאָגן אויף אים איצט אַלע קראַנקע:

— ס'וועט אים גאָרנישט זיין!... ער וועט נאָך אַ געזונטן איבערלעבן!...

די נקמה

ער איז געזעסן ביי אַ טישל אין קאַפע. אַרום טישל זענען נאָך געזעסן עטלעכע פון זיינע חברים. ס'איז אויך אָבער צווישן זיי געזעסן נאָך איינער: זיינער אַ שונא, מיט וועלכן ער איז געווען צעקריגט און מיט אים נישט גערעדט.

ער איז געזעסן און דערציילט עפּעס אין זייער אַ הומאָריסטישן טאָן. ער האָט פאַרמאָגט הומאָר. ווער פון די, וואָס זענען געזעסן אַרום, האָט אַ שמייכל געטאָן, ווער פון זיי האָט אַפילו פון צייט צו צייט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ הויך געלעכטער. יענער, דער שונא זיינער, האָט געמאַכט אַ פינצטערע מינע, זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות נישט אַ ריר צו טאָן מיט אַ מוסקל פון פּנים, ווי געזאָגט: איך וועל דיר נישט צוליב־טאָן און לאַכן. ניין, דאָס נישט! ער האָט נאָך עפּעס דערציילט. דער שונא האָט געוואָלט אַ לאַך־טאָן און דעם שמייכל צעקרימט גלייך אויף אַ גרימאַס. ער האָט פאַרגעזעצט זיין דערציילן און דער שונא האָט שוין נישט געקענט מער אויסהאַלטן: ער האָט זיך צעלאַכט הויך אויפן קול.

ווען ער צווינגט דעם שונא צו וויינען, וואָלט ער נישט געווען געפילט אַזאַ טעם. ער האָט געצוווּנגען דעם שונא הנאה צו האָבן פון זיך, זיין שונא — קען דען זיין אַ גרעסערע נקמה און אַ גרעסערער תענוג?

אין וואַרטזאַל פון דענטיסט

אין וואַרטזאַל פון דענטיסט זענען צווישן אַנדערע געזעסן פיר פרויען. איינע, זייער אַ שיינע, האָט זיך באַוועגט פריי, געקוקט יעדן מאַן אין די אויגן מיט זיכערקייט און שטאָלץ: נאַט, זעט און באַוואונדערט מיך!

די צווייטע איז שוין נישט געווען אַזאַ שיינע, אָבער זי האָט געהאַט הויכע, געטאָקטע פיס, האָט זי דאָס קלייד אַ ביסל העכער אויפגעהויבן, כמעט איבער די קני און אויסגעשטרעקט די פיס, אַז מען זאָל זיי זען.

די דריטע האָט געהאַט בלויז שיינע האָר. האָט זי יעדעס מאָל אַ דריי־געטון מיטן קאָפּ, אַז די האָר זאָלן זיך טון אַ וואָרף, אַ כוואַליע, אַז מען זאָל אויף זיי אויפמערקזאַם ווערן.

די פערטע איז געווען אַ מיאוסע און האָט שוין גאָר נישט געהאַט וואָס צו ווייזן, איז זי געזעסן אומבאַוועגלעך און נישט אַרויסגענומען קיין בליק פון בוך.

ישראל אַשענדאָרף

קאַקטוסן

פאַראַן אַזעלכע וואָס זעען אויס ווי מנורות. זיי שטייען אין דער גרעסטער און שענסטער שיל, אין דער אָן ווענט און אָן אַ דאַך: אינדרויסן.

אַזעלכע, וואָס שטייען מיט הענט צעשפּרייטע אין יאוש.

אַזעלכע, וואָס שטייען מיט הענט אויפגעהויבענע אין תפילה.

אַזעלכע, וואָס שטייען פאַרפלאָנטערט אין זייערע אייגענע דערנערדיקע אברים ווי אין שאַרפע וויטיקן, ראַנגלען זיך און קענען זיך נישט פון זיי באַפרייען.

מען דאַרף זיי נישט פאַרזעצן — זיי וואַקסן פון זיך אַליין. וואַקסן אין דער וויסטעניש. הפקר פאַר זון און פאַר שטורעם. נישט געפלעגטע, נישט געצערטלטע — קינדער פון דער נויט.

און ווי קינדער פון דער נויט, זענען זיי שטעכיק. און ווי פון קינדער פון דער נויט וואַקסן אויס אָפט טרוימער — אַזוי וואַקסט פון זיי די זיסע פרוכט.

די זיסע פרוכט פון דער ביטערקייט.

איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס גאָט האָט איינעם פון זיי אויסגעקליבן, כדי אין אים זיך צו ווייזן פאַר משהן.

דער בייזער גאָט, דער באַרעמהאַרציקער גאָט — דער גאָט פון ישראל.

די פאַרקויפערין

דער פאַרקויפערין אין געשעפט פון שפּייז, אַ מיידל אין די העכערע דרייסי־קער יאָרן, פלעגט ער אַ צייט רופן „מאַדאַם". ווען ער האָט אָבער געהערט עט־לעכע מאָל פון אַנדערע קליענטן זי רופן „מאַדמואַזעל", האָט ער זי אויך אַזוי אָנגעהויבן צו רופן. דאָס האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ גרויסע צופרידנקייט ווי בלויז די דאָזיקע באַצייכענונג וואָלט דעצידירט וועגן איר ווירקלעך אויסזען און שאַנסן אויף דערפאָלג.

אַזוי ווי ער פלעגט יעדעס מאָל קומען אַהער קויפן פאַרשיידענע שפּייז־פּראָדוקטן, האָט זי אים געהאַלטן פאַר אַן אַלטן בחור, אפשר פאַר אַן אלמן, צי אַ געגטן. יעדנפאַלס, פאַר אַן איינזאַמען. זי האָט אין אים געזען אַן אייגענעם מענטשן, אַ מענטש פון איר גלייכן און פלעגט אים אויפנעמען זייער העפלעך. עס איז געווען אין געשעפט אַ צווייטע פאַרקויפערין, נאָר ווי ער פלעגט זיך נאָר באַווייזן, האָט זי אים מיט אַ שמייכל גלייך אונטערגעטראָגן די פראַגע:

— איר פאַרלאַנגט עפּעס, מ׳סיע?

זי איז אָבער נישט געווען העפלעך צו יעדן. באַזונדערס שלעכט פלעגט זי זיך באַציִען צו יונגע מיידלעך. זי פלעגט זיי פשוט רודפן. זי האָט אָפט בכיוון נישט געהאַט זיי צו געבן רעשט. זי פלעגט זיי פּאַרוואַרפן, אַז די סלאָיִקלעך פון זויער־מילך, וואָס זיי געבן צוריק, זענען נישט ווי געהעריק אויסגעוואַשן אאַ״וו.

איין מאָל אין אָוונט איז ער געשטאַנען אין דער קראָם. דאָס איז געווען די צייט, ווען די מענטשן גייען פון דער אַרבעט און קויפן זיך איין אויף אָוונט־ברויט. ער איז דאָרט געשטאַנען און פאַר אים — אַ רייע מענטשן. פּלוצים האָט דערזען די פאַרקויפערין ווי עפּעס אַ מיידל קומט אָן און שטעלט זיך אַוועק לעבן אים אין דער ריי. זי איז גלייך אַרויס מיט אַ געשריי:

— וואָס שטופּט איר זיך, מאַדמואַזעל? ס'איז נישט שיין! גייט צום עק פון דער ריי!

— ס'שאַדט נישט. דאָס איז מיין פרוי.

די פאַרקויפערין איז געוואָרן צעמישט. זי האָט געשטאַמלט:

— אַנטשולדיקט... אַנטשולדיקט, מיין הער...

ביים מאַכן דעם חשבון האָט זי זיך טועה געווען.

פון דעמאָלט אָן, ער ווייסט אַליין נישט ווי אַזוי דאָס געשעט, ווען ער קומט אַריין אין געשעפט, פאַרנעמט זי זיך מיט עמעצן אַנדערש און אים באַדינט די צווייטע פאַרקויפערין.

אויפן מאַרק פון אַלטוואַרג

דאָ איז דער מאַרק פון אַלטוואַרג. דער מושב־זקנים פון חפצים, כלים, מעבל, מלבושים און ביכער. פאַראַן זאַכן, וואָס טוליען זיך נאָך גיריק צום לעבן, וואָס זאָגן: אַ דאַנק דיר, מענטש, וואָס דו האָסט אונדז אַרויסגענומען פון אונטער חורבות, פון בראָכוואַרג און מיסט און אונדז גערייניקט, געפּוצט, געלאַטעט. אפשר וועלן מיר נאָך לעבן אַ יאָר, אַ חודש, צי כאָטש אַ טאָג!

און פאַראַן אַנדערע, וואָס זענען שוין מיד און שוואַך. וואָס האָבן שוין אויפֿגעגעבן אַלע זייערע תאוות און פאַרלאַנגען און זיי קלאָגן: פאַרוואָס האָט מען אונדז ניט געלאָזט פאַרזשאַווערן, צעפוילן, צעפאַלן? — ס'איז אוודאי טרויעריק דאָס שטאַרבן. ס'איז אָבער נאָך טרויעריקער, ווען מען צווינגט נאָך צו לעבן, בעת מען איז שוין טויט.

עפּעס אַ קלאָשאַר, אַ האַלב־משוגענער, האָט דאָ אויך פאַרנומען אַ שטיקל ערד און אויף דעם אויסגעשפּרייט זיינע „זאַכן" צום פאַרקויפן: עטלעכע שמאַטעס, אַ רעדל פון אַ קינדעריש וועגעלע, אַ צעריסענעם שאַכטל, אַ שערבל פון אַ

טעלער אאַ"וו. יעדעס מאָל נעמט ער אַרויס אַן אַנדערע „זאַך" און רופט אויס די פּרייזן:

— פופציק פראַנק! הונדערט פראַנק! אַ מיליאָן!

די מענטשן אַרום לאַכן. זיי ווייסן אָבער נישט, אַז ער איז אויך איינער פון זיי. זיי שטייען אָפּ טעג, וואָכן, חדשים, יאָרן — דאָס גאַנצע לעבן, ביי עטלעכע פאַרזשאַווערטע שרייפלעך און טשוועקעס, ביי שטייענדיקע, אַלטע וואַנטזייגערס, ביי צעבראָכענע בענקלעך, ביי אַ סקריפּענדיקן גראַמאָפאָן — ער האָט עס נאָר אַ ביסל ווייטער דערפירט, ווי דער פּאַיאַץ אין צירק, וואָס קרימט נאָך אַ מאָל אַן ערנסטן אַרטיסט און מיט איין שאַרזשירטער באַוועגונג, צי טאָן — דערפירט ער דאָס ליד, צי דעם טאַנץ, פון טראַגיק צו גראָטעסק, פון טרויער צו געלעכטער.

דער טאַטע שטאַרבט

מיטאַמאָל האָט דער טאַטע מיך אַ רוף־געטון:

— ישראל!

איך בין צוגעלאָפן צום בעט וווּ ער איז געלעגן. אַ בלעלקייט האָט גענומען פאַרגיסן זיין פּנים. ער האָט געזאָגט:

— רוף אַריין די מאַמע! איך שטאַרב!

איך בין אַריינגעלאָפן אַ דערשראָקענער צו דער מאַמען אין קיך און איר איבערגעגעבן דעם טאַטנס ווערטער. די מאַמע האָט מיר גלייך באַפוילן:

— לויף רופן משהן!

משה איז געווען דער עלטסטער ברודער, שוין אַ חתונה־געהאַטער. ער האָט געוווינט באַזונדער מיט ווייב און קינד.

איך בין געלאָפן דורך גאַסן, זיך געחידושט, וואָס די זון שיינט, וואָס די מענטשן גייען און שטעלן זיך נישט אָפּ, וואָס דיביימער האָבן געעפנט די קנאָספּן. אַפּנים, אַז קיינער ווייסט נישט, אַז מיין טאַטע שטאַרבט.

שפּעטער האָב איך שוין געזען דעם טאַטן ליגן אויף דער ערד, מיט דער דעק איבערגעצויגן דאָס פּנים, ווי ער וואָלט זיך געשעמט דערמיט, וואָס ער גייט אַוועק פון דער וועלט און לאָזט איבער אַ דערוואַקסן מיידל אַן נדן און נישט פאַרזאָרגטע קינדער.

די מאַמע, וועלכע האָט זיך פאַר די לעצטע צוויי יאָר, בעת דעם טאַטנס קראַנק־זיין, געפילט ווי דער גאַנצער באַלעבאָס אין שטוב, האָט זיך מיטאַמאָל פאַרלוירן. ווייזט אויס, אַז איר כוח האָט זיך גענומען פון טאַטן, אַפילו פון קראַנקן טאַטן, ווי די לבנה נעמט איר שיין פון דער זון, וועלכע מען זעט נישט.

מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער לוויה, גענומען אויסטאָן די שיך און זיך געזעצט „שבעה״. פלוצים רופט זיך אָן די מאַמע:

— מילא, וואָס געווען, איז געווען. איצט וואָלט געווען גוט, ווען די טיר עפנט זיך און דער טאַטע קומט אַריין...

אַ שוידער איז דורך דורך אונדזערע לייבער. מיר האָבן אַלע ווי פאַרכשופט אויסגעדרייט די קעפּ צו דער טיר. נאָר זי האָט זיך נישט געעפנט און דער טאַטע איז נישט אַריינגעקומען.

שפּילעכלעך

איך בין געגאַנגען מיט מיין יינגעלע, כדי אים צו קויפן אַ שפּילעכל.

אַזויפיל געשעפטן זענען פאַראַן פון שפּילעכלעך און אַזויפיל שפּילעכלעך אין די געשעפטן. מערסטנטייל זענען זיי געמאַכט פון פּלאַסטיק. דאָ זענען אויך ליאַלקעס און טרומייטערלעך, ווי אין מיינע קינדער־יאָרן, אָבער ס׳זענען פאַראַן אַזויפיל נייע און אַנדערע.

די שפּילעכלעך פון מיינע קינדער־יאָרן זענען געווען אַרויסגענומענע פון מעשה־ביכלעך: פון אַנדערסענס מעשהלעך, פון „טויזנט און איין נאַכט״ און ענ־לעכע צו זיי. די העלדן זענען געווען: כשופמאַכערס, קאַרליקלעך, נימפעס, אויס־טערלישע פייגל אד״גל. זיי האָבן אַריינגעפירט די קינדער אין דער וועלט פון פאַנטאַזיע. אוממעגלעכקייטן זענען געוואָרן מעגלעך.

די קינדער זענען געווען אַ סך רייכער פון די דערוואַקסענע.

איצט זע איך צווישן די שפּילעכלעך: אַן אייזקאַסטן, אַ וואַש־מאַשין, אַ מי־לעכל אויף צו צעמאָלן פרוכטן און פאַרוואַנדלען זיי אין זאַפט אאַ״וו. די קינדער גיט מען גלייך טאָג־טעגלעכע מכשירים. מען גיט זיי די זעלבע זאַכן, וואָס זיי זעען אַ גאַנצן טאָג אין דער היים, אָבער די אַלע זאַכן זענען קלענערע פון די, וואָס ס׳האָבן די דערוואַקסענע. זייערע, די קינדערישע, זענען בלויז ערזאַץ, אימיטאַציע.

די קינדער זענען שוין איצט אַ סך אָרעמער פון די דערוואַקסענע.

ביים נייען

זי זיצט ביי דער מאַשין און נייט דאָס קלייד.

אַ קלעצעלע פאָדים דאַרט איין, ווערט אַלץ מאָגערער און מאָגערער. אָט אַ רגע, נאָך אַ רגע און ס׳בלייבט אַ סקעלעט. אַ טאָג איז געווען אַ לאַנגער, אַ זו־מערדיקער, האָט זיך אַ שעה אָפּגעוויקלט און נאָך איינע און ס׳איז שפּעטע נאַכט.

נאָדלעלע, נאָדעלע, ווו קומען אַהין די שוועסטער דיינע, די אַלטע, צעבראָ־כענע נאָדלען? ווו קומען זיי אַהין? — אין דער פּלייצע. די פּלייצע איז פול מיט אַזעלכע נאָדלען.

נאָך דער אַרבעט — רוען זיי. אין בעט — שלאָפן זיי איין. ביי דער מאַשין — רופן זיי זיך אָן, דערמאָנען זיך יונגע יאָרן, טאַנצן אין דער פּלייצע אַרום, אין די זייטן.

שטילט זיך איין, באַרוקט אייך. דאָס קלייד מוז דאָך זיין מאָרגן אינדערפרי פאַרטיק. אַפילו דער זייגער אויף דער וואַנט פרעגט די גאַנצע צייט אָן אָן אָפּרו: פאַר—טיק? פאַר—טיק?

נאָר די פּלייצע בייגט זיך אַלץ נידעריקער און איר קאָפּ פאַלט אויף דער ברוסט. זי דרימלט איין. לאַנגזאַם גליטשט זיך דאָס קלייד אַראָפּ אויפן דיל. אין שלאָף דערשרעקט זי זיך, פּרווט זיך אַרויסרייסן פון זיינע אָרעמס און ס׳דאַכט זיך איר, אַז זי האָט זיך אויפגעוועקט און בייט ווייטער.

דער זייגער וויל זי אויפוועקן און קלינגט אויס: איינס, צוויי, דריי, נאָר זי שלאָפט. דער זייגער אָטעמט שווער: מער קען איך נישט קלינגען. ער מוז וואַרטן אַ גאַנצע שעה.

שטיל. אויפן בעט ליגט אַ זאַטע, פולע לבנה און אויפן בענקל זיצט איינ־געקאָרטשעט און שלאָפט דאָס בלייכע שניידער־מיידל.

„נאָך“

אין דרויסן גיסט אַ רעגן. יעדעס מאָל רייסט־דורך די וואָלקנס אַ בליץ און וואַרפט זיך אַריין אין שטוב ווי אַ פייערדיקע שלאַנג. ס׳ברומט הייזעריק אַ דונער, ברומט, ביז ער גיט מיטאַמאָל אַזאַ שטאַרקן הילך, אַז ס׳דאַכט זיך: די זיילן אויף וועלכע די הימלען שטייען, ברעכן זיך איין און די ערד ווערט באַלד פאַרשיט ווערן דורכן חורבן־שטויב פון אַלע זיבן הימלען.

שוין דער פערטער טאָג, ווי אַלץ איז צו. ווי מען טאָר נישט אַרויסגיין אין גאַס. ס׳קומט פאַר אַ מלחמה צוליב דער מאַכט. ס׳וועט פאַרגאָסן דאָס בלוט נישט פון די, וואָס ווילן הערשן, נאָר פון די, איבער וועלכע מען וויל הערשן. זיי רעדן אין מיין נאָמען, אין נאָמען פון מיין שכן, אין נאָמען פון נאָך מיליאָנען שכנים, וואָס זיי קאָנען נישט. ס׳איז זיי ווייניק די מאַכט, וואָס זיי האָבן געהאַט ביז איצט, זיי ווילן:

— נאָך! נאָך! נאָך!

ס׳איז אינמיטן נאַכט. איך ראַנגל זיך מיטן קאָשמאַר. פּלוצים הער איך, ווי

מיין צווייִ און אַ האַלב יעריק ייִנגעלע לאַכט אַזוי מחיהדיק־זיס פון חלום און שרייט:

— נאַך! נאַך! נאַך!

איך ווייס שוין פון דערפאַרונג: ווען מיין קינד שרייט „נאַך", בעת איך נעם אים אויף דער האַנט און וויג אים. ווען איך בוי אים אַ שטיבעלע פון קלעצעלעך. ווען איך זינג אים אַ לידעלע אד"גל.

קינד מיינס! איך בין גרייט פאַר דיר צו טון „נאַך" און „נאַך" אַזעלכע זאַכן, כדי דו זאָלסט כסדר לאַכן אַזוי מחיהדיק־זיס, נישט נאָר אין חלום, נאָר טאַקע אויף דער וואַך.

וואָס קען איך אָבער טון, כדי צו פאַרמיידן, אַז די דאָזיקע, וואָס יאָגן זיך נאָך מאַכט, זאָלן נישט כסדר שרייען „נאַך" און „נאַך"? דו מיינסט, אַז ווייל דיין טאַטע איז אַ גרויסער, קען ער אַלץ. ניין, מיין קינד! קעגן זיי איז ער אַזוי שוואַך ווי דו, ווי דו —

אַזעלכע זענען די פרויען

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט קעגן איר און גלייך גענומען אויף איר קוקן. תחילת, אויף איר פּנים. דערנאָך, אויף אירע פיס, און שפּעטער — אויף איר בוזעם. זי האָט דאָס אַלץ באַמערקט, הגם זי האָט אויף אים נישט געקוקט. זי האָט געקוקט אין דער שויב פון מעטראָ וווּ ער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט.

ער איז שוין נישט קיין יונגער —האָט זי געטראַכט— און אויך נישט קיין שיינער. פאַרוואָס קוקט ער אַזוי אויף מיר? צי מיינט ער, אַז אַזאַ איינער קען מיר געפעלן? ווי וואַגט ער דאָס? — דאָס איז אַ חוצפה!

אַ סטאַציע. ס'קומט אַריין אַ מיידל און זעצט זיך לעבן איר אַוועק. זי איז גאָר אַ יונגע און זייער אַ שיינע. דער מאַן דרייט זיך באַלד אויס צו יענער און נעמט פון איר נישט אַראָפּ קיין בליק. זי באַמערקט ער שוין נישט. זי עקסיסטירט שוין נישט מער פאַר אים.

זי איז אויפגערעגט און טראַכט פאַרביטערט:

— אַזעלכע זענען די מענער!

ווען זי וואָלט געווען ייִנגער

איך גיי פאַרביי אַ קוויטיק, ענג געסל ביי די האַלעס אין פּאַריז, דאָרט וווּ ס'ווערן פאַרקויפט צוגעפוילטע פרוכטן און צוגעפוילטע פרויען. ביי אַ „ביסטראָ" שטייען צוויי זונות.ביידע אַלט און צעקנייטשט. געפאַרבט די האָר, דאָס פּנים,

בלוי אונטער די אויגן. די גופים — צעווירן פליש, אָן פאַרעם און אָן לעבן, ווי שטיקער וואַטע.

ס׳גייט דורך אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצן־זיבעצן. מיט בלאָנדע האָר (אמתע), מיט רויטע ליפּן (אמתע). בלוי די אויגן (נישט אונטער די אויגן). דער גוף — שפּראָצט, וואַקסט, רייסט זיך אַרויס פון קלייד, ווי אַ רייפע נוס, וואָס צעפּלאַצט די שאָל.

ביידע זונות קוקן אויף איר בעת זי קומט זיי אַקעגן. קוקן איר נאָך בעת זי דערווייטערט זיך פון זיי. זיי זענען פול מיט קנאה.

איינע פון זיי זאָגט מיט אַ זיפץ:

— אַך ווען איך וואָלט געווען אַזוי יונג ווי זי!

איך טראַכט: זי האָט חרטה. ווען זי וואָלט געוואָרן צוריק יונג, וואָלט זי שוין מסתם זיך באַמיט צו פירן אַן אַנדער לעבן. כדי זיך צו פאַרזיכערן אין מיין השערה, טו איך זי אַ פרעג:

— און וואָס וואָלט געווען, ווען איר וואָלט ווידער געוואָרן אַזוי יונג ווי דאָס מיידל?

די זונה ענטפערט:

— אָ! איך וואָלט געשטאַנען אויף מאדלען! אויף שאַנז־עליזיי!*)

אויף דער שיף

נאַכט. אין באַר פון דער ערשטער קלאַס. דער אָרקעסטער שפּילט. דער סאַקסאָפאָן שרייט, ברומט, וואָיעט. ברויזט־אויף דאָס בלוט אין די אָדערן ביי די טאַנצנדיקע פּאָרלעך. די באַוועגונגען ווערן שנעלער, ווילדער, פאַרשייטער — ס׳איז נישט קיין טאַנץ, נאָר אַ שטורעם.

די מענטש שטורעמען, נאָר דער ים ליגט אָן באַוועגונג, ווי פאַרחלשט.

אויפן דעק איז אַרויס אַ יינגל. אין דער דריטער קלאַס שלאָפן שוין אַלע — ער איז וואַך. ער נעמט אַרויס אַ פייפל און שפּילט. דער ים הייבט זיך באַלד אָן באַוועגן, הייבט זיך אָן צו וויגן. איין כוואַליע אָרעמט, האַלדזט די צווייטע — ס׳איז נישט קיין שטורעם, נאָר אַ טאַנץ.

די שיף וואַקלט זיך, קערט זיך שיער נישט איבער. די טאַנצנדיקע פּאָרלעך קענען שוין מער נישט שטיין אויף די פיס. ווערן בלייך. אַנטלויפן אין די קאַביגעס.

דער ים טאַנצט, נאָר די מענטשן ליגן אָן באַוועגונג, ווי פאַרחלשט.

---

*) רייכע גאַסן פון שטאָט.

פאַ־פאַ!

איך האָב זיך געקליבן אַוועקצופאָרן אויף אַ לענגערער נסיעה. די פרוי האָט מיר אויסגעפּרעסט די מלבושים, צוגעגרייט צידה לדרך. איך אַליין האָב צוביסלעך געגומען אַריינפּאַקן אין די וואַליזעס אַלע נייטיקע זאַכן און פּאַפּירן. אַלעק האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. דער טאַטע איז פאַרנומען, די מאַמע — פאַרנומען. מען קוקט זיך אויף אים נישט אום. ער האָט זיך גע־פּלאָנטערט פאַר די פיס, געוואָלט יעדעס מאָל עפּעס אַנדערש — אַזוי־אַרום ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. נאָר מען האָט אים שנעל אָפּגעפּטרט, פּשוט, אויף אים זיך אויסגעשריגן.

מען האָט אים אויך מיטגענומען צום באַנהויף. די מאַמע האָט גערעדט מיטן טאַטן, דער טאַטע — מיט דער מאַמען. דער טאַטע איז פאַרטון מיט עפּעס, וואָס אַלעק קען נישט באַנעמען, און די מאַמע — מיטן טאַטן. אַלעק איז שוין איצט זיכער אין דעם, אַז דער שולדיקער איז דער טאַטע, דער טאַטע.

אַט פאָרט שוין באַלד אָפּ די באַן. דער טאַטע וויל אים אַרומנעמען, קושן, נאָר אַלעק — נישט נאָר וואָס ער קושט נישט צוריק דעם טאַטן, נאָר ער לאָזט זיך אַפילו נישט קושן פון אים.

די מאַמע האָט דערפון עגמת־נפש, ווי זי וואָלט געווען מיטשולדיק אין דעם און זי שרייט צו אַלעקן:

— גיב אַ קוש דעם טאַטן! גיב אַ קוש!

נאָר אַלעק — ניין און ניין — ברוגז!

פּלוצים זעט אָבער אַלעק ווי די באַן רירט זיך, ווי זי פאָרט־אָפּ און נעמט מיט זיך מיט דעם טאַטן. פאַרגעסט ער שוין אין זיך, אין דער קריוודע, אין ברוגז, און ער שרייט פאַרצווייפלט:

— פּאַ! פּאַ—פּאַ! פּאַפּאַ!

דאָס געשריי זאָגט:

קום צוריק... קום צוריק... דו ווערסט פון איצט קענען שרייבן וויפל דו ווערסט וועלן און איך וועל דיר נישט שטערן. איך וועל אַליין, אַליין נעמען דאָס טעפּעלע און מאַכן פּיפּי, אַליין בויען מיט די קלעצעלעך אַ שטיבעלע —

— פּאַ! פּאַ—פּאַ! פּאַפּאַ!

דאָס געשריי קוילערט זיך מיט די רעדער פון דער באַן. קוילערט זיך ביי־נאַכט אין מיין שלאָף.

דער פויגל פון בוים, וואָס איך האָב אויסגעטראַכט

פּאַמעלעך לאָזט זיך אַראָפּ די נאַכט.

איך שטיי אָנגעשפּאַרט ביי דעם בוים, וואָס איך האָב אויסגעטראַכט.

אויף דעם בוים, וואָס איך האָב אויסגעטראַכט, זינגט אַ פויגל. ווי שיין ער זינגט אויף דעם בוים, וואָס איך האָב אויסגעטראַכט.

נאָר פּלוצים צעוויינט ער זיך, דער פויגל:

— אויף דעם בוים, וואָס דו האָסט אויסגעטראַכט, קען איך בלויז זינגען, אָבער נישט בויען זיך אַ נעסט.

צ י פ ע ר ן

זענען זיך געלעגן אין אַ קאַסטן ציפערן. דער זעצער האָט זיי אַ וואָרף־געטאָן אַהין און ווי וועמען ס'איז געפאַלן. איינע — אין דער ברייט, אַ צווייטע — שיף, אַ דריטע — מיטן קאָפּ אַראָפּ אאַ״וו.

— ווייַ, וואָס פון אונדז איז געוואָרן — קרעכצט איין ציפער. מיר האָבן דאָך אַלע פאַרלוירן אונדזער אמתדיק אויסזען.

— ווי אַזוי זע איך אויס? — פרעגט אַ ציפער דער שכנטע.

— דו זעסט נאָך אויס נישקשהדיק. אָט, ווי אַ זעקס דאַרף אויסזען.

— ווייַ איז מיר, וואָס רעדסטו. איך בין דאָך נישט קיין זעקס. איך בין דאָך גאָר אַ ניין.

— הפּנים, דו ביסט געפאַלן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. נאָר אַ דאַנק גאָט דערפאַר, פאַרלוירן פון זיך אַ דריטל, אָבער זעסט פאָרט אויס ווי אַ ציפער.

— און ווי זע איך אויס, מען דערקענט מיך? — פרעגט אַ ליגנדיקע אַכט.

— דו זעסט אויס, ווי אַ ברייל — ענטפערט די שכנטע — אָט אַזוי; צוויי רינגעלעך.

— און איך, ווי זע אויס — פרעגט די פיר.

— דו? ווארט נאָר אַ ביסל, אָט אַזוי.

— כאַ־כאַ, כאַ־כאַ, כאַ. — הערט זיך אַ געלעכטער.

— ווער לאַכט עס אַזוי גראָב? — פרעגן די ציפערן.

און אַלע דערזעען באַלד, ווי די נול קייקלט זיך פאַר געלעכטער.

— וואָס איז געשען? וואָס פאַר אַ געלעכטער אויף דיר? — פרעגן אַלע.

— זעט נאָר, ווי איר זעט אויס — זאָגט די נול — איר האָט זיך דאָך אַלע געביטן. מען קען פון אייך איצט קיינעם נישט דערקענען.

און זי גייט צו מיט שטאָלץ:

— אָבער איך — איך בין געבליבן די זעלבע ווי געווען.

ענטפערט איר אַ ציפער:

— אמת, דו ביסט גערעכט. אַ נול, אומעטום, וווּ זי זאָל זיך נישט געפינען און אויף וואָסער זייט מען זאָל זי נישט וואַרפן פּאַסט זי זיך צו און עס איז איר גוט.

דער אָוונט

דער אָוונט האָט אין זיך אויפגעלייזט די קו:

די רויטע פלעקן אויף איר בויך — האָט מיט זיך מיטגענומען דער טאָג ביים אַוועקגיין.

די שוואַרצע פלעקן אויף איר בויך — האָט אין זיך אַריינגענומען די נאַכט ביים קומען.

אַפילו דאָס גרינע גראָז, וואָס זי האָט געגעסן — שפּריצט איצט פון איר אייטער מיט ווייסע לבנה־שטראַלן.

נאַכט פון קאָשמאַר

איך פאָר אין מעטראָ. ער שטעלט זיך פּלוצים אָפּ. צווישן צוויי סטאַנציעס. דאָס ליכט פאַרלעשט זיך. אַ קינד צעוויינט זיך. אַ פרוי הייבט אָן צו שרייען. די לופט איז געשטיקט. מיר פעלט אויס אָטעם. איך וויל אַ פאַל־טון און קען נישט — ס'איז ענג. איך טו אַ געשריי — און איך דערוואַך.

איך פאָר אין אַ ווינדע. זי שטעלט זיך פּלוצים אָפּ. צווישן צוויי גאָרנס. דאָס ליכט פאַרלעשט זיך. איך קוק אויף די צוויי, וואָס פאָרן מיט מיר: זייערע סקעלעטן, ווי פון פאָספאָר, לייכטן אַרויס פון די מלבושים. אָט באַלד און די ווינדע גייט אַ פאַל־אַראָפּ און צעשמעטערט זיך. איך טו אַ געשריי — און איך דערוואַך.

איך קען מער נישט שלאָפן. אין מיר קומט אויף אַ ליד. איך שרייב אָן די ערשטע שורה, די צווייטע. ס'שטעלט זיך פּלוצים אָפּ. אין מיר פאַרלעשט זיך אַלץ. נישט איך קען אָנשרייבן אַ דריטע שורה, נישט איך קען אויסמעקן די ערשטע צוויי. איך בייס מיר די פינגער פון די הענט, איך בייס דעם טיש

— איך בין געבליבן שטיין, ווי אין מעטראָ צווישן די צוויי סטאַציעס, ווי אין דער ווינדע צווישן די צוויי גאָרנס.

צוויי פייגל
(אַ משל)

צוויי פייגל זענען געפּלויגן אין דער לופטן. זיי זענען אַזוי לאַנג געפּלויגן, ביז דער ערשטער פון זיי רופט זיך אָן:

— לאָמיר זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד!

— צוליב וואָס? —פרעגט דער צווייטער— איך בין נישט הונגעריק.

— איך לאָז זיך אַראָפּ אויף דער ערד נישט בלויז כדי צו טרעפן אַ קערנדל, איך האָב פשוט ליב צו גיין אויף דער שיינער ערד — זאָגט דער ערשטער פויגל.

— ניין —ענטפערט דער צווייטער— איך וועל ווייטער פליִען.

זיי פליִען אַזוי און פליִען, ביז דער ערשטער פויגל באַמערקט, אַז דער צווייטער איז שוין זייער מיד און באַוועגט קוים-קוים מיט די פליגל. פּרוּווט ער ווידער:

— און אפשר זיך פאָרט אַראָפּלאָזן?

און זיי לאָזן זיך ענדלעך אַראָפּ אויף דער ערד. נאָר דאָ דערזעט פּלוצים דער ערשטער פויגל, אַז דער צווייטער הינקט אויף אַ פוס.

— אַהאַ, —קלערט ער ביי זיך— איצט פאַרשטיי איך שוין: דו פליסט די גאַנצע צייט אין די הימלען און האָסט נישט ליב די ערד, ווייל אויף דער ערד זעט מען, אַז דו הינקסט!

דער פיש און די זשאַבע

דער שמועס איז פאָרגעקומען אין טייך. גערעדט צווישן זיך האָבן אַ פיש מיט אַ זשאַבע. אויף אָן אמת. האָט בלויז גערעדט די זשאַבע, און דער פיש? — וועגן דעם וועט איר זיך דערוויסן ביים סוף.

די זשאַבע זאָגט צום פיש:

— וואָס פאַר אַ אומגליקלעך באַשעפעניש דו ביסט, דו און דיינס גלייכן. איר זענט דאָך אַלע שטומע קאַליקעס. אָט, למשל, איך — בין עפּעס אַנדערש. ווי אַזוי עס גייט נאָר אויף די לבנה אויפן הימל דערוועקט זיך אין מיר מיין

טאַלאַנט און איך הייב אָן צו רעדן און צו זינגען. איך בין די פּאָעטעכע פון דעם טייך.

דער פיש שווייגט. נאָר מיר, קינדער, וואָס קענען יאָ רעדן, וועלן ענטפערן דער זשאַבע און אָט אַזוי:

— איידער אַזוי צו זינגען ווי אַ זשאַבע, איז שוין בעסער צו שווייגן ווי אַ פיש.

גראָז און שימל

זאָגט דאָס גראָז:
— איך וואַקס.
ענטפערט דער שימל:
— איך וואַקס אויך.
זאָגט דאָס גראָז:
— איך בין גרין.
ענטפערט דער שימל:
— איך בין אויך גרין.
דעמאָלט זאָגט דאָס גראָז:

— הער, איך וואַקס פון דער ערד, ווייל ווו איך זע נאָר אַ שטראַל, מעג זיין פון צווישן שטיינער אַפילו — טו איך זיך אַ צי צו אים און מיינע גראָזן זענען אויך שטראַלן, וואָס שפּראָצן פון דער ערד. אָבער דו, דו וואַקסט דווקא אויף די ערטער וווּ קיין שטראַל קומט נישט צו. דו וואַקסט פון דעם טונקל, פון נעץ און פון פוילעניש. טאָ ווייס:

כאָטש גרין איז שימל
און גראָז איז גרין,
זיי זענען ביידע
נישט פון איין מין.

לידער

ביי די טייכן בבלס...

ביי די טייכן בבלס
זענען זיי געזעסן
און די היים די אַלטע
נישט געקענט פֿאַרגעסן.

אויף די ווערבעס בבלס
אויפֿגעהאנגען פֿידלען:
אויף דער ערד דער פֿרעמדער
שווער איז זינגען לידער.

אָבער איך, דאָס אייניקל —
לעסטערער און שענדער,
האָב שוין היים גערופֿן
ווער ווייסט וויפֿיל לענדער.

ווי דען היים נישט רופֿן
ווו מיין וויג געשטאַנען,
ווו איך האָב געשטאַמלט
ס׳ערשטע מאָל: מאַ... מאַמע...?

ווי דען היים נישט רופֿן
ווו איך האָב געפֿיבערט
ס׳ערשטע מאָל ביים הערן:
— „טייערער" און „ליבער"?

ווי נישט זי באַזינגען,
ווען אַלס יינגל, ווייס איך,
האָב איך דאָרט פֿוןביימער
זייער פֿרייד געטרייסלט.

ישראל אשענדארף

און פון יענע טייכן
וואַסער זיס געטרונקען,
ווי אין גליק אין קלאָרן
זיך אין זיי געטונקען.

ווען ס׳פאַרשווינדט פון מיינע אויגן
יענע ווייטע היים מיר —
הער איך דאָ דאָס רוישן
היגע טייכן, ביימער.

אָבער ניין, גענוג שוין,
ליד מיינס, ווער אַנטשוויגן!
מיטן רויק רוישן
לאָז זיך מער נישט וויגן.

נאָכאַמאָל פון ס׳ניי אַלץ?
ניין! איך קען נישט לענגער.
ווי די זיידעס, אויף אַ ווערבע
כ׳וועל דיך, ליד, אויפהענגען.

פון די אַלע היימען,
איז זי די געמיינטע.
ווייל וווּ ס׳שטייט אַ ווערבע,
שטייט זי אַ פאַרוויינטע.

צוריק...

אַ, קינדערשע דערמאָנונג!
כ׳פלעג אַ מאָל לייענען אַ בוך,
און מיט נייגיר און שפּאַנונג
דעם סוף פון דער מעשה געזוכט.

געמישט פאָרויס כ׳האָב די זייטן,
איבער שורות געהיפּט מיין בליק.
געבענטשטע קינדערשע צייטן!
איצט וויל איך בלויז מישן צוריק...

ווייב און קינד

אויף גרויסע ימים שווימט אַ שיף,
זי שווימט אַהער געשווינד.
און טראָגט אויף זיך און פירט צו מיר
מיין ווייב און קינד.

דו ווילדער שטורעם — שטיל זיך איין
און ווער אַ מילדער ווינט.
נישט וואַרף מיט כעס, נאָר פאַרוויג
מיין ווייב און קינד.

אַ, דונער, הילכיקער — פאַרשטום!
דו בייזער בליץ — פאַרשווינד!
נישט שרעקט, נישט וועקט פון זייער שלאָף
מיין ווייב און קינד.

מאַטראָז! האַלט פעסט אין הענט דאָס ראָד
און פיר די שיף נישט בלינד.
ווער איז מיר דען געבליבן נאָך,
חוץ ווייב און קינד?

אַ, גאָט! איך ווייס, אַז איך בין שוואַך,
דערצו אויך פול מיט זינד.
נאָר צאָל נישט, שטראָף נישט איבער מיר
אַ מאַמע מיט אַ קינד.

אַ ווייסע מעווע פליט און פליט
נאָך שנעלער פונעם ווינט.
דאָרט שטייען אויפן דעק פון שיף
מיין ווייב און קינד.

און קוקן שטיל פאַרגאַפט אויף איר, —
זי גריסט זיי שיין אַצינד.
די ווייסע מעווע איז מיין ליד
צו ווייב און קינד.

ישראל אַשענדאָרף

אַז דאָס קינד וועט פרעגן

אָ, פרוי! מיר וועלן נאָך אַ קינד פאַרמאָגן,
און אונדזער קינד וועט אונדז אַ מאָל אויך זאָגן
די ערשטע ליבע ווערטער: מאַ און פּאַ.

נאָר קומען קען דערנאָך אַ צייט אַזאַ:
דאָס קינד וועט זען אַ זיידעשי אַ ווייסן,
וואָס נעמט דעם חבר זיינעם אויף די קניען
און זינגט אים לידער און דערציילט אים מעשיות
פון כישופמאַכערס, קאַרליקעס, נסיעות.
וועט ער זיך חידושן, אונדז פרעגן ביידע
מיט טרויער: און וווּ־ערגעץ איז מיין זיידע?
וואָס פאַר אַן ענטפער געבן אויף זיין טענה?
דעם ענטפער וועלן מיר אין האַלדז דערוואָרגן.
(ווייל ס'איז מיין טאַטע לאַנג שוין טויט, און דיינער
געוואָרן איז פון דייטשע הענט דערהרגעט!).

און וועט ער גיין צום שכנס קינד זיך שפּילן,
וועט ער דאָרט זען אַ באָבעשי אין ברילן.
די באָבעשי שטריקט זאָקן, צי אַ סוועטער,
דעם קינד זאָל וואַרעם זיין אין קאַלטן וועטער.
וועט אונדזער קינד שוין ווידער קומען פרעגן:
— און וווּ איז מיין פעטער, וווּ איז מיין מומע?
צי וועלן מיר דען קענען, אָדער מעגן
דערציילן אים פון שווידער און די פּיינען?
(און אַז מיין מאַמע און אַז דיינע האָבן
די דייטשע רוצחים לעבעדיק באַגראָבן!).

און ס'וועט דער חבר, וווּ דאָס קינד וועט קומען,
אויך האָבן פעטערס, אויכעט האָבן מומעס.
צו זיין געבוירנטאָג, זיי קומען אַלע
און יעדער ברענגט אים עפּעס אַ מתנה:
— אַ דאָמינאָ, אַ ראָווער, צי אַ באַלעם.
וועט קומען אונדזער קינד אַהיים און מאָנען:

— און ווו איז מיין פעטער, ווו איז מיין מומע?
מיר וועלן שטיין פאַרשטאַרטע, בלייכע, שטומע.
(ווייל מיינע ברידער־שוועסטער, און אויך דיינע
עס האָבן דייטשע תּליינים פאַרפייניקט!)
און אויב ביים חבר פונעם קינד וועט שפּעטער
די חתונה זיין, — ווי עס איז ביי לייטן;
עס קומען פון דער נאָענט און פון ווייטנס
צו אים צופאָרן זיינע מומעס, פעטערס.
ער איז נישט בלויז דער זון פון טאַטע־מאַמע —
ער ווערט דער זון פון אַלעמען צוזאַמען.
נאָר אונדזער זון צו חופּה וועט באַגלייטן
אַ חוץ אונדז ביידע, מער נישט קיינער, קיינער.
און אַלע פידלען, אַלע באַסן, פלייטן —
זיי וועלן יאָמערן און קרעכצן, וויינען?

ווי אַן אמת

געפעלסט מיר נישט אַ מאָל, איך זאָג דיר אָבער: דו ביסט שיין.
(ווייל מאָרגן קענסטו לייכטן מיט אַ נייעם חן).

און כאָטש באַגייסט אַ טעות, זאָג איך דיר: ס'איז אַקוראַט.
(ווייל מאָרגן קענסטו מיך דערפרייען מיט אַ גוטער טאַט).

ווייל וואָס איך זאָג אין ליבשאַפט איז, ווי וואָס איך שרייב:
ס'איז אויסגעטראַכט און דאָך גליך ווי אַן אמת בלייבט.

פרילינג

פון אַלע גאַסן און דעכער
איז דער שניי אַוועק.
די פרוי האָט אַ קוק־געטון
אין שפּיגל אויף דער וואַנט
און האָט דערזען מיט שרעק:

אויף איר קאָפּ איז דער שניי געבליבן.
זי האָט געעפנט די שאַנק.
די זומער־קליידער געקליבן,
זי האָט זיי געקליבן לאַנג.
אָנגעטאָן אַ קלייד און געזען:
— ס׳איז אויף איר גרויס.
אָנגעטאָן אַ צווייטס און געזען:
— ס׳הענגט אויף איר לויז.
אָנגעטאָן אַ דריטס און געזאָגט:
— גאָט, ווי זע איך אויס!

און זי האָט אויסגעטאָן שטיל
אַ קלייד נאָך אַ קלייד.

אַזוי טוט אויס אַ בוים
זיינע בלעטער אין האַרבסט
און צום ווינטער זיך גרייט.

מיין קינד

מיין קינד — דאָס איז אַ וווּנדערלעכע זאַך:
אַ יאָר קוים אַלט און רעדט שוין יעדע שפּראַך.

איך נעם אַרויס פון שאַנק דאָס ווערטערבוך
און זוך אין אים די ווערטער און איך זוך.

געפין אַ מאָל אַן ענלעך וואָרט, אַ קלאַנג,
נאָר ווייס נאָך אַלץ נישט וואָס מיין קינד פאַרלאַנגט.

ביים זוכן מאַך איך מיר די אויגן בלינד —
ווי זאָל איך נישט פאַרשטיין מיין אייגן קינד?

עס ליגט די גאַנצע צייט אין וויג און וויינט,
איך ווייס נישט וואָס אים פעלט און וואָס ער מיינט.

אָט הער איך ווי ער פּלאַפּלט: לו — לע — לאַ.
איך שווער: דאָס איז פראַנצויזיש אָט אַזאַ...

נאָר טייל מאָל הער איך גאָר טשען־טשי, פּיי־פינג,
און קלער שוין, אַז מיין קינד כינעזיש זינגט...

איך נעם אַרויס פון שאַנק דאָס ווערטערבוך
און זוך אין אים די ווערטער און איך זוך.

געפין אַ מאָל אַן ענלעך וואָרט, אַ קלאַנג,
נאָר ווייס נאָך אַלץ נישט וואָס מיין קינד פאַרלאַנגט.

דערפאַר פאַרשטייט עס וואָס מיר זאָגן אים.
דערקענט דער מאַמעס און דעם טאַטנס שטים.

וויינט עמעצער אין שטוב — דאַן וויינט עס באַלד.
נעמט עמעץ שרייען — שרייט עס אויך געוואַלד.

די מאַמע גיט אַ שמייכל — און עס לאַכט;
זי זינגט אַ ליד — די אייגעלעך פאַרמאַכט.

נאָר מיר — עס ליגט דאָס קינד אין וויג און וויינט
און מיר פאַרשטייען נישט וואָס ס׳וויל און מיינט.

(אַ, מענטשן, אויפן האַרצן איז מיר שווער.
איך בין פול דאגות. טאָג און נאַכט איך קלער):

אַזוי פיל שפּראַכן רעדט עס, ווען ס׳איז קליין,
ווי וועל איך שוין מיין קינד דערנאָך פאַרשטיין?...

ישראל אַשענדאָרף

אַ גאַסט

ס׳איז שפּעטע נאַכט.
איך הער, ווי עמעץ קלאַפּט אין טיר.
איך האָב זי אויפגעמאַכט
און ס׳שטייט פאַר מיר —
אַ פרעמד געשטאַלט.

—ווער זענט איר? — פרעג איך.
— כ׳בין דיינס אַ ליד אַן אַלטס.

איך שטוין: צי מעג איך
אויך וויסן ווי אַזוי און ווען?

— דערקענ אַליין... דערקען...

איך קוק און ענטפער: ניין.
ער זאָגט, ווי מיט געוויין:
— די מאַמע, ברידער, שוועסטער,
פאַרשווומען מיטן רויך —
צי זיי פאַרגעסטו
אַפילו איין מינוט?
איך בין, ווי זיי, דאָך אויך
דיין פליייש און בלוט.

דערמאַן זיך די מלחמה־טעג.
דו האָסט מיך דאַן באַשאַפן
און באַלד פאַרלוירן ערגעץ־ווו
אין וויטן וואָגל־וועג.
פון דעמאָלט האָב איך נישט קיין רו.
און וואָס איך בין אַצינד,
נאַ־זע, דערוויס זיך: —
און ער צעעפנט דעם מאַנטל
און ס׳גיט אַ ריס זיך
ווינט.

װען דו האָסט מיך געלאָזט אַליין,
בין איך געװאָרן לופט.
איך האָב געװאָגלט איבער ערד,
געזוכט פאַר מיר אַ גוף
אין חיה, בוים, צי שטיין —
און נישט געפונען, װייל באַשערט
איז מיר צו זיין בלויז ליד.
איך האָב געמוזט דיך טרעפן.
װי ס׳בענקט צו גאָט אַ ייד —
בענקט אַ ליד צו זיין באַשעפער.

...אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געװאַכט,
געקושט, געהאַלדזט, געפרייט זיך
און נישט צעשיידט זיך
פון מיין געפונען ליד...

אַ װינטער־אָװנט

אין גאַס גייט איצט אַ רעגן
און אפשר גאָר אַ שניי.
דו האָסט געשטעלט דעם טשייניק
אונדז אויפצוקאָכן טיי.

װי קאַלט איז אינעם צימער,
װי טונקל ברענט דאָס ליכט.
אַ טייערע! דעם מאַנטל
נעם שנעל אַראָפּ אויף זיך!

איך קוש דיר דיינע פינגער
און איך דערצייל דיר: אָט,
נאָר־װאָס אַ ליד געשריבן,
צו װעמען — איז אַ סוד...

(עס פרירט פון קאַלטן וואַסער
דעם טשייניק ס'אינגעווייד.
נאָר פון דעם פלאַם אַרויפצו
אַ וואַרעם צו אים גייט).

ווי וואַרעם ס'איז געוואָרן,
ווי וואַרעם און ווי העל.
מיר האָבן שוין די מאַנטלען
אַראָפּגעוואָרפן שנעל.

(און וואַרעם ווערט דעם טשייניק.
אַט הערן מיר שוין ווי
ער שיפּעט און ער שעפּטשעט
אַ שטילע מעלאָדיי).

מיר האָבן אַלץ פאַרגעסן,
וואָס ס'קען געשען איצט — זאָל!
אַ, צי זיך נאַכט און צי זיך,
ווי אין דעם צפון־פּאָל.

(דער טשייניק הייבט דאָס דעקל,
ער גליט און זידט און שפּריצט.
ער האָט שוין אויסגעזאָטן,
אַט פּלאַצט ער באַלד פון היץ).

— וואָס איז דאָרט מיטן טשייניק?
— געזאָטן האָט ער טריי...
מיר קוקן זיך פאַרשעמט אָן
און גיסן־אָן פון ס'ניי.

לעצטע שריפטן

הימל און ערד

מען פירט כסדר איבער ערד מלחמות,
און ווו אַ באַרג, אַ בוים, אַ פעלד, אַ שטוב איז —
וויל יעדער לאָזן הענגען זיינע פאָנען,
וויל יעדער שטעלן זיינע גרענעץ־סלופּעס.

אַ צער איז אויף די קינדער אין די שולן,
וואָס לערנען זיך בעת אַזעלכע צייטן.
אָט דאַכט זיך זיי, אַז מיט דער וועלט באַקענט זיך
און ווידער הייסט מען זיי די מאַפּעס בייטן.

דער הימל אָבער איז נאָך אַלץ דער זעלבער,
צו ווייט איז ער פון דאַנען און צו הויך איז.
ער איז נאָך בלוי אַזוי ווי אין בראשית,
אים האָבן נישט געקענט פאַרטונקלען רויכעס.

ווייל ווען עס וואָלטן שטערן נאָנט געשטאַנען,
דאַן וואָלטן קעניגן די קנעכט באַפוילן,
ווי קנעפּ זי צוצונייען צו די בגדים,
צו צוקלאַפּן מיט זיי פון שיך די זוילן.

און ס׳וואָלט שוין אפשר אויך אַ פלינקער יעגער
די ווייסע בערעכע געוועזן דערשאָסן.
דער מילך־וועג וואָלט געוועזן שוין לאַנג צעטרעטן
און מיט דעם רויטן שטערן־בלוט פאַרגאָסן.

נאָר ס׳גיסט נאָך אַלץ די זון איר גאָלד פון הימל
און דורך די נעכט איר זילבער — די לבנה.
און ס׳שטייען אַלץ נאָך דאָרט נישט קיינעמס סלופּעס
און ס׳הענגען נישט ביז היינט דאָרט קיינעמס פאָנען.

ישראל אַשענדאָרף

נישט טרוי צופיל...

נישט טרוי צופיל דער שפּיז, מיין ליבער,
עס איז נישט בלויז אַליין די שפּיז.
נאָר אויך מיין ליבע, גרויסער גבור,
זי מאַכט אין שלאַכט דיך פאַר אַ ריז.

פון שלאַכט אַרויס וועסטו אַ גאַנצער.
עס וועט מיין ליבע זיין דיין פּאַנצער.
עס פירט דיך שנאה אין דעם קריג,
און ליבע פירט — מיט זיג צוריק.

נישט טרוי צופיל דער פייל, מיין ליבער,
עס איז נישט בלויז אליין די פייל.
נאָר אויך מיין ליבע, גרויסער גבור,
זי שלאָגט דעם פיינט אויף טויזנט מייל.

פון שלאַכט אַרויס וועסטו אַ גאַנצער.
עס וועט מיין ליבע זיין דער פּאַנצער.
עס פירט דיך שנאה אין דעם קריג,
און ליבע פירט — מיט זיג צוריק.

נישט טרוי צופיל דער שווערד, מיין ליבער,
עס איז נישט בלויז אַליין די שווערד.
נאָר אויך מיין ליבע, גרויסער גבור,
זי יאָגט דעם פיינט פון אונדזער ערד.

פון שלאַכט אַרויס וועסטו אַ גאַנצער.
ס'וועט מיין ליבע זיין דיין פּאַנצער.
עס פירט דיך שנאה אַרויס אין קריג,
און ליבע פירט — מיט זיג צוריק.

שיין

איך האָב זיך אויפגעוועקט.
די פינצטערניש באַפאַלט מיר הענט און פיס.
זי האָט שוין אויפגעפרעסן אַלץ אין צימער,
איצט וויל זי נעמען מיך
נאָך אויף איר לעצטן ביס.

ס׳איז נישט קיין צימער
נאָר ס׳איז אַ פלאַש מיט שוואַרצע טינט,
איך ליג אין איר געפאַנגען ווי אַ פליג,
און ווו איך פּרוּוו זיך מיט אַ פליגל,
איז — וואַנט און איז — צוריק.

איך זוך ס׳עלעקטרישע קנעפּל,
איך זוך עס גיריק
און אומבאַוווּסט,
ווי מיטן מיילעכל זוכט אַ קינד
דעם וואָרצל
פון מאַמעס ברוסט.

און מיטאַמאָל — אַ וווּנדער: ליכט!
אַ פינטל האָט זיך איז סופיט פאַרקאַרבט
און זאַכן זויגן זיך פון אים
די פאָרעם און די פאַרב.

די וואַנט ווערט ווידער ווייס.
דער שפּיגל גיסט זיך אָן מיט גלאַנץ.
די שטול באַקומט צוריק פיר פיס,
אָט הייבט זי אויף באַלד צוויי
און גייט אַ טאַנץ.

און איך — מיט ווייסע ליילעכער
איך דעק, איך היל זיך איין,
פון שוואַרצע כוואַליעס
געוואָרפן אויפן ברעג
פון שיין.

ישראל אַשענדאָרף

די וואַרטסט

די צוקונפט דו דערוואַרטסט
און שרעקסט זיך פאַר דער קראָ.
די קראָ איז טאַקע שוואַרץ,
דער היינט איז אָבער בלאָ.

אויף אייביקייט דו וואַרטסט? —
ס'האָט זי צעהאַקט די שעה.
די ערד, זי איז נישט שוואַרץ,

דו וואַרטסט אַזוי און וואַרטסט
אויף דעם, וואָס איז נישטאָ,
ווען ס'וואַרט אַזוי פיל שוואַרץ
אויף דיר — צו ווערן בלאָ.

דאָס אַלץ, וואָס דו דערוואַרטסט,
איז לאַנג פאַר דיר שוין דאָ.
אין האַרץ איז קיין מאָל שוואַרץ,
ווען אויגן קוקן בלאָ.